לוי שאַליט

אַזוי
זיינען מיר
געשטאָרבן

SO WE DIED

BY

LEIVI SALIT

Under the license of „Jewish Newspaper" of 12 May 1947, AG 388.7 GEC—
AGO, EUCOM, CAD.
Druck: Landsberger Verlagsanstalt Martin Neumeyer, Landsberg am Lech.

... און אַזוי איז עס געווען

איבער דער לאַנגער ווילנער גאַס און דער ליטווישער שטאָט שאַוול האָבן יונגטלעכע שפּאַצירט, פֿאַרהילכנדיק אין דעם קילן זומער=אָוונט די געסעלעך אַרום מיט זייערע מונטערע קולות.

דער זייגער איז געווען צען. די גאַסן זײַנען פֿול געווען. פֿאַרליבטע פּאָרלעך האָבן שוין געהאַט לאַנג פֿאַרנומען די בענק, הינטער די אַלטע דעמבעס און שמעכיקע קוסטעס אין שטאָט=גאָרטן, וואָס אויף דער דייטשער גאַס.

אונטער דער מאַסקע פֿון געוויינטלעכער רואיקייט וועט, אַ זיך גוט צוקוקנדיק אויג באַמערקן אַ פֿאַרשטיקטע נערוועזיטעט בײַ די מענטשן, וועלכע קומען און גייען איצט פֿון נ.ק.וו.ד.=בנין*), וואָס אויף דער זעלבער דייטשער גאַס. די פּאַרק=זיצער מערקן עס אָפּנים ניט. די זומער=לופֿט פֿילט אָן די יונגע הערצער מיט גרינער שכרות, וואָס גיסט זיך פֿון די אַלטע דעמבעס. זיי זײַנען פֿאַרנומען מיט אייגענע געפֿילן און זעען ניט ווי צו דער צווייטער זײַט גאַס לויפֿן אָן אויטאָס, פֿון וועלכע עס שטייגן אַרויס מיליטער=לײַט מיט צעשפּילעטע שינעלן און לאָזן זיך יאָגן מיט נערוועזע טריט אין די קאָרידאָרן פֿון נ.ק.וו.ד., קערן זיך באַלד צוריק נאָך מער אויפֿגערעגט און — פֿאַרשווינדן אין דער נאַכט אַוועק.

אמת, אַ געוויסער אומרו האָט שוין אָן אין שטאָט אַ וואָך צײַט. פֿון פֿאַריקן שבת באַגינען, ווען מען האָט אָנגעפֿאַנגען אַרויספֿירן די ניט=געווונטשענע עלעמענטן אין אַ צווייטער רעפּובליק

— ווי דער אָפֿיציעלער נוסח זאָגט — דאָס אַלטע רוסישע שרעקוואָרט איז ווידער באַנײַט געוואָרן — סיביר! אָבער הײַנט אָוונט

---

*) נ.ק.וו.ד. — נאַציאָנאַלער קאָמיסאַריאַט פֿאַר אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן.

זיינען אומרואיק ניט נאָר די, וועלכע ריכטן זיך אַרויסגעפירט צו ווערן, נאָר אויך — די אַרויספירער.

אַ טיפער סוד הענגט איבער דער שטאָט. די שפּאַצירנדיקע ייִדן פּילפּלען זיך: ווער עס דרינגט פון מאָלאָטאָווס הייַנטיקער רעדע, אַז די מלחמה איז נאָך זייער ווייט; ווער עס גלייבט כלל נישט אין איר. נאָר קיינער זעט איר ניט איצט, גלייך.

אַן אויטאָ=קאַראַוואַן האָט מיט יאַנישקער שאָסיי אַנגעפּאַנגען אַריינראָלן אין שטאָט. מיט אויגן=פאַרשווינדלנדיקער שנעלקייט זיינען אויסגעוואַקסן אָפּיצירן אויף אַלע גאַס=ווינקלען. די עלעקטרע האָט זיך אויסגעלאָשן, די נאָך אָקאָרשט העל=לויכטנדיקע שטאָט איז פּלוצלונג פאַרטונקלט געוואָרן אין חושך, אָנגעפילט געוואָרן מיט טעמפּן טאַנקעס=געראַויש און קלינגנדיקע רוסישע הללות —

מלחמה!

מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף=געטאָן צו די ראַדיאָ=אַפּאַראַטן. מאָסקווע! בערלין! נערוועזע פינגער האָבן געדרייט די ראַדיאָ=שרייפלעד, נאָר ביידע סטאַנציעס האָבן געגעבן אונטערהאַלטונגס=מוזיק...

עלטערע מענטשן האָבן געקרעכצט אונטער זייערע דעקעס אין דער דאָזיקער נאַכט, אויפגעפרישט אין זכרון בילדער פון יענעם קריג: וואָלגאַ, סטעפּ, רוסישע כוטאָרן, הונגער, מגפות, וואָגל... הייסט עס, ס'קומט אויס צו מאַכן נאָך אַמאָל אַ נסיעה אַהין, פון וואַנעט מען איז פאַר עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריקגעקומען.

אין דרויסן האָבן די גאַסן זיך געקאָרטשעט אונטערן דרוק פון די שווערע „סטאַלינאָווצעס=טאַנקעס“ וועלכע האָבן געאייַלט צו דער דייטשער גרענעץ. און די לבנה האָט רואיק שפּאַצירט אָן אַ פּינטעלע פּנימהדיקייט איבערן טוך=בלויען הימל.

אין די ערשטע באַגינען שעהן האָט דער הימל זיך אַ צעבייזער געטאָן און אַרויסגעשלעפּט די מענטשן האַלב נאַקעט אויפן גאַס די

אַעראָפלאַנען האָבן זיך העכער אויפגעהויבן. די אויפגייענדיקע זון האָט געפאַרבן די ווייסע „פייגל“ אויף גאָלד־פאַרב. אַלעמענס אויגן האָבן פאַרריסן געקוקט צום הימל. די ערשטע פאַלנדיקע באָמבעס האָבן צוגעגעבן קאָליר דעם פרימאָרגן, און די אַרויסגערופענע שרפות אין די עקן שטאָט האָבן געענטפערט מיט פלאַמיקן גרוס צו די אויבן־פליענדיקע „בושלען“. שעהן לאַנג זיינען די מענטשן געשטאַנען אין דרויסן, געגאַנגען עסן זייער פרישטיק און צוריק אַרויס אָנקוקן די האָזיקע בילדער. די שטאָט איז געווען שטיל, כמעט יום־טובדיק. קיין מיליטער האָט זיך ניט באַוויזן. קיין זעניט־שאָסן האָבן ניט געענטפערט ביז —

אַן אַעראָפלאַן האָט זיך דורכגעשניטן אין מיטן שטאָט, נידעריק איבער די מויערן. דער ברויזנדיקער מאָטאָר האָט אַ ריס געטאָן. די ווייסע פליגלען האָבן אַ בלענד געטאָן ווי שפיגלען אין זון און זיך אויפגעשווונקט צוריק צום הימל. דאָס האַרץ פון שטאָט האָט זיך פאַקלדיק צעפלאַקערט און איז פאַרהילכט געוואָרן פון ברעג צו ברעג מיט איין ווייטאָלדיקן שרעקפולן יידישן „אוי!“, וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון צען טויזנט יידישע הערצער. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפט ווי פון אַ לעטאַרגיע־שלאָף. געהילפס פאָליציי מיט רויטע בענדער אויף די אַרבל זיינען אויסגעוואַקסן אין אַלע הויפן. — „אַריין אין די קעלערן!“ בעלי־בתים, קעלער־באַזיצער האָבן גענומען אַריינטראָגן אין די ערד־היילן בעטן, טישן, בעטגעוואַנט און עסנוואַרג. די איינוווינער פון קעלערלאָזע דירות האָבן זיך אויסגעלייגט פאַזע די ווענט. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם: איין טייל ליגט שוין אין די קעלער־קברים און די אַנדערע וואַרטן אויף קבורה.

פאַרנאַכט איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ טייל יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו באַקאַנטע קריסטן. די באַלאַנטע האָבן צוגענומען די אַריינגעשטאָפטע גרויסע געלט־סומעס און אויף פורלעך אַריבערגעפירט זייערע יידן צו זיך. אין דאָרף איז זיכערער. אויף מאָרגן האָבן די „געראַטעוועטע“ איבערגעלאָזן די זאַכן אין דאָרף און צוריק געקומען אין שטאָט אַריין. דאָס דאָרף ברויזט מיט האַס, ס׳איז ערב פאָגראָם. יונגע ליטווינער, געוועזענע פאָליציי און באַאַמטע ביי די

סאָוועטן, זיינען אַוועק אין די וועלדער אויף דיווערסיע. זיי שניידן איבער די טעלעפאָן־דראָטן, שיסן אין דער רוסישער אַרמיי. די רויטע אַרמיי האָט אַ גוערילאַ־קריג אין רוקן. נאָר ייִדן טרייסטן זיך — די „אומבאַזיגבאַרע רויטע אַרמיי" און — גאָט וועט העלפֿן.

*

אויפֿן וואָקזאַל ליגן טויזנטער ייִדן רייסן זיך אַוועקצופֿאָרן מיטן באַן. ווילן אַוועק קיין רוסלאַנד. נאָר קיין וואַגאָנעס זיינען ניטאָ. מען הייסט ניט מאַכן קיין פּאַניק. יונגע מענער לויפֿן אין קאָמ.־פּאַרטיי, ווילן פֿרייוויליק אַוועק צו דער רויטער אַרמיי, נאָר מען הייסט וואַרטן, מען וועט מעלדן וועגן דינסט־פֿליכט און וועגן פֿרייוויליקע.

אויפֿן דריטן קריגס־טאָג האָט זיך באַוויזן אַ פּראָקלאַמאַציע פֿון גענעראַל יעגאָראָוו צו דער באַפֿעלקערונג. ער רופֿט צו רו און אָרדנונג. יעדערער זאָל פֿאַרזעצן זיין אַרבעט און — „אונדזערע דיוויזיעס שטייען ביי די טויערן פֿון מעמל און קעניגסבערג". וואָס העלפֿן אָבער דערקלערונגען, אַז די רויט־אַרמייער לויפֿן שוין דורכן שטאָט אָן געווער, באָרוועסע, אין די הוילע תחתונים. מען קען זיי ניט אָפּשטעלן עפּעס פֿרעגן, זיי זיינען צעשראָקן און דעפּרימירט. זיי האָבן זיכער געהאַט אַ גרויזאַמע אַטאַקע, וואָס האָט זיי אַריינגעיאָגט אין שגעון. ס'איז קלאָר, אַז די דייטשן שטייען שוין ניט וויט. די שיסערייען הערן זיך שוין. דער פֿראָנט איז נאָענט.

* * *

זעלבסטשוץ אָדער זעלבסטמאָרד:

אַבֿרהם שווייגער איז ערשט צוריקגעקומען פֿון וואָקזאַל די היינט־באַגינענדיקע ידיעה, אַז מען וועט שטעלן עשאַלאָנען אויף עוואַקואירן די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז ניט אמת. עס בלייבט נאָר איין עצה זיך לאָזן צופֿיס. דערווייל הערן זיך קלאַנגען, אַז די רוסן האָבן זיך באַפֿעסטיקט ביי די אַלטע סאָוועטישע גרענעצן און לאָזן קיינעם ניט אַריבער, אויסער די וועלכע האָבן קאָמוניסטישע פּאַרטיי־בילעטן.

אַבֿרהם שווייגער איז אַרויס פֿון שטוב. אפשר וועט ער נאָך עפּעס הערן אין גאַס, אפשר איז דאָך פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוקריגן, צו אַנטלויפֿן פֿון דייטש.

איבער די גאַסן טראָגן זיך אויטאָס. אויף איינעם פון זיי ליגן צוויי דערהרגעטע סאָלדאַטן, דורכגעשאָסענע אין די רוקנס, מיט די פּנימער אַראָפּ. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ יונגער יידישער בחור מיט אַ קאָפּ צעשויבערטע האָר און אַ גרויסן נאַגאַן ביי דער זייט איז אַרונטערגעשפּרונגען. ער פרעגט די ריכטונג צום גרעניץ. יידן זיינען צוגעלאָפן צום בחור גרייט אים צו ענטפערן. אָנקוקענדיק, פאַרחידושט און דערשראָקן די ערשטע מלחמה=פרוכט...

אויפן ווינקל גאַס, ביי זאַגאַרניקס אַפּטייק, זיינען געשטאַנען יידן אין אַ געזעמל. אברהם האָט זיך צוגעשטעלט. זאַגאַרניק, אַ ייד אַ למדן, אַ בעל תנ"ך און אַ פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין שטאָט, איז איצט געשטאַנען אין מיטן פון געזעמל און געזוכט נחמו=פּסוקים פאַר די צעשראָקענע יידן. צווישן די געזעמלער זיינען אַ סך געווען מיט רענעצלעך אין די הענט, אַזעלכע וואָס האָבן זיך געקליבן פאַרלאָזן די שטאָט. פּערעסעצקיכע די שטאָט=משוגענע איז צוגעלאָפן צו די שטייענדיקע יידן, אירע ציינער האָבן זיך געשטשירעט און דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך ווילד געפרייט. זי האָט זיך אַריינגעריסן צווישן די שטייענדיקע און אָנגענומען זאַגאַרניקן פאַר די לאַצן: „אוים, אַ סוף צו דיינע יאָרן, די דייטשן וועלן אייך אַלע יידעלעך אויסקוילענען, נאָר מיר ניט, איך בין פון איצט אַ גויע, אוים מיט יידן, כאַ=כאַ=כאַ, נישטאָ מער קיין יידן, אַ בראָך צו דיינע יאָרן, גאָט דאַרף קיין יידן ניט מער.“ די יידן האָבן זיך אָנגעפאַנגען פונאַנדערגיין. אַ טייל האָט זיך געלאָזט צום שאָסיי, פאַרלאָזן די שטאָט.

דער לערער יוסף רודניק האָט אַ צי געטאָן שווייגערן פאַרן אַרבל. אברהם שווייגער איז אים נאָכגעגאַנגען. יוספס פּנים וואָס איז שטענדיק בלייך געווען פון דעם נאָגנדיקן טובערקולאָז איז היינט נאָך בלייכער. נאָר די קינבאַקן זיינען פאַרלאָפן אין אַ פיבערדיקער ראָזיקייט.

— מיר ווילן האָבן אַ באַראַטונג אין גימנאַזיע.

אברהם האָט אַ שמייכל געטאָן: — מ׳שטיינס· געזאָגט, וואָס קענען מיר שוין אויסטראַכטן!

— איך האָב געהערט, מען וויל שאַפן אַ זעלבסטשוץ — האָט יוסף געענטפערט.

אין גימנאַזיע זיינען שוין געווען מרדכי רודניק, אַהרון און יעקב כ״ץ, דוד סראָלאָוויטש און אַנדערע.

פון די פאַרשלאָסענע ביכער=שרענק האָבן אַרויסגעקוקט שיין=געבונדענע רוקנס פון העברעאישע ווערק. דאָס זיינען געווען די סאָוועטיש=פאַרבאָטענע ביכער.

מרדכי רודניק, דער געוועזענער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, וואָס איז ערשט מיט אַ חודש צוריק אַרויס פון טורמע, ווו ער איז פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט געזעסן דעם גאַנצן יאָר, האָט מיט די פינגער אויסגעבראַכן אַ שטיק אַלמער=גלאָז, און אַרויסגענומען עטלעכע פון זיינע אינטימע ספרים. אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זיינע דינע ליפן און דאָס רויט=לענגלעכע פנים האָט אויסגעדריקט נצחון=פרייד. ער האָט געעפנט ביאַליקס לידער און אָנגעהויבן עפעס ציטירן. איינער האָט אים איבערגעשלאָגן: „די צייט פון פּאָעזיע איז פאַרביי. שאָול וועט ווערן באַלד אַ ניי קישינעוו.“ רודניק האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. אַלע האָבן זיך געזעצט. אַ שטומע טיפע שטילקייט האָט געהערשט אין חדר.

— עס איז דאָ נאָך איין עצה: אַ תיכּפדיקע אינטערווענץ צו דער קאָמ.=פּאַרטיי מען זאָל עוואַקואירן די יידן פון שטאָט.

— מיין פאָרשלאָג איז, האָט אַ צווייטער זיך אָפּגערופן — מיר זאָלן פאַרזאַמלען אַלע יידן אין צוויי גרויסע שטאָט=הייזער, אין בית=המדרש און גימנאַזיע, זיך באַריקאַדירן, כדי ניט דערמאָרדעט ווערן פון די כאַמישע ליטווינער, וועלכע לויערן איצט אויף אונדזער בלוט; מיר זאָלן זיך קעגנשטעלן, זיך זעלבסט שיצן, ביז די דייטשן וועלן אַריין אין שטאָט, ווייל איך האָב אַלין מער צוטרוי צו אַ מאַכט, מעג זי זיין אַפילו אַ היטלעריסטישע, ווי צו די רוצחים ליטווינער.

— איר זייט ניט גערעכט, האָט זיך אהרון כ״ץ אָנגערופן — ערשטנס וועלן די ליטווינער אונדז ניט לאָזן אַפילו קומען צו די באַריקאַדיר=פונקטן און, ווידער, ווער דאַרף צושטעלן די ליטווינער אָדער די דייטשן אַלע קרבנות מיט איין מאָל? דאָס וואָלט געמיינט זעלבסטמאָרד, ניט זעלבסטשוץ.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך איבערגעקוקט. און אַז קיינער האָט ניט געפֿונען קיין דערווידערונג צום ערשטן פֿאָרשלאָג, האָט דער ערשטער אָנגערופֿן דריי נעמען פֿאַר אַ דעלעגאַציע. מען האָט אַ ווײלע דיסקוטירט, צו וועמען מען זאָל זיך ווענדן אין קאָם.-פּאַרטיי, און די דעלעגאַציע איז אַוועק.

אויפֿן טרעפּ פֿון נ.ק.וו.ד. האָבן זיי געטראָפֿן דעם סעקרעטאַר גרין. די דעלעגאַציע האָט אים דערציילט זייער פֿאַרלאַנג.

— גייט אַהיים און רעדט ניט מער וועגן דעם — האָט זיי גרין קורץ געענטפֿערט — אַלע מוזן בלייבן אויף די ערטער; מיר פֿאַרלאָזן ניט די שטאָט...

באַלד האָט מען זיך דערוווּסט אַ ווילדע ידיעה: די פֿרוי און דער מאַן וויין, ביידע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען יאָרן-לאַנג געזעסן אין טורמע, און האָבן איצט געהאַט הויכע שטעלעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די ביידע זיינען היינט דורך אַ מיליטער-געריכט פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט — פֿאַר מאַכן פּאַניק אין שטאָט. די אָנקלאַגע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן היינט באַגינען געהייסן די יידן גיין צום באַן און זיי צוגעזאָגט צו פֿאַרזאָרגן מיט עשאַלאָנען...

⁂

דער פֿאַרנאַכט איז צוגעפֿאַלן אַ מידער. אויפֿן הימל האָבן רויטע פּאַסמעס געגליט, אין שטאָט איז געווען שטיל, נאָר דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט איינצלנע שאָסן.

אַברהם שווינגער איז געזעסן אויפֿן הויף-באַנק לעבן קעלער און גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. פֿאַרציענדיק מיט ווייטאָק דעם רויך, האָט ער זיך איינגעהערט, וואָס שמואל שוואַרץ, אַ ייד אין די זיבעציקער, שטאַרק קרעפֿטיק געבויט, האָט אים דערציילט.

שמואל שוואַרץ איז געווען אַ פֿורמאַן אין אַ שטעטל לעבן דער דייטשער גרענעץ. ווען די סאָוועטן זיינען אַריין אין ליטע, האָבן

זיי אים געמאַכט פאַר אַן אויפקויפער פון שטיינער פאַר אַן אַעראָדראָם, וואָס זיי האָבן געבויט לעבן שטעטל. אַליין אַן אַלטער אויסגעדינטער צאַרישער סאָלדאַט, האָט ער ליב געקראָגן די רוסישע זעלנער און זיי — אים. זיינע עלטסטע פון דער רויטער אַרמיי האָבן אים גערופן „פּאַפּאַשאַ“, און גוט איז געווען דעם דאָזיקן יידן אויף זיינע עלטערע יאָרן. ער האָט זיך ווידער דערפילט אין זיין סאָלדאַטישן שטאָלץ, וואָס ער האָט אַ לעבן־לאַנג מיט זיך אַרומגעטראָגן. ווען די ערשטע קוילן האָבן אָנגעהויבן אַריינהאָגלען אין זיין שטעטל, איז ער אַוועק צוזאַמען מיט „זיין“ מיליטער, אָנגעטאָן אין אוניפאָרם און מיט אַ ביקס אין האַנט. ער רעדט און זיינע ברייטע הענט־פלאַכן באַוועגן זיך דערביי, פונקט ווי זיי וואָלטן נאָך געוואָרעמט איצט די פלינט־ווינטאָווקע. — ער האָט דערגרייכט מיט דער אַרמיי שאַוול. נאָר דאָ האָט אים זיין מאַיאָר געהייסן אַנטלויפן, זיך איבערטאָן ציוויל, זען זיך צו ראַטעווען. זיי, די אַרמייער, פאַלן סיי־ווי־סיי אַריין אין געפאַנגענשאַפט; פאַרפאַלן, זיי זיינען זעלנער. אים אָבער, אַ יידן, וועלן די דייטשן, אַפילו אַלס זעלנער, דערמאָרדן. אַלס ציוויליסט קען ער זיך אָבער דאָך ראַטעווען.

שמואל שוואַרץ דערציילט קורץ, ווי אַזוי אונטערוועגס איז ער מיט זיינע רוסן געכאַפּט געוואָרן דורך ליטווישע פאַרטיזאַנער און זיך געשלאָגן. „אָט האָב איך אַ קליינע וווּנד“, באַווייזט ער זיין פוס.

אברהם האָט מיטן בליק אַפּגעמאָסטן שוואַרצן ביי זיינע ברייטע שולטערן, האָט אַ וואָרף געטון די אויגן אויף זיינע אייגענע יונגלשע פלייצעס און אַרויסגעפּרעכצט: „דער שוואַכער און שטאַרקער, אַלט און יונג — אַלע וועלן שטאַרבן.“

שוואַרץ האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס עפּעס שטאַרבן? איך בין אַ סאָלדאַט פון פאַריקן קריג, מיט אַן אויסצייכענונג, געווען אויך אין געפאַנגענשאַפט, איך קען שמעקן פולווער, ווען מען מוז, איך קען אויך געבן שמעקן פולווער אַן אַנדערן, ווען מען קען... — זייט ניט פאַרצווייפלט. מיט מוט וועלן מיר איבערלעבן. די דייטשן זיינען אויך ניט אויף אייביק.

אַ קויל האָט זיך מיט אַ געזשום אַ ריס געטון איבער דאָך. שמואל און אברהם זיינען אַראָפּ אין קעלער. טיף פון הושכדיקן

קעלער האָבן זיך געהערט געשרייען. די צענדליקער משפּחות, וואָס זיינען דאָ געלעגן, האָבן איצט געפּילדערט, געיאָמערט. די ווייבער האָבן געוויינט, די מענער האָבן זיי איינגעשטילט אויפן קול. אברהם האָט דערפילט אַ שטיקעניש פון דער דאָזיקער טויט=דערשראָקענער מענטשן=מאַסע. זיין מוטער אָבער האָט אים געהאַלטן פאַרן אַרבל און ניט געלאָזט מער אַרויסגיין. אַ צווייטע קויל האָט אַ זעץ געטון אין דאַך, און שטיקער ציגל האָבן זיך אַ שאָט=געטאָן, געפאַלן אויף דער ערד, ביי די קעלער=פּענצטער. ווייבער האָבן געחלשט. מענער האָבן געמינטערט, קינדער האָבן געכליפּעט. אַברהמען האָט געשטיקט. ער האָט זיך קיין רו ניט געפונען. אָט מינטערט מען אַ פרוי שוין מינוטן לאַנג און מען קען זי ניט ברענגען צום לעבן. די פרוי האָט ניט אויף די אויגן, וויפל וואַסער מען זאָל אויף איר ניט גיסן. מען דריקט אירע שלייפן, שוין אַלע קליידער פון איר אַראָפּגעריסן, נאָר זי רירט זיך נישט. דער דאָקטאָר, וועלכער איז דערביי, האָט אויפגעשריבן אַ רעצעפּט, אָבער קיינער וויל ניט גיין ברענגען, אין גאַס פליען שראַפּנעלן פון אַלע זייטן. שמואל האָט אַ נעם געטאָן דעם רעצעפּט און זיך אַרויסגעכאַפּט הינקענדיק פון קעלער.

די קוילן האָבן זיך געקרייצט איבערן גאַס. דאָס האָבן זיך ליטווישע פּאַרטיזאַנער איבערגעשאָסן מיט די פאַרבליבענע רוסישע פּאַטרולן. מיטן רעצעפּט אין האַנט איז שמואל געלאָפן איבער דער ליידיקער גאַס.

אין אַפּטייק איז געשטאַנען זאַגאַרניק מיט אַ תנ״ך אין האַנט. דערזען שמואלן האָט ער אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. פאַרזשומעט די אויגן הינטער די דיקע ברילן=גלעזער און געלייענט די שוואַרצע לאַטיין=צעטלעך אויף די ווייסע פלעשלעך, צוזאַמענגעגאָסן צו עטלעכע טראָפּן פון פאַרשיידענע פלעשלעך און אַרויסגעזיפצט:

— בלייבט דאָ, ס'איז אַ סכנה איצט צו גיין.

שמואל האָט אָבער גענומען דאָס פלעשעלע און אַוועק.

אויפן ווינקל גאַס זיינען געשטאַנען צוויי רויט=אַרמייער מיט ענטבלויזטן געווער אין די הענט, געצילט אַנטקעגן דער פּוסטער גאַס. שמואל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען שטיל,

געקוקט אַרום, אויסמיידנדיק איינער דעם אַנדערנס בליק. אַ טיפֿע פּוסטקייט האָט געהערשט בײַ אַלע דרײַ אין די הערצער, די מוחות זיינען צו שוואַך געווען באַנעמען אַלץ, וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַנטקעגן זיי זיינען געלעגן צוויי פֿאַרקוילטע רוסן, וואָס האָבן היינט בײַטאָג זיך אַליין אונטערגעצונדן. שמואל האָט זיך טיף פֿאַרנייגט פֿאַר די סאָלדאַטן און איז אַוועק. ווײַט פֿון איבער דער לענג גאַס האָט ער אומגעדרייט דעם קאָפּ צוריק, און דרײַ פּאָר אויגן האָבן זיך נטלעבע מאָל באַגעגנט.

— דאָס איז זעלבסטמאָרד, האָט שמואל אײַן רגע געטראַכט. נאָר ער האָט גלייך פֿאַרהאַסט זײַן אייגענעם געדאַנק — ניין, דאָס איז זעלבסטשוץ.

פֿון צעבראָכענע ווײַטרינע־פֿענצטער האָבן ליטווינער געשלעפּט פֿאַרשיידענע סחורות, טייערע חפצים, אַרויסגעשלעפּט, און אַנטלאָפֿן אין די הויפֿן אַרײַן, זיך היטנדיק פֿאַר די פּאַטרולן. אַ קריסטין האָט זיך אַרויסגעשלײַכט פֿון אַ געשעפֿט מיט אַ הויפֿן זאַכן. שמואל האָט איר פֿרײַ געמאַכט דעם וועג און נאָכגעקוקט מיט עקל.

— אָסטראָזשנאָ! (פֿאַרזיכט) האָט זיך געהערט אַ שטים. שמואל האָט אומגעדרייט זײַן קאָפּ. אַ צעוואַקסענער ברייטער רוס האָט געצילט פֿון אַ לייכטן מאַשין־געווער. שמואל איז אַרײַנגעפֿאַלן אין טויער, אַ קויל האָט אַ זעץ געטון. די קריסטין האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן ברוק איבערן באַרג־קליידער.

אַז שמואל האָט אַרײַנגעטראָגן די רעצעפּט, האָט די פֿרוי שוין ספּאַזמירט. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן איר פּולס און געמורמלט. „נערוון־דערשיטערונג“.

*

דער דאָנערשטיק אָוונט האָט איינגעהילט די שטאָט אין בלויען טונקל. פֿון מאַרק־פּלאַץ האָט זיך געהערט אַ טעמפּע שיסערײַ. אַ שווערע שטיוול־געקלאַפּערײַ האָט אַרויסגעריסן אַבֿרהמען פֿון קעלער צום הויף. פֿון הינטערן טויער־ווינקל האָט ער געזען גייענדיק, איינע הינטער דער אַנדערע אין אַן אומאויפֿהערלעכער רײַ, גרויע מונדירן. ער האָט אַ קוק געטון אויפֿן זייגער — פּונקט אַכט

— דאָנערשטיק, זעקס און צוואַנציקסטער יוני ניינצן איין און פערציק, די דייטשן האָבן מאַרשירט דורך דער שטאָט שאַוול.

⁂

פּרייטיק באַגינען:

אַ בלאַנקער רעוואָלווער אין אַ האַנט פון אַ ליטווישן פּאַרטיזאַן האָט זיך באַוויזן אין קעלער־טיר און אַ טרייסל געטון פון דער טיפער שווייגעניש די מאַסע יידן, וואָס זיינען דאָ צוזאַמענגעדריקט געווען. מאַמעס האָבן אָנגעהויבן טוליען זייערע קינדער אין די שויסן אַריין. פון די טיפע ווינקלען האָט מען גענומען אויפרייסן די קעלער־פענצטער, אָבער מען האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף די אייזערנע שטאַבעטן און אויפגעגעבן דעם פּלאַן אויף רעטונג. איין מינוט האָט געהערשט די צערודערונג, ביז אַלע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ הימל־שפּאַלטנדיק געשריי. דער קעלער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז און געבעט־הויז צו גלייך. מענער האָבן זיך פאַרדוקט אין די ווינקלעך און געשעפּטשעט „שמע־ישראל“. נאָר איין שמואל שוואַרץ איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. מיט זיין ברייטן און הויכן בעל־עגלהישן קערפּער איז ער געשטאַנען ווי אַ וואַנט צווישן די יידן און דער סכנה. פון זיינע אויגן־טיפעניש האָט געפלעמלט אַ פייערל פון האַס און חוזק. — „איין רעוואָלווער, פון איין שייגעץ האָט עס אַזוי דערשראָקן די דאָזיקע צאן־קדושים...“ שמואל האָט זיך אַ דריי געטון צו די יידן. זיינע אויגן האָבן דורכגעשטאָכן די טיפסטע קעלער־ווינקלעך. אָבער באַלד צוריק זיך אויסדרייענדיק צו דעם אין טיר שטייענדיקן, האָט ער אַ ברום געטון:

— ווילסט זיין אַ העלד קעגן שוצלאָזע פרויען און קינדער?

אַ ציטערדיקע האַנט פון יענער זייט טיר האָט זיך אַ לייג געטאָן אויף דער פּלייצע פון פּאַרטיזאַן. דער אַלטער סטרוזש פון דער גימנאַזיע, יאָזאַס ווישניצאַס, אין וועמענס קעלער די יידן זיינען עס געווען, האָט אָנגענומען דעם פּאַרטיזאַן און אים אַרויסגעפירט.

איבערן דאַך פון גימנאַזיע האָט שוין געפלאַטערט די ליטווישע

פאַן און אויפן מויער פון נ.ק.וו.ד. — דער שוואַרץ=רויטער האָקנקרייַן.

די זון האָט אַ שמייכלדיקע זיך געגליטשט אַלץ העכער צום מיטן הימל און פאַרגאָסן די גאַסן פון דער ניי=איינגענומענער שטאָט מיט שטראַלן שיין. די יידן זיינען נאָך אַלץ געזעסן אין פינצטערן קעלער, פאַרזונקען אין זיך, אין מחשבהלאָזיקייט.

אַברהם שווייגער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און זיך דערשאַרט צו שמואל שוואַרצן, וועלכער איז איצט געלעגן אַ פרעמדער פאַרקאָרטשעט אין אַ ווינקל.

— ווי לאַנג אַז דער ישעור, לאָמיר אפשר אַרויסגיין?

שמואל האָט זיך שווער אויפגעהויבן. ביידע האָבן אָנגעפאַנגען זיך אַרויסשאַרן פון קעלער. אַברהמס מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן און זיי פאַרשטעלט דעם וועג:

— ווּ גייט איר?

יידן האָבן זיך אַריינגעמישט: „מאַקע ווּהין וועט איר גיין?

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָ ליגן? די מלחמה איז דאָך גאָט צו דאַנקען געענדיקט, — האָט שמואל ביטער געשמייכלט.

שמואל און אַברהם זיינען אַרויס פון קעלער.

אַנטקעגן גימנאַזיע איז געשטאַנען אַ דייטשער אונטער=אָפיציר ביי זיין מאָטאָציקל. די יידן האָבן אים באַגריסט. דער דייטש האָט געענטפערט. אברהם איז אַריין צוריק אין קעלער אָנזאָגן, אַז מען קען שוין אַרויסגיין.

די גאַסן פון שטאָט זיינען געלעגן מיד. אויסגעשעפּט פון די זעקס מלחמה=טעג. די יידישע איינוווינער האָבן איצט, נאָך פיר קעלער=נעכט דערפרישט זייערע קערפּערס אין ווייך=אויסגעפּערענטע בעטן.

הבה נתחכמה:

אין ליטווישן לערער=סעמינאַר אויף דייטשער גאַס, האָט זיך פאַרזאַמלט די ליטווישע אינטעליגענץ. די ערשטע רעדע האָט גע=

האַלטן איוואַנאוסקאַס, דער שעף פון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. ער האָט בּאַצייכנט דעם גרויסן טאָג פון פרייד, ווייל ליטע איז ווידער בּאַפרייט געוואָרן פון סאָוועטישן אָקופּאַנט. „אונדזער פּאָליטיק האָט אויסגעהאַלטן. אַ יאָר צייט האָבן מיר זיך פאַרשטעקט אין די דערפער און וועלדער, געוואַרט אויפן טאָג, וואָס איז געקומען. אונדזערע מענטשן האָבן מיטגעהאָלפן בּיים שלאָגן דעם קאָמוניסטישן פּיינט און אים פאַרטריבן. די דייטשן וועלן אונדז בּאַצאָלן מיט אומאָפּהענגיקייט. אָבער געדענקט, אַז אַ גרויסער שונא געפינט זיך נאָר בּיי אונדז אין לאַנד, דאָס זיינען די יידן. איר ווייסט ווי די דייטשן האַסן זיי. אונדזער פאָלק, וואָס איז צוזאַמענגעלעבט מיט די יידן זינט הונדערטער יאָרן, וועט זיי ניט וועלן פאַרטיליקן. דעריבער מוזן מיר גלייך אָנהויבן אַן אויפקלער אַקציע און שוין דערווייל אָפּנעמען פון די יידן זייערע פאַרמעגנס און עס פאַרטיילן צווישן אונדזערע פּויערים. דורך דעם וועלן מיר געווינען זייער סימפּאַטיע”.

אַ הילכיקער בּראַוואָ־צושטימונג און שיכורע קולות האָבן פאַרהילכט דעם זאַל. בּלאַנקע רעוואָלווערן האָבן זיך, פון גרויס פרייד, געצויגן אין דער לופט. דער שעף פון די פּאַרטיזאַנער, איוואַנאוסקאַס, האָט זיך דערפילט ווירדיק און זיכער אין זיין ראָל. זיינע זיבן און צוואַנציק יאָר, וואָס ער האָט געהאַט הינטער זיך, זיינען אַלין געווען אַן דערפאָלג. געענדיקט גימנאַזיע, האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו שטודירן. קיין מלוכה־שטעלע האָט ער צוליב זיין שיכורן ניט געקראָגן, האָט ער זיין צייט פאַרבּראַכט אין די שענקען, פאַרטרינקנדיק די פּאָר ליט, וואָס ער פלעגט ניט זעלטן לייען בּיי זיינע געוועזענע יידישע שול־חברים. ער האָט געפילט, אַז איצט איז זיין צייט געקומען. זיין שטענדיקער בּאַגער צו מאַכט און געלט לאָזט זיך איצט בּאַפרידיקן.

אַלס צווייטער האָט גענומען דאָס וואָרט פּולקאָווניק סטאַנקוס: „איך גלויב ניט, אַז די יידן זאָלן ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. מיין פאָרשלאָג איז — בּאַטאָנט ער מיט מיליטערישע ווירדע — אַז מיר זאָלן נאָך היינטיקע נאַכט אַרעסטירן די גרעסטע צאָל יידישע מענער, זיי פאַרשפּאַרן אין די טורמעס און דערמיט בּאַזייטיקן יעדע אומזיכערקייט, בּיים פאַרווירקלעכן אונדזער אַרבּעט”. ער האָט נאָך

עפּעס געוואָלט זאָגן, דערקלערן די סטראַטעגיע און געפּלאַנטן קאַמף מיט די יידן; די שיכורע מאַסע האָט שוין אָבער געפּאַטשט בראַוואָ און אים ניט געלאָזט ווייטער ריידן. פלעשער מיט ווייסן און גרינעם שנאַפּס האָבן פול געמאַכט די טישן, און דער עולם האָט זיך אַ נעם געטון צום זויפן.

די עלטערע און פירער האָבן זיך אָנגעטרונקען, געשלאָגן זיך און געקושט און צום סוף אויך אַנטשלאָפן געוואָרן. די יינגערע האָבן געבּרויזט מיט פאַנאַטיזם און פלאַמיק שוין געוואַרט אויף דער גרויסער שעה פון זייער פאָלקס⸗שליחות אין דער קומענדיקער נאַכט.

פיר וואָכן פּאָגראָם:

די שבת⸗ליכט זיינען שוין לאַנג געווען אויסגעגאַנגען. פינצטער איז געווען אין די יידישע, מיט שרעק איבערפולטע היימען. אין שטאָט איז שטיל געווען, נאָר פון ערגעץ ווייט האָט זיך געטראָגן אַן עכאָ פון פאַרשטיקטע קולות אין דער נאַכט⸗נעפּלדיקער געדיכטעניש.

ערשט באַגינען האָט זיך אַ שטילע יללה צעקייקלט דורך אַלע יידישע הייזער. מען האָט געציילט, געחשבונט די צוזאַמענגענומענע יידן און ניט געקענט צוזאַמענציילן, אויף מאָרגן ביינאַכט האָבן די אַרעסטן נאָך אָנגעהאַלטן. אין די ענגע טורמע⸗צעלן האָט מען צונויפגעפּרעסט יידישע מענער צו 60 און מער.

*

דעם 10טן יולי האָט זיך באַוויזן אויף אַלע שטאָט⸗גאַסן גרין⸗געלע מודעות, — יידן⸗פאַראָרדנונגען:

1.יידן דאַרפן טראָגן געלע מגן⸗דוד⸗צייכנס אויפן ברוסט און רוקן. אין גרויס פון 10 צמ. אין דורכמעסער;

2. יידן טאָרן ניט גיין אויפן טראָטואַר, נאָר אין רינשטאָק, איינער הינטערן אַנדערן;

3. יידן טאָרן ניט קויפן אין די געשעפטן און אויפן מאַרק;

4. יידן טאָרן זיך ניט באַנוצן מיט קיין קאָמוניקאַציע⸗מיטלען;

5. יידן מאָרן ניט הערן קיין ראַדיאָ און מוזן תיכף אָפּגעבן די אַפּאַראַטן.

האָט מען ניט גלייך און ניט אָן ווידערשטאַנד זיך אונטערגעוואָרפן די דאָזיקע אַלע פאַראָרדנונגען. אַ שווערן פאַרביסענעם און שטילן געראַנגל האָט מען געפירט. דער קאַמף איז געווען אַ פּאַסיווער און ווירדיקער. מען האָט אויסגעפאָלגט די פאַראָרדנונג וועגן מגן-דוידים און ניט גיין אויפן טראָטואַר, דאָך אָבער מיט אַ געוויסן שטאָלץ. מען איז געגאַנגען אויפן מאַרק, אין די געשעפטן, זיך געשטעלט אין די רייען נאָך ברויט, געוואָרן אַרויסגעוואָרפן דורך די ליטווינער און זיך ווידער געשטעלט. דער קאַמף איז געגאַנגען אָן ווערטער, נאָר פאַרביסן-עקשנותדיק. די פאַראָרדנונג וועגן ראַדיאָס האָבן יידן אויסגעפירט אָבער פריער די אינערלעכע טיילן פון די אַפּאַראַטן צעבראָכן. פון די יידישע ראַדיאָ-געשעפטן האָט מען אינדערשטיל אַרויסגענומען אַפּאַראַטן און זיי איינמאָנטירט אין באַהעלטעניש. יידן האָבן זיך ניט געלאָזט מיט איין מאָל אָפּשניידן פון דער אַרומיקער וועלט.

די רויבערייען אין יידישע היימען איז געווען אָפן. דייטשישע זעלנער און ליטווינער זיינען געקומען אין מיטן העלן טאָג און גענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אַ טייל יידן האָבן באַהאַלטן זייערע בעסערע זאַכן, פאַרגראָבן, פאַרשטעקט, געהיט דאָס פאַרמעגן. דער גרעסטער טייל אָבער האָט אַלע זאַכן אַרויסגעשאָטן אויפן דיל, און אַז די מערדער פלעגן אַריינקומען, פלעגט מען זיי אָנווייזן: אָט איז, נעמט! דער דאָזיקער „זשעסט“ איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזויפיל פאַראַכטונג און עקל צו די מערדער, אַז זיי פלעגן עס גוט פילן. יידן האָבן חרוב געמאַכט זייערע אייגענע היימען, געבויטע דורך דורות; געבראָכן שפּיגלען, זייגערס, געשניטן דיוואַנען, גאַרדינען, אַבי די מערדער זאָלן קיין הנאה ניט האָבן.

די מענער האָבן זיך שוין ניט געטאָרט ווייזן פאַר דער ליכטיקער שיין. עס האָט געהייסן, אַז אַלע מענער זיינען אַרעסטירט אָדער אַנטלאָפן אין רוסלאַנד. האָבן קינדער אין די דאָזיקע טעג אויסגעפירט די געפערלעכסטע שליחותן. זיי זיינען עס געשטאַנען אין די רייען נאָך ברויט און אַזוי אויפגעהאַלטן גאַנצע משפּחות. ניט זעלטן האָבן קינדער אַוועקגעשפּאַנט אין די דערפער, ברענגען מילך פאַר זייערע קלענערע שוועסטער און ברידערלעך אָדער פאַר אַלטע

און קראַנקע. קינדער האָבן ריזיקירט ניט פון קינדישקייט, נאָר צילבאַוווסט, מיט שכל און מוט. אָפט קריגנדיק געשלאָגן, זיך אַרויסגעדרייט פון די שווערסטע סיטואַציעס, ריזיקירנדיק דערביי מיט זייערע יונגע לעבנס.

אַז די ליטווינער האָבן דערזען די דייטשע שנאה צו די יידן, האָבן זיי אָנגעפאַנגען שלאָגן יידן אויף די גאַסן, זיי כאַפּן אויף פריוואַטע אַרבעט ביי זיך. נאָר זעלטענע פאַלן זיינען עס געווען, ווען ליטווינער האָבן אַרויסגעוויזן אַ טראָפּן מענטשלעכקייט.

דורך די אַלע שטייגנדיקע צרות מיט יעדן טאָג, איז דער פאַרצווייפלטער כבוד-קאַמף פון יידן געבראָכן געוואָרן. דער יידישער שטאָלץ איז צעשלאָגן געוואָרן אין פאַרצווייפלונג. מערדערייען איבער יידן איז געוואָרן אַ טאָג-טעגלעכקייט. מענטשן אויסער יעדער געזעץ, וואָס קענען זיך אַליין ניט באַשיצן און האָבן ניט צו וועמען זיך צו ווענדן.

נאָך צוויי וואָכן פּאָגראָם האָבן, אין אַ שבת-טאָג, זיך אַוועקגעלאָזן די ליטווישע „פּאַרטיזאַנער“, וואָס אַ טייל פון זיי האָט שוין געהאַט געווער, איבער יידישע הייזער אויף אַ גאָלד-ראַציע. מען האָט אויסגעגישטערט אַלע ווינקעלעך, געריסן קדושין-רינגען פון די פינגער, מיט די פינגער צוזאַמען, אויערינגלעך, אַרמבענדער, געלט און אַנדערע טייערע חפצים, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען. די כוליגאַנעס האָבן שוין דערביי מיטגענומען די אַלע נאָך אָנגעטראָפענע מענער. נאָר אַ יידישע פרוי, יעזנער, האָט ריזיקירט מיטן לעבן; זי האָט זיך פאַרשטעלט ווי אַ גויע, אַוועק צום דייטשן מיליטער-קאָמענדאַנט און אים דערציילט, אַז די ליטווינער רויבן אין שטאָט. דער קאָמענדאַנט האָט מיט עכט-יעקישער אָנגעבלאָזנקייט זיך צעבייזערט: פאַר וואָס דאָס איז געטאָן געוואָרן אָן זיין באַפעל. ער האָט תיכף אַרויסגעשיקט גרופּן זעלנער צו אַרעסטירן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. די דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פיינט געהאַט די ליטווישע שמיציקע כאַמעס, ניט ווייניקער ווי די יידן, האָבן אָפּגענומען פון די פּאַרטיזאַנער דאָס געווער, זיי גוט צעשלאָגן און נאָך געמאָלדן, אַז די יידן קענען אָפּנעמען זייער גאָלד צוריק. ווייניק יידן זיינען אָבער בעלנים געווען אָפּצונעמען ביי די דייטשן דאָס גאָלד און דערביי איבערלאָזן זייער אַדרעס.

נאָר אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבּן די ליטווינער שוין גערויבּט און געמאָרדעט מיט דער הסכמה פון די דייטשן.

*

אין אָט די טעג האָבּן די יידישע פרויען אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם העראָאיזם פון יידיש פאַמיליע⸗געבּונדנקייט. ניט געווען קיין וועג, וואָס זאָל שווער זיין פאַר זיי מיט כבוד אויפצוטרעטן אויף אים און דערגרייכן אַהין ווו ער האָט געפירט. יידישע פרויען האָבּן זיך אַריבּערגעקראָגן דורך אַלע פאַרצוימונג⸗בּאַריערן. זיך דערשלאָגן צו אָבּער⸗קאָמיסאַרן און קאָמענדאַנטן, בּעטנדיק און פאָדערנדיק צוריק די מענער. געווען אויך פאַלן ווען ס'איז זיי טאַקע בּאמת געלונגען אַרויסצורייסן פון די טויט⸗נעגל זייערע עלטערן, מענער, בּרידער, חתנים.

די יידישע פרויען האָבּן זיך שנעל אָריענטירט, וואָס די דייטשן אינטערעסירט צום מערסטן, און... אַלע יידן זיינען געוואָרן יוּוועלירער, טריקאָטאַזש⸗ און בּורשטין⸗אַרבּעטער. קלאָר, אַז אין שאַוול זיינען בּאמת אויך געווען מייסטערס אין פאַרשיידענע צווייגן, בּאַזונדערש אין דער לעדער⸗בּראַנזשע. דאָ האָט זיך געפונען די גרעסטע לעדער⸗ און שיך⸗פאַבּריק פון בּאַלטיקום, פרענקלס פאַבּריק, וואָס האָט בּאַשעפטיקט די מערסטע יידן. איינציקע פון די אָ פאַך⸗ספּעציאַליסטן, וואָס זיינען געווען נויטיק די דייטשן, זיינען, אַדאַנק דער מי פון די פרויען בּאַפרייט געוואָרן.

*

דריי וואָכן זיינען שוין אַוועק, ווי די אין טורמע צוזאַמענגעפּרעסטע יידן וואַלגערן זיך הונגעריקע, שמוציקע, נאָר זיי האַלטן זיך פעסט, בּרידערלעך און מוט⸗גרייט. מען האָט צעטיילט דעם טאָג פּלאַנמעסיק, אויף דאַוונען, לערנען יידישע געשיכטע, תנך, זיך דערציילן מעשיות און געשלאָפן איז מען לויט דער ריי, ווייל ס'איז אוממעגלעך געווען צו שלאָפן אויף איין מאָל אין די קליינע טורמע⸗צעלן, פאַר אַזוי פיל מענטשן.

אַז מען האָט אַרויסגעפירט דעם גימנאַזיע⸗דירעקטאָר רודניק און אַפּטייקער וואָלפע רייניקן די קלאָזעטן, האָט רודניק ניט געלאָזט דעם צווייטן עס טאָן, ווייל — יענער האָט געטראָגן סאַנדאַלעטן.

רודניק אַליין האָט מיט די הוילע הענט גערייניקט דעם שמוץ אין דערפּיי זיך אונטערגעזונגען אַ ניגון.

דער ס"ד-קאָמענדאַנט גאָטשאַלג, אַ מערדער לויטן אויסזען און פון בלוט, האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין טורמע, אַרויסגערופן אַלע ווײלע אַנדערע יידן אין הויף און געטריבן מיט זיי „גימנאַסטיק". אין אַ טאָג האָט ער אַרויסגערופן אַ גרופּע יידן, זיי אויסגעציילט — ניין און ניינציק.

— הונדערט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. די ליטווישע פּאָלציסטן האָבן געוואָלט גלייך ברענגען נאָך אַ יידן פון די טורמע-צעלן, אָבער גאָטשאַלג האָט פאַרלאַנגט אַ יידן פון גאַס, ניט פון טורמע. אין געציילטע מינוטן האָבן די ליטווינער געבראַכט דעם לעצטן קרבן. גאָטשאַלג איז געווען צופרידן. אויפן הויף זיינען שוין געווען פּיקטאָפּעראַטאָרן. גאָטשאַלג האָט קאָמאַנדירט:

די אינטעליגענץ זאָל אַרויסגיין פאָרויס!

אַז קיינער האָט זיך ניט גערירט, האָט גאָטשאַלג אַליין זיך אויסגעזוכט די אינטעליגענץ — אַלע וואָס טראָגן ברילן. דער שאַוולער שטאָט-רב ר' אהרן באַקשט איז געווען דער ערשטער צו דער אינקוויזיציע. גאָטשאַלג האָט אים געהייסן אָנטאָן די יאַרמולקע און אָנפאַנגען ריידן.

— וואָס זאָל איך ריידן?

— גאַנץ עגאַל, — האָט גאָטשאַלג אַ בריק געטאָן דעם רב, רייד ווי דו רעדסט פאַר יידן אַלעמאָל; מאַך מיט די הענט, קרים מיטן מויל.

דער רב האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן זאָגן דעם קאַפּיטל תהילים ק"ט. דעם 70-יאָריקן רב'ס שטימע איז זיך פאַרגאַנגען אין תחנונים, זיינע שטראַליקע הענט האָבן זיך צום הימל געשטרעקט: יהי יהריתו להכרית, בדר זה (אָנשטאָט ווי אין טעקסט: בדור אחר) ימח שמם!

גאָטשאַלג איז צופרידן געווען; דער רב האָט עס געמאַכט מיט הוויות, מיט גענוג ווילדע תנועות...

אַלס צווייטן האָט גאָטשאַלג אַרויסגערופֿן דעם דין נאַכומאָווסקי און דאָן דעם אַלטן רב'ס איידעם הרב ראַבינאָוויטש, און נאָכדעם דעם אַדוואָקאַט אַבראַמאָוויטש; גאָטשאַלג האָט אויך אויפֿגעזוכט יידן מיט פּליכעוואַטע קעפּ, וואָס זיי האָבן געמוזט האַלטן אַנטקעגן די אַפּאַראַטן צום פֿאָטאָגראַפֿירן.

די אָפּגעקליבענע אַלס אינטעליגענטן האָט מען אַ ווײַלע שפּעטער געהערט זינגען אין טורמע־הויף. און באַלד־גלייך אַ שיסערײַ פֿון מאַשין־געווער. — אַלץ איז ווידער איינגעהילט געוואָרן אין שטום־בלוטיקן שווייגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זײַנען אָנגעפֿאָרן שוואַרץ־געדעקטע אויטאָס אויפֿן טורמע־הויף. מען האָט אָנגעפֿאַנגען אַרויסצופֿירן די אַרעסטירטע אין קוזער וואַלד. איין איינציקע קריסטין איז געווען צווישן די צום טויט־אַרויסגעפֿירטע: פֿרוי לייקונאַס, אַ באַקאַנטע ליטווישע סאָציאַליסטין. פֿרוי לייקונאַס האָט זיך קעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט זיך לאָזן פֿאַרפּאַקן אין אויטאָ.

אין צוויי וואָכן צײַט איז די טורמע ליידיק געוואָרן פֿון יידן. נאָר קנאַפּע הונדערט האָט מען באַפֿרײַט אַלס „אונענטבערליכע“ (אומפֿאַרבײַטלעכע) פֿאַר דער דײַטשער ווירטשאַפֿט,“

עלטסטגראַט:*)

צווישן די קנאַפּע הונדערט פֿון טורמע באַפֿרײַטע יידן איז אויך געווען דער דירעקטאָר פֿון דער יידישער פֿאָלקס־באַנק, אהרן כ״ץ, האָט ער און דער פֿאָרזיצער פֿון די יידישע קעמפֿער פֿאַר דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט, מענדל לייבאָוויטש, ווי אויך באָריס קאַרטון, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער ליטווישער אינטעליגענץ; אַדוואָקאַט בער מנשה אַבראַמאָוויטש, אַ באַקאַנטער געזעלשאַפֿטלעכער טוער, דער פֿאָרזיצער פֿון ליטווישן „מזרחי“; אהרן העלער און פֿייוול רובינשטיין, — אָט די אַלע האָבן זיך עס געשטעלט אין דער געפֿערלעכער ראָל צו זײַן די פֿאָרשטייער פֿון קהל. די ליטווינער האָבן לכתחילה אויסגעלאַכט די יידישע פֿאָרשטייער. ערשט נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן נאָמינירט קאַפּיטאַן שטאַנקוס אַלס דעם

---

*) גערופֿן אין ליטוויש — אַטסטאָווּבע.

ממונה איבער יידן, האָבן די ליטווינער שוין גענומען „פאַרהאַנדלען“ מיט די יידישע ראָשי=קהל. די פאַרהאַנדלונגען זיינען באַשטאַנען ניט מער ווי אין דעם וואָס שטאַנקוס האָט איבערגעגעבן די יידישע פאַרשטייער די גזרות פון די דייטשן אָדער די וועלכע ער, שטאַנקוס אַליין, האָט פאַרטראַכט.

„אסתר המלכה“:

איר בויגעוודיקע פיגור, די בלאָנדע האָר, דער ליטווישער גראָבּ=פּויערשער דיאַלעקט אין איר ברייט מויל האָט ווייניק איבערגעלאָזן צו דערקענען איר יידישקייט. טאַקע דערפאַר האָט זי זיך געראַטעוועט פון גרוב, ווו אַלע קורשאַנער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן. (קורשאַן — אַ שטעטל 50 ק"מ פון שאַוול.) אַנטלויפנדיק קיין שאַוול האָט זי נושא חן געווען אין די אויגן פון שטאַנקוס. יידן האָבן זיך דערפרייט. אסתר המלכה! אַ קלייניקייט, אַ יידיש מיידל שלאָפט מיטן מערדער, אַוודאי וועט עס מילדערן זיין צאָרן. נאָר נינע זיו איז ניט געווען אסתר פון דער מגילה, אפשר אויך דערפאַר, ווייל דער מערדער שטאַנקוס איז ניט געווען אחשורוש דער טיפש, נאָר — המן אַליין.

געטאָ — שיינען — טויט:

אַ גאַנצער חודש איז אַוועק דורך פּאָגראָם. ווילדע, טרויעריקע ידיעות האָבן צעשויבערט די געמיטער — צענדליקער קהילות, פון אַרום שאַוול זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. אַמאָל ברענגט נאָך דעם גרוס אַן איינציק געראַטעוועטער, אין מערסטע פאַלן ראַטעוועט זיך קיינער ניט, און דער טויט=גרוס קומט דורך אַ גוי. וועגן ענדגילטיקן גורל פון די שאַוולער יידן איז נאָך אויך ניט באַקאַנט. יעדער טאָג שלייכן זיך דורך אַנדערע קלאַנגען דורך די יידיש אָפּגעשלאָסענע היימען. מען ווייס צו דערציילן, אַז שאַוולער יידן פירט מען איבער קיין אַלט=זאַגאַר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס געטאָ פאַר גאַנץ מיטל=ליטע.

אַ דאַנק דעם עלטסטנראַט ווערט דאָך באַשטימט צוויי געטאָ=ראַיאָנען אין שאַוול גופא. איינער האַרט ביי דער פרענקעל=פאַבריק, די אַזוי גערופענער טראָקווער געטאָ, און דער צווייטער אַנטקעגן, ביים יידישן בית=עולם, אין דער פאָרשטאָט

וואָס מען רופט „קאַווקאַז“. בײדע געטאָ-ראַיאָנען האָבן געקענט אַרייננעמען, לויט די צוויי מעטער פּאַר אַ מענטשן וואָס מען האָט געגעבן, ניט מער ווי פיר טויזנט מענטשן. האָט זיך אָנגעפאַנגען פון יידן אַ יאָגעניש צו זיין באַשעפטיקט, זיין רעגיסטרירט אַלס אַרבעטער, כדי צו קענען בלייבן אין די געטאָ-ראַיאָנען, ניט צו ווערן אַרויסגעשיקט קיין זשאַגער.

קען זיין, אַז יידן אַליין האָבן, אויב ניט אויסגעטראַכט, טאָ צוגעאײלט די שיינען. יידן האָבן זיך געוואָלט פאַרזיכערן. האָט מען זיך אָנגעפאַנגען באַזאָרגן באַפּירלעך, טאָמער כאַפּט ווער איז אָט — אַ פּאַפּירל אַז מען אַרבעט. אַזעלכע פּאַפּירלעך פלעגט מען די ערשטע צייט קריגן פאַר געלט, פון פּריוואַטע אַרבעטס-געבער, באַזונדערס פון ערדבאַזיצער. שפּעטער האָט דער אַמט פאַר יידן-אָנגעלעגנהייטן אַרויסגעלאָזן ספּעציעלע שיינען געשריבן אויף אַ שרייב-מאַשין מיט אַ געוויסן נוסח: אַזוי ווי דער ייד פּלוני אַלמוני אַרבעט דאָ און דאָ, קומט צו דער אַרבעט אין דער און דער שעה און גייט אַוועק אַזויפיל אַ זייגער. די שעהן זיינען אָנגעגעבן געוואָרן, כדי דער ייד זאָל ניט קענען זיך אַרומדרייען סתם אַזוי אין גאַס. דאָס אָנצייכענען דעם אַרבעטס-פּלאַן האָט אים אויך מחייב געווען צו גיין מיט דעם קירצסטן וועג פון שטוב צו דער אַרבעט און צוריק, ניט דורך אומוועגן.

יידן האָבן זיך אָבער געיאָגט אַלץ נאָך מער „זיכערקייט“. האָט איינער, פּינחס טיין, געמאַכט אַ רשימה פון אַרבעטער פּאַכליים, זיך דערשלאָגן אַ באַשטעטיקונג פון די ס״ד און אַרויסגעקראָגן פאַר זעכציק מענטשן פּירקאַנטיקע גרויסע ר ו י ט ע שיינען. דאָס זיינען שוין געבליבן די בעלי-מלאָכה-שיינען. שפּעטער האָבן די דאָזיקע שיינען אַרויסגעקראָגן די וואָס האָבן זיך געקענט דערשלאָגן אַהין וווּ מען האָט געדאַרפט. אמתע בעלי-מלאכות האָבן געהאַט ווייניק פאַרבינדונג און פּראָטעקציע אין די פינצטערע הויכע פענצטער. אין די ערשטע געטאָ-טעג האָט אויך דער עלטסטנראַט צוזאַמענגעשטעלט ליסטעס פון בעלי-מלאכות. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט אַלעמען פאַרשריבן, און יידן האָבן שוין אויסגעפונען מלאָכות. די דאָזיקע רשימות זיינען אָבער שוין ניט באַשטעטיקט געוואָרן.

ביים אַרייַנגיין און געטאָ האָט מען אָפגענומען ביי די ייִדן אַלע פערסאָנאַל=פאַפּירן און אַרויסגעגעבן שיינען — גרינגע, די אַזוי=גערופענע געטאָ=פּעסער. אַזעלכע שיינען האָט מען געגעבן גאָר די, וועלכע זיינען באַשטעטיקט געוואָרן צו גיין אין געטאָ. די וואָס האָבן קיין גרינגע שיינען ניט געקראָגן, האָט מען גלייך אַרויסגעפירט אין די שולן, בתי=מדרשים און פון דאָרטן — צו פאַרניכטונג אין קוזשער וואַלד.

די קאָמיסיעס זיינען באַשטאַנען פון ליטווישע פאָליציסטן אין באַגלייטונג פון איין ייִדן. געווען אַזעלכע קאָמיסיע=באַגלייטער וואָס האָבן אָפן דערקלערט דער פאָליציי: מיר קענען נאָך גיין מיט אייך, אויב איר וועט לאָזן אַלעמען גיין אין געטאָ. געווען אָבער אַ קענטיקע צאָל פון די באַגלייטער, וואָס האָבן קאַלטבלוטיק צוגעקוקט ווי פאַר הונדערטער ייִדן ווערן ניט אויסגעשטעלט די גרינגע שיינען, ד. ה. — זיי ווערן פאַרמשפט צום טויט. זיי האָבן זיך ניט צוריקגעצויגן פון באַגלייטן די קאָמיסיעס, כאָטש קיינער האָט זיי צו דעם ניט געצוווּנגען. די דאָזיקע באַגלייטער זיינען געטריבן געוואָרן צו זייער „עסקנות“ פון ריין עגאָאיסטישע מאָטיוון — צו ראַטעווען זיך אַליין, זייערע אָנגעהעריקע און פריינד.

גאָכן אָפזיין אַ מאָנאַט אין געטאָ האָט מען אומגעביטן די גרינגע שיינען אויף אַנדערע, אויך מיטן זעלבן טעקסט און פון זעלבער פאָרם, נאָר — געלע. ביים דאָזיקן אומבייט זיינען אייניקע הונדערט ייִדן דורך דער ליטווישער קאָמיסיע אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ, צוליב שוואַכקייט, אַרבעטס=אומפעאיקייט און בכלל ווער ס'איז זיי ניט געפעלן. די דאָזיקע מערדעריי האָט מען אויסער „געלע=פעטעור=אַקציע“ גערופן אויך „שיינקייטס=אַקציע“. ווייל די מיינסטע קרבנות זיינען דאָ געווען שוואַכע און שלעכט אויסזעענדיקע. די פריזיר=אַנשטאַלטן אין געטאָ זיינען דעם טאָג פול געווען פון עלטערע פרויען, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרבן די האָר אויף בלאָנד און שוואַרץ, געפאַרבט די נעגל, די ברעמען, זיך געפוצט, אָנגעטון די שענסטע קליידער און פאַרוואַנדלט דעם טאָג אין אַ טרויעריק פיינלעכן מאַסקאַראַד.

שפּעטער האָבן יידן זיך ווידער ניט באַגנוגנט מיט די געטאָ=פּעסער. מען האָט אָנגעהויבן זוכן שטאַרקערע פאַרזיכערונגען, אַרויסבאַקומען פּאַפּירלעך, אַז מען איז זייער נויטיק פאַרן אַרבעטספּלאַן. די ערשטע און די בעסטע אַזעלכע פאַרזיכערונגען האָבן געקראָגן די אַרבעטער פון דער פּריינקלס=לעדער=פאַבריק, פאַר זיך און זייערע משפּחות. דאָס זיינען געווען ווייסע שיינען, וועלכע ס'האָט אונטערגעשריבן דער דייטשער דירעקטאָר מיללער. אַנדערע יידן האָבן אויך געקראָגן ווייסע שיינען פון די אָנגעזעענע אַרבעטספּלעצער. נאָר די 'שיי'ען האָבן שוין געהאַט אַ קלענערע באַדייטונג לגבי די פאַבריק=שיינען. די אַרבעטער אויפן אַעראָדראָם, אָדער ביי אַ, ט. (אָרגאַניזאַציע טאָדט), און אַנדערע שוואַרצאַרבעטער האָבן קיין פאַרזיכערונג=שיינען כלל ניט געקראָגן. נאָר אויך די, ווי יענע, האָבן שפּעטער געטיילט דעם זעלבן גורל: הונגער, מגפות, ליידן און אומקום.

אַ, גלייביק פאָלק ישראל!

אין אַ מיטן טאָג פון דער דריטער וואָך אין דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט בײַם יידישן קינדערהיים זיך אָפּגעשטעלט אַ דראָזשקע, פון וועלכער עס זיינען אַראָפּגעשפּרונגען: איוואַנאַוסקאַס, מימענאַס און גיילונאַס. די דריי יונגע ליטווינער זיינען אַריין אין בית-היתומים. אין איינציקע מינוט אַרום זיינען צוגעפאָרן לאַסטאויטאָס, אין וועלכע עס זיינען פאַרפּאַקט געוואָרן אַלע קינדערלעך צוזאַמען מיט זייערע לערער און אָפּגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

יידן האָבן געגלייבט, אַז מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, ווייל די דייטשן דאַרפן האָבן די געביידע...

* * *

אַ טאָג פריער איז אַרויסגעפירט געוואָרן דער מושב-זקנים. דאָס אָרט, וווּהין מען פירט זיי איז באַקאַנט געווען — זשאַגער, אַ באַקאַנטע ליטווישע שטאָט פון רבנים און משכילים, זיבעציק ק"מ פון שאַוול. אַהין האָבן אין יענע טעג געזאָלט אַוועקגעפירט ווערן אַלע נאָך לעבעדיקע יידן פון שטאָט. יידן האָבן זיך געפּאַקט צו פאָרן אַהין; מען האָט אַפילו „געקראָגן" גרוס, אַז די אַלטע לייט לעבט זיך אין זשאַגער זייער גוט. — אַדאַנק אַ סך געלט און מי איז געלונגען אויפצושטעלן צוויי געטאָ-ראַיאָנען: אין שאַוול גופא — זשאַגערער שטאָט-פּאַרק איז געוואָרן דער בית-עולם פאַר טויזנטער יידן פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

אַ סך יידן האָבן נאָך לאַנג געגלייבט, אַז אין זשאַגער לעבט זיך די יידן ניט שלעכט.

* * *

די שאַוולער ליטווינער-מערדער איז געוואָרן צו שווער צו טראַנספּאָרטירן זייערע קרבנות אַזש קיין זשאַגער, האָבן זיי אויסגעקליבן אַ נענטער אָרט — קוזשער וואַלד, בערצן ק"מ פון שטאָט. אַהין זיינען אַלע ווײַלע, במשך פון דריי וואָכן, אָפּגעפאָרן אויטאָס מיט לעבעדיקע יידן און זיך באַלד צוריקגעקערט ליידיקע. יידן האָבן נאָכגעשפּירט די אויטאָס, געזען ווי זיי פאָרן אַוועק, געמאָסטן אויפן

זייגער אין וויפֿל מינוט זיי קומען ליידיק צוריק. מענטשן האָבן בפֿירוש געזען אַז נאָר דער טויט האָט געקענט אויסליידיקן די אויטאָס און ניט געגלויבט, ניט געוואָלט גלויבן, אַז די ליטווינער און דייטשן מאָרדן! מאָרדן אָט סתם אַזוי לעבעדיקע מענטשן, פֿרויען און קינדער, אַפֿילו ניט מיט די באַשולדיקונג, אַז די געמאָרדעטע זיינען קאָמוניסטן, ווי דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג.

* * *

די רעשטלעך יידן גייען אין געטאָ. די רייכע שטופּן פֿאָרויס די אָרעמע. אפֿשר וועט זיי, די מיוחסים, דאָך געלינגען צו בלייבן אין שטאָט (וויפֿל זיינען צוליב דעם שפּעטער אַוועק פֿון דער וועלט?) און אפֿשר וועט זיי געלינגען צו גיין אין שענערן געטאָ-ראַיאָן, דאָרטן ווו די הייזער זיינען בעסערע און ווו דער יידן-מערדער שטאַנקוס, דער ליטווישער קאָמיסאַר איבער די יידן, האָט צוגעזאָגט, פֿאַר אַ סך געלט, צו מאַכן נאָך אַ געטאָ. אַזוי האָבן די יידן זיך געטראַכט, געחקירעט, געמאַכט לעבנס-פּלענער. זיך געלאָפֿן בייטן די הייזער אין שטאָט מיט די פּויערים פֿון געטאָ-ראַיאָן, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז מען גייט לעבן, ניט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דעם שונאס האַנט וועט פֿון הינטער די געטאָ-דראָטן, „לאַנגזאַם אָבער זיכער“, אַוועקנעמען אויך די לעבנס, וועלכע ער שענקט נאָך איצט...

* * *

פֿאַרוואָס האָט פּרוכנאָ פֿאַרקלאַפּט די לאָדנס אין זיין געטאָ-הייזל? ווייל ער שרייט, אַז ער האָט זיך געבײַטן מיטן פּויער אויף זיין הויז אין שטאָט און דערפֿאַר וועט ער קיינעם ניט אַריינלאָזן דאָ וווינען. נאָר אים אַליין געהערט עס, און ער דאַרף דאָס גאַנצע הויז טאַקע פֿאַר זיך: אַ שלאָפֿצימער דאַרף ער דאָך, און אַן עס-שטוב מוז ער האָבן, און פֿאַר די קינדער אַ צימער איז דאָך אַ נויטווענדיקייט, און אַ ביבליאָטעק האָט ער אַ גרויסע...

אַך, גלייביק עם ישראל!

פּרוכנאָ איז געשטאָרבן פֿון שווערע אַרבעט אין געטאָ.

* * *

אַז דוד דער סטאָליער איז געשטאַנען פאַר דער היסטאָרישער קאָמיסיע, זיינען זיינע אויגן געווען ווילד צעבּרענט, דער טויט האָט פון זיי אַרויסגעאָטעמט, ניט גערן האָט ער געענטפערט אויף דעם וואָס מען האָט אים געפרעגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים צוריקשיקן צום טויט, פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן.

דוד איז שוין געשטאַנען אויסגעטאָן מיט אַלע יידן ביים גרוב. נאָר אַ ווילדער לעבנס=ווילן האָט אים אַ טרייב געטאָן צוריק. אַ האָגל פון קוילן האָבן אים נאָכגעיאָגט. אין אַ ליטוויש הייזל האָט ער געקראָגן אַ מאַנטל; אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער האָט ער זיך אַרומגעשלייכט ביי נאַכט דורך דער שטאָט און איז דערקראָכן צו ראָזנבערגן אין שטוב. איצט איז ער אין געטאָ. נאָר ווער האַלט ניט דודן פאַר משוגע? „פון צרות וואָס מען האָט אַרויסגעפירט זיין משפחה איז ער גערירט געוואָרן פון זינען.“

דוד שפּאַרט זיך מיט קיינעם ניט, פאַרקערט, ער וויל גאָר ניט דערציילן, „אַז איר גלויבט ניט, זאָל זיין ניט. זאָל זיין, אַז איך בין משוגע; נאָר ווי אַזוי מען האָט דערשאָסן אייער שוועסטער, האָב איך אַליין געזען“ — אַזוי זאָגט זיך דוד אָפּ און פאַרשווינדט.

אַ מינוט שטייט דער ייד צעטומלט, ער גלויבט שוין דעם ביטערן גרוס. נאָר באַלד איז מנצח דער ייד אין דעם יידן, און ער וואַרט שוין ווידער אויף אַ בריוול אָדער גרוס פון זיין שוועסטער, וועלכער מען האָט זיכער אַרויסגעפירט אויף אַרבעט ערגעץ ווייט...

ער גלויבט ניט, ער קען נישט גלויבן, דער גלייביקער עם ישראל

און ווי האָט מען עס טאַקע געקענט גלויבן? מען דאַרף דאָך אַליין אַ מערדער זיין, כדי צו קענען אַרויפנעמען אויפן זינען אַזאַ מאָרד=וואַקכאַנאַליע און — מען האָט ניט געגלייבט.

געבּליבּן אויף זיין ערד

זעליק פּראָדוואָלניק האָט פון זיין פאָטער בּירושה די פינף מאָרג לאַנד, אַ צענדליק ק״מ פון שטאָט. בּיי דער דאָזיקער ערד האַט ער זיך אויסגעהאָדעוועט, חתונה געהאַט, קינדער געבּוירן.

זעליק איז דער נאָנטסטער יידישער פּויער צום שטאָט. אין קרייז זיינען פאַראַן אַ סך יידישע ערד⸗בּאַזיצער, נאָר זיי געפינען זיך ווייטער.

אַז די דייטשן זיינען אַריין, איז זעליקס שטוּבּ פול געווען מיט יידן און גויים: שטאָט⸗מענטשן, וואָס זיינען זיך צעלאָפן אין די דערפער זוכן שוץ פון די דייטשע בּאָמבּעס. דאָ זיינען איצט עטלעכע סוחרים וואָס פלעגן יעדעס יאָר אָפּקויפן בּיי זעליקן די תבואה, דער קצב וואָס פלעגט אָפּקויפן די קעלבּלעך; עטלעכע פריינט און בּאַקאַנטע. די גויים זיינען געווען מייסטנס אָרעמע שטאָטישע אַרבּעטער, וועלכע האָבּן ניט קיין משפּחה אין די דערבּייאיקע דערפער. אַט די אַלע האָבּן פול געמאַכט זעליקס גרויס הויז און די שטאַלן אַרום מיט שרעק און יללה יעדעס מאָל, ווען די אַעראָפּלאַנען פלעגן אַדורכפליען און בּאָמבּאַרדירן די שטאָט, בּמשך פון דער גאַנצער קריגס⸗וואָך. די מענטשן וואָס זיינען דאָ געווען האָט גאָרניט געפעלט. די בּאַלע⸗בּאָסטע, אַ הויכע, מאָגערע מיט שוואַרץ אויסגעאַרבּעטע הענט⸗פלאַכן האָט אויפגענומען אַלעמען ווי געסט אויף אַ שמחה.

ס׳מאַכט ניט אויס, זי האַט גאָט צו דאַנקן גענוג אָנגעגרייט כשר פלייש, וואָס קען קלעקן אַפילו פאַר די קריסטן. זעצט מען זיך צום טיש אַ פאָר צענדליק פאַרשוינען, און די פאַרע פון דעם געקאָכטן הייבּט זיך פון די גרויסע ליימענע שיסלען אַרויס. לויפט זעליקס ווייבּ פון איינעם צום צווייטן און בּעט זיך: זעט, פאַרוואָס עסט איר ניט? און איר יידיש לשון קייקלט זיך שווער⸗קלאָציק פון האַלדז אַרויס, מיט אַ ליטוויש⸗פּויערישן אַקצענט.

די גויים עסן שוין היינט דווקא מיט אַפּעטיט, נאָר די יידן קריכן ניט די בּיסנס אין מויל. די פרייד אויף די קריסטלעכע פּנימער, אַפילו דאָ איצט, בּיים טיש, זאָגט ניט קיין גוטס. נעכטן זיינען זיי נאָך געווען אומעטיק, פאַרוויינט און פאַרווירט, פּונקט ווי די יידן, נאָר איצט, אַז דאָס אַעראָפּלאַנען⸗פליעניש הערט זיך שוין ניט מער

און פון שטאָט קומען גרוסן, אַז די דייטשן זיינען שוין ניט ווייט — זיינען זיי לעבעדיק־פריילעך געוואָרן, ווי זיי וואָלטן אויסגעוואַרט אויף דעם.

און אַט איז געקומען צולויפן דעם קצבס זון אָפּנעמען אַלע ייִדן צוריק אין שטאָט די דייטשן האַלטן ביים אַריין אין שאַוול, עס שמעקט מיט ערב פּאָגראָם. אין שטאָט איז דאָך זיכערער, ווי אין דאָרף.

די ייִדן האָבן געראַטן זעליקן מיטצוגיין. נאָר זעליק האָט זיך אויסגעלאַכט: דאָ געבוירן, דאָ געוואַקסן, די קעפּ וועלן די שכנים זיך לאָזן שניידן פאַר אים. אַזוי האָט ער געזאָגט. ווו קען ער נאָך אַזוי זיכער זיין ווי דאָ?

זיינען די ייִדן אַוועק. די גויים אַוועקגעשמהט. זעליק מיט זיין ווייב און פיר קליינע קינדער זיינען געבליבן אַליין.

אין די ערשטע וואָכן ווען די שטאָט האָט דערפילט אַ מאַנגל אין עסן, באַזונדערש אין דאָרפס־אַרטיקלען, פלעגט די ייִדישע דאָרפס־משפּחה ניט זשאַלעווען. ווער פון ייִדן עס האָט נאָר ריזיקירט צו גיין, און ווער פון די קריסטן עס איז געקומען, האָט געקראָגן פּוטער, קעז, מילך פאַר קליינע קינדער, קאַרטאָפל און מעל. אַ גאַנצן טאָג פלעגט די באַלעבאָסטע שטיין, איינטיילן יעדערן.

די דייטשן מיט דער הילף פון די ליטווינער האָבן געאַרבעט גרונטיק, פּינקטלעך, מיט אַ טאַלק. ווי נאָר זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט די ייִדן אין די שטעט, האָבן זיי זיך גענומען צו די דאָרפישע. מיט זיי איז עס נאָך לייכטער געגאַנגען: מען האָט זיי ניט געדאַרפט ווייט פירן, און מערדער זיינען אויך געווען אומעטום לרוב. וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויפן ייִדישן האָב און גוטס.

הינטערן בהמה־שטאַל איז געוואָרן דער קבר פאַר זעליקס משפּחה. פון די טעמפּע האַמער־קלעפּ איבער די זעקס מענטשלעכע שאַרבנס האָבן זיך אויפגעכאַפּט די בהמות אין שטאַל. זייער עלנט ברומען, דאָס מיאוקען פון דער אַלטער קאַץ און דעם הונטס בייזער סקאַווען איז געווען דער געטרייער קדיש פון די דאָזיקע איידעלע באַשעפענישן און זייער קללה אויף די חיות און מערדער פאַר אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון זייערע באַלעבאַטים.

טאַמאַרע

(די געטאָ⸗מאַמע)

א

צווישן די ענגע געסלעך פון פאָרשטאָט, ביי פרענקלס לעדער⸗פאַבריק, האַרט ביים טויער פון בית⸗עולם, האָט טאַמאַרע געלעבט אירע אַלע יאָרן. געוווינט האָט זי דאָ צווישן גוים; געלעבט אָבער האָט זי פון יידן — טאָ ווער האָט טאַמאַרען ניט געקענט?

טאַמאַרעס גוף האָט געהאַט צענדליקער פעלערן — איר פּנים אויסגעקרימט, מיט אַ מענעריש שאַרפע קין און אַ פּאָר שטיפענדע הערלעך אויף דער גאָמבע, ווי ביי אַ סריס; ווייך⸗וואַסערדיקע מוטנע אויגן מיט אַ ברייטן מויל⸗שניט און אָפּגעשפּאָלטענע ציין, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט באַהאַלטן הינטער דער אַרונטערהענגעדיקער און אַריבערהענגענדיקער ליפּ. אירע פיס זיינען געווען אויסגעקרימט; האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט אַריינגיין אַפילו אין אַ גרויסן מענער⸗שטיוול און האָבן שטענדיק געהאַפּקעט פון אונטער דעם לאַנגען קלייד, באָרוועסע איבער גאַס ערד. אירע פוס⸗געלענקן האָבן העכער פון די קנעכלעך זיך געלאָזט אין פאַרקרימענעם אויף רעכטס און לינקס, זיך צעשפּאָרן ווי אויסגעשפּאַנטע האָלאָבלעס פון אַ וואָגן.

טאַמאַרעס קינדער זיינען אָבער געווען געזונטע, פול⸗בלוטיקע, יינגלעך און מיידלעך, הויך געוואַקסן, מיט פעך⸗שוואַרצע האָר און גרויסע יידישע אויגן. און איין גאַט אין הימל ווייס, ווער ס׳האָט אין די גלייכע גלידער פון די בנים אַריינגעגאָסן אַזוי פיל ניט⸗יידישע גבורה, און אין די צעוואַקסענע כאָסנע⸗מוידן — אַזוי פיל חן און צאַרטע יידישע שיינקייט. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס וואָלט געווען אויף להכעיס טאַמאַרעס קללות און די קניפּן פון איר אלמנותדיק פאַרביטערט האַרץ, וואָס האָבן זיך אַריינגעפּרעסן אין זייערע יונגע גופים.

אירע קינדער האָט זי ליב געהאַט, טאַמאַרע; ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. און ניט נאָר אירע אייגענע. בכלל האָט זי ליב געהאַט קינדער, אַלעמענס קינדער און אפשר האָט זי אַלעמען ליב געהאַט, אַפילו די גבירים, וועמען זי פלעגט שילטן מיט טויטע קללות. אָט האָט זי דאָך אויך אירע אייגענע קינדער געשאָלטן, געזידלט מיט די

בּיטערסטע קללות און בּאַלד, כהרף עין, זיי שוין אָנגעבּענטשט מיט הויפנס בּרכות. אַזאַ איז געווען טאַמאַרע. געבּענטשט און געשאָלטן, געוויינט און געלאַכט. אַט זידלט זי די גבּאים פון די צדקה־חברות. „בּלוט־צאַפּערס, אַ רוח אין אייער טאַטן“. „גנבים, מיינע בּלוטיקע טרערן זאָל נאָך גאָט צוזען“, — און גלייך מיט בּרכות און געלעכטער: „איר מיינט, איך שילט? — מיין בּיטער האַרץ שפּרינגט פון מיר; אַז געזונט זאָלט איר זיין; דאָס ווענעלע האַלץ, וואָס איר האָט מיר געגעבּן. — שוין לאַנג אויסגעהייצט...“

נאָר אַפילו דאַן, ווען טאַמאַרע איז געגאַנגען וואַרפנדיק מיט אירע צעשפּרייטע האַלאַבּליע־פּיס איבּערן גאַס, שילטנדיק, אויך דאַן איז גענוג געווען, אַז זי זאָל נאָר דערזען אַ קינד אויפן גאַס, מעג זיין אין אַ ליכטיקן קינדער־וועגעלע פון אַ גבירישער מאַמען, אָדער אַ קינד וואָס האָט אָנגעהערט צו אַ טאַטן, אַ גבּאי אין די חברה־צדקה, ווען זי האָט גאַר איצט געהאַלטן אין שילטן, איר פּנים האָט בּאַלד גענומען שטראַלן; אַ פולע מויל מיט בּרכות האָט זיך דאַן אַ שאָטגעטאָן איבּער דער אַראָפּהענגענדיקער ליפּ, און אירע וואַסערדיקע אויגן פלעגן פאַרלויפן מיט אַ פרייד־פלעמעלע. דאָס איז ניט געווען קיין הניפה צו דער רייכער בּאַלעבּאָסטע. פאַרקערט, טאַמאַרע האָט קיינעם ניט געהנפעט. אַלעמאָל געוואָרפן פון איר האַרצן אַרויס דעם אמת אין די אויגן. נאָר דאָס איז געווען איר שוואַכקייט, וואָס האָט זי בּאַנומען, וואַס האָט זי געמאַכט אין אַלץ פאַרגעסן — קינדער. און פלעגט די מאַמע־בּאַלעבּאָסטע מעגן זיין אַ מפונקת, זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן און לאַזן אָנקוקן איר קינד — האָט עס טאַמאַרען ניט געאַרט. זי איז געבּליבּן שטיין, די הענט פאַררוקט אין די אויסגעהוילטע בּאָקעס און נאָכגעקוקט דעם קינד מיט פאַרלאָפענע פריידיקע אויגן.

בּ

איבּערגעלאָדענע וועגענער האָבּן געסקריפּעט. איינגעפּאַלענע פערד האָבּן לאַנגזאַם געצויגן די יידיש אויפגעלאָדענע שטוב־זאַכן. זייערע קעפּ געבּויגן, פונקט ווי זיי, די פירפיסיקע חיות, וואָלטן זיך געשעמט מיט זייער טואונג — מיט דעם וואָס זיי פאַרשלעפּן דאָס

ביסל בעבעכעס, געראַטעוועטע פון פּאָגראָם, הינטער די שטעכיקע דראָטן, אויפן פאַרשטאָט ביים בית=עולם — אין געטאָ אַריין.

די מיוחסדיקע באַלעבאַטים האָבן אַליין געהאַלטן די לייצעס און אָנגעטריבן די פערדלעך מיט אַ שטילן קרעכצנדיקן „וויאָ“ (די קריסטלעכע פורמאַנעס האָבן ניט געטאָרט באַדינען די „זשידעס“; פאַרדינגען אָבער די פערד אויף אַריבערצופירן די דערלויבטע זאַכן אין געטאָ אַריין, פאַר גרויסע סומעס געלט און ווערט=זאַכן, האָבן זיי יאָ געמעגט).

אַ לאַנגער קאַראַוואַן, ווי איין גרויסע לויה, האָט זיך געצויגן איבער דער שטויביקער זומערדיקער גאַס, — צום בית=עולם צו. אין זייט פון טראָטואַר, מיט די רינשטאָקן. באַהאָנגען מיט געלע מגן=דודס אויף ברוסט און פּלייצע, האָבן זיך געשלעפּט די פרויען און קינדער, האַלטנדיק אין די הענט גלאָז=געראַמטע משפּחה=בילדער, וואָס מען האָט אין פור ניט געקענט פּאַקן, זיי זאָלן ניט צעבראָכן ווערן. פון די בילדער האָבן אַראָפּגעשיינט אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, בערד און פּאות, שייטלען און קרינאָלינעס, פון טאַטעס, מאַמעס, באָבעס און זיידעס. אַזוי זיינען די בילדער פון די שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע געטראָגן געוואָרן אויפן בית=עולם — צו זייערע קברים. דאָרט האָט די גאַנצע מהנה זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, אַז יעדער יידישער געטאָ=קאָמיטעט זאָל זיי אָנווייזן די צוויי מעטער פאַר יעדן קאָפּ, וואָס איז פון דער מאַכט פאַר זיי באַשטימט געוואָרן צום וווינען אין געטאָ.

די איינציקע יידישע משפּחה, וואָס האָט ניט געדאַרפט אַריבערפאָרן אין געטאָ, איז געווען טאַמאַרעס. די כאַטע, ביים בית=עולם=וואַנט, אין וועלכער זי האָט געוווינט, איז געוואָרן אַריינגעצוימט אין געטאָ. מיט איין מאָל האָט זיך טאַמאַרעס משפּחה דערזען אַלס די גליקלעכסטע צווישן דער וואַלגערנדיקער זיך מענטשן=מאַסע אויף די קברים אונטערן רעגן. דאָס פינצטערע שטיבל מיטן האַלב=איינגעפאַלענעם דאַך און אויסגעבראָכענע שויבן האָט איצט אויסגעזען פאַר די אין געטאָ=פאַרטריבענע ווי דער וואַרעמסטער. רואיקסטער און ליכטיקסטער ערד=ווינקל

די נאַכט האַלט ביים צופֿאַלן, דאָס געטאָ־טויער ווערט באַלד אָפּגעשלאָסן, און ווער ווייס אויף ווי לאַנג. נאָך דעם היינטיקן טאָג איז דאָ די מעגלעכקייט אַריינצוכאַפּן אין געטאָ וואָס מען קען. מאָרגן וועט שוין שטיין אַ וואַך ביים טויער. שלעפּן יידן זייער ביסל אָרעמקייט, זאַכן געראַטעוועטע פֿון פּאָגראָם, מען האָט עס טאַקע ניט ווו אַהין צו טאָן. אַז אינגאַנצן וועט מען קריגן צוויי מעטער דירה פֿאַר אַ מענטשן. נאָר זאָל עס כאָטש ליגן אין געטאָ. אַז גאָט וועט העלפֿן מען וועט צוריק אַרויסקומען (און דאָס נאָך גאָר אין גיכן!). וועט מען האָבן מיט וואָס אָנצופֿאַנגען ווייטער לעבן. אַזוי האָט מען געחשבונט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן פֿאַר די מערדערס. „לאָמיר עס אויף האַלבן צעברעכן, אָבער זיי זאָלן פֿון אונדזערס קיין הנאה ניט האָבן.“ און דערווייל האָט מען דאָס גאַנצע האָב און גוטס געוואָרפֿן אויף די גערטנער, אַרום די געטאָ־הייזלעך, אַבי עס זאָל ליגן פֿון דער זייט דראָט

ג

טאַמאַרעס קינדער האָבן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטיבל די פּאָר בענקלעך, דעם דריי־פֿוסיקן טיש, די צעבראָכענע בעטלעך, אויסגעוואַשן די צעפּוילטע פּאָדלאָגע און אויף דעם אָרט אַריינגעשאַפֿט פּאָלירטע ווייכע בעטן מיט הויכע זייטן־קאַרניזן, שטולן באַצויגענע מיט העלן לעדער און אַ דריי־טיריקן שאַפֿ מיט אַ שפּיגל אין דער מיט. ביי די בעטן האָבן זיי איינגעשטעלט נאַכט־טישלעך, און פֿון נאָגל אַרונטער, אויף וועלכן אַ נאַפֿט־לאָמפּ איז געהאָנגען, האָט זיך איצט איבערן מיטן שטוב צעבאָמבלט אַ גרויסע עלעקטרישע לוסטרע, כאָטש קיין עלעקטרישער שטראָם איז אין שטיבל ניט געווען.

טאַמאַרע האָט זיך אומגעקערט אין שטוב מיט אַ פֿולן עמער. זי האָט אים פֿריער אַוועקגעטראָגן פֿול מיט הייסן טיי, פֿאַר די אָנגעקומענע אויפֿן בית־עולם, באַלד גלייך האָט זי זיך שוין אַריינגעכאַפּט צו אירע שכנים. די קריסטן, פֿון יענער זייט געטאָ. פֿון וועמען זי האָט געקראָגן צו ביסלעך עסן, די קינדער אירע זאָלן שוין תיכף מיטן שליסן דאָס געטאָ, ניט דאַרפֿן הונגערן. זי איז אַריין אין שטוב אַ פֿאַרפֿינצטערטע. אַ שטאָט יידן וואַלגערט זיך אויפֿן בית־עולם. היינט האָבן זיי זיך אַזוי צערעדט, די קריסטן, וואָס דאַכט זיך

שוין צענדליקער יאָרן לעבט זי מיט זיי אין גוטער שכנות, — נאָר אַזוינע מערדערס, אַז נעמען זאָל זיי. — האָט זיך אָנגעפאַנגען קייקלען אַ קללה פון אירע ליפן. נאָר די קללה איז דאָס מאָל איר געבליבן שטעקן אין האַלדז, ווי אַ ווערגענדיקער ביסן. איר ברייט מויל איז נאָך ברייטער געוואָרן און ווען אירע קרומע פיס האָבן זיך אַ קאַטשע געטאָן אַ טריט ווייטער און זי איז שטיין געבליבן פאַרן געשליפענעם שפיגל און זיך דערזען, — האָט זי ווי דערשראָקן פאַרענדיקט די קללה מיט אַ שפיי. שוין אָבער ניט אויף די קריסטן, נאָר אויף אירע בנים.

— ווו איז מיין בעט? מיין בעט ווו איז? ווער האָט אַרויסגעוואָרפן מיין בעט? אַז וואָרפן זאָל אייך, מערדערס, ראַזבויניקעס! איר זייט נאָך ערגער פון די כאַמעס; יידיש בלוט גיסט זיך, און איר פוצט אייך גאָר. אַז פוצן זאָל מען אייך שוין.

טאַמאַרעס אויגן זיינען געפאַלן אויף דער לוסטרע, און איר צעבראָכענער גוף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. די לאָמע פיס האָבן אָנגעפאַנגען טופען ווי אַ בריקענדיקער פערד. און מיט איין צי פון דער קרומער האַנט זיינען אַלע זעקס געלע אַבאַזשור-טעלער מיט זייערע אינעווייניקסטע לעמפעלעך צעשמעטערט געוואָרן אויף דער האַלבערדענער פאָדלאָגע. די אויבערשטע קריסטאַלענע באַפוצונג אַרום דעם לוסטרע-שטאַנג האָט זיך אַ צעשאָט געטאָן איבערן שטוב און מיט אַ דינעם קלינג-קלאַנג זיך פאַרקייקלט אונטער די בעטן. די פאַרגייענדיקע זון האָט אַריינגעקוקט דורכן איינציקן פענצטער פון שטיבל, זיך געוואָרפן אויף די קריסטאַל-קרישלעך און אָנגעפילט דאָס שטיבל מיטן מאַטן אָפגלאַנץ פון גאָלד. טאַמאַרען האָט דער גאָלד-אָפגלאַנץ נאָך מער צערייצט. מיט די קראַנקע הענט האָט זי אָנגעפאַנגען אַליין אַרויסשטופן דעם שאַף, שרייענדיק מיט קולי-קולות: „וואַרפט אַרויס דעם כישוף פון מיין שטוב”. די קינדער זיינען געשטאַנען שולד-באַוווסטע, פאַרציטערט און ניט גערירט מיט קיין אבר.

אַז טאַמאַרע האָט זיך גוט אויסגעשאָלטן און אויסגעזידלט, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג און אויסגעשריִען מיט אַ באַפעל: „וואַרפט אַרויס די בעטן, איך וועל אין זיי זיך ניט לייגן שלאָפן.“

ד.

טאַמאַרע האָט איצט געוואַנדלט צווישן די לעבעדיקע אויפן בית=עולם. אירע צעקרימטע פּיס האָבן זיך געשטרויכלט איבער די קברים=בערגלעך. זי האָט אַריינגעקוקט אין די אוהלים, ווו ס'האָבן זיך איינגעקוואַרטירט די משפּחות פון די טויטע. אַלע זיינען איצט געווען גלייך. און טאַמאַרע גלייך מיט אַלעמען. ניין, טאַמאַרען איז איצט געווען בעסער פון אַלעמען. האָט דאָך טאַמאַרע זיי היינט געבראַכט טיי. זי האָט געפילט, אַז איצט איז געקומען איר צייט צו העלפן אָט די, וועלכע האָבן איר תמיד געהאָלפן. אָבער ניט נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן איר געהאָלפן, איז זי איצט געגאַנגען מיט אַ טרייסט צו אַלעמען, נאָר ווייל זי קען איצט העלפן — זי מוז!

טאַמאַרע האָט געזוכט קינדער. קינדער, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פון געשאָכטענע, דערהרגעטע, פערשאָסענע טאַטע=מאַמעס. און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך. און אָט ליגט אַ שוואַנגערע פרוי. זי דאַרף יעדע מינוט געבוירן. האָט טאַמאַרע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו אַ פּאָר מענער: „טראָגט זי צו מיר”. און צו טאַמאַרעס וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. מען האָט געוווסט, אַז טאַמאַרע קען איצט העלפן. זי איז „איינגעאָרדנט”. זי האָט איר וווינונג אין געטאָ. פרומע ווייבער האָבן איר מקנא געווען: „אַ זכות, אַ זכות. טאַמאַרע איז אַ צדקית”. רייכע באַלעבאָסטעס האָבן איר אונטערטעניק צוגעטראָגן דעם „גוטנאָוונט”. געהאָלפן אירע קאַליקע פּיס מיטן איבערשפּרייזן די קברים. געשטופּט אַלץ מער קינדערלעך צו איר אַטריאַד, וואָס זי האָט מיט זיך געפירט. טאַמאַרע וואָס האָט זיך אַלעמאָל געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן, זיך געפּלאָנטערט אונטער די פּיס מיט קללות און געטומל, איז געבליבן תמיד אומבאַמערקט נאָר איצט, ווען זי איז געגאַנגען אַ שווייגעוודיקע און שטיל געפּאַכעט ווי מיט צעבראָכענע פליגל, איז זי פּלוצלונג געשטאַנען אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

טאַמאַרעס פּנים איז עפּעס איצט געווען מילדער, האָט פאַרלוירן דעם מענערישן אויסדרוק, אין דער קילער אָוונט=לופט צווישן די בית=עולם ביימער. אירע אויגן האָבן געזוכט, דער גאַנצער קרומער גוף,

וואָס האָט זיך געבויגן איבער יעדן איינגעגנורעטן, איבער די שוין האַלב שלאָפענדיקע יידן אויף די קברים, האָט גענישטערט צו געפינען.

אויפן בלויען הימל־דעק האָבן אַ בליאַסק געטאָן אַ פּאָר זיך שעמענדיקע שטערן, און אַ פול־חודשדיקע לבנה האָט געוווּנקען אויפן האָריזאָנט. טאַמאַרע האָט אויף אירע קראַנקע הענט געטראָגן צוויי זווג־יתומים. און אַ פּאָר צענדליק עלענטע קינדערלעך זיינען איר נאָכגעגאַנגען, זיך האַלטנדיק ביי די ברעגעס פון איר קלייד. הינטער די קינדערלעך זיינען געגאַנגען ר’ זרח דיין, וואָס איז איצט, נאָכן אומקום פון שטאָט־רב ר’ אהרון, דער מרא דאתרא. און מיטגעגאַנגען איז אויך ר’ האַצקל דער בעל־עגלה.

טאַמאַרע האָט דעם דיין ניט געוואָלט לאָזן שלאָפן אין דרויסן. וויפל ער האָט זיך ניט געווערט, דערקלערנדיק טאַמאַרן, אַז ער דאַרף שלאָפן דאָרט ווו אַלע יידן, האָט עס ניט געהאָלפן. טאַמאַרעס טרערן האָבן געפועלט; איר טענה איז געווען: „אַז איר, רבי, וועט זיך פאַרקילן, ווער וועט אונדז אין אַזאַ בלוטיקע צייט העלפן? דער רבי וועט נאָר איבערזיצן די פּאָר קאַלטע נאַכט־שעהן“. די בעלי־בתים האָבן דערביי צוגעהאָלפן: „אמת, טאַמאַרע זאָל געזונט זיין, איז גערעכט. גייט רבי“. און דער דיין איז געגאַנגען.

אויך ר’ האַצקל האָט ניט געוואָלט זיך רירן פון דער משפּחה, פון די יידן קרעמער, בעלי־בתים, וועלכע האָבן אים אַ גאַנץ לעבן מיט דרך ארץ פּרנסה געגעבן. נאָר אויך אים האָבן די אַרומיקע צוגערעדט: „גייט, ר’ האַצקל. ניט פאַר אייערע יאָרן צו שלאָפן אין דרויסן, איר זאָלט מאריך ימים זיין“. כאָטש ר’ האַצקל האָט זיך געשפּאַרט, געטענהט, אַז ער איז נאָך ברוך השם שטאַרקער פון די יונגע, אַז אַ נאַכט אונטערוועגס איז ביי אים ניט קיין זעלטנהייט. אָבער די קרעמער, וועלכע האָבן נאָך מיט אַ וואָך צוריק געהאַלטן פאַר געוויינטלעך, אַז האַצקל זאָל פאַר זיי דורך נאַכט פירן צוקער און נאַפט, הערינג און אייזן, האָבן היינט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז האַצקל זאָל נעכטיקן אויפן בית־עולם, אפילו אין זיין פורמאַנסקן פּעלץ.

און טאַמאַרע האָט דווקא געהאַט איר גרונט מיטצונעמען ר’ האַצקלען, ווייל ניט זעלטן האָט ער אויף איר רחמנות געהאַט אונטער=

פירנדיק איר לייפל קאַרטאָפל, אָדער אַ ביסל מעל אין שטוב אַריין, זי זאָל ניט דאַרפן שלעפן אויף איר צעבראָכענעם גוף.

ביי טאַמאַרן אין שטוב זייגען שוין געווען עטלעכע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער; יידן, וואָס האָבן געזוכט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפ. זיי האָבן צעהאָנגען זייערע משפחה-בילדער אויף די נעגל איבער די קרומע ווענט, כדי זיי זאָלן ניט צעבראָכן ווערן און געוואַרט אין שרעק אויף טאַמאַרן, זי זאָל זיי דערלויבן איבערזיצן אין איר שטוב.

דערזען טאַמאַרן האָבן די יידן זיך אַ הויב געטאָן, געוואָלט זיך אַנטשולדיקן, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי „צעלייגט“ אין איר שטוב. נאָר טאַמאַרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט: „לייגט אייך שלאָפן. עס וועט קלעקן פלאַץ פאַר אַלעמען. אַ גרויסע שטוב ביי מיר. גאָט צו דאַנקען. ווער דאַרף עס היינט סאַלאָנען?..”

ר' האַצקל מיט אַלע קינדער האָבן זיך געלייגט קווער אין די גרויסע בעטן, אויף די ווייכע מאַטראַצן. די שוואַנגערע האָט טאַמאַרע אויסגעבעט אין דער שמאָלער שוואַרצער קיך אויף שטרוי, איבערגעבעט מיט אַ ווייסן ליילעך. און פאַרזיכערט האָט טאַמאַרע, אַז זי אַליין וועט אָפנעמען דאָס קינד — אויב עס וועט נאָך געבוירן ווערן היינטיקע נאַכט. טאַמאַרע מיט אירע קינדער האָבן זיך געלייגט אויף דר'ערד, ביים אַריינגאַנג, פאַרשטופנדיק די פיס אונטער די בעטן, די אַנדערע יידן האָבן זיך זיצנדיק צוגעשפאַרט אויף די שטולן, דער גאַנצער חדר איז פול געווען מיט זיי און פון די ווענט האָבן אַראָפגעלויכטן גאַנצע יידישע דורות — אייביקייטן.

נאָר ר' זרח דיין האָט זיך ניט געלאַזט איבעררײדן, צו גיין שלאָפן: „גענוג, אַז איך בין אַריין אין אַ שטוב, אין דער צייט, ווען אַלע וואַלגערן זיך אויפן בית עולם“. ער האָט אומגעדרייט דאָס נאַכט-טישל, זיך געזעצט אויף אים און שטיל, שטילע ווערטער זייגען אַ גאַנצע נאַכט געפאַלן פון זיין מויל אין זיין לאַנגע באָרד אַריין, דורכגעמישט מיט זודיקע טרערן פון זיינע קליינע אויגן-שפאַלטן. פון צייט צו צייט האָט נאָר אַ טיפער אוי-זיפץ זיך אַדורכגעריסן פון זיין ברוסט און געוועקט די שלאָפנדיקע.

ה.

צומאָרגנס, נאָך דעם ווי טאַמאַרע האָט געגעבּן אירע געסט שוואַרצע קאַווע, האָט זי אַרויסגעשיקט די קינדער רופן אַלעמען, ווער עס וויל טרינקען אַ גלאָז וואַרעמס. די יידן זיינען געקומען און זי אַליין האָט יעדערן געגאָסן צו עטלעכע טעפּלעך שוואַרץ, הייס וואַסער. מען האָט עס גענומען מיט אַ דאַנק און בּאַגלייט געוואָרן פון טאַמאַרן מיט ברכות.

פּאַרנאַכט זיינען דערגאַנגען די אָרדנער־קאָמיסיע אין טאַמאַרעס הייזל. זיי האָבּן, ווי אומעטום, געמאָסטן מיט אַ מעטער־מאָס די לענג און בּרייט פון חדר און די צוויי מעטערדיקע קיך. אַראָפּגערעכנט דעם גרויסן ליימענעם בּאַק־אויוון, האָט עס אויסגעמאַכט 26 מעטער. די קאַמיסיע, דריי בּכבודיקע בּעלי־בּתים, האָבּן אַ ווײלע זיך געישובט, געהשבּונט צווישן זיך. וועמען מען זאָל אַהער אַריינלאָזן. ווייל לויטן צאָל מעטערס האָבּן דאָ געדאַרפּט אַריינגיין 13 נפשות מען האָט אָבּער געקענט אַהער אַריינזעצן אַפּילו 18 נפשות -- פון איין משפּחה. און דורך דעם געווינען אָרט, פּאַר די קלענערע חדרים, ווו עס קענען, למשל, אויף פינף מעטער טאָקע ניט אַריינגיין מער ווי צוויי מענטשן, ווייל פּאַר דריי איז שוין צו ענג, און אויף צוויי מענטשן פּאַרלירט מען דאָ אַ מעטער. די רעגירונג האָט פּאַרמאָסטן צוזאַמען, אַלע געטאָ־הייזער, וואָס מיינט אַכט טויזנט מעטער פּאַר פיר טויזנט יידן. איז אָט די מעטערס, האַלבּע און פערטלן, וואָס פּאַלן אַראָפּ בּיים פּאַרטיילן די ווינונגען, מוז געווינען ווערן אין די גרעסערע דירות, ווו מען קען אַריינזעצן איין אָדער צוויי גרויסע משפּחות אויף אַ קלענערער צאָל מעטערס. און די קאָמיסיע האָט געפּסקנט, אַז טאַמאַרע מיט אירע קינדער מוזן אַרויס פון שטיבּל.

די קאָמיסיע האָט זיך געשראָקן, געמיינט אַז טאַמאַרע וועט שרייען, שילטן, זידלען. נאָר זי האָט דווקא רואיק אויסגעהערט דעם אורטייל און נאָר געבּעטן מען זאָל איר דערקלערן, פּאַרוואָס עס קומט איר אַזאַ פּסק? און אַז די קאָמיסיע האָט איר איינמאָל און נאָך אַמאָל דערקלערט, האָט זי אַלץ ניט געקענט פּאַרשטיין.

,,פּאַרוואָס. האָט זי געטענהט, אַז איך נעם אַריין דעם דיין, די דיינטע מיט זייער טאָכטער און האַצקל דעם פורמאַן מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט, זיינען מיר שוין ניט 15, און די צוויי פיצלעך, די שיינע

מלאכים, די רונדע יתומימלעך, חיימס יינגעלע און נחמהס בּיידקאַלע. וואָס איך וועל זיין אַ מאַמע צו זיי און זיי וועלן טאַקע בּיידע חתונה האָבּן — האָט זי שוין דעם חשבּון פאַרטיק — זיינען מיר, אַזוי אַרום, ניט זיבּעצן. וואָס, איר ווילט 18? גוט, גיט נאָך אַ מענטשן.“

ניין! — שפּאַרט זיך די קאָמיסיע, — ר' האַצקל קען טאַקע בּלייבּן מיט איך, אָבּער דער דיין דאַרף האָבּן אַ צימערל פאַר זיך, און בּכלל קענען מיר דורך אייער דירה געווינען אָרט. מיר האָבּן ווייניק גרויסע דירות. וואָס זאָלן מיר טאָן מיט די גרויסע משפּחות, זיי מוזן דאָך זיין צוזאַמען.

טאַמאַרע טענהט אָבּער, אַז „אַכטצען איז אַכטצען“ און „פאַרוואָס זאָל טאַקע דער דיין ניט זיין בּיי מיר? אמת, עס פּאַסט טאַקע פאַר אים אַן אייגן צימער, אָבּער בּיי מיר וועט אים געהערן די גאַנצע שטוב. ער וועט לערנען איך האָב ליבּ צו הערן ווי מען לערנט. און דער עיקר — „איך לעבּ דאָך שוין אין דעם שטיבּל צענדליקער יאָרן, פאַרוואָס זאָל מען מיר עפּעס אַרויסוואַרפן?“

די נאַכט פאַלט בּאַלד צו און הונדערטער מענטשן וואַלגערן זיך נאָך אויפן בּית=עולם, וועמען מען מוז נאָך היינט איינאָרדענען. די קאָמיסיע איילט. זי דאַרף נאָך פאַרטיילן דריי הייזער, פון אָט דער געסל, וואָס איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן. און עס פאַלט דער בּאַפעל, צו די אָרדנונגס=דינסטלער, וואָס גייען הינטער דער קאָמיסיע: „אַרויסנעמען דאָס מעבּל!”

לאַכט טאַמאַרע: „איר קענט וואַרפן דאָס מעבּל, עס איז טיילווייז ניט מיינע, אָבּער איך ריר זיך ניט פון אָרט. „רופט דעם דיין; זאָל קומען דער עלטסטער פון קאָמיטעט, זאָלן זיי פּסקענען”.

— — —

ר' זרח דיין און מענדל פּרנס האָבּן אַ ווײַלע זיך אַדורכגערעדט און דער דיין האָט מיט אַ פעסטן קול געזאָגט: „דאָ וויל איך ווינען און זי האָט דאָ חזקה.“

די קאָמיסיע איז אַוועק. דער דיין און ר' האַצקל האָבּן אָנגעפאַנגען אַריינטראָגן, פון בּית=עולם, זייערע זאַכן אין טאַמאַרעס שטיבּל.

צווייטער טייל

אזוי
האָבן מיר
געלעבט

און מען האָט איז געטאָ געלעבט...

נאָך די געלע־שיינען אַקציע, (סעפּטעמבער 1941), אָפּצאָלנדיק די לעבנס־קאָנטריבוציע — אַ האַלבן מיליאָן מאַרק, גאָלד און פֿעלצן — איז מער קיין מאַסן־מאָרדן ניט פֿאָרגעקומען, ביז דער קינדער־אַקציע, (5טן נאָוועמבער 1943). טויט־שרעק, איינצלנע מאָרדן, מוטשערונגען, איבערגרופּירונגען, איבערפֿאַלן, אונטערזוכונגען, ארויספֿירונגען אין אַרבעטס־לאַגערן אויסערן געטאָ — שרעק, שרעק — דאָס איז געווען דער טאָג־טעגלעכער עסן. האָט מען זיך באַלד צו דעם געוווינט. מען האָט געטראָגן איינגעביסן צווישן די ציין דעם אייגענעם לעבן — און געלעבט.

פֿלעגט אַריבערגיין אַ וואָך אָן „באַזונדערע נייסן“, פֿלעגן די פּנימער זיך אויסלייטערן, אין געטאָ פֿלעגט אויפֿקלינגען געלעכטער; די סאַניטאַרע קאָמיסיע פֿלעגט גיין דאָן אויף רעוויזיעס; דער עלטסנראַט איז געוואָרן שטרענגער אין האַלטונג — פֿלעגן זיך דערפֿילן ווי מנהיגים, וואָס פֿאָרמירן און פֿירן דאָס לעבן, און אָנפֿאַנגען גלויבן, אַז זיי וועלן דערפֿירן צו אַ זיכערן ברעג; די געטאָ־אָרדנער (פּאָליציי) פֿלעגן ווערן שטראַמער אין זייערע באַפֿעלן און האַלטונג. די בלוי־אויסגעשטיקטע מגן דודס אויף זייערע ווייסע אָרעם־לענטעס פֿלעגן אָנפֿאַנגען קוקן האָפֿערדיקער, רופֿן דרך־ארץ צו זיך.

דאָס לעבן פֿון געטאָ־מענטשן איז געווען מיט שטורמישע איבערברוכן. פֿון טרויער צו פֿרייד (און אויך פֿאַרקערט) איז ניט געווען קיין גרויסער איבערגאַנג. דער באַגריף פֿון „היום נאכל כי מחר נמות“ (היינט וועלן מיר עסן בעפֿאָר מיר שטאַרבן מאָרגן) איז אויך, אומבאַוווסטזיניק, געוואָרן אַ תושב אין דער פּסיכיק פֿון געטאָ־מענטשן. מען האָט געלעבט מיטן טאָג, מיטן „גוטן“ טאָג; דעם בלוטיקן האָט מען זיך באַמיט צו פֿאַרגעסן. — אַ ייד, וואָס איז נעכטן געכאַפּט געוואָרן ביים אַריינברענגען אין געטאָ אַ

פּאַר קאַרטאָפּל און איז דערפאַר געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח — איז אויב אים איז נאָר מאָרגן געלונגען אַריינצוטראָגן און זיך זאַט אָנעסן — האָט ער שוין די נעכטיקע קלעפּ גענומען ווי אַ צופאַל, אָדער — וואָס נאָך ערגער — ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט; אַזוי מוז עס זיין; ער מוז דאָך ריזיקירן, די ליטווישע פּאָליציי דאַרף שלאָגן און — מען וועט אַזוי איבערשטופּן די קורצע צייט, וואָס איז נאָך געבליבן צו זיין אין געטאָ, ביז דער דייטשער מפּלה...

פון צייט־צו־צייט האָבן די דייטשן זיך גענומען אַ קרבן — און אויך דאָס איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

אַזוי באַלד ווי די דייטשן זיינען אַריין האָט דער ייד שוביץ, (1) זיך אַריינגעקראָגן אַרבעטן ביי דער שטאָטישער ס״ס־קאָמאַנדאָ. באַלד געוואָרן מיט זיי „באַפריינדעט“, געוווסט פון אַלע זייערע פאַרברעכנס, באַגאַנגענע רציחות. ביים אַריינגיין אין געטאָ האָט די ס״ס באַפוילן, ווי פאַר זייער אַ מענטשן, אים צו געבן אַ גוטע וווינונג. (אַלע אַרבעטער פון ס״ס־שטאַב און געביטס־קאָמיסאַריאַט האָבן געקראָגן אַ ספּעציעלן בלאָק). אין געטאָ האָט מען זיך פאַר שוביצן געהיט, כאָטש מען האָט ניט געוווסט אויף זיכער אויב ער דינט די דייטשן.

אַ פּאָר מאָנאַטן נאָכן אַריינגיין אין געטאָ האָט ס״ס אַרויסגעפירט שוביצן מיט זיין פרוי און זיי דערשאָסן אין קוזשער וואַלד. דאָס געטאָ האָט אויפגעציטערט און — באַלד פאַרגעסן.

אַז דער עלטסטנראַט האָט געמוזט (!) איבערגעבן דעם הענדלער גליצנשטיין צום טויט, איז אַ שוידער און שרעק אַדורך אין געטאָ. די הענדלער האָבן אָבער ווייטער געהאַנדלט, ריזיקירט און — פאַרגעסן.

און אַז מען האָט עפּענטלעך אויפגעהאָנגען בצלאל מזאָוויעצקן איז דאָס געטאָ אויך ניט אַרויס פון די טאָג־טעגלעכע ראַמען. אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ און אין ווילן אויסצוהאַלטן — האָט מען אויך דאָס באַלד פאַרגעסן.

---

(1) זיין ברודער, הירשל שוביץ, איז אומגעקומען אין קאָוונע, אין דער פּאָליציי־אַקציע, אויפן ניינטן פּאָרט.

אויף קיין פראָנט און אין קיין תפיסה האָט נאָך אַ מענטשן⸗מאַסע ניט געקעמפט אַזוי עקשנותדיק פאַר איר עקזיסטענץ, ווי די פאַרמישפטע יידן אין טאָל פון בלוט און טויט — אין געטאָ.

* * *

פון וואָס האָט מען געלעבט?

שאָול איז געווען אַ שטאָט מיט אַ רייכן מיטל⸗קלאַס און אַן עקאָנאָמיש⸗קרעפטיקן פראָלעטאַריאַט; טויזנטער יידן האָבן געאַרבעט אַלס ספעציאַליסטן אין דער לעדער⸗בראַנזשע, אין די פאַבריקן פון פרענקל, נוראַק, גלעזער א. א. און גוט פאַרדינט. שאָול איז אויך געווען אַ קאָמוניקאַציע קנופ — קאָוונע — ריגע. (אויפן וועג פון דער אַמאָליקער ליבאַווא — ראָמני אייזנבאַן⸗וועג). איז דער מסחר דאָ געווען גוט אַנטוויקלט און דער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער ווי פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַ סך אַ בעסער, ווי ערגעץ אין אַנדערע יידישע שטעט.

אַז די סאָוועטן זיינען אַריין אין ליטע, יוני 1939, האָבן סוחרים זיך גענומען אויספאַרקויפן, אַריינעמען געלט, צוליב דער באַלדיקער נאַציאָנאַליזאַציע פון אייגנטום; אַרבעטער האָבן אָנגעפאַנגען פאַרדינען אַ סך מער. (די אַנטווערטונג פון ליט, העכערונג פון לוין, ביי אַראָפגעזעצטע פרייזן אויף די געברויכס⸗אַרטיקלען — זיינען די אַרבעטער, אין יאָר פון די סאָוועטן, געוואָרן גבירים). יעדערער האָט אַזוי אַרום געהאַט הויפנס געלט. אין די געשעפטן איז נאָך געווען אַלץ צו קריגן, האָט מען זיך איינגעשאַפט חפצים, שטאָפן, מעבל, באַלעבאַטעשקייט וואָס ס'האָט געקענט קלעקן אויף יאָרן. און אויך עסן⸗זאַפאַסן, טראָץ די פאַרבאָטן מצד דער סאָוועטן⸗מאַכט, האָט זיך יעדערער אָנגעגרייט, אונטער די קלאַנגען אַז מען וועט שפעטער איינפירן אַ קאַרטן⸗סיסטעם.

אַזוי האָט, ביים דייטשן⸗אַריינמאַרש, זיך געפונען אין די יידישע היימען גענוגענדע זאַפאַסן פון אַלץ, אַז טראָץ די פלינדערונגען און רויבערייען, אין די ערשטע פיר פאָגראָם⸗וואָכן, האָבן דאָך אַ טייל יידן געראַטעוועט טיילווייז זייערע זאַכן, און דערמיט אַריין אין געטאָ.

אויך איז אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג, ביז זעקס טויזנט, דאָך שוין געווען אומגעבראַכט, ביים באַשטימען דאָס געטאָ, (1) האָבן די משפחה־אָנגעהעריקע מיטגענומען אין געטאָ די זאַכן, פון די „צו אַרבעט אַרויסגעפירטע“. (קיינער האָט דאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, אַז די פון טורמע און פון די בתי־מדרשים זיינען שוין דערמאָרדעט).

*

אין די 3 טעג, וואָס די קאָמיסיעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, באַשטימענדיק מי לחיים ומי למות, האַבן די וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו גיין אין געטאָ געקענט מיטנעמען פאָלגנדע זאַכן; פּראָ פּערזאָן:

3 פּאָר וועש; 2 אָנציגער (פּרויען: 2 קליידער); 2 פּאָר שיך; 1 מאַנטל; 2 לאַקנס; 1 קישן; אַ בעט, אַ שטול; קיך־געשיר; 3 מעטער האָלץ; אַ קוואַנטום שפּייז־פּראָדוקטן, אויף אומגעפער 1 וואָך.

אַלע אַנדערע זאַכן האָט געמוזט בלייבן פאַר די ליטווינער. (ווערטפולע זאַכן פלעגט די קאָמיסיע, די ליטווינער פּאָליציי און אַנדערע באַאַמטע צונעמען פאַר זיך, פּשוט גנבענען).

אָבער אין ערשטן טאָג, ביים אויפמאַכן דאָס געטאָ, איז נאָך ניט געשטאַנען קיין פּאָליציי ביים געטאָ־טויער און אויך אין די אַנדערע צוויי טעג האָט די פּאָליציי זיך געקענט שווער אָרי'ענטירן אין די פורן, וואָס זיינען געפאָרן הין און צוריק; די דראַטן אַרום די צוויי אָנגעצייכנטע געטאָ־ראַיאָנען זיינען נאָך אויך ניט געווען אינגאַנצן אויפגעשטעלט (יידן האָבן אַליין אַרומגעצוימט דאָס געטאָ), האָט מען אַריינגעפירט אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזן אַרויסכאַפּן פון די הייזער.

אין די מערסטע פאַלן איז אַזוי גיך ווי מען האָט נאָר אַרויסגעפירט די ערשטע פור זאַכן האָט מען ביים קומען אַ צווייטן מאָל

---

(1) אין שאַוול זיינען געווען ביים קריג־אויסברוך צען טויזנט יידן. אין געטאָ זיינען געווען פיר טויזנט אַכט הונדערט — אָבער דאָס שוין מיט די צירקאָ טויזנט יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך, אויף אַזאַ אָדער אַנדער וועג, געראַטעוועט פון די דאָרטיקע שחיטות.

שוין גאָרניט געפונען, אָדער די שכנישע קריסטן זיינען שוין געווען אין שטוב און ניט געלאָזט מער אַרויספירן. דאָך האָט מען אין דער ערשטער צייט געהאַט גענוג עסן, פון דעם וואָס מען האָט אַריינגעפירט מיט זיך מעל קאַרטאָפל, געטריקנטע סוכאַרעס. (גלייך ווי דער קריג איז אויסגעבראָכן האָט מען אָנגעפאַנגען טריקענען ברויט, זיך צוגרייטן זאַפאַסן). די נאָך געראַטעוועטע ווערטפולערע זאַכן האָט מען אין געטאָ תיכף פאַרשטעקט, באַהאַלטן, פאַרגראָבן.

אַ גרויסער טייל איז אָבער אַריין אין געטאָ בעירום והוסר כל: די וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די שהיטות אין פראָווינץ; די וואָס זיינען אַרויס פון טורמע גלייך אין געטאָ אַריין, און זייערע משפחות האָט מען דערווייל אויסגעמאָרדעט אין שטאָט; די וואָס זיינען אויסגערויבט געוואָרן אין די פיר פאָגראָם-וואָכן ביז לעצטן פאָדעם.

נאָר אויך די זאַפאַסן האָבן זיך אָנגעפאַנגען גאָר גיך ענדיקן און אין געטאָ האָט זיך אַריינגעריסן אַ שרייאיקער הונגער.

קאַאָפעראַטיוון:

אין די לעצטע וואָכן פאַר דער שאַפונג פון געטאָ, זיינען פאַר יידן געווען אָנגעוויזן צוויי קריסטלעכע שפייז-געשעפטן, ווו מען האָט געקראָגן אַ שטיקל ברויט. אין דער ריי ביי די דאַזיקע געשעפטן פלעגן שטיין מייסטן קינדער, ווי מיר האָבן שוין דערציילט: די גרויסע פלעגן מורא האָבן, ווייל פון די רייען פלעגט מען כאַפן אויף אַרבעט פון וועלכע מען פלעגט מער ניט צוריקקומען. מיט דער שאַפונג פון געטאָ האָט מען געעפנט אַ קאָאָפעראַטיוו אין געטאָ גופא; (אין די ערשטע2 טעג האָט מען געמעגט אַרויסגיין קויפן אין דעם ערשטן צום געטאָ קריסטלעכן געשעפט). דער קאָאָפעראַטיוו האָט אַרויסגעגעבן לעבנסמיטל-קאַרטן, אויף וועלכע מען פלעגט קריגן יעדן טאָג צוויי הונדערט גראַם ברויט, (שפעטער אַלץ מער פאַרקלענערט, ביז ניינציק גראַם). אַרבעטער אויף גאָר שווערע קאָמאַנדעס האָבן געקראָגן צוזעצלעך דריי ביז פיר פאַציק. (דאָס האָבן אָבער די דייטשן ניט געטאָרט וויסן, דאָס האָט געגעבן דער יידישער אַרבעטס-אַמט). פון צייט צו צייט האָט דער קאָאָפעראַטיוו אויך

אַרויסגעגעבּן אַ בּיסל מעל, צו הונדערט גראַם פלייש (דערפון אַ העלפט פערדן=פלייש), קאַרטאָפּל און גרינסן (זייער זעלטן).

די דאָזיקע צוטיילונג איז געווען צו ווייניק צו לעבּן, אָבּער ניט צופיל צום שטאַרבּן. עס האָבּן זיך אָנגעפאַנגען בּאַווייזן הונגער=געשוואָלענע, בּאַזונדערס אונטער קינדער.

שנאָרן:

די רעוויזיעס בּיים טויער זיינען געווען גרונטיקע און גרויליקע. פאַרקויפן זאַכן אין שטאָט איז אויך שווער געווען. די קריסטן האָבּן געהאַט גענוג אָנגערויבּטע יידישע האָבּ און גוטס. וואָס זיי האָבּן געוואָלט איז געווען: זייגערס, גאָלד, בּריליאַנטן. דאָס האָבּן ניט פיל געהאַט. און אויך די וואָס האָבּן דאָס פאַרמאָגט האָבּן ניט געוואָלט שוין אַוועקגעבּן. מען האָט דערזען, אַז דער קריג, וואָס מען האָט פריער געגלויבּט ער וועט אָט=בּאַלד זיך ענדיקן פאַרציט זיך און מען האָט דאָך געוווּסט, אַז ניט איין מאָל וועט מען נאָך דאַרפן זיך אויסקויפן פון טויט — האָט מען געהאַלטן פאַרשטעקט די ווערט=פולערע זאַכן, דורך וועלכע מען וועט זיך קענען אפשר ראַטעווען, ווי בּיים אַריינגיין אין געטאָ.

אין די ערשטע געטאָ=מאָנאַטן פלעגט אַיעדער פרימאָרגן מען אַרויספאָרן אַ פּור פון געטאָ אין די דערבּייאיקע דערפער, איינקויפן אויף אייגענער האַנט די פאַרן געטאָ בּאַשטימטע ראַציאָן קאַרטאָפּל און מעל. פלעגן די פּראָדוקטן=איינקויפער מיטנעמען אויסצובּייטן זאַכן אין די דערפער. שטילן דעם הונגער פון די 4.800 מענטשן האָבּן זיי ניט געקענט און דער הונגער האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט.

מענטשן מיט אַ שוואַכן כבוד=געפיל און טאַקע בּיי שווערע אַרבּעט האָבּן אָנגעפאַנגען שנאָרן. כּשעת דער אַרבּעט, אויסערן שטאָט, זיך אַריינכאַפּן אין די דערבּייאיקע פּויערים=הייזלעך, מיט אָדער אָן דער דערלויבּעניש פון אַרבּעטס=אויפזעער, און קריגן אָפט אַ טעלער זופּ, אַ שטיקל בּרויט און אויך אַמאָל אַ פּאָר קאַרטאָפּל אויף אַהיים. אויפן געטאָ לשון האָט עס געהייסן פּשוט: גיין אויף שנאַריטע. אָפט האָט מען געהערט:

— ביסט געווען אויף שנאַריטע?

האָסט געהאַט אַ גוטע שנאַריטע?*)

דאָס שנאָרן איז נאָך טראַגישער געווען, וואָס מען איז געגאַנגען ביי באַקאַנטע פויערים, ביי אַזעלכע ווו מען האָט געלאָזן זאַכן לפקדון, ביים אַריינגיין אין געטאָ. זעלטן ווען אַזאַ קריסט פלעגט אויפנעמען דעם „שנאָרער“ ווי אַן אייגענעם. מייסטן פלעגן די קריסטן, זעענדיק אָנקומען דעם יידן, אַוועקלייגן די נדבה אויפן שוועל און פאַרשליסן די טיר. דער ייד האָט אַפילו ניט געהאַט ביי וועמען זיך צו באַדאַנקען, און דאָס האָט נאָך מער דערנידעריקט.

* * *

דערווייל האָט מען, אונטערן דעק־מאַנטל פון קאָאָפעראַטיוו, אָנגעפאַנגען אַריינברענגען אין געטאָ גרויסע קוואַנטומס ברויט, מעל און אַרבעס. טיילווייז אונטערקויפענדיק די ליטווישע פאָליציי, טיילווייז פעלשנדיק די ליפער־שיינען. אין מיל און בעקעריי פלעגט מען שוין שטענדיק קריגן, פאַר גרויסע ספעקולאַטיווע פרייזן, מערפאַכיק, ווי ס'איז געווען די צוטיילונג.

אַזוי איז אומלעגאַל, אַ דאַנק דעם קאָאָפעראַטיוו, טיילווייז געשטילט געוואָרן דער הונגער.**)

פרילינג 1942 האָט אַ קאָלאָנע פון 100 מאַן געאַרבעט ביים עפענען קאַרטאָפל־גריבער, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אַ סך

* * *

---

*) די געטאָ־דיכטערין חנה כייטין האָט פאַרפאַסט אַ ליד „שנאַריטע“, וואָס גרויס און קליין האָט עס געזונגען מיט אַ טאַנגאָ־מעלאָדיע. מען האָט געוואָלט אויסלאַכן, אַריבערזינגען און פאַרזינגען די אייגענע טראַגישע געפאַלנקייט.

**) זאָל דאָ דערמאָנט ווערן משה דאָבקין, וועלכער האָט ריזיקירט דאָס לעבן, אַריינפירנדיק, אַן אייגן־נוצן, אַ פור אַרבעס. מען האָט אים געכאַפט און ער איז פאַרמשפט געוואָרן צו תליה. איז אָבער אָפגעראַטעוועט געוואָרן. אומגעקומען שפעטער פון הונגער, אין קאָנצענטראַציע לאַגער מילדאָרף, ביי דאַכאַו.

פּאַרפּוילטע. די יידן האָבֿן אויך געדאַרפט סאָרטירן די קאַרטאָפּל אין גוטע, האַלב=גוטע און גאָר שלעכטע. די ערשטע איז געגאַנגען פאַרן פראָנט און פאַר די דייטשע טרופּן אין שטאָט; די מיטעלע פאַר דער שטאָט=באַפעלקערונג און די .שלעכטע האָבֿן אָרעמע פויערים געמעגט נעמען פאַר זייערע חזירים. האָבֿן די יידן אויסגעפּועלט מען זאָל די פּאַרפּוילטע אַוועקגעבֿן פאַרן געטאָ. פון אַ צענטנער אַזעלכע קאַרטאָפּל פלעגט מען קענען אַרויסקלייבֿן ביז 4 קילאָ, און דאָס פלעגט מען אויך נאָר קענען עסן צעריבֿענע, (אויסקאָכן קניידלעך אָדער באַקן לאַטקעס), די יידן פלעגן אָבֿער מוזן נעמען דעם גאַנצן צענטנער פּאַרפּוילטע אין געטאָ; אָפּקלייבֿן אויפן אַרבעטס=פּלאַץ האָט מען ניט געטאָרט. איז דאָס געטאָ פאַרשטונקען געוואָרן פון דעם פּוילעכץ. די דאָקטוירים האָבֿן זיך אָנגעפאַנגען באַמיען מען זאָל אָפּשטעלן דאָס אַריינלאָזן די „קאַרטאָפּל“ אין געטאָ, ווייל ס'האָט געדראָט אַן עפּידעמיע. — נאָר דער הונגער איז שטאַרקער געווען פון אַלע מגפה=באַוואָרענישן.

אָפּט פלעגט מען זען אָרעמערע מענטשן, וואָס האָבֿן ניט געקענט קויפן אַפילו דאָס פּוילעכץ, און אויך אַזעלכע וואָס האָבֿן זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו קריגן אַ צענטנער פּאַרפּוילטע קאַרטאָפּל, פלעגן ליגן אויף די גערטנער און צוזאַמענזאַמלען דאָס פּוילעכץ, וואָס מען האָט שוין נאָכן איבערקלייבֿן אַרויסגעוואָרפן.

דאָס אַריינפירן די קאַרטאָפּל האָט מען געפּועלט פון געבֿיטס=קאָמיסאַר דורכן פעלדפעבֿל פון ה. פ. מ. בושמאַן. (אַ פּאַרטיי=מאַן און אַ באַרופס=סאָלדאַט, נאָר אַ כיטרער און עלטערער דייטש, וואָס איז צייטנווייז גרייט געווען „זיינע“ יידן צו העלפן. כאָטש זיין שטענדיקע טענה איז געווען: מיין האַנט איז ניט לענגער ווי זי איז, — געמיינט, אַז ער האָט ניט פיל צו באַשטימען). צו אָט דעם פעלדפעבֿל זיינען, אין שליחות פון עלטסטנראַט, געקומען בערע אַבראַמאָוויטש, (געוועזענער מיטגליד פון ליטווישן סיים און אַלטער אַרבעטער=טוער) צוזאַמען מיט א. זאַק, מיטברענגענדיק אַ שיינע מתנה. (אַ זייגער אָדער אַ לעדער=פּאָרטפעל?). זיי האָבֿן אים געבעטן ער זאָל דערלויבן אַ ביסל אָפּסאָרטירן די קאַרטאָפּל

און אויך צוגעבן פון די האַלב⸗גוטע. בושמאַן האָט זיי צוגעזאָגט. נאָר גראָד דעם טאָג איז געקומען אַן אינספּעקציע אויפן קאַרטאָפל⸗פלאַן, געהייסן אויסשיטן צום קאָנטראָל די פאָר פורן קאַרטאָפל, וואָס זיינען געווען שוין פאַרלאָדן פאַרן געטאָ.

פון דעם טאָג האָט מען פאַרבאָטן דאָס געבן פאַרן געטאָ אַפילו די פאַרפוילטע...

לאַבערן (גנבה):

אין געטאָ האָט מען עס ניט גערופן גנבה, נאָר לאַבערן — וועלן מיר עס אויך אַזוי רופן.

דאָס לאַבערן איז ניט געווען קיין שאַנדע, פאַרקערט גאָר, אַפילו אַ געוויסער שטאָלץ⸗געפיל, אַ נקמה⸗טאַט. „די דייטשן צאָלן אונדז ניט פאַר אונדזער אַרבעט — האָט מען זיך געזאָגט — מאָ לאָמיר אַליין זיך באַצאָלן“. געווען ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געלאַבערט גרויסע שכירות פון די דייטשן... עס פלעגט פאַסירן, אַז מען האָט דערפאַר באַצאָלט מיט אונטערגעהאַקטע לונגען און אויך מיטן לעבן. (פרוי ווארעיעס און אַנדערע פרויען פון דער ה.פ.מ.⸗קאָלאָנע). דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די געוואָגטע.

ווער ס'האָט ריזיקירט מיטן לעבן, כדי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן און ווער שוין — אום צו קענען הוליען, שיכורן און אַריינכאַפּן פון לעבן. ווער ס'האָט געלאַבערט אַ לייוונט⸗זעקל, זיך צו מאַכן אַ בגד דערפון, אָדער אַ שטיקל פוטער פאַר אַ קינד. און ווער ס'האָט (אין די לאַגערן פון ה.פמ.), געלאַבערט גאַנצע קאַסטנס ציגאַרעטן, שנאַפּס, קאָניאַק, פלייש, קאָמפּאָטן.

געלאַבערט האָט מען שוין, לעצטנס, כמעט אויף אַלע אַרבעטס⸗פלעצער, אַזוי, צום ביישפּיל, אַפילו אין אַ.טע. (אָרגאַניזאַציע טאָט), ווּ עס האָבן געאַרבעט שטענדיק צוויי הונדערט יידן, וואָס די הויפּט⸗אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרלייגן וועגן, רעלסן, דורכגראָבן קאַנאַלן, אויך דאָ האָבן אייניציקע געפונען מעגלעכקייטן צו לאַבערן — מען פלעגט פאַרקויפן צו די אַרומיקע פויערים נאַפט, טשוועקעס, ברעטער און אַפילו אַרבעטס⸗מכשירים. פלעגט מען זיך

מאַקע וויצלען: עס זיינען דאָ יידן וואָס אַרבעטן ביי בלאָטע און מאַכן גאָלד, און ווידער אַזעלכע וואָס אַרבעטן ביי גאָלד און מאַכן בלאָטע... (געמיינט די לאַ־יוצלהניקעס אויף גוטע אַרבעטס־פּלעצער).

*

פֿון שלאַכט־הויז פֿלעגט מען לאַבערן פֿלייש, שמאַלץ. שמאַלץ פֿלעגט מען אַריינטראָגן אין די שטיוול. די קצבים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין „מייסטאַם"־שלאַכט־הויז פֿלעגן טראָגן גרויסע שטיוול, אין וועמענס שפּיצן עס פֿלעגט אַריינגיין צו אַ פֿונט שמאַלץ און מער. דאָס שמאַלץ דורכגעמישט מיט פֿוס־שווייס פֿלעגט זיך אַריינפֿאַרמירן אין שטיוול־שפּיץ און די פּאָליציי פֿלעגט ניט איינפֿאַלן צו זוכן דאָרט. מיט קישקע פֿלעגן די קצבים זיך אַרומוויקלען דעם גאַנצן גוף, ווי מיט אַ צווייטע פֿלייש־שיכט.

ביזן אַריינטראָגן אין געטאָ פֿלעגט אָפּפֿאַלן שטיקער אייגענע פֿלייש, און דאָך האָט מען ריזיקירט.

*

גאָר גרויס און מיט אַ סך ריזיקע פֿלעגט לאַבערן די באַן־קאָלאָנע. דאָרט האָבן געאַרבעט זיבעציק מאַן און געהאַט אַלע יד־אחת. זיי פֿלעגן דאַרפֿן איבערפּאַקן וואַגאָנעס, פֿלעגן קאַסטנס „צעבראָכן ווערן" אונטער זייערע הענט.

אויף זיי פֿלעגט מען זאָגן, אַז זיי קלייבן זיך שוין פֿאַרקויפֿן אַ לאָקאָמאָטיוו...

לאַבערן פֿלעגן זיי שנאַפּס, מעדיקאַמענטן, (וואָס פֿלעגט גיין צום פֿראָנט). נאָר זייער הויפּט־אַרטיקל איז געווען זאַלץ, און זיי אַליין פֿלעגן זיך רופֿן „קאָלאָנע לאַבער די דרוסקע". — דרוסקע איז אין ליטוויש זאַלץ. — ביים אַרויסגאַנגס־טויער אינדערפֿרי צו דער אַרבעט פֿלעגן זיי, צוזאַמענרופֿנדיק זייערע חברים, אַליין שרייען: לאַבער די דרוסקעניקעס שטעלט זיך אויף...

אין געטאָ האָט דערפֿאַר קיינמאָל קיין זאַלץ ניט געפֿעלט. די באַן־קאָלאָנע פֿלעגט דאָס ברענגען. זיי פֿלעגן זיך אָנשיטן פֿולע הויזן

מיט זאַלץ, פאַרבינדנדיק אונטן די קאַלאָשעס. טאָמער אַ קאָנטראָל ביים געטאָ, פלעגן זיי נאָר אונטן אָפּבינדן און דאָס זאַלץ פלעגט זיך לייכט אַרויסשיטן.

פאַרדינט האָבן זיי אָבער ניט פון די קליינע קוואַנטומס, וואָס זיי פלעגן אַריינברענגען אין געטאָ, נאָר פון די גאַנצע פורן, וואָס זיי פלעגן פאַרקויפן אין שטאָט, צו די פויערים אַרום באַן.

*

די אַרבעטער אין פרענקל=לעדער=פאַבריק האָבן געלאבערט גאַנצע פעלן ווייכע לעדער, צעגאט, שיך און צודאַטן.

די ווייכע פעלן פלעגן זיי וויקלען אַרום זיך. זוילן און בינד=זוילן פלעגט מען אַריינלייגן אין די שיך.

די פרוי מאַלינקער האָט פאַר עטלעכע פאָר צעגאט באַצאָלט מיטן לעבן, בשעת אַן אומדערוואַרטעטע קאָנטראָל.

*

די יידישע פאָליציי פלעגט קריגן מתנות פון די אַריינטראָגער און העלפן אַריינברענגען.

דאָס לאבערן איז געווען אָנערקענט און אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט מצד דעם יידישן אַרבעטס=אַמט און פאָליציי. מען פלעגט זיך אָפט דינגען מיט אַרבעטס=אַמט: אונדזער גאַנצע משפחה גייט אויף אַ „טרוקענעם אָרט“, לאָזט מיר כאָטש וווּ מען קען עפעס האָבן... און דער אַרבעטס=אַמט פלעגט די דאָזיקע טענות אַ סך מאָל אָננעמען.

דאַס לאבערן איז אַזוי אַריין אין מאָדע, אַזש אין פאַרמעסטונג. און דאַך פלעגן יידן זיך וויצלען פאַרשעמטע: נאָכן געטאָ וועט זיין אַ מורא אונדז צו לאָזן וווּ אַרבעטן, מען וועט מיינען, אַז מען מוז לאבערן...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פרויען זיינען געווען מאַפפערער און געקענט די מלאכה פון לאבערן מער ווי מענער.

פון די געלאבערטע זאַכן האָט מען געמאַכט נייע מאָדעס אין געטאָ. אַזוי האָט מען איין צייט געבראַכט אין געטאָ זייער פיל

קאָפּ־שיצער. דאָס זיינען געווען דינע, פיין־געשטריקטע זעקלעך, מיט דריי אויסגעהאַקטע לעכלעך, וואָס זיינען באַשטימט געווען פאַר דער דייטשער אַרמיי אויפן רוסישן פראָנט. די כאַלדאַטן פלעגן דאָס אַריבערציען איבערן קאָפּ, צו שיצן פון פראָסט.

אין געטאָ האָט מען דערפון געמאַכט שיינע בלוזקעס, יאַקלעך, פרויען־קליידער, רעטוזן און הענטשקעס.

אַ גרויסע צאָל מעל־זעק איז געווען פון אַן איידעלן געוועב, האַלב לייוונט, האַלב זיידן. האָט מען זיי מאַסנהאַפט געלאַבערט, געפאַרבן און געמאַכט דערפון ספּאָרט־קליידער, הויזן, רעקלעך, כאַלאַטן און אַפילו מאַנטלען.

פון סאַלדאַטן־דעקעס און פוטער פון ווינטערדיקע שינעלן (געלאַבערט אין שניידעריי פון ה.ב.א., ווו ס'האָבן געאַרבעט טויזנט פרויען און פינף הונדערט מענער) האָט מען געמאַכט מאַנטלען און ספּאָרט־בלוזן.

דאָס גייעג צו לאַבערן, דער קאַמף פאַרן ביסן און קלייד האָט אַריינגעוואָרפן ווי אין אַ געווירבל; פאַרהאַוועט אין גייעג פאַרן מאָגלעבן האָט מען געהיט דעם אַרבעטס־פּלאַץ (דעם גוטן) און אַזוי לאַנג געלאַבערט צום לעבן, דורך קלעפ און קרבנות, ביז מען האָט דאָס לעבן פאַרשפּילט.

סאָציאַלע קיכן און הילף

דאָס לאַבערן האָט דאָך, ווי אַקטיוו דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן, ניט געקענט באַשפּייזן דאָס גאַנצע געטאָ. דאָס לאַבערן האָט פאַרמינערט די צאָל הונגעריקע. ביז 1000 מענטשן האָבן זיך דירעקט און אומדירעקט דערפון גענערט. אַבער דער גרעסטער טייל האָט ניט געקענט, ניט געוואַגט, מורא געהאַט צו ריזיקירן דאָס לעבן, וואָס איז דאָך אין געטאָ געהאַלטן געוואָרן אַזוי טייער. האָט מען געשאַפן צוויי סאָציאַלע קיכן, אין ביידע געטאָ־ראַיאָנען. די קיכן פלעגן אַרויסגעבן נאָר מיטאָג־זופּ. די נאָרהאַפטיקייט פון די זופּן איז אָפּהענגיק געווען פון דעם וויפל פּראָדוקטן דער קאָאָפּעראַטיוו פלעגט קענען אַריינשמוגלען אין געטאָ.

אַ סך מי און ענערגיע בײם אויפֿשטעלן די קיך אין קאַווקאַזער געטאָ־ראַיאָן האָט אָפּגעגעבן בירנער (אומגעקומען אין לאַגער שטוטהאָף) און אין טראָקוער געטאָ־ראַיאָן האָט אויפֿגעשטעלט די קיך שלאָמאָוויטש. דער האָט אויך אויפֿגעשטעלט די סאָציאַלע הילף בײם עלטסטנראַט. אַליין פֿלעגט שלאָמאָוויטש אַרומקריכן איבער בוידעמער, צוזאַמענזוכנדיק אַלטע קליידער און וועש, וועלכע ער פֿלעגט לאָזן צורעכטמאַכן אין געטאָ־שנײַדערײַ און עס אָפּגעבן די נויטבאַדערפֿטיקע. פֿאַר זײַן אַרבעט איז ער זייער געאַכט און געדאַנקט געוואָרן פֿון דער גאַנצער געטאָ־באַפֿעלקערונג. (אומגעקומען אין גאַז־קאַמער אין שטוטהאָף).

*

אָקטאָבער 1942, דעם ערשטן ווינטער אין געטאָ, האָט דער עלטסטנראַט מיר געבעטן אָנשרייבן אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג, מען זאָל געבן שיך און קליידער פֿאַר די נויטבאַדערפֿטיקע. איך האָב דעם אויפֿרוף געשריבן מיט אַ טיף אינערלעכן ציטער, ווי אַ הייליקייט וואָלט געלעגן אין די ווערטער — די ערשטע געשריבענע ווערטער צום געטאָ־ציבור. דער אויפֿרוף האָט זיך געענדיקט: —

„געטאָ־יידן! דווקא אין טאָל פֿון טויט און טרערן, אין געטאָ, וועלן מיר באַווייזן אונדזער געבונדענקייט פֿון ייד צו ייד — — איינער וועט ניט גיין באָרפֿוס, אַזוי לאַנג ווי אַ צווייטער פֿון אונדז וועט נאָך האָבן צוויי פּאָר שיך; איינער וועט ניט גיין אָן אַ מאַנטל — אויב בײם צווייטן וועלן זײַן צוויי — מיר וועלן זיך טיילן מיט אונדזער ברויט און קלייד און צוזאַמען טיילן אונדזער גורל“.

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפֿרוף, די ערשטע עפֿנטלעכע ווענדונג צום געטאָ־פֿאָלק.

אַלע האָבן זיך אָפּגערופֿן, ברודערלעך, וואַרעם, האַרציק.

צו אייניקע, וועמען מען האָט הושד געווען, אַז זיי האָבן ניט געגעבן גענוג — איז פּאָליציי געגאַנגען קאָנטראָלירן בײ זיי.

די דאָזיקע זאַמלונג האָט ניט געדעקט די נויטיקייט פֿון שיך. דער מאַנגל אין שיך איז געווען אין געטאָ גרויס. באַזונדערס האָט עס געפֿילט דער אַעראָדראָם־קאָלאָנע, וואָס פֿלעגט דורכמאַכן יעדן

טאָג 12 ביז 15 קילאָמעטער. האָט דער עלטסטנראַט געקראָגן אַ דערלויבעניש אויף אַ גרעסערן קוואַנטום ווייכע אָפּפאַל=לעדער פון דער פרענקל=פאַבריק, פון וועלכע מען האָט געמאַכט קלומפּעס (האַלין=שיך).

הנה כייטין האָט באַלד פאַרפאַסט אַ ליד „און די קלומפּעטשקעס שלאָגן פון ווייטן“, מיט דער מעלאָדיע פון „גלעקלעך קלינגען פון ווייטן“. פון ווייט=ווייט פלעגט זיך הערן דער עלנטמאַרש פון די באַהאַלטענע יידישע אַרעסטאַנטן=פיס.

בייטעניש

דורך די יאָרן געטאָ האָט מען זיך אויסגעלערנט און צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען. מען האָט שוין געקענט אַלע וועגן פון אַרעסטאַנטן=לעבן; ס'האָבן זיך אויסגעשליפן אייגנשאַפטן צו קענען איבערכיטרעווען די וועכטער און מען האָט אויך אָנגעשלאָגן געשעפטס=פאַרבינדונגען אין שטאָט. אַ טייל ליטווינער האָבן אויך, נאָך די ערשטע שיכרות=פרייד פון יידישן בלוט, אָנגעפאַנגען אַ גרויס פאַרצווייגטע ספּעקולאַציע — איז וואָס איז ביליקער געווען ווי אויפקויפן יידישע זאַכן, האַנדלען מיטן געטאָ, צושטעלן פאַר זאַכן פּראָדוקטן?— האָבן ליטווינער שוין געפונען וועגן צום געטאָ. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מסחר. מענטשן האָבן פאַרקויפט, צו ערשט די ווערטיקערע זאַכן און שפּעטער די העמד פון לייב. אַלין איז געווען אַן אַרטיקל. די זאַכן פלעגן די ליטווישע ספּעקולאַנטן (מערסטן פרויען) פירן אין דאָרף. דער ליטווישער דאָרף האָט געהאַט איבערגענוג מעל און פּוטער, פלייש, אייער און אַלע דאָרפס=אַרטיקלען. די דייטשן האָבן ראַבירט אין די דערפער; פלעגן זיך אַריינרייסן און אויסשיסן הונדערטער הינער, צונעמען אַלין וואָס זיי פלעגן געפינען (אָפיציעל, אין נאָמען פון דער מאַכט און סתם איינצלנע דייטשן). נאָר די פויערים האָבן זיך גיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן זייערע פּראָדוקטן, פאַרשטעקן, באַגראָבן און פאַרקויפן צו ספּעקולאַנטן, וואָס פלעגן זיי ברענגען יידישע זאַכן.

די פרייזן זיינען געווען:

פּאַר אַ נייעם גוטן בעטלאַקן — אַ קילאָ פּוטער. פּאַר אַ נייעם אנצוג — האָט איין מענטש געקענט זאַט זיין אַ חודש.

*

ווער עס איז אין געטאָ ניט געווען ניט מיטגעמאַכט אַליין דעם עקשנותדיקן קאַמף קעגן הונגער — דער וועט, נאָך אַלע שילדערונגען, ניט קענען באַגרייפן, ווי אַ מענטשן־מאַסע קען זיך דראַפּענען אין געראַנגל קעגן טויט.

*

אַלס קינד פּלעגט מיר מיין פאָטער שטענדיק דערציילן זיינע איבערלעבונגען אין די רעוואָלוציע־יאָרן אין רוסלאַנד; ווי אַזוי טויזנטער מענטשן פּלעגן שטיין גאַנצע נעכט אין די אָטשערעדן, וואַרטנדיק אויף אַ ביסן ברויט; ווי אין מאָסקווע האָבן טויזנטער געזוכט סקאַרינקעס אויף די מיסט־קאַסטנס.

מיין פאָטער פּלעגט מיר דערציילן און פאַרשטעלן די בילדער פון הונגער־קאַמף און הונגער־טויט. פּלעג איך זיך וווּנדערן און פרעגן: —

און קיינער איז ניט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד? ווי האָבן זיי געקענט לעבן אין טאָג־טעגלעכן הונגער און שאַנדע?

אין געטאָ פּלעג איך אָפט טראַכטן פון דעם, ווי קינדעריש עס איז געווען מיין וווּנדערונג, זעענדיק זיך אַליין אין ווילדן קאָראָהאָד פון בלוטיקן קאַמף קעגן הונגער־טויט, און זיך ראַנגלענדיק קעגן אים דורך יסורים, באַליידיקונגען און מיט אָפּגעטעמפּטער סבלנות.

אין געטאָ פּלעג איך אָפט טראַכטן וועגן דעם. און נאָך אָפטער זייענדיק שפּעטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו דער אויגן־אַרויסשטאַרצענדיקער הונגער און דער פאַרקראַמפּטער געראַנגל קעגן אים איז געווען גאָר אָן פאַרגלייך צום געטאָ — און צוזאַמען מיטן הונגער דער אָן ערך פאַרשטאַרקטער קאַמף צום לעבן.

ביזן קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַפילו אין געטאָ, האָב איך נאָך ניט געוווּסט ווי טייער עס ווערט דאָס לעבן אין אַנבליק פון אָפּענעם טויט.

וואָס האָט מען אין געטא געגעסן

אין געטאָ האָט מען געגעסן אַלץ. נאָר געווען גענוג איינוווינער וואָס האָבן אויסגעהיט כשרות.

פערדן=פלייש איז געווען אַ לוקסוס. אין די ערשטע צייט פלעגן יידן וויצלער, נאָך אַ פערדן=פלייש מיטאָג, אַרומגיין הירזשענדיק, געוואָלט אילוסטרירן, אַז דאָס פערד הירזשעט פון זיי אַרויס...

אַרבעס איז געווען, צוליב דער נאַרהאַפטיקייט, אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל און מען פלעגט מאַכן דערפון פאַרשיידענע געריכטן.

אין ערשטן ווינטער פלעגט מען אין אַ סך היימען קאָכן „חלהבוזע” (אַ בוזע אָדער פוזע מיינט עפּעס אַ בויך פול וואַסער. בוזע מיינט אויך אַ צוזאַמענמישעכץ). חלהבוזע איז געווען אַ שיטערע זופּ אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ גרויפּ, אַ פאַרפּוילט קאַרטאָפל, אַ מערל, אַן אַרבעס, אַלץ צוזאַמען. (מייסטנס אין גרעסערע משפּחות, ווי יעדערער פלעגט ברענגען פון דער אַרבעט עפּעס, פלעגט די פרוי און מוטער דאָס אַלץ צוזאַמענקאָכן, „צו פאַרשטאָפּן דעם הונגער די מויל“) אין דער חלהבוזע האָט מען אויך אַריינגעלייגט שטיקלעך ברויט, וואָס פלעגן געבן די זופּ אַ ברוינעם פאַרב. (אין קאַצעט האָבן די לאָדזער יידן געבראַכט די פּאַטראַווע פון אויסקאָכן הונדערט גראַם אָדער ווייניקער ברויט אין אַ ליטער וואַסער. גערופן האָבן זיי עס פּשוט: ברויט=זופּ).

באַלעבאָסטעס, וואָס פלעגן ניט גיין אויף אַרבעט, און אין דער ערשטער צייט זיינען פרויען פון גרויסע משפּחות ניט געווען געצוווּנגען צו גיין אויף אַרבעט, פלעגן זיי זיך באַמיען, פון די זעלבע אָרעמע פּראָדוקטן מאַכן געריכטן, מאכלים, צום אָפּנאַרן דאָס אויג; מאַכן שוועמלעך פון בוריקעס; געהאַקטע הערינג פון קרויט און באַשיטן מיט צעריבענע מערן, אָנשטאָט איי=געלכל; קרויט=קאָטלעטן; בוריקעס אין זיס און זויער אָנשטאָט הערינג; זיס=וואַסער אַלס קאָמפּאָט (געזיסט מיט סאַכאַרין, וואָס מען האָט אין געטאָ אַ סך באַנוצט און פאַרפאַרבן מיט מאַלינע אָדער קאַרשן=סאָק, וואָס מען האָט נאָך אַריינגעפירט אין געטאָ).

געשיקטע באַלעבאָסטעס האָבן זיך באַמיט, אַז זייער טיש זאָל זיין זאָרגפֿעליק סערווירט — מיט אַ ווייס טישטוך, מיט די זעלבע עס-געשיר ווי אין שטאָט, מיט סאַלפֿעטקעלעך און יעדער זאָל האָבן זיין שטענדיק אָרט ביים טיש. דאָס אַליין האָט אַ סך געהאָלפֿן ברעכן דעם פּסיכאָלאָגישן הונגער, וואָס איז געווען דער שטענדיקער באַגלייטער פֿון פֿאַקטישן הונגער.

*

ביי אונדז אין שטוב האָט מען, איין צייט, געשטיקט אין זיך דעם הונגער און אים פּסיכאָלאָגיש אינגאַנצן צעבראָכן. נאָר מיין רעכטער פֿוס האָט זיך פֿאַרעקשנט, זיך ניט געלאָזט אַפּנאַרן און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געשוואָלענעם געלעכטער, פֿון אַלע די שכלדיק-פּסיכאָלאָגישע איינווירקונגען אויף איר...

דירות

יעדער איינער האָט אין געטאָ נאָר געוואָלט איינהאַלטן מיט די לעצטע מיטלען דעם איינדרוק פֿון היימישקייט, אויפֿהאַלטן דאָס פֿאַמיליע-לעבן, די אינדיווידועלע משפּחהדיקייט, זיך ניט געלאָזט פֿאַרוואַנדלען אין אַ לאַגער מענטשן, וואָס טראָגט אָנגעבונדן זיין עס-שיסל אויפֿן זייט, די לעפֿל פֿאַרשטופּט אין כאַליאַווע און שלאָפֿט אויף געמיינזאַמע נאַרעס. מען האָט אַדורכגעצוימט די שטיבער. יעדער האָט אָפּגעצוימט, מיט לאַקנס און פֿאַרהאַנגען די פּאָר מעטער, וואָס האָט אים געהערט. די צימערן פֿלעגן אויסזען ווי סצענעס, פֿאָרהאַנגען פֿלעגן זיך עפֿענען און פֿאַרציען. באַלעבאָסטעס האָבן זיך באַמיט אויספּוצן זייער ווינקעל, דעם קליינעם משפּחה-נעסט, מאַכן אַנגענעם, געמיטלעך די ענגע ד׳ אמות.

געווען הייזער ווו ס׳האָבן געלעבט פֿיר און מער משפּחות צוזאַמען, געפֿירט איין קיך. די שלאָף-געלעגערס זיינען אָבער דאָך געווען מיט פֿאָרהאַנגען פֿאַרצויגן און ביינאַכט האָט יעדער געהאַט זיין פֿאַמיליע-צימער. גרויסע צימערן פֿלעגן אויסזען ווי פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ נעץ טעלעפֿאָן-דראָטן. דורך דער לענג און ברייט פֿון שטוב פֿלעגן זיך קונציק קרייצן דראָטן אָדער שטריקלעך, אויף וועלכע

עס זיינען געפֿירט געוואָרן די פֿאַרהאַנגען. דאָס איז אויך געווען די צניעות פֿון יידישן משפּחה־לעבן.

מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט חתנים און געליבטע פּלעגן קונציק ארומצוימען זייער בעטל אָדער נאַרע און, אַזוי אַרום, זיך שאַפֿן אַ קליינעם בודואַר, אַן אינטים ווינקעלע.

די בעטן פּלעגן בייטאָג פֿאַרבעט ווערן ווי סאָפֿעס. ניט זעלטן פּלעגן אין די אָוונטן זיך פֿאַרזאַמלען יונגטלעכע אין אַזאַ אָפּגעצוימטן ווינקעל, זיך צוזעצן אויף דער „סאָפֿע" און פֿאַרציען אַ ניגון, צעפֿלאַמען דיסקוסיעס און פֿאַרטרייבן מיט גוואַלד די אויסזיכטסלאָזיקייט.

— אַריינגייענדיק אין אַ שטוב צו גאַסט פּלעגט מען אָפֿט הערן: — קומט אויך אַריין צו מיר... דאָס האָט געמיינט הינטער יענעמס אָפּצוים.

צוליב דער ענגקייט האָבן אַ סך אויפֿגעשטעלט טאָפּלט־נאַרעס, אָדער אנשרויפֿן איין בעט אויף דער צווייטער. די מערסטע צאָל געלעגערס פּלעגן באַגינען ארויסגעטראָגן ווערן אויפֿן הויף. ביים זיך לייגן שלאָפֿן איז זעלטן געווען אַ מעגלעכקייט צו שטעלן אַ פֿרייען שפּאַן. אויפֿשטיין פּלעגט מען מוזן מיט אַ סדר — צוערשט דער וואָס פּלעגט שלאָפֿן ביים טיר.

די געטאָ־היימען זיינען געווען זוויבער. פֿון ענגקייט האָבן זיך אָבער אָנגעפֿאַנגען פּלאדן וואַנצן. נאָר די באַלעבאָסטעס פּלעגן זיי ברעגען און בראָטן אָן רחמנות.

די הויפּט צרות זיינען געווען אין קיכן, ביים פּליט. אין אַ שטוב פֿון צוואַנציק פּערזאָן — פֿיר ביז אַכט באַלעבאָסטעס אויף איין פּליט. און אַלע האָבן דאָך געוואָלט קאָכן דווקא אין איין צייט, ווען דער מאַן מיט די קינדער קומען פֿון דער אַרבעט. פּלעגן גאָר אָפֿט אַרויסקומען סקאַנדאַלן, קריגערייען צוליבן קיך.

מיט דער צייט איז אויך דאָס פּראָבלעם געלייזט געוואָרן. באַלעבאָסטעס האָבן זיך איינגעשטעלט, אַן עצה געגעבן, מיט גוטן דורכגעקומען.

די דייטשן פלעגן, פון צייט־צו־צייט, אַרויסרייסן אַ פּאָר הייזער פון געטאָ־ראַיאָן, מאַכן קלענער דאָס געטאָ. פלעגט מען תיכף איינקוואַטירן די אָן־דירות געבליבענע. נאָר ניט זאָגן און זיך באַקלאָגן פאַר די דייטשן, אַז עס איז ענג. ווייל זיי האָבן נאָר אויסגעוואַרט אויף דעם, כדי גלייך „באַקוועמער" צו מאַכן — אַרויספירן, אויסזידלען, דערמאָרדן.

צוליבן זעלבן טעם האָט מען אויפגעפּאַסט די וווינונגען זאָלן זיין וואָס זויבערער, ווייניקער בעטן, ווייניקער אָנגעשטעלט, ניט מאַכן דעם איינדרוק פון ענגקייט און וואָס ווייניקער געדיכטקייטן פון מענטשן אויף די געטאָ־געסלעך — די דייטשן זאָלן ניט „מורא" האָבן פאַר אַן עפּידעמיע פון געטאָ.

דער דאָקטאָר בורשטיין, אַ דייטשער ייד, האָט איינמאָל, בשעת אַן איבערזידלונג, ניט האָבנדיק אַזאַ צימער ווי ער האָט געוואָלט, זיך דערלויבט אַ סטראַשע צו טאָן, אַז ער וועט זיך באַקלאָגן פאַר די דייטשן, ווייל אַלס אַרצט קומט אים אַן ענטשפרעכנדע וווינונג. (ער האָט געהאַט ביי די דייטשן אַ שטיקל פּראָטעקציע). דער עלטסטנראַט און די געטאָ־באַפעלקערונג האָט די סטראַשונעק קיינמאָל ניט פאַרגעסן און זיך באַצייגן צו ד״ר בורשטיין מיט חשד און פאַראַכטונג.

געווען טיפן, געציילטע, פון דער אונטערוועלט און פון דער „אויבערוועלט", וואָס נאָר די שטאַרקע אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע מאָראַל האָט געהאַלטן אין צוים זייערע ענגהאַרציקע, סנאָביסטיש־פאַרדאָרבענע גלוסטעניש.

באַהייצונג און באַלייכטונג

אין שאַוועל איז ניט געווען קיין צענטראַל־הייצונג און יידן, בעלי־בתים, פלעגן האָבן אָנגעגרייט שטאַלן האָלץ, פון איין יאָר אויפן צווייטן. האָבן אַזעלכע אַריינגעפירט אין געטאָ גענוג האָלץ. דער גרעסטער טייל האָט אָבער ניט געהאַט קיין אָנגעגרייטע, אָדער ניט געהאַט קיין פורן, ביים אַריינגיין אין געטאָ.

דער ווינטער איז אָנגעפֿאַלן אַ פּראָסטיקער און די דייטשן האָבן ניט געלאָזט אַריינטראָגן קיין שפּענדל. האָט מען אָנגעפֿאַנגען ברעכן פּליינקענער. ביינאַכט פֿלעגט מען הערן שטילע קרעכצעס, פֿון זיך ברעכנדיקע פֿאַרקאַנעס. האָבן די גויים, וועמענס די געטאָ־הייזלעך זיינען געווען, דערזען דורך די געטאָ־דראָטן די פּלאַנקנלאָזע גערטנער און אַוועק מיט דעלעגאַציעס זיך באַקלאָגן צו דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג. (וואָס זיי האָבן געמאַכט פֿון די יידישע הייזער אין שטאָט, אין וועלכע זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן — פֿאַרשמוצט און צעבראָכן — דאָס האָבן יידן זיך דאָך ניט געקענט באַקלאָגן). איז דער עלטסטנראַט געצוווּנגען געוואָרן אַרויסצוגעבן שטרענגע פֿאַראָרדענונגען און שטראָפֿן פֿאַרן ברעכן די פּליינקענער. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. דער פֿראָסט איז שטאַרקער געווען ווי די שרעק פֿאַר דער שטראָף. פּאָליציי פֿלעגט ביינאַכט ליגן פֿאַרשטעקט הינטער פֿאַרקאַנעס, אָפּוואַרטן ווער עס וועט קומען עס איינברעכן — פֿלעגט ניט זעלטן פֿאַלן אַ גאַנצער פֿאַרקאַן אויף זיי.

צוערשט האָט זיך יעדערער באַמיט צו רייסן אַ פֿרעמדן פֿאַרקאַן, ווייל די פּאָליציי פֿלעגט דאַן מאַכן רעוויזיעס אין די צום אָפּגעבראָכענעם פֿאַרקאַן נאָענטע הייזער. שפּעטער האָט מען שוין געבראָכן די אייגענע, מיט גאָרניט זיך גערעכנט, אַבי דערוואַרעמען דעם פֿאַרפֿרוירענעם גוף.

דאָס אָפּברעכן די פֿאַרצוימונגען האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס גוטע סטראַטעגיע גאָר, צום נוצן פֿון געטאָ: אין צייטן פֿון רעוויזיעס פֿלעגט מען זיך לייכט באַוועגן פֿון איין הויז צו דער צווייטער, איבערטראָגן זאַכן אין שוין דורכגעזוכטע הייזער, זיך ראַטעווען לייכטער פֿון כאַפּעניש. דאָס גאַנצע געטאָ איז געוואָרן נאָענטער, היימישער — אָן פֿאַרצוימונגען...

די פֿאַרקאַנעס זיינען גיך פֿאַרברענט געוואָרן און דער ווינטער איז ערשט געווען אין זיין צעבלי.

די דייטשן האָבן דערווייל געגעבן אַ האָלץ־צוטיילונג, וואָס די יידן האָבן געמוזט אַליין אַרויספֿירן פֿון וואַלד. מיט דער אַרבעט

האָט אָנגעפירט סארפאנאוויטש און דערביי געלאָזן זיין לעבן, אַראָפּפאַלנדיק פון אַן אויטאָ האָלץ.

דעם טאָג אין וועלכן מען פלעגט אַריינפירן די פּאָר מעטערס האָלץ אין געטאָ פלעגן מענטשן זיך שלאָגן, זידלען, זיך שטופּן אין די לאַנגע רייען נאָך די פּאָר שייטלעך האָלץ.

דעם צווייטן ווינטער איז די האָלץ־פראַגע געווען אַ סך אַ לייכטערע. ערשטנס האָבן די דייטשן, זומער שוין, דערלויבט אויסהאַקן אַ שטיק וואַלד. זיינען אַלע געטאָ־מענער געפאָרן צוויי זונטיקן אין וואַלד און אָנגעגרייט האָלץ פאַרן ווינטער:

דעם צווייטן ווינטער איז אויך דערלויבט געוואָרן אַריינצוטראָגן האָלץ פון אַרבעטס־פּלאַץ, אויף זיך, וויפל כוחות יעדער האָט געהאַט. זיינען געווען אַזעלכע וואָס פלעגן שלעפּן, זיך ברעכנדיק אונטער דער משא, אַ פערטל מעטער האָלץ אויפן פּלייצע, 5 און 6 קמ.

אַ גרויסע קאָלאָנע יידן האָבן געאַרבעט אין „שטראלא", אַ פּאַבריק וואָס האָט געזעגט האָלץ פאַר די גאַז־גענעראַטאָרן, פלעגט זייער לאבער־אַרטיקל זיין האָלץ. האָלץ האָט מען געקענט אין געטאָ לייכט פאַרקויפן, אַדער אויסבייטן אויף פּראָדוקטן.

די הונדערטער יידן וואָס האָבן געאַרבעט אַרום די באַן־רעלסן פלעגן ברענגען גאַנצע באַן־שוועלן.

מען האָט זיך געקליגט ארומצובינדן דאָס האָלץ אויף די פּלייצעס אַזוי אַז ס'זאָל לייכטער זיין צום טראָגן: מען פלעגט צוזאַמענבינדן צוויי אָדער פיר האַלבע מעטער האָלץ אין טראָגן איבער די פּלייצעס פאַרוואָרפן, אַ העלפט אויפן ברוסט און אַ העלפט אויפן רוקן, פלעגט די גלייכגעוויכט פאַרלייכטערן די משא. אַז ס'פלעגט זיין גלאַט־גליטשיק פלעגט מען אַרומבינדן די האָלץ מיט אַ שטריק, אָנבינדען עס אָן זיך און שלעפּן ווי אַ שליטל.

דאָס בילד, ווי הונדערטער מענטשן, פאַרפראָרענע, הונגעריקע, צוזאַמענגעבראָכענע שלעפּן יעדערער אויף אַ שטריק אַ שטיק האָלץ — אָט דאָס גרויזאַמע בילד וואַרט אויפן גרויסן מאַלער.

*

אין ביידע געטאָ-ראַיאָנען איז געווען עלעקטרע. (אויסער ווייניקע הייזער). נאָר עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן איבערצופרענען דעם צוגעטיילטן קליינעם צאָל קילאָוואַטן. עפעס אָנוואַרעמען אויף עלעקטרע האָט מען ניט געקענט.

דאָס געלט פאַר עלעקטרע פלעגט אויפמאָנען אַ גוי, דער לייטער פון ווינונגס-אַמט (בוטי סקירום). ער פלעגט אויך איינמאָנען, דורך די יידישע גאַסן-עלטסטע, די דירה-געלט.

פראָדוקציע מלאכה און האַנדל

דער „לכו התפרנסו זה מזה" איז מקוים געוואָרן אין געטאָ. מען האָט געלעבט איינער פון אַנדערן. אמת, מען איז אָנגעקומען צום שטאָט, מען האָט געמוזט אָנקומען צום דאָרף, אָבער יידן האָבן אויך אַליין אויסגענוצט יעדע פרייע שטיקל ערד אַרום די הייזער, פלאַנצנדיק קאַרטאָפל, קרויט, מערן, ציבל, און אויך אַ פאָר בלומען. אונטער דער אויפזיכט פון גערטנער יעקב סמילג זיינען באַאַרבעט געוואָרן די קהלישע גערטנער, ווי די שטיק ניט באַקברטע בית-עולם-פעלד. סמילג האָט אויף די דאָזיקע קהל-שטחים אַליין אַגריקולטיווירט קרויט און אַנדערע פלאַנצונגען פאַרן גאַנצן געטאָ. עס האָט צייטנווייז אויסגעזען, ווי דאָס געטאָ וויל ווערן אומאָפהענגיק פון שטאָט, אין וואָס עס לאָזט זיך נאָר, און פון דער אַנדער זייט האָט דאָס געטאָ פאַבריצירט און צוגעשטעלט פאַרן שטאָט.

בערשט-פאַבריק:

מען האָט אָנגעפאַנגען אַרבעטן אין שטאָט, באַלד אַריבערגעהויבן די אונטערנעמונג אין געטאָ, צוליב לעבנס-קאַלקולאַציע: זאָלן די בערשטלעך אַרויס דירעקט פון געטאָ און זאָלן די דייטשן זען די יידישע לייסטונגען. אין געטאָ האָבן אויך געקענט זיך באַשעפטיקן מיט דעם פרויען, פון קליינע קינדער, וואָס פלעגן זיך אַריינכאַפן בשעת דער אַרבעט צו זייערע עופעלעך.

אָנגעפאַנגען אַרבעטן האָט מען מיט ווייניק מענטשן. מען האָט אָבער באַלד אַליין באַזאָרגט דראָט, באַרשטן, האָר, האָלץ — ביז

דאָס פאַבריק האָט שוין באַשעפטיקט 150 מענטשן, צום גרעסטן טייל פרויען, עלטערע און קראַנקע, וואָס האָבן געהאַט דאָ אַ וואַרעמען אַרבעטס=פלאַן מיט יידישע אויפזעער.

דאָס פאַבריק האָט זיך אַלײן פאַרגרעסערט, אַריבער פון איין רוים אין אַ צווייטן.

נאָך אַ צופעליקן באַזוך פון געביט=קאָמיסאַר — האָט ער פאַראָרדנט אַרויסצוהייבן דאָס פאַבריק אין שטאָט און אָנשליסן צו ה.פ.ט. נאָר אויך דאַן איז דאָס געבליבן אַן אויטאָנאָמע יידישע אונטערנעמונג.

לאַבאָראַטאָריע:

אין טראַקאָווער געטאָ=ראַיאָן איז געווען אַ לאַבאָראַטאָריע. פון מערעלעך האָט מען דאָ אויסגעאַרבעט סאָק (סיראָפ) פאַרן געטאָ. מען האָט פאַבריצירט ציין=פולווער און פודער פון קרייט. טינט און עמאַלין.

אין לאַבאָראַטאָריע האָבן געאַרבעט עטלעכע אַפטייקער ווי אויך אינטעליגענטע יידן, וועמען דער עלטסטנראַט האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פון פיזישע אַרבעט, וואָס זיי וואָלטן ניט אויסגעהאַלטן און וואָס איז דאָך פאַרבונדן געווען מיט קלעפ און בזיונות. פאַר די דייטשן האָט עס אָפיציעל געהייסן, אַז מען אַרבעט דאָ אויך אויס מעדיקאַמענטן, פון גראָזן און קרייטעכצער, פאַר דער געטאָ=אַפטייק.

*

אין זעלבן רוים האָט זיך אויך געפונען די געטאָ=שניידעריי. דאָ האָט מען איבערגעאַרבעט בגדים, פון זעק, פאַר דער סאָציאַלער הילף.

אין שניידעריי האָבן געאַרבעט און געווען סתם צוגעשריבן, אויסער עטלעכע שטילנדע מוטערס און קראַנקע — די פרויען פון פאָליציסטן און אַנדערע באַאַמטע.

קליינע ווערקשטובן:

אין געטאָ זיינען געווען קליינע ווערקשטובן, שלאָסער, סטאָלער, מויערער, שוסטער, שניידער, מיט אַ צענדליק אַרבעטער און

מער אין יעדערע. זיי האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן און אויך פאַרן געטאָ. אַלע מעבל און אַנדערע באַשטעלונגען. פון די דייטשע ממונים אויפן געטאָ פלעגט פינקטלעך און מיט אַ סך מי אויסגעפירט ווערן. די דייטשן האָבן עקספלאטירט די ווערקשטובן וויפל זיי האָבן נאָר געקענט, ניט פרעגנדיק פון וואַנעט מען נעמט די רוי=שטאָפן.

*

דער שוסטער קאפעליוש איז, אַדאַנק זיינע גוטע אַרבעט, געוואָרן זייער נוצלעך פאַר דער ס״ס. דורך טאָג און נאַכט פלעגט ער אַרבעטן פאַר זיי. זיינע אַרבעטן האָבן זיי געשיקט מתנות פאַר די פרויען און משפחות זייערע אין דייטשלאַנד.

קאפעליוש מיט זיין גאַנצע פאַמיליע האָט געהאַט הונדערטער לעבנס=פאַרזיכערונגס=פאַפירלעך. אין טאָג פון דער קינדער=אַקציע איז אַ ספּעציעלער דייטשער וואַך=פאָסטן געשטאַנען און אָפּגעהיט ביי זיין טיר, מען זאָל ניט אַרויספירן די קינדער פון „זייער” יידן.

*

ס״ס האָט אויך געהאַט איר אייגענעם שניידער. זיי האָט אַפילו ניט געשטערט זיין שיינע באָרד. די איינציקע עפּנטלעכע יידישע באָרד. מיט שינעלן פון אויבערשטורעמפירערס אויפן אָרעם, דווקא מיט אַלע פאגאנעס, טויטן=קעפּ און בענדלעך אויף אַרויף, פלעגט דער שניידער, בערל מושניצקי, זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן, טראָגנדיק מיט זיך פאַרשיידענע לעבנסמיטל אונטערן פאַרדעק פון שינעל. דער שינעל איז געווען זיין פאַנצער. דאַרפנדיק אָפּנעמען עפּעס אין שטאָט, פלעגט ער שטענדיק נעמען אויפן אָרעם אַ שינעל, אָדער כאָטש אַ רעקל, נאָר אַלץ מיטן טויטן קאָפּ אַרויף...

*

אויך אין שטאָט זיינען געווען יידישע ווערקשטובן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן: בורשטין=שלייפער, זייגערמאַכער, גאָלד=שמידן, פוטערקירזשנער, בלעכער, א״א. דאָס זיינען געווען פריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ ליטווישן טרוי=הענדלער. די טרוי=הענדלער זיינען געוועזענע פאַרטיזאַנער, וואַס האָבן פריער שוין געהאַט אויסגעמאָרדעט טויזנטער יידן.

אַלע די ווערקשטובן זיינען געווען אויף איין גאַס — אויף וואַרפו. שפּעטער האָט מען די ייִדן פון דאָרט אַרויסגעיאָגט. מיט די ווערקשטובן האָבן באַלעבאַטעוועט די פריערדיקע טרוי-הענדלער.

*

די בעלי-מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט טיילווייז פאַרן געטאָ, פאַריכטנדיק די האָלץ-שיך, די בגדים, עלעקטרע, וויגונגען אאַז״וו, די האָט דער אַרבעטס-אַמט אַרויסגעהאָלפן צו בלייבן, אין געטאָ. זיי אַלע האָבן גוט פאַרדינט. מלאכה אין געטאָ האָט זיך באַצאָלט. אויסערדעם וואָס מען איז געווען אַ בעל-הבית פאַר זיך און מען האָט ניט געדאַרפט אויסשטיין די גאַנצע פּיין און ליידן, בזיונות און טעראָר אויף די אַרבעטס-פּלעצער. ערשט אין געטאָ האָט מען אָפּגעשאַצט וואָס דאָס מיינט האָבן אַ מלאכה. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער האָבן זיך געוואָרפן לערנען כאָטש אַ שטיקל פאַך.

פאַכלייט האָבן זיך אויך לייכטער איינגעאָרדנט אויף די אַרבעטס-פּלעצער ביי די דייטשן, ווייל יעדער גרעסערער אַרבעטס-פּלאַץ פלעגט באַשעפטיקן איינעם אָדער צוויי בעלי-מלאכות, פון יעדער צווייג, פאַר זייערע נוצן.

אין צייט האָבן די בעלי-מלאכות אין געטאָ געדאַרפט אויסקויפן אַרבעטס-פּאַטענטן, פון עלטסטנראַט. די פּאַטענטן האָבן געשיצט און אויסגעהיט די באַזיצער, פון געכאַפּט ווערן אויף אַנדערע אַרבעט.

דאָס באַצאָלט פאַר אַרבעט איז געווען אין געלט אָדער עקוויוואַלענט. אַז ס'פלעגט ווערן שווערער מיטן אַריינברענגען פּראָדוקטן אין געטאָ פלעגן די בעלי-מלאכות ניט נעמען קיין געלט, און זיי האָבן געהאַט זאַטער צו עסן.

האַנדל:

די ערשטע אַנדערהאַלבן יאָר איז אין געטאָ דערלויבט געווען צו האָבן געלט. שפּעטער איז עס פאַרבאָטן געוואָרן. האָט דער דייטשער אַרבעטס-אַמט דאָן איינגעפירט אַרבעטס-לוין. דאָס איז געווען אַ הוזק-געצאָלט. 1.50 מאַרק פאַר מענער און 1.30 מאַרק פאַר פרויען פּראָ טאָג. דאָס האָט אַפילו ניט אויסגעמאַכט אַזוי פיל עס

זאָל דעקן די לעגאַלע הוצאות, ווי קויפן די נאָרמע ברויט אין קאָאָפּעראַטיוו, צאָלן דירה-געלט, פאַר עלעקטרע און אַנדערע אָפיציעלע הוצאות.

פאַרוואָס האָבן די דייטשן איינגעפירט דעם אַרבעטס-לוין?

און אַז זיי וואָלטן ניט געצאָלט ווער וואָלט געמאָנט פון זיי?

גיכער איז דאָס אויך געווען איינער פון זייערע טריקן, צו סימולירן סטאַביליטעט פון געטאָ — והא ראיה מען צאָלט דאָך פאַר דער אַרבעט, מען פירט אַ גענויע בוכהאַלטעריע, פאַר יעדער יידן אַ קאָנטע, איז אַ באַווייז אַז מען וועט בלייבן לעבן, אַז די דייטשן נויטיקן זיך אין יידישן אַרבעטס-קראַפט.

שפּעטער האָט מען אויפגעהערט צאָלן דעם אַרבעטס-לוין. האָט דער עלטסטנראַט אויסגעפועלט פינף מאַרק פאַר מענער און דריי מאַרק פאַר פרויען פּראָ וואָך. דער עלטסטנראַט האָט זיך משתדל געווען פאַר דעם, כדי יידן זאָלן כאָטש האָבן אַ מינימאַלע מעגלעכקייט פון לעגאַלן געלט-אומזאַץ.

*

אין געטאָ האָט מען געקויפט און פאַרקויפט, געמסחרט.

די געלאַבערטע זאַכן פלעגט מען קענען קויפן אין אַ פּאָר באַשטימטע געטאָ-הייזער. זעלטן ווען די אַריינברענגער אַליין האָבן פאַרקויפט זייער סחורה. זיי האָבן געהאַט קאָמיסיאָנערן און סוחרים, ביי וועמען זיי פלעגן דאָס אָפּזעצן.

לויטן פאַראַנענעם אַרטיקל אויפן „מאַרק“ האָט מען געוווסט, וואָס מען האָט פאַרלאָרן די טעג אין ה.פ.מ., וועלכע סחורות מען האָט אָפּגעשיקט אָדער ס'איז אָנגעקומען ה.ב.א., וואָס איז אַדורכגעגאַנגען אויף דער באַן-סטאַציע; וועלכע שיך-מאָדעס מען אַרבעט אויס אין פאַבריק.

דורך די סחורות האָט מען אויך געהאַט אַ לעבעדיקן גרוס פון דער וועלט. צ"ב: אויב ס'האָבן זיך איינגעפונען מאַראַנצן, איז מייסטן געווען אַ גרוס פון איטאַליע. אויף די פּושקעס און סחורות איז דאָך געווען דער שטעמפּל פון וועלכן לאַנד און שטאָט דאָס קומט — איז דאָס געווען די פאַרבינדונג פון געטאָ מיט דער לעבעדיקער וועלט.

געזונט־וועזן:

מיטן אַריינגיין אין געטאָ האָט מען תּיכּף געעפנט 2 אַמבולאַטאָריעס. אין טראקאַיער געטאָ־ראַיאָן איז דער שעף פון אַמבולאַטאָריע געווען ד״ר בורשטיין. געאַרבעט האָבן דאָרט די דאָקטוירים קאמבער, וואלפערט, פיק, פיינבערג, ראָזנטאַל, גאנדין, גאָלדבערג, דרויאן און די צאָן־דאָקטוירים ווערבאלינסקי א״אנד.

אין קאווקאזער געטאָ־ראַיאָן איז דער שעף פון אַמבולאַטאָריע געווען ד״ר דירעקטאראוויטש. און געאַרבעט האָבן די דאָקטוירים לונץ, גאניאנסקי, פאקטאָר א״אנד. און די צאָן־דאָקטוירים פרענקעל־מורשטשיק.

די דאָקטוירים פון אַמבולאַטאָריע פלעגן אויך באַזוכן קראַנקע אין די היימען. נאָך דער אַרבעט פלעגן שטיין ביים אַמבולאַטאָריע לאַנגע רייען קראַנקע, פון דער אַרבעט צעמזיקטע, אָדער בשעת דער אַרבעט דורך די דייטשן און ליטווינער צעשלאָגענע.

אין ערשטן ווינטער זיינען געווען הונדערטער פאָרונקעלאָז קראַנקע. פון הונגער אָפּגעשוואַכטע און אויך פון ענגשאַפט־שמוץ האָט די פארונקל־קרעץ זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די מאָגערע גופים, אַריבערגעטראָגן זיך פון איינעם צום צווייטן, פאַרוואַנדלט דאָס געטאָ אין אַ מצורעים־אינדזל. נאָר מיט שווערע פארונקלען פלעגט מען קריגן אַ טאָג אָפּרו פון דער אַרבעט. מיט פיבער, ווייניקער פון 38, האָט מען קיין אָפּרו־טאָג ניט געגעבן.

צוזאַמען מיט די אַמבולאַטאָריעס איז געשאַפן געוואָרן די אַפּטייק. געאַרבעט האָבן דאָ די פאַרמאַצעווטן פרוי פיינבערג, לעוויטאן כיימין א״אנד.

די אַפּטייק פלעגט באַזאָרגן מעדיקאַמענטן פאַר די אַמבולאַטאָריעס און אויף רעצעפּטן. די אָפיציעל צוגעטיילטע מעדיקאַמענטן זיינען זייער נישטיק געווען. פלעגט די אַפּטייק אויפקויפן געלאבערטע מעדיקאַמענטן. צו ערשט פון די אַפּטייקער וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָטישן אַפּטייק־מאַגאַזין. שפּעטער אויך פון די באַן־אַרבעטער. טיילווייז פלעגן אויך אַרויסהעלפן די ליטווישע אַפּ־

טייקן. אַ לאַנגע צייט האָט מען געמעגט מאַכן יידישע רעצעפּטן אין שטאָט. פלעגט יעדן פרימאָרגן דער לערער פראַנק גיין אין שטאָט לשם ד׳עם.

שפּיטאַל:

אין נאָוועמבער 1941 איז געקומען דער באַפעל: אין 24 שעה אַרויסנעמען אַלע יידישע קראַנקע פון די שטאָטישע קראַנקנהייזער. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי מען האָט שוין געהערט, אַז אין קאָוונע האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דעם יידישן קראַנקנהויז, צוזאַמען מיט די קראַנקע און פערסאָנאַל. האָט מען זיך שוין געריכט, אַז די פאַראָרדענונג צילט אויך דאָ דאָס זעלבע, צוזאַמעננעמען אַלע קראַנקע אין איין אָרט, כדי פאַרלייכטערן די דייטשן די אַרבעט. אין די שטאָטישע קראַנקנהייזער זיינען נאָך געלעגן שווערע אינפעקציע=קראַנקע. האָט זיך געשטעלט די האַרבע פראַגע: אַרייננעמען די קראַנקע אין געטאָ און שטעלן אפשר אין סכנה דעם גאַנצן געטאָ דורך דעם, אָדער לאָזן די קראַנקע אין שטאָט, צו אַ זיכערער פאַרניכטונג? די דאָקטוירים האָבן זיך אויך געספקט, נאָך דער ידיעה פון קאָוונע, צום איבערנעמען די פירונג פון קראַנקנהויז. און דאָך איז באַשלאָסן געוואָרן תיכף צו עפענען אַ שפּיטאַל אין געטאָ, אַרויסנעמען די קראַנקע פון שטאָט. ווו מאַכט מען אָבער דעם שפּיטאַל, אַז אין געטאָ איז אַזוי ענג?

אין 24 שעה זיינען אַלע קראַנקע אויף טראָג=בעטלעך געבראַכט געוואָרן אין געטאָ און זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן אין טהרה=שטיבל, וואָס איז געווען, צוזאַמען מיטן בית=עולם, אַריינגעצוימט אין געטאָ. אָט די טהרה=שטיבל און די הויז פון קברות=מאַן איז טאַקע געוואָרן דער געטאָ=שפּיטאַל. דאָ, ביים טויער צום בית=עולם, האָט ד״ר פּייסאכאוויטש פאַרבאַריקאַדירט דעם מלאך המות די וועג — צווישן געטאָ און בית=עולם האָט זיך אויפגעשטעלט דער שפּיטאַל.

דער מלאך המות פלעגט זיך רייסן אין געטאָ, פאָכענען מיט זיינע שוואַרצע פליגל, און ס׳האָט צייטנווייז אויסגעזען, אַז דער שטיק ניט באַקברטער בית=עולם=פעלד איז געבליבן פאַרן גאַנצן

געטאָ-פֿאָלק. נאָר ד"ר פּייסאַכאָוויטש מיט זיינע מיטאַרבעטער האָבן געקעמפֿט קעגן טויט; דער בית-עולם איז געוואָרן דער שפּיטאָלגאָרטן. הינטערן הויכן פּאַרקאַן פֿון בית-עולם, אויף די אין זומער גרין באַגראָזטע קברים, צווישן די אַלטע דעמבעס, פֿלעגן אַרומשפּאַצירן די חולאים; דאָ איז געווען די מלוכה פֿון רו און שטילקייט, אַהער איז ניט אַזוי שטאַרק דערגאַנגען די טאָג-טעגלעכע געטאָ-שרעק.

אין די זומער-פֿאַרנאַכטן פֿלעגן קומען באַזוכער צו די קראַנקע און מען פֿלעגט שפּאַצירן, פֿון נייעם בית-עולם צום אַלטן פֿעלד, צווישן די הויכע גראָזן און פֿעלד-בלומען. און אויפֿן שטיק קברלאָזן פֿעלד האָבן זיך אויסגעשפּרייט בייטן מיט קאַרטאָפֿל, קרויט, הרישים-רעטעכלעך און אַנדערע מינים ירקות.

דער בּרונעם אויפֿן בית-עולם, פֿון וועלכן מען פֿלעגט נעמען וואַסער אויף טהרה, האָט געגעבן דאָס בעסטע וואַסער אין געטאָ. פֿלעגן אין פֿאַרנאַכטן זיך אַלע לאָזן מיט עמערס צום שפּיטאָלברונעם, שעפּן קלאָרע קאַלטע וואַסער, מים חיים, לעבנס-וואַסערן פֿון טויטן-פֿעלד.

די יונגט פֿון געטאָ פֿלעגט, מיטן וויסן פֿון שעף-אַרצט, זיך פֿאַרקלייבן אויפֿן בית-עולם צו קאָנספּיראַטיווע זיצונגען. אין אוהל פֿון שאַוולער רב, און אין אַנדערע אוהלים פֿלעגט מען זיך לערנען באַגיין מיט געווער. הינטער די אייזערנע אוהלים-טירן פֿלעגט די יוגנט, זיך אויסזעצנדיק אויף די צעמענטענע קברים, אויסהערן לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע. ליכטיק פֿלעגט ווערן אין די קאַטאַקאָמבן-אוהלים, ווי די נשמות פֿון די צדיקים וואָלטן דאָ באַברכה'ט און באַשיינט די טואונגען פֿון די וועלכע זיינען געקומען זיך מתיחד זיין מיט זיי.

*

ביים עפֿענען דעם שפּיטאָל זיינען געווען 30 פֿלעק-טיפֿוס קראַנקע. אַלע זיינען געזונט געוואָרן. שפּעטער האָט אָנגעפֿאַנגען בושעווען אין געטאָ, ווי אויך אין שטאָט, דיפֿטעריט. דעם ערשטן ווינטער האָט אויסגעזען ווי דער טויט וואָלט זיך געריסן אין אַלעמענס

העלדזער. פֿאַרשטילטע פּלעגט מען שלייכן איבערן געטאָ, מוראהאָבנדיק צו אָטעמען, מען זאָל ניט אַריינאָטעמען די שרעקלעכע מחלה, וואָס ליגט יעדן טאָג אַוועק צענדליקער אין בעט. ביינאַכט פּלעגט מען אַרויסטראָגן די קראַנקע פֿון די הייזער אין שפּיטאָל, זיך היטנדיק פֿאַר אַ פֿרעמדע אויג. די דייטשן האָבן ניט געטאָרט זיך דערוויסן, אַז אין געטאָ הערשט אַן עפּידעמיע. זיי וואָלטן דאַן זיכער פֿאַרברענט דעם שפּיטאָל און אפשר דעם געטאָ בכלל. האָט מען זיך געשטיקט מיטן דיפֿטעריט, ווי מען האָט אויסבאַהאַלטן פֿריער דעם פֿלעק־טיפֿוס און שפּעטער אויך דעם בויך־טיפֿוס.

די דייטשן פֿלעגן זיך וווּנדערן, וואָס אין שטאָט איז די עפּידעמיע דאָ און אין געטאָ ניט... וויפֿל מאָל פֿלעגן זיי אַרויסרופֿן דעם שפּיטאָל־שעף, דעם עלטסטנראַט, זיי שטרענג פֿאַרהערן און פֿאָרשן. די דייטשן פֿלעגן איינאָרדנען אינספּעקציעס אין שפּיטאָל. נאָר ד״ר פּייסאַכאָוויטש פֿלעגט אַזוי פֿאַרשמירן דעם דיפֿטעריט אין די העלדזער, אַז די רעוויזאָרן פֿלעגן ניט זען די מעמבראַנאַ און זיך לאָזן איינריידן, אַז עס איז נאָר אַן אַנגינע, האַלדז אָנצינדונגען. ד״ר פּייסאַכאָוויטש פֿלעגט טאַקע אַזוי רופֿן די דיפֿטעריט קראַנקע — אַנגינע; בויך־טיפֿוס — פֿאַרדאַרבונג. די דאָזיקע באַצייכענונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן אין געטאָ און קיינער האָט ניט גערעדט פֿון דיפֿטעריט אָדער טיף.

אין שטאָט האָט דער דיפֿטעריט צוגענומען יעדן טאָג קרבנות. אין געטאָ איז נאָר געווען צוויי טויטע, קינדער, פֿון די איבער דריי הונדערט קראַנקע פֿון די פּופֿציק פֿאַלן בויך־טיפֿוס איז געווען נאָר איין קרבן.

דעם סערום צו היילן דיפֿטעריט פֿלעגט ד״ר פּייסאַכאָוויטש קריגן פֿון באַקאַנטע דאָקטוירים, פֿון אַפּטייק־מאַגאַזין און פֿון אַ ליטווישע קראַנקנשוועסטער אין שטאָטישן שפּיטאָל, וועלכע פֿלעגט העלפֿן מיט גרויסע קוואַנטומס מעדיקאַמענטן.

אין שפּיטאָל זיינען געלעגן איניקע ט. בּ. קראַנקע. זייער הויפּט היילונג, ווי אויך די היילונג פֿאַר די אַנדערע קראַנקע, האָט דאָך געמוזט זיין גוטע פֿלעגע. האָט מען זיך טאַקע באַמיט, אַז די

קראַנקע זאָלן דאָס האָבן. עס איז געווען אַן אַפיציעלע באַשפייזונג פון קראַנקנהויז, וועלכע מען פלעגט אנגעבן די דייטשן, און אַן אומאָפיציעלע — וואָס די קראַנקע פלעגן באמת קריגן.

מיטן באַזאָרגן שפייז פאַרן שפיטאָל האָט זיך פאַרנומען בור'גין. צו אַלע זיינע נעגאַטיווע זייטן, ווי דאָס לעבן אין ווילטאָג, זיך אויפפירן ווי אַ גליקלעכער מושל איבערן צעהורבנטן געטאָ-פאָלק — קען אָבער ניט אַוועקגענומען ווערן דער פאַקט, אַז פאַרן שפיטאָל האָט ער געזאָרגט און באַזאָרגט אַליין. גאַנצע פורן באַשפייזונג פלעגט ער אַריינשמוגלען. די קראַנקע האָבן געקראָגן אָפט פלייש, אייער, יעדן טאָג פוטער, מילך א.א.וו.

דער שפיטאָל, ווי שוין געזאָגט, איז געווען די באַריקאַדע אויפן שוועל פון טויט און לעבן. דאָ האָט מען געקעמפט קעגן מלאך-המות עקשנותדיק און אומדערמידלעך. און כאָטש הונגער-עדעם (געשווילסן) האָבן געהאַט, אין ערשטן ווינטער, אַ גרויסער צאָל מענטשן, כאָטש דער פאַרונקאָלאָז האָט די גאַנצע צייט אין געטאָ ניט אויפגעהערט, כאָטש פאַווס (קרעציקע קעפ) האָט זיך געמערט ביי קינדער, — האָט מען דאָך געראַטעוועט דאָס געטאָ פון מגפה פאַרשפרייטונג. און כאָטש שווערע גראַדן פון נערוועזיטעט זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען, — איז קיין איינער אין געטאָ ניט אַראָפ פון זינען, ניט משוגע געוואָרן. (אפשר איז דאָס דער גרעסטער ווונדער !). די נערוועזיטעט האָט אַפגעשטעלט ביי די גרעסטע טייל פרויען די מענסטרואַציע; די צעשויבערטע נערוון האָבן אונטערבראָכן דאָס געזונט; די בלוט אָרעמקייט פון אַלעמען האָט מער ניט געהאַט די קערפער-וויטאַליטעט אַנטקעגן די קרענק, וואָס האָבן זיך געריסן צום געטאָ-מענטשן — און דאָך איז די שטערבלעכקייט, אפילו אונטער קינדער, געווען נאָרמאַל. די גייסטיקע וויטאַליטעט, דער ווילן צום לעבן, האָט געשטאַרקט, געהאָלפן איבערהאַלטן אַלע יסורים און אפילו געמאַכט פאַרגעסן פון אַ סך כראָנישע קרענק, מיט וועלכע מענטשן האָבן זיך פריער שטענדיק געדאָקטערט.

*

חתונות:

די חתונות אין געטאָ איז אויך געווען עפּידעמיש...

אין עלנטן לעבן, ווען הונדערטער יונגטלעכע זיינען געבליבן אָן היים און משפּחה, האָט מען זיך געזוכט אַן אייגענעם נעסט, אַ חבר, אַ פריינט אין געמיינזאַמען צער⸗וועג. אין געטאָ האָט מען ניט געדאַרפט קיין נדן, ניט נייטיק געווען צו באַזאָרגן זיך. די מענטשן זיינען אויך דאָ געוואָרן נאענטער. די ענגקייט פון אַהינטערן דראָט האָט אַלעמען צוזאַמענגעפירט. מען האָט זיך אָפטער געטראָפן — בייטאָג ביי דער אַרבעט, אין די פאַרנאַכטן אויף די שמאָלע געטאָ⸗געסלעך, אין צוזאַמען⸗וווינונגען. עס זיינען אויך אָפּגעווישט געוואָרן ביי דער יוגנט די יחוס גראדן. אַ בעל⸗יחוס איז געווען דער וואָס האָט געלעבט (ווער רעדט נאָך אַ מאַן וואָס האָט געקענט און געהאַט אַן אַרבעטס⸗אָרט ווי צו לאַבערן!) אויך די שעמעוודיקייט איז אָפּגעטאָן געוואָרן, אַראָפּגעפאַלן איז דער שלייער פון צניעות. יונגע מיידלעך, נעכטיקע זיבעטע און זעקסטע קלאַסניצעס, פלעגן זיך פירן געארמט אין געטאָ מיט זייערע געליבטע. טאַטע⸗מאַמע האָבן ניט רעאַגירט קעגן דעם — אַז וואָס זאָל זי טאָן? — האָט מען זיך געפרעגט. אַן אַכצן יאָריקער יינגל, אַ זעכצן יאָריק מיידל איז שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, מיט אחריות פאַר זיך און טיילמאָל אויך פאַר די עלטערן.

חתונה האָבן איז אויך געווען אַ קאַלקולאַציע, ניט געשיקט צו ווערן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. יעדן זומער פלעגט מען אַרויסשיקן ביז טויזנט מענטשן אויף טאָרף⸗אַרבעט. פלעגט טאַקע פאַר פּסח שוין זיין אַ סך חתונות. אָפטמאָל פלעגט מען אָבער טאַקע שיקן די יונגע פּאָרל אויף אַזאַ „חתונה⸗רייזע“ — ביידן אויף טאָרף. אָבער ניט אַלעמאָל האָט עס דער אַרבעטס⸗אַמט געקענט טאָן, ווייל אַן אַליינשטייענדיקער מענטש, וואָס איז פריער געווען אַ כמעט זיכערער קאַנדידאַט אויף טאָרף⸗אַרבעט, האָט איצט שוין געקענט האָבן עלטערן, אַ משפּחה, פון וועלכע מען האָט אים ניט געקענט אַוועקרייסן. (טראָץ דעם וואָס די איינצלנע פלעגן טענהן פונקט פאַרקערט:

אַז נעמען דאַרף מען אויף טאָרף אַזעלכע וואָס האָבן משפחות אין געטאָ, וועלכע קענען מיט עפּעס אונטערהעלפן די אַרויסגעשיקטע).

און ניט נאָר מיידלעך און בחורים האָבן חתונה געהאַט. מענער וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פרויען, פרויען וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מענער, איבערבלייבנדיק מיט קליינע קינדער — אַלע האָבן געזוכט צונויפצושמעלצן אַ נייעם משפחה־נעסט.

די חתונות זיינען געווען שטילע, ווי אויף דערוויילע. „אַז מען וועט אַרויס פון געטאָ — האָט מען זיך געזאָגט — וועט מען ערשט פראַווענען דעם חתונה־יום־טוב“.

דער מסדר קדושין איז געווען הרב העלער. ער פלעגט אויך אַרויסגעבן אַ געטאָ חתונה־אַקט.

די ליבעס זיינען געווען אָבער אַ סך מער ווי די חתונות. ניט אַלע האָבן באַוויזן, זיך אַנטשלאָסן חתונה צו האָבן אין געטאָ.

געבורטן:

ביז 25 קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אין געטאָ. דער גרעסטער טייל ביזן שוואַנגערשאַפט־פאַרבאָט.

אין די הויכע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט פלעגן זיך די פרויען היטן פון זיך באַווייזן אין גאַס, אַפילו אין געטאָ. אויף בוידעמער, אין פאַרשטעקונגען, אין ציטערדיקער שטילקייט פלעגט מען געבוירן. מאַמעס פלעגן ניט דערציילן פאַר קיינעם זייער פרייד. מען פלעגט אין געטאָ זיך ניט נאָכפרעגן וואָס עס מאַכט אַ קינד, ווי אַלע וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן וועגן דער עקזיסטענץ פונעם נייעם געטאָ־מיטגליד.

מיט אַ זעלטענער מסירות נפש, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, האָט געאַרבעט ד״ר לונין, ביים אָפּנעמען די ניי־געבוירענע אָדער, לויטן ווילן פון די עלטערן, אונטערברעכן די שוואַנגערשאַפט.

⁂

... ליבע, חתונות, געבורטן אין געטאָ, און אויך קראַנקייטן, מגפות און דער קאַמף קעגן זיי — ווען די אַלע הונדערטער בילדער שווימען אָן פאַר דיינע אויגן היינט — ווען דו דערמאָנסט זיך, אַז די אין באַהעלטענישן געבוירענע זיינען עפנטלעך פאַרברענט

געוואָרן, אַז די חתנים זיינען אבלים און די כלות צעאַשט, די טאַטעס באַגראָבן, די מאַמעס פאַרגאַזט, און די קראַנק־געזונט־געוואָרענע אומגעקומען — איז ווי קען מען דערציילן, וועגן גליקזעליקער ליבע הינטער דראָט, וועגן צוזאַמענגעשטידטע לעבנס אין חתונה־בונטן, וועגן פרייד פון קינדערשע חנפולע אויגעלעך, וועגן קאַמף קעגן מגפה־טויט — ווען זיי אַלעמען האָט דער בעסטיאַלישער טויט פאַרשניטן?

שולן און בתי־מדרשים

די ענגשאַפט אין געטאָ האָט אַלעמען געדריקט, געהאַלטן ווי אין אַ פּרעס און דענערווירט. ניט געווען קיין אָרט פאַר אַ פרייער באַוועגונג; ווּ זיך אויסצובאַהאַלטן מיט אַ טראָפּעלע אייגענע פרייד, ווּ אָפּצוקערן דעם קאָפּ פון פרעמדע אויגן פאַר אַ שטילע טרער. אויפגעריסן איז געוואָרן די הייליק־אייגענע אינטימיטעט: דעם יחידס איבערלעבונגען, סענטימענטן, ליבע און פאַרדרוס האָט זיך ברוטאַל נאַקעט געוואַלגערט אין רשות־הרבים, און ווער עס האָט געוואָלט האָט עס אויפגעהויבן און געטראָגן פון מויל צו מויל. האָט מען דערפאַר געזוכט זיך צו באַהאַלטן, פאַרקריכן אויף בוידעמער, אין קעלערן. אין פענצטערלאָזע שטאַל־כאַלופּעס. און ווייל דער אויבערפלאַך האָט אויך געשראָקן האָט מען געגלייבט, אַז וואָס טיפער אין דער ערד, וואָס אומבאַמערקטער פון מענטשלעכע אויגן, וועט מען לייכטער איבערלעבן. אין לייב פון דער ערד האָט מען זיך געפילט זיכערער. אין ענגע היילן האָט זיך פרייער געאָטעמט.

*

די קינדער אין געטאָ האָט מען געמוזט היטן פון בייזע אויגן, און אַ שול איז געווען אויך פאַרבאָטן צו עפענען, האָט מען עס איינגעאָרדנט אין אַ פאַרלאָזענע שטאַל. אַזוי גיך ווי די שול איז פאַרטיק געוואָרן האָבן ייִדן אויך געוואָלט האָבן אַ בית־המדרש. האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ קליינעם ארון־קודש אין דער באַהאַלטענער חורבה — איז שוין געווען אַ בית־המדרש אויך. באַגינען פלעגן ייִדן אַריינכאַפּן דאָס דאַוונען אין גלייך פלעגן די קינדערלעך, ווי אמתע קאָנספּיראַטאָרן, זיך אָנפאַנגען שלייכן אין דער ענגער שטאַל.

אָנפֿאַנג יאָר 1942, ווען די שול אין קאווקאַזער געטאָ־ראַיאָן איז געעפֿנט געוואָרן, זיינען געווען 80 שילער. הירשל פֿורמאַן האָט דאָ אָפּגעגעבן זיינע גרויסע פּעדאַגאָגישע פֿעאיקייטן מיט דער הייליקייט פֿון אַ כהן־גדול ביי דער עבודה. אַליין איז ער אַרומגעקראָכן איבער אַלע בוידעמער, געזוכט לערן־ביכער, פּאַפּיר; געזעסן ביינאַכט און צוזאַמענגענייט בלעטער, געמאַכט העפֿטן, די קינדער זאָלן קענען לערנען.

אַפּגעלערנט אַ האַלב יאָר, האָט הירשל פֿורמאַן גערופֿן די עלטערן און אַנדערע לערער, כדי צו פֿאַרהערן די קינדער. די עקזאַמינאַטאָרן זיינען פֿאַרוווּנדערט געווען, ווי אַזוי אַלע שילער זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ נאָרמאַלע לערער־פּראָגראַם, און אויסגעצייכנט געענטפֿערט אין אַלע לימודים.

די קינדער האָבן באַקומען געטאָ־תעודות. עס געהאַלטן זייער טייער און זיך געגרויסט מיט די גוטע מיינונגען.

*

אין טראקאוער געטאָ־ראַיאָן, וווּ עס האָבן געלערנט פֿופֿציק קינדער, האָט די השגחה איבער דער שול געהאַט אליעזר ירושלמי. אַלס לערערין האָט געאַרבעט אסתר ווייס. מיט אַ זעלטענער מסירות־נפש האָט הרב סקורדענסקי געלערנט מיט די קינדער לימודי־קודש. אויך דאָ איז אין שמאָלן שול־צימער געווען דער בית־המדרש.

די דיסציפּלין און איבערגעגעבנקייט פֿון די שילער צו די לערער איז אין ביידע שולן געווען אַזאַ, וואָס גאָר דאָס געטאָ האָט עס געקענט דערברענגען.

זומער האָבן די קינדער אויסגעפֿילט דעם צווייטן העלפֿט פֿון טאָג מיטן לערנען לאַנדווירטשאַפֿט — צעגראָבן און פֿאַרפֿלאַנצט די גערטנער אַרום די געטאָ־הייזלעך. שפּעטער אַליין אַראָפּגענומען זייערע פֿאַרפֿלאַנצטע ירקות און עס אַפּגעגעבן די סאָציאַלע קיכן.

* * *

אין אַ פּראָסטיקער ווינטער־נאַכט האָט זיך אַריינגעגנבעט אַדורך די געטאָ־דראָטן די באַקאַנטע קאָוונער פּעדאַגאָגין און רעליגיעזע דיכטערין — הדסה הירשאָוויין־לעווין. געקומען איז זי פֿון

דער יידן⸗אויסגעמאָרדעטער טעלזש. וואָכן⸗לאַנג האָט זי זיך דאָרטן באַהאַלטן אין גלחים⸗סעמינאַר. דערוויסנדיק זיך, אַז אין שאַוול זיינען נאָך דאָ יידן, האָט זי איבערגעלאָזן איר קינד ביי אַ קריסטין און אַליין דערוואָגלט אַהער, מיטן ווילן צו דערציען יידישע קינדער. הדסה איז געגאַנגען אין די געטאָ⸗היימען אַרויסזוכן קינדער צו לערנען. ניט זעלטן האָט זי אויך אָפּגעגעבן די תלמידים איר שטיקל ברויט. הדסה האָט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן לערנען וואָס מער לימודי⸗קודש — חומש, נ״ך.

אַ ווינטער לאַנג האָט זי אַזוי געאַרבעט, ביז זי איז אַוועקגעפאַלן פון שוואַכקייט.

ביי דער עוואַקואַציע איז זי אַנטלאָפן פון געטאָ⸗קראַנקנהויז. נאָכן אַרומוואַגלען אַ יאָר צייט איבער אַלע קברים אין ליטע איז זי, אין 1946, אָנגעקומען קיין מינכען מיט איר קינד און מיט אַ בלוטבוך — לידער און זכרונות. נאָר מער האָט איר גוף ניט אויסגעהאַלטן. דעם 13טן דעצעמבער 1946 האָט זי אויסגעהויכט איר איידעלע נשמה.

*

הידישל פורמאַן איז אומגעקומען פון הונגער, אין לאַגער 2, דאַכאַו⸗קויפערינג. אליעזר ירושלמי האָט זיך געראַטעוועט אין שאַוול, אַנטלויפנדיק אין טאָג פון דער עוואַקואַציע. אסתר וויס האָט איבערגעלעבט דעם לאַגער אַרגענו, ביי בידגאָס; הרב סקורדענסקי האָט איבערגעלעבט דאַכאַו.

* * *

די געציילטע קינדער וועלכע זיינען געראַטעוועט געוואָרן וועלן מיט הייליקן ציטער, שטענדיק דערמאָנען זייערע לערער⸗מאַרטירער, וואָס האָבן מיט מסירות⸗נפש זיי געגעבן ליכט אין חושכדיקע געטאָ⸗שטאָלן.

פארוואלטונג און אדמיניסטראציע

צו ערשט איז דאָס געטאָ אונטערלעגן דעם געביטס⸗קאָמיסאַר, ס״ד (געסטאַפּאָ). שפּעטער — די ס״ס.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז איינער אָדער צוויי מערדער האָבן זיך דאָרטן אָפּגעגעבן מיטן פאַרטראַכטן פּלענער ווי צו פּייניקן

יידן. יעדערער, פון קלענסטן באַאמטן ביזן גרעסטן, אין געביטס⸗קאָמיסאַריאַט, אין ס"ס, און אַפילו אין פעלד⸗זשאַנדאַרמעריע — אַלץ האָט געהאַט צו טאָן מיט יידן — יעדערער האָט זיך געפלייסט צו זיין דער פייניקער. מען האָט זיך אַפילו צווישן זיך געאַמפּערט. ס"ס האָט אָנגעגעבן אַן אָנקלאָגע אויפן געביטס⸗קאָמיסאַר, אַז ער באַהאַנדלט צו גוט די יידן און אַז מען זאָל זיי איבערגעבן די אָפּטרופּסות.

דער הויפּט⸗שלעגער, מערדער און פייניקער איז געווען שוואַנט, פון ס"א. רציחותדיקער פון אים איז געווען דער ס"ד⸗מאַן שניידער. ווי שוואַנט פלעגט אויך ער אָפט מאַכן איבערפאַלן אויף יידן אין גאַס. זיינע פייניקונגען און קלעפּ אין געסטאַפּאָ⸗קעלער האָט געהאַלטן אַלעמען אין מורא.

*

דעם 20טן אַפּריל 1942 האָב איך מיט נאָך צוויי יידן, שלמה לעווי (16 יאָר אַלט) און הירשל טייץ פאַרזוכט פון שניידערס רציחה. (ניט מער ווי פאַרזוכט). ווען מען האָט אונדז אַראָפּגעפירט אין קעלער האָבן מיר נאָך געהאַט עטלעכע מינוט צייט צו וואַרטן אויף אונדזערע פייניקער. דער גאַנצער קעלער איז געווען פאַרמויערט און באַלויכטן נאָר פון עלעקטרישע ליכט. דער קעלער האָט געהאַט 2 צימערן. דער פאָדער צימער איז געווען, אומגעפער, 10 אויף 8 טריט און דער צווייטער עטוואָס קלענער. די ווענט אַרום און אַרום זיינען באַפלעקט געווען מיט בלוט. מיינע צוויי חברים האָט מען געשלאָגן אין ערשטן צימער, מיר — אין צווייטן. דער פעלדפעבל קעליער האָט געשלאָגן טייצן און לעווין. מען האָט זיי אָנגעפאַנגען שלאָגן אַ פאָר מינוט פריער פון מיר און איך האָב זיך געקענט גוט צוקוקן ווי מען האָט זיי געממיתט. איך האָב „רואיק“ געוואַרט אויף מיין פאָרציע קלעפּ — ווייל לויטן פאַרהער און נאָך דעם ווי מען האָט אונדז געהאַלטן אַ שעה צייט מיטן פנים צום וואַנט, אין קאָרידאָר פון געסטאַפּאָ, האָבן מיר געגלויבט, אַז מען וועט אונדז דערמאָרדן — בין איך איצט דערפאַר געווען רואיק, זעענדיק, אַז מיר וועלן אָפּקומען נאָר מיט קלעפּ.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערזען, ווי אַ „מענטש“ קען זיך קאַלט אויפהויבן פון זיין שרייב־טיש, אַראָפּגיין אין קעלער אונטערזינגענדיק זיך אַ לידל, ווי מען לאָזט זיך צו אַ פאַרגעניגנס־שפּאַציר — און ערשט דערזעענדיק דעם קרבן זיך וואַרפן אויף אים מיט חיישער רציחה, שלאָגן מיט בליי־נאַגייקעס איבערן האַלדז, קאָפּ און לענד, זיך באַמיענדיק צו טרעפן אין די סאַמע ווייטיקדיקע ערטער און, ווען דער קרבן ליגט שוין אויף דער ערד אין בלוט — טראַמפּלען אויף אים מיט די באַגאָלטע סאָלדאַטן־שטיוול.

די גוואַלדן פון מיינע חברים האָבן מיר ניט אויפגעציטערט דאַן, אָבער די ווענט פון קעלער האָבן זיך יאָ געטרייסלט, ווי עס טרייסלט היינט אויף מיין האַרץ, פון פאַרדרוס און קלעמונג, ביים איבערשרייבן איצט די שורות.

אין מיטן פייניקן מיינע חברים איז אַראָפּגעקומען שניידער. פון ערשטן קלאַפּ בין איך געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער. איך האָב אַריינגעביסן אַ פינגער אין מויל ביז בלוט, כדי ניט אַרויסשרייען קיין איינציקן אויפגעשריי. די ערשטע קלעפּ האָבן פייערדיק געשונדן שטיקער לייב, ווי צוואַנגען וואָלטן געריסן אברים־ווייז מיין גוף. באַלד איז אָבער אַלץ אין מיר פאַרטעמפּט געוואָרן. איך האָב געפילט די קלעפּ אָבער ניט דעם ווייטיק.

שניידער און קעליער זיינען געווען די שטענדיקע שלעגער אין געסטאַפּאָ.

*

אין די ערשטע געטאָ־חדשים, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, איז אויך געווען ממונה אויפן געטאָ דער ליטווין שטאנקוס. די ליטווישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן דאַך דאָס אויסגעמאָרדעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען געווען די יוצאים ונכנסים אין געטאָ. שפּעטער איז שטאנקוס אַראָפּגעזעצט געוואָרן — די פּאַרטיזאַנער האָט מען מער ניט געזען. די ליטווישע פּאָליציי, וואָס האָבן באַוואַכט דאָס געטאָ, זיינען אָבער געבליבן די דירעקטע פייניקער. אויך אונטער זייער קאָנטראָל האָט דאָס געטאָ געלעבט.

אין פראַגן פון אַרבעט האָט געהאַט צו באַשטימען אין געטאָ דער דייטשער אַרבעטס⸗אַמט. צו ערשט שטרייניגע. שפעטער ד״ר גינטער.

דעם אַרבעטס⸗איינזאַץ פלעגן זיי ניט מאַכן אַליין, נאָר דורכן יידישן אַרבעטס⸗איינזאַץ⸗אַמט, וועמענס פאַרבינדונגס⸗מאַן עס איז געווען אַ ליטווין.

געטאָ⸗אַדמיניסטראַציע:

די דייטשן האָבן בלי ספק איבערשעצט דעם יידישן רעזיסטאַנץ⸗כוח; געווען איבערצייגט, אַז די יידן וועלן זיך ניט לאָזן סתם אַזוי מאָרדן. באַזונדערס אין די ערשטע טעג, ניט האָבנדיק נאָך איבער יידן גענוג מאָרד⸗דערפאַרונג. האָבן זיי דערפאַר זיך באַמיט צו פאַרשלייערן זייער אויסראָטונגס⸗אַרבעט, פאַרשלייערן, אָפנאַרן און באַהאַלטן. געמאָרדעט אונטערן דעק⸗מאַנטל פון „פירן אויף אַרבעט“, זיך באַמיט, אַז קיין לעבעדיקער פויגל זאָל ניט איבערטראָגן קיין טויט⸗גרוס, פון די טויט⸗לאַגערן און פאַרניכטונגס⸗ערטער. זיי האָבן ממש געפירט אַן אָנגעשטרענגטע ראַפינירטע מאָרד⸗סטראַטעגיע קעגן יידישן פאָלק; מיט פסיכישע אַטאַקעס, פלוצימע איבערפאַלן, בליץ⸗אַקציעס, קאַזערנירונגען, צעטיילן, לעבנס⸗פאַרזיכערונגס⸗שיינען. דאָס אַלץ כדי צו דעזאָריענטירן, פסיכאָלאָגיש צעטומלען די צעשראָקענע געטאָ⸗מאַסן.

שפעטער האָבן זיי דערזען, אַז דער גאַנצער פראַנטאַלער⸗שפיל איז ניט נויטיק — יידן קען מען מאָרדן לעיני השמש, מען דאַרף פאַר אַ יידישן ווידערשטאַנד ניט מורא האָבן. און די ציוויל⸗באַפעלקערונג נעמט זיך ניט איבער צוליבן יידן⸗מאָרד, פאַרקערט גאָר — זי העלפט נאָך צו און איז שטאַרק צופרידן; על כל פנים איז יידן מאָרד ניט קיין גרונט ביי קיינע ליטווינער פאַר פיינט האָבן די דייטשן.

ערשט נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשע — אַפריל 1943 — האָבן די דייטשן ווידער אָנגעפאַנגען אויספירן זייערע רציחות מיט די אַלע אויבן אויסגערעכנטע טריקס און נאָך מער פאַרזיכטיק, און

מורא פאַר יידישער נקמה, וועלנדיק דערפירן אַיעדע פאַרגיכטונגס=אַקציע קרבנות=לאָז פון אייגענעם צד.

*

איינע פון די פסיכישע איינווירקונגען אויפן געטאָ=מענטשן איז פון ערשטן טאָג געווען דאָס לאָזן יידן אַליין אַדמיניסטרירן זייער לעבן. קען זיין, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרטראַכטעניש אויפן גלות=יידן און זיין לעבצונג צו אייגן=היימיקייט. און אויך אַ חשבון, אַז די יידן וועלן אין געטאָ, פון הונגער און ענגשאַפט אויפפרעסן איינע די אַנדערע.

אין די ערשטע טעג, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די יידישע עלטסטע, שיין אָנגעטאָנענע, מיט גרויסע טעקעס אונטער די אָרעמס; די יידישע פאָליציי מיט די געלע אָדער בלויע מגן דודס אויף די אָרעם=לענטעס, באַשטיוולטע און שטראַמע (מען האָט אויסגעזוכט שיינע פאָליציי=לייט), האָט דער גאַנצער שדים=קאַרעהאָד — געטאָ — אויסגעזען ווי עפעס אַ יידיש=אויטאָנאָמער שטאָט=געביט. מען האָט זיך געפרייט מיטן געטאָ — „אָט וועט מען ווידער קענען לעבן פרייער, צווישן זיך, אין אַן אייגן ווינקל, מיט אַ יידישער פאַרוואַלטונג און אייגענער פאָליציי...“

*

דער עלטסטנראַט איז געווען די העכסטע געטאָ=מאַכט. דער פאָרזיצער איז געווען מענדל לייבאָוויטש; דער גענעראַל=סעקרעטאַר אהרון כ״ץ (פון דער אין ליטע באַקאַנטער רבנישער משפחה, אַ זון פון סרעדניקער רב און איינער פון די פירער פון דער צ״ס=פאַרטיי אין שאַוול). די אַנדערע מיטגלידער פון עלטסטנראַט האָבן מיר שוין פריער אויסגערעכנט. נאָר מענדל לייבאָוויץ און אַהרון כ״ץ זיינען געווען די הויפט דעה=זאָגער, באַשטימער און פירער פון געטאָ=לעבן און די פאָרשטייער פון געטאָ כלפי דער מאַכט. איינמאָל אין וואָך, מיטוואָך, פלעגן זיי גיין אין געביטס=קאָמיסאַריאַט איבערגעבן אַ טעטיקייטס=באַריכט.

*

צו דער דיספאָזיציע פון עלטסטנראַט איז געשטאַנען די אָרדענונגס=דינסט. (אַזוי האָט איינגערופן זיין פאָליציי דוד פיין).

זיי זיינען געווען ביז זעכציק מאַן אין ביידע געטאָ־ראַיאָנען. אין געטאָ טראָקאַו איז געווען דער פּאָליציי־שעף אַברהם גענס.*) אַ הויכער, שטאַרק געבויטער מאַן אין די דרייסיקער יאָרן. אַ נאַר און בעל־גאווה. ער האָט זיין אַמט גענומען טרוקן־ערנסט, זיך גע־האַלטן פאַר אַ טשינאָווניק, איינגעפירט אַ מיליטערישן גרוס פון זיינע פּאָליציי־לייט צו אים און ער פלעגט אַלעמען גריסן מיליטעריש. ער וואָלט אָנגעטאָן (און האָט טיילווייז אָנגעטאָן) אַ סך צרות, ווען דער עלטסטנראַט וואָלט אים ניט געצוימט אויף שריט און טריט.

אין קאַווקאַזער געטאָ־ראַיאָן איז דער פּאָליציי־שעף געווען דוד פּיין. אין שטאָט האָט ער זיך צוגערעכנט צו די קאָמוניס־טישע קרייזן. געווען קאָמענדאַנט פון די שטאָטישע פייער־לעשער. אַ מענטש מיט טיף־הומאַנע געפילן, האָט ער לאַנג ניט געקענט אַריבערטראָגן דאָס כאַבאַר־נעמעריי פון דער יידישער פּאָליציי און האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. אויף זיין אָרט איז געקומען זאווע גאין. נאָכן געבורטס־פאַרבאָט האָט זיין פרוי געבוירן אַ ייִנגעלע. האָט דער עלטסטנראַט, זיך שרעקנדיק די דייטשן זאָלן עס ניט דערפאַרן, אים אַראָפּגעזעצט. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער לערער בערל שיינזאָן.

*

אונטער די פּאָליציי זיינען געווען די גאַסן־עלטסטע. ביידע געטאָ־ראַיאָנען האָבן געהאַט 14 גאַסן־עלטסטע. זייערע אַרבעט איז געווען אויפפּאַסן די זויבערקייט, איינמאָנען דירה־ און עלעקטרע־געלט, פאַרטיילן האָלץ צו די נויטיקע. קיין מאַכט האָבן זיי ניט געהאַט. געווען זיינען עס עלטערע און טיילווייז אינטעליגענטע יידן, וועמען דער עלטסטנראַט האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן אין געטאָ.

אַרבעטס־אַמט:

דער יידישער אַרבעטס־איינזאַץ־אַמט איז אויך אונטערלעגן דעם עלטסטנראַט, נאָר זיין השפעה און מאַכט איז דאָך, אין טאָג־טעג־

---

*) זיין ברודער איז געווען פּאָליציי־שעף אין ווילנער געטאָ.

לעכן לעבן געווען אויטאָנאָם. יעדער געטאָ-איינוווינער האָט געמוזט אָנקומען צום אַרבעטס-אַמט. ער האָט באַשטימט ווער אין וועלכער אַרבעטס-קאָלאָנע עס זאָל גיין, ווער עס קען קריגן אַ טאָג אָפּרו, (ביי קראַנקע האָט באַשטימט די געטאָ-אַמבולאַטאָריע); וועמען צו שיקן אויף טאָרף-אַרבעט, אָדער אין אַ לאַגער אויסערן געטאָ. דורכן אַרבעטס-אַמט איז אַדורכגעגאַנגען די שיך און קליידער פאַרטיילונג, לויט אַ צעטעלע פון אַרבעטס-אַמט האָט מען אַרויסגעגעבן, פאַר די שווער-אַרבעטנדע, צוגאָב-ברויט.

אין טראַקאַוער געטאָ-ראַיאָן זיינען די לייטער פון אַרבעטס-אַמט געווען אַבראַשע שלעזין און חיים טשערניאַווסקי. אין געטאָ קאַווקאַז — אפרים געץ און חיים זשעלינסקי.

ביידע חיימס האָבן אין ביידע געטאָ-ראַיאָנען שווער געמאַכט דאָס לעבן; גענומען כאַבאַר און געהערשט איבערן געטאָ. חיים טשערניאַווסקי האָט ניט זעלטן געסטראַשעט מיט ס״ה, געגעבן פעטש און בכלל זיך געפירט מעשה תכיפדיקער לעבנס-באַשטימער.

*

דאָס לעבן אין שאַוולער געטאָ און די פירונג פון די געטאָ-מנהיגים איז דאָ געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערע מאַראַלישע מדרגה, ווי אין די אַנדערע צוויי געטאָס אין ליטע — קאָוונע און ווילנע, ווי אויך פון די מערסטע געטאָס אין פוילן. אין דאָך איז די גרונט-אידיי געווען די זעלבע: — לעבן פאַר יעדן פרייז! און אויך דער דעוויז איז דאָ געווען דער זעלבער ווי אין אַלע געטאָס: — אַרבעט ראַטעוועט אונדזער לעבן...

אזוי האָבן מיר געלעבט

א

אַז דער הונגער האָט זיך שוין געהאַט איינגעגריזשעט אין טראַכטענבערגס שטוב, אויסשלאָפנדיק די זיבן=קעפּיקע משפּחה ביז דיזענטעריע, האָט דער עלטסטער זון, דער אַכצען=יאָריקער גדליה, באַשלאָסן, קעגן ווילן פון דער משפּחה, צו ריזיקירן — אַרויסגיין אין שטאָט עפּעס פאַרקויפן.

מיטן ערשטן אייפברוך אויף טאָג איז גדליה אַראָפּ פון בעט. ער האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל בלעך, וואָס איז געלעגן ביים אויוון און פון אונטער דער לויזער פאָדלאָגע אַרויסגענומען דאָס באַגראַבענע ביסל ווערט=זאַכן. שטיל, קיינעם ניט צו וועקן, האָט ער געעפנט דאָס בלעכענע קעסטל, אין וועלכן די חפצים זיינען פאַרפּאַקט געווען. די זילבערנע שבת=לייכטער האָבן אים אַ פינקל געטאָן אין די אויגן. אַ ווײַלע האָט ער זיי געהאַלטן, באַטאַפּט פון אַלע זייטן און זיי צוריק אַריינגעלייגט — מען קען סיי=ווי גאָרניט קריגן פאַר זיי — האָט ער געטראַכט, די פּויערים דאַרפן ניט קיין שבת=לייכטער. אויך די זילבערנע גאָפּל=מעסער און לעפל זיינען גאָרניט ווערט: די גויים האָבן עס שוין גענוג. איצט ווילן זיי נאָר גאָלד. פאַר עפּעס אַנדערש גיבן זיי ניט מער קיין עסנוואַרג. פון קעסטל=ווינקל האָט אַ בליץ געטאָן אַ מאַטער גאָלד=גלאַנץ. גדליה האָט עס גענומען אין האַנט אַריין. עס איז געווען זיין מאַמעס קדושין=רינגל. ער האָט אַ וועג געטאָן דאָס רינגעלע אין זיין מאָגערער האַנט=פלאַך — עס וועגט ווייניק, גאָר ווייניק. דער טאַטע האָט מקדש געווען דער מאַמען מיט קוים אַ שוה פּרוטה, איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, און ער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן, פאַרשטופּנדיק דאָס רינגעלע אין וועסטל=קעשענע.

בּ

פֿאַרנאַכט, אַז די קאָלאָנעס האָבּן אָנגעפֿאַנגען צוריקקערן אין געטאָ, האָבּן פּויערים צוגעשריען די גייענדיקע: וואַרפֿט אַוועק, מען קראמעט (זוכט) בּיים גייטאָ

די פּויערים זיינען נאָכגעגאַנגען דער קאָלאָנע, ווי הינט, געשפּיזט מיט די אויגן, ווי רויבּ⸗חיות, געוואַרט, אַז די יידן זאָלן אָנפֿאַנגען וואַרפֿן פון זיך הפֿצים, וואָס זיי האָבּן ניט בּאַוויזן צו פֿאַרקויפֿן, אָדער דאָס איינגעקויפֿטע עסנוואַרג. אָבּער די יידן האָבּן נאָך ניט געוואָרפֿן, האָפֿנדיק, אַז די פּויערים נאַרן אָפּ, ווי ס'האָט שוין אַ סך מאָל פּאַסירט.

אייניקע הונדערט מעטער פון געטאָ⸗טויער האָט מען שוין בּולט געזען, ווי מען קאָנטראָלירט די בּיים טויער שטייענדיקע קאָלאָנעס.

גדליה האָט געעפֿנט דעם פּאַרטפֿעל, געוואָלט אַרויסשיטן די קאַרטאָפֿל נאָר פּלוצים האָבּן זיינע אויגן זיך בּאַגעגנט מיט די אויגן פון זיין מאַמען, וועלכע איז געשטאַנען פֿאַרשטעקט הינטערן געטאָ⸗דראָט, מאַכנדיק צייכנס מיט די הענט, ער זאָל אַוועקוואַרפֿן, וואָס ער טראָגט. נאָר גדליה האָט פון זיין מאַמעס פּנים אַראָפּ דערזען דעם הונגער אין זייער שטוב, דעם קראַנקן פֿאָטער, די אויסגעצערטע קינדער; פֿאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועבּ⸗געטאָן דער מאַמעס קדושין⸗רינגעל — און גדליה האָט לאַנגזאַם פֿאַרמאַכט דעם פּאַרטפֿעל. זיינע פֿינגער האָבּן זיך פֿאַרקראַמפּט אַרום פּאָרטפֿעלהענטל; די אָרעמס, אונטער וועלכע עס זיינען פֿאַרשטעקט געווען צוויי פּעקלעך פּאַפּיראָסן, — פֿאַרשטייפֿט. בּלינד, מחשבה⸗לאָז, זיך ניט אָפּגעבּנדיק קיין חשבון, פון זיין טואונג, האָט ער געשפּרייזט אין ריי.

די קאָלאָנע איז שטיין געבּליבּן בּיים טויער, דער פּאָליציי⸗שטעגריבּלונאַס, אַ בּאַקאַנטער יידן⸗מערדער, האָט, אַדורכזוכנדיק יעדערן בּיזן לייבּ, בּאַשטעטיקט זיי; קאָנטראָל דורך אַ זעץ מיט אַ סוקעוואַטן שטעקן איבּער די לעפּ

בּיים ראַנד פון טויער שטייען שוין אויף די קני אַ הונדערט מענטשן, בּיי וועמען מען האָט עפּעס געפֿונען, פּרויען און מענער, פון די קאָלאָנעס, וועלכע האָבּן ניט בּאַוויזן זיך צו דערוויסן אויפֿן

וועג וועגן דער קאָנטראָל. זיי שטייען פאַרגליווערטע, ווי שאָף פאַר דער שחיטה; זייער שטראָף וועט זיין מאַנאַטן טורמע אָדער טויט

גדליה איז געשטאַנען ווי געליימט, ווי יעדער פיל= און דענק=נעריוו וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין מוח. אַט איז ער שוין דער פינפטער צו גריבּלונאַסן. ספּאָנטאַן וואַכט ער אויף, גיט זיך אַ ריס פון אָרט, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערפילט די געפאַר. אָנגעשפּאַנט גיט ער זיך אַ וואָרף צום צווייטן טויער=ווינקל ווו עס קאָנטראָלירט דער וואַך=פּאָליציסט אַ בּלאָנדזענדיק=פאַרלאָרענער און צוגלייך פּייזער בּליק פרעסט זיך אַריין אין פּאָליציסט, וואָס קוקט אָן גדליהן מיט פאַרוווּנדערונג, ווי איינעם וואָס איז געריירט פון זינען. — פּון דער קאָלאָנע זיינען אַלע געקומען ליידיק, און דאָ, פּלוצים, איינער מיט אַ פולן פּאָרטפעל אין האַנט! נאָר אויך די פאַרוווּנדערונג פון פּאָליציסט דויערט אַן אויגנבּליק. ווייזט אויס אַליין אין שרעק פאַר גריבּלונאַסן, גיט ער זיך אַ דריי צו אים. פאַרשטעלנדיק גדליהן, שאַפנדיק פאַר אים אַן אָרט אַדורכצוגיין. איין טריט נאָר און — גדליה איז אין געטאָ. דער פּאָרטפעל גיט זיך אַ גליטש פון זיין האַנט, ער גיט אַ פאַל אויפן פּאָרטפעל — מער האָבּן זיינע נערוון ניט אויסגעהאַלטן.

יידישע געטאָ=אָרדנער טראָגן גדליהן אין שטוב — הינטער אים טראָגט מען נאָך אַ פּאָרטפעל מיט קאַרטאָפל.

אין טהרה=שטיבל האָבּן די לבנים בּיי אים געפונען צוויי פעקלעך פּאַפּיראָסן, פאַרפּעסטיקט אונטער בּיידע אָרעמס.

* * *

אַזוי האָבּן מיר געלעבּט — און נאָך ערגער. אַזוי זיינען מיר געשטאָרבּן — און נאָך לייכטער, און נאָך שווערער, און נאָך שענער. און נאָך מיאוסער, און נאָך וואָכעדיקער, און נאָך הייליקער — אַזוי.

א געיעג פון רויב־חיות

1.

אַוודאי איז אין דאָרף גוט. אין דאָרף איז פאַראַן ברויט און קאַרטאָפל, מילך און פּוטער צו זאַט. איז אויב שוין יאָ זיין אַ קנעכט, אַן עבד ביי די דייטשן און ליטווינער, איז שוין בעסער פאָרן אויפן לאַנד. זיך פאַרדינגען אַרבעטן ביי די פּויערים. נאָר די פּויערים האָבן מיט איין מאָל אויפגעהערט זיך נייטיקן אין אַרבעטס־הענט. אַ יעדן יאָר רייסן זיי איין אַרבעטער, זוכן נאָר אַ האַנט, וואָס זאָל זיי העלפן. גראַד היינטיקס יאָר זאָגן זיי, אַז זיי האָבן עס ניט נייטיק. פאַרוואָס? — ווייל יידן ווילן זיך ראַטעווען, גיין אַרבעטן צו זיי. היינטיקס יאָר דינגען זיך יידן פּויערים. מען שטאָפּט זיי גאָלד, בריליאַנטן, אַבי די פּויערים זאָלן אָננעמען.

די דערלויבעניש צו פאָרן גיט סטאַנקוס, דער ליטווישער געטאָ־קאָמענדאַנט. ער דאַרף עס אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן, וואָס ווערן אָפּגעשלאָסן צווישן ביידע צדדים, און ער טוט עס אויך ניט אומזיסט. ער לאָזט זיך גוט באַצאָלן פאַר יעדער אונטערשריפט. ניט אַלע האָבן אַזויפיל געלט, ניט אַלעמען געלינגט סטאַנקוסן צו אונטערקויפן.

2.

זאַגאַרניק, דער אַפּטייקער, איז פון די גליקלעכע. אמת, ער אַליין גייט אין געטאָ, מיט אַלע יידן, ער וועט זיך ניט אָפּטיילן פון כלל. אָבער זיין פרוי און קינדער האָט ער אַוועקגעשיקט אין דאָרף, זאָלן זיי כאָטש זיין זאַט. דעם גוטן פריינד, וואָס נעמט זיי צו זיך, האָט זאַגאַרניק אָפּגעשריבן די אַפּטייק. אַזאַ טובה האָט דער פריינד ניט געוואָלט טאָן סתם אַזוי. די אַפּטייק קריגט דער גוי, פאַרשטענדלעך, ניט איצט. היינט איז דאָך דער ייד שוין ניט קיין בעל־דעה אויף זיין פאַרמעגן. אַלץ איז דאָך שוין אַריזירט, עס געהערט צו די דייטשן. קריגט דער פריינד איצט נאָר זאַגאַרניקס אונטערשריפט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אַז מען וועט פאַרטרייבן דעם דייטש פון לאַנד, דאַן געהערט די אַפּטייק צום פריינד.

האָבן יידן מאַסע אין יענע טעג געגעבן אונטערשריפטן, אָפּגעגעבן הייזער, פֿאַבריקן, מילן, געלט אין אויסלענדישע בענק, און אַפֿילו אַדרעסן, פֿון קרובים אין אויסלאַנד. די יידן מעגן אַפֿילו אומקומען, האָבן די פֿויערים זיך געטראַכט, זייערס וועלן זיי שוין איינמאָנען.

*

עס זיינען אַוועק ניט מער ווי אַ פּאָר וואָכן, און אַ צאָל יידן זיינען אַנטלאָפֿן פֿון די דערפֿער, געקומען אין געטאָ. עפּעס האָבן זיי אַ שלעכטן פֿאָרגעפֿיל, זיי ווילן לעבן צווישן יידן, טיילן אַלעמענס גורל. נאָר די וואָס זיינען נישט אַנטלאָפֿן, האָבן זייערע פֿויערים־באַלעבאַטים געקראָגן אַ באַפֿעל צוצושטעלן די יידן אין די נאָנטסטע פּאָליציי־אָפּטיילונגען. די פֿויערים האָבן, נאַטירלעך, אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל און — פּטור געוואָרן פֿון זייערע יידן.

נאָר זאַגאַרניקס גוטער פֿריינד רוט ניט. פֿון דער פֿרוי און קינדער איז ער שוין טאָקע פֿריי. זיי וועלן שוין נישט קומען, פֿון יענער וועלט, אָפּנעמען דאָס אונטערגעשריבענע פּאַפּיר. זאַגאַרניק אָבער אַליין לעבט דאָך נאָך, ער איז אין געטאָ, — דאַרף מען אויך אים באַזייטיקן

3.

אין זאַגאַרניקס הויז, אין שטאָט, לעבט איצט זיין אַנגעשטעלטע, די פֿאַרמאַצעווטין קאָזלאָווסקי, און אין איר טאָכטער איז פֿאַרליבט דער ס״ד־מאַן שוואַנט, דער גרעסטער יידן־מערדער פֿון גאַנצן קרייז. ער אַליין איז אַ דייטש, אַ געוועזענער לערער פֿון דער היגער דייטשער פֿאָלקסשול. קען גוט די שטאָט, ניט איינמאָל אויך פֿריער געווען אין זאַגאַרניקס אַפּטייק. זאַגאַרניקס אַנציגער, וועלכע זיינען געבליבן אונטער קאָזלאָווסקיס אויפֿזיכט, זיינען ווי אַנגעמאָסטן אויף אים. ער טראָגט זיי ניט זעלטן. ער האָט ליב אַרויסצוגיין מיט זיין געליבטער אין ציוויל; אויך זיינע איבערפֿאַלן אויף די מאַרשירנדיקע יידישע קאָלאָנעס מאַכט ער אין ציווילע קליידער, אין זאַגאַרניקס קליידער.

שוואַנט האָט צוגעזאָגט זיין געליבטער איר אָפּצוגעבן זאַגאַרניקס הויז מיט דער אַפּטייק. אים שטייט זאַגאַרניק כלל ניט אין וועג. ביי אים איז דאָך דער קריג שוין ווי געוווּנען. אויף דער זיגרייכער דייטשער אַרמיי קען ער זיך פֿאַרלאָזן. יאָ, דער ייד וועט שוין קיינ־

מאָל גיט מאָנען זיין פּאַרמעגן. אין געטאָ דאָרט וועלן זיי שוין סיי־ווי אומקומען, פון הונגער און שמוץ.

בײַ אַזאַ תקיפדיקער מיינונג האַלט זיך אָבער ניט דער ליטווישער פּריץ. דער דייטשער ענדזיג איז בײַ אים גאָר אין גרויס ספק פּאַרקערט, אים נאָגט שוין צו אָפּט דער געדאַנק, אַז די דייטשן וועלן נאָך דעם קריג פּאַרלירן. דערפּאַר גיט אים טאַקע ניט קיין רו דאָס, וואָס זאַגאַרניק לעבט נאָך. ער ווייס אָבער צו וועמען ער דאַרף גיין, ווער עס קען זאַגאַרניקן באַזייטיקן, און ער ווייס שוין אויך וואָס צו זאָגן.

— הייל היטלערים!

— הייל זיגאַס. וואָס גוטס וועסטו זאָגן?

— אין געטאָ זיצט אַ ייד זאַגאַרניק, דער אַפּטייקער, גראָד אים געזען יענעם טאָג, אין גאַס. און זיך דערמאָנט — ער איז דאָך אַ קאָמוניסט.

— טאָ וואָס ווילסטו? פאַרוואָס ביסטו געקומען עס זאָגן?

— נו, צוליב איבערגעגעבנקייט פאַרן פאָטערלאַנד — רעדט שוין שטאַמלענדיק דער פּריץ, אונטער די שאַרפע אויגן און בראָגן פון שוואַנט.

— אַלע יידן זיינען דאָך קאָמוניסטן?...

— יאָ, אָבער זאַגאַרניק איז אַ גאָר געפערלעכער קאָמוניסט.

שוואַנט האָט זיך געווינגט אויף זיין שטול, אונטערן גרויסן בילד פון „פירער“, זיינע אויגן האָבן זיך געביסן אין פּנים פון ליטווין, געוואָלט אַרויספאָרשן דעם טיפערן גרונט פון דער מסירה, פאַרשטאַנען, אַז עפּעס באַהאַלט זיך אויס אַהינטער דער פּויערישער גוטסקייט צו דער דייטשער מאַכט.

דער פּויער האָט ניט אויסגעהאַלטן דאָס ביסטרע אַריינקוקן אין אים, די ערד האָט אָנגעפאַנגען ברענען אונטער זיינע פיס. ער האָט געוואָלט אָפּווענדן דעם בליק און אַ הייב געטאָן העכער דעם קאָפּ, נאָר זיינע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט די רציחהדיקע אויגן פון „פירער“ אויפן וואַנט. אין האַרצן האָט אים אויפגעבראַוזט אַ קללה אויף דער מאַכט מיט זייער „פירער“ צוזאַמען.

— נו, גוט, — האָט שוואַנט זיך אַ הייב געטאָן — מיר וועלן ברענגען אַהער זאַגאַרניקן, וועסט אים זאָגן, אַז דו קענסט אים אַלס

קאָמוניסט. נאָר היינט האָב איך ניט קיין צייט, לאָז דיין אַדרעס. מען וועט דיך שוין רופן

דער פויער איז אַוועק, און עס האָט אים שוין פאַרדראָסן אויפגאַנצן ענין. געמיינט, אַז עס וועט לייכטער גיין, אַ יידן וועט מען דערשיסן, און אַ סוף. נאָר אַ ביטערער מענטש דער דאָזיקער שוואַנץ, — האָט דער פריץ זיך געטראַכט -- ער שלאָגט דאָך ניט נאָר יידן, אַפילו פויערים אויך... איצט איז אָבער שוין ניט געווען קיין צוריק. פאַרקראָכן אַ ביסל אין אַ בלאָטע, מוז מען בראָדזענען ווייטער. און ער פאַרטראַכט די סימנים, מיט וועלכע ער וועט באַווייזן, אַז זאַגאַרניק איז טאַקע אַ קאָמוניסט.

4

דער אויטאָ פון געביטס־קאָמיסאַר איז גיכער געלאָפן ווי דעם פריצס פערד. אַז ער איז אַהיים געקומען, האָט אים שוין שוואַנץ אָפגעוואַרט. אויפן טיש איז געלעגן גאָלד און ווערטזאַכן מיט זאַגאַרניקס מאָנאָגראַם, ווי אויך די אונטערגעשריבענע פאַרפליכטונג אויף די אַפטייק, וואָס שוואַנץ האָט געפונען ביים פריץ אַהינטערן שפיגל. אין שטוב איז אַלץ געווען איבערגעדרייט, פונאַנדערגעוואָרפן, ווי נאָך אַ פאָגראָם אין אַ יידיש הויז. עס דערזעענדיק האָט דער פריץ זיך איבערגעצלמט, ניט געגלייבט זיינע אויגן, בלייבנדיק שטיין אַ באַנומענער ביי דער טיר.

דער גלאַנציקער רעוואָלווער אין שוואַנצעס האַנט האָט אים איינגעלאַדן נענטער.

איצט האָט מען געוואַרט אויף די דאָרף־באַאַמטע און געמיינדעשרייבער, מען זאָל ברענגען די פאַפירן, וווּ ס'איז פאַראַן די ״אָנגאַבן„ פון פריץ, וועגן צאָל פון זיינע בהמות, תבואה, חזירים און עופות. אַז קאָנטראָלירן — איז שוין אַלץ.

שוואַנץ האָט גלייך צוגענומען דעם אַקט פון דאָרף־שרייבערס האַנט, ניט פאַרגעלייענט וויפל דאָרטן איז פאַרשריבן. די ליטווינער־באַאַמטע האַלטן דאָך מיטן פריץ, טרויט זיי שוואַנץ ניט. ווי צייל; נאָר און ער מאַכט באַמערקונגען אויפן פאַפיר. געענדיקט דאָס ציילן הייסט ער מיטנעמען 6 קי, די בעסטע, פאַרשטייט זיך; צוועלף חזירים, פיר־און־דרייסיק הינער און הונדערט אַכציק צענטנער תבואה. דאָס איז צופיל, ניט געווען אויפגעגעבן.

דער פּריין האָט געוויינט, געקלאָגט, זיך געשלאָגן אין האַרצן, זיך געבעטן. ס'האָט ניט געהאָלפן.

— וועסט נאָך גיין אין טורמע פאַרן מאַכן אַ געשעפט מיט יידן און פאַר פאַלשע אָנגאַבן — האָט שוואַנץ אַ זאָג געטאָן, ביים אַרויסגיין צום אויטאָ — אָט האָט דיך דער ייד פאַרראַטן, דערציילט, אַז דו האָסט גענומען פון אים געלד, און אונטערשריפט אויף דער אַפּטייק.

די אַרומיקע פּויערים. וואָס האָבן זיך דערווייל דאָ פאַרזאַמלט, האָבן געצישעט מיט האַס: — אָט דער פאַרפלוכטער ייד, אַז דערהרגענען דאַרף מען זיי אַלעמען. געוואָלט אים ראַטעווען, גייט ער גאָר מסרן!

— איך וועל מיין יידן היינט נאָך אַרויסטרייבן, — האָט זיך געשווירן זאַרונאַס, און דורך דעם זיך אַליין פאַרראַטן, אַז ער באַהאַלט אויס אַ יידן.

דער אַלטער אַראַמאַיטיש האָט זיך איינגעשטעלט, געוואָלט דערווייזן די פּויערים:

—בהמות, כאַמעס וואָס איר זייט, איר פאַרשטייט ניט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל פון דייטשן הונט, ער וויל אייך אויפהעצן, איר זאָלט ניט העלפן די אומגליקלעכע יידן?

— טאָ פון וואַנעט וואָלט ער געוווּסט, האָבן די פּויערים זיך ניט געוואָלט לאָזן ריידן, אַז דעם אַפּטייקערס זאַכן געפינען זיך גראָד דאָ?

דער פּריין אַליין האָט פאַרביסן געשוויגן.

*

שוואַנץ שטיוול האָט עלאַסטיש געדריקט דעם גאַז=פּעדאַל, זיינע הענט האָבן זיך שפּילעוודיק באַוועגט אויפן שטייער=רעדל, דער קילאָמעטער=ציילער האָט זיך געוואָרפן צווישן הונדערט צוואַנציק. דער אויטאָ האָט זיך ווי אַ וויכער געטראָגן איבערן געבערגלטן וועג, דער מאָטאָר האָט פריידיק געברומט, ווי ער וואָלט איבערגעשפּילט די פרייד פון דעם אייזערנעם האַרץ, פון דעם אויטאָטרייבער. אַ דינער שמייכל האָט זיך געשנירעלט אַרום שוואַנטס ליפּן, ער איז צופרידן געווען מיט זיין געשיקטקייט, מיט זיין חכמה. אין געדאַנק איז ער סאָלדאַטיש שטראַם געשטאַנען, פאַר זיך אַליין — אָט וועט עס זיין אַ סענסאַציע פאַר זיין געליבטער! נאָר זאָגנאַ=

ניקן וועט ער דאָך ניט פאַרשווייגן. מאָרגן שיקט ער אַקאָרשט א׳ב רופן פון געטאָ.

5.

— דערקענסט דעם אונטערשריפט?

— יאָוואָל.

— פאַרוואָס האָסטו אים עפּעס אָפּגעגעבן דיין אַפּטייק, ווען מיר וועלן פאַרשפּילן דעם קריג, וועסטו עס דאָך קענען צוריק האָבן?

— האָט דער מערדער געשפּיזלט זיין יעדן וואָרט מיט אַ צינישן שמייכל אין זאַגאַרניקס פּנים אַריין

— ער איז מיינס אַ גוטער פריינד, האָב איך אים געשאָנקען. איך וועל סיי־ווי ניט איבערלעבן אין געטאָ.

שוואַנטס פּויסט האָט אַ זעץ געטאָן זאַגאַרניקן אין פּנים. אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף שוואַנטס מונדיר

— זע! וואָס האָסטו געטאָן, דרעקיקער ייד, האָסט מיך באַפלעקט מיט דיין אורין — און צוויי שטיוול האָבן זיך געטאָן אַ פּרעס אַריין אין אַנידערגעשליידערטן גוף — הע, הע, האָט דער מערדער זיך געהאָפּקעט, געשפּרונגען אויף זיין קרבן און מיט די שטיוול־שפּיצן אים אַרויסגעבריקעט פון צימער. אַלע טרעפּ אַרונטער

די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין געביטס־קאָמיסאַריאַט, האָבן זאַגאַרניקן אַרומגעווישט דאָס בלוט און געבראַכט אונטער די אָרעמס אין געטאָ.

ביינאַכט האָט שוואַנט דערציילט זיין געליבטער וועגן זיין היינטיקער העלדישקייט, און איר איבערגעגעבן אַ פּאַפּיר, אַז די אַפּטייק געהערט פון איצט איר — „דאָס שענקט דיר דער דייטשער טויזנט־יאָריקער רייך”.

שוואַרצער אַספאַלט אויף וואַרעמע גופים

די דייטשן האָבּן אָנגעפאַנגען בּויען אַעראָדראָמען גלייך בּיי זייער אַריינקומען אין לאַנד. געבּויט האָבּן יידן, רוסישע קריגס-געפאַנגענע, צוואַנגס-אַרבּעטער, פון אומעטום ווו דער בּרוינער שטיוול האָט נאָר אַריינגעטראָטן און געקענט אַרויסטרייבּן פון ראָושן אַרבּעטער.

די טאַקטיק איז געווען ווי בּיים בּוי פון לעגענדאַרן בּבל-טורעם. בּכיוון האָט מען אומגעטוישט פעלקער. פּאָליאַקן האָט מען געשיקט אין פראַנקרייך און פראַנצויזן קיין פּוילן. זאָלן זייערע לשונות זיין אומפאַרשטענדלעכע אין די לענדער ווו זיי קומען, וואָס מער אומפאַרשטענדלעכקייט אונטער די שקלאַפן אַלץ בּעסער האָט זיך געלאָזט די בּרוינע שווערד דערשטעכן און צעשניידן אַלע גורל-געמיינזאַמע בּינדפעדים צווישן זייערע פאַרקנעכטעטע. די שקלאַפן האָבּן אַליין זיך געריסן, זיך געהאַסט, בּאַקעמפט און געמאָרדעט.

וואָס לענגער ס'האָט אָנגעהאַלטן די פאַרשקלאַפונג אַלץ תהומיקער איז געוואָרן דער אָפּגרונט אונטער די פאַרשיידענע צוואַנגס-פאַרשלעפּטע, אַלץ מער איז אָפּגעטעמפט געוואָרן די מענטש-געפילן בּיי די ליידנדע. וואָס לענגער מען איז געווען פון משפּחה, פרוי און קינד, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער דראַנג צום לעבּן, און דעם חברס מיטלעבּן האָט אַרויסגערופן פראָטעסט. די בּרוינע בּעסטיע האָט פאַרשטאַנען אויסצושפּילן פאָלק קעגן פאָלק, מענטש קעגן מענטש, שוין אָפּגערעדט פון ראַסן-אַנטאַגאָניזם.

יידן זיינען פאַרשטענדלעך אויך דאָ, אין עמק-הבּכה פון מענטשלעכע ליידן, געשטעלט געוואָרן מחוץ דעם „געזעץ”, צווישן די, פאַר וועמען ס'איז אַליין קיין געזעץ ניט געווען. נאָר אויך דאָ זיינען יידן געווען די גרעסטע קאָסמאָפּאָליטן, מיט זייער שפּראַך-מעגלעכקייטן און גייסטיקע פאַרבּילדיקייט. און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי איז ערגער געווען, זיינען יידן דערפאַר בּעסער געווען. מענטשלעכער, האַרציקער צו זייערע מיטליידנדע.

1941 האָבן די דייטשן ניט געוווּסט וואָס צו טון מיטן דיזיקן רוסישן מיליטער, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט גלייך אין די ערשטע מלחמה־וואָכן. אויב ייִדן האָט מען נאָך געמאָרדעט מיט אַ „פּלאַן“, האָט מען די רוסישע קריגס־געפאַנגענע דערהרגעט ווי וווּ ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. ניט „באַהאַלטן“, ווי ייִדן, אין די וועלדער, נאָר אָפן, אויף די גאַסן האָבן די דייטשע פּאַטרולן זיי געשלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס איבער די קעפּ, פאַר אַלע פאַרבייגייער אין די אויגן, געמאָרדעט יעדן טאָג, גייענדיק פון און צו דער אַרבעט.

ביי פּופּציק־טויזנט קריגס־געפאַנגענע האָבן דאַן געאַרבעט אויפן שאַוולער אַעראָדראָם. די דייטשע זיינען ווילד געווען פון נצחון־שיכרות. יעדער איינפאַכער ווערמאַכט־סאָלדאַט, ניט ס״ס אָדער ס״ד, האָט געמאָרדעט לשם ספּאָרט. די יונגע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען אין שטאָט דורכמאַכן זייערע מיליטער־איבונגען, האָבן גענומען טויזנטער רוסישע קריגס־געפאַנגענע יעדן טאָג אין דערבייאיקן וועלדל אַלס ציל־פּונקטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געלערנט שיסן. און — זיי האָבן גוט געצילט.

*

אין אָט דער צייט איז געקומען אַ באַפעל פון דייטשן אַרבעטסאַמט צו שיקן פינף הונדערט ייִדן אויפן אַעראָדראָם. דער אַעראָדראָם איז געלעגן אַכט קילאָמעטער פון געטאָ. זעכצן קילאָמעטער אַ טאָג גיין און אַ צוועלף שעה'דיקער אַרבעטס־טאָג.

די שיך פון די צום אַעראָדראָם־גייענדיקע איז גיך צעריסן געוואָרן. מיטן קומען פון ווינטער איז שאַרף געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון הונדערטער באָרוועסע ייִדן. אויפן ערשטן אויפרוף אין געטאָ וועגן אָפּגעבן קליידער, באַזונדערש שיך, פאַר דער אַעראָדראָם־קאָלאָנע, האָט די באַפעלקערונג תיכף געענטפערט מיט אַלץ אויסער — שיך. דעם צווייטן מאָל זיינען די אָרדנונגס־דינסט און עלטסטנראַט־מיטגלידער אַליין געגאַנגען, ביי די וועמען מען האָט חושד געווען, אַז זיי האָבן און ווילן ניט געבן. מען האָט אַליין געעפנט שאַפן, געזוכט, נאָר קיין גרויסע רעזולטאַטן האָט עס אויך ניט געגעבן. די באַפעלקערונג האָט פּשוט ניט געהאַט קיין שיכוואַרג. דאַן איז געלונגען צו מאַכן אַ טויזנט פּאָר שיך מיט הילצערנע־זוילן. פון

ווייט, ווייט פלעגט הילכן דער עלנט-מאַרש איבער די בריק-שטיינער. אָבער באָרוועס איז מען שוין ניט געווען.

די אַרבעט אַליין אויפן אַעראָדראָם איז געווען אַ קאַטאָרזשנע, קיין אָפּרו-טאָג איז ניט געווען. דער עלטסטן-ראַט האָט דערפאַר אויפגעפאָדערט אַלע וואָס אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך אויף לייכטערע אַרבעטס-פלעצער זאָלן זונטיק גיין אויפן אַעראָדראָם, פאַרבייטן די דאָרט שטענדיק אַרבעטנדע.

*

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער און די רוסן, וועלכע מען האָט ניט דערמאָרדעט, זיינען געפאַלן ווי פליגן פון קעלט. יעדן טאָג פלעגן זיך ציען צענדליקער פורן, איינע הינטער די אַנדערע, לענגאויס דורכן שטאָט צום רוסישן מאָהילניק. אויף די פורן פלעגן ליגן, צוזאַמענגעוואָרפן, איינע איבער די אַנדערע, פאַרהונגערטע, דערפראָרענע רוסן. די חברים, וועלכע פלעגן ציען די פורן, זיינען געווען די מאָרגנדיקע קאַנדידאַטן געצויגן צו ווערן. אַ סך מאַל פלעגן די פורן אויף זייער צוריק-וועגס שוין אויפנעמען די, וועלכע האָבן נאָך מיט מינוטן צוריק פאַרשאָטן זייערע חברים.

ווער קען באַרעכענען יענע ריזיקע צאָל פון טויטע, וואָס זיינען ווי זעק געוואָרפן געוואָרן אין די מאַסן-קברים און פאַרשאָטן געוואָרן מיט קאַלך.

וועלן מאַמעס אין אַרכאַנגעלסק און יאַרקוטצק באַוויינען זייערע קינדער און קיין מאָל ניט וויסן, ווו זיי זיינען אַהינגעקומען. אַ גרויסער טייל מאַמעס קענען גיין אויפן מאָהילניק אין שאַוול, דאָרט לאָזן אַ טרער. טויזנטער מאַמעס וועלן קיין טעות ניט האָבן.

יידן האָבן באַשלאָסן צו שטיצן די קריגס-געפאַנגענע. אונטער לעבנס-סכנה האָבן די אַרבעטער פון אַעראָדראָם, באַזונדערש פרויען, אָפּשפּאָרנדיק זייער לעצטן ביסן, עס אַריבערגעוואָרפן די קריגס-געפאַנגענע. אויך הענטשקעס, טיכער פאַר די אויערן, שאַליקעס און אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

אַז יידישע פרויען האָבן געקראָגן אַרבעט צו מאַכן אויערן-שיצערס פאַר דער דייטשער ווערמאַכט, וואָס האָט אָנגעפאַנגען פרירן

אין רוסלאַנד, און די אַרבעט האָט געזאָלט געמאַכט ווערן שנעל, האָבן די יידישע פרויען אַוועקגעשיקט יעדן טאָג הונדערטער פאָר אויערן-שיצער, אָנשטאָט צו דער ווערמאַכט — צו די געפאַנגענע רוסן.

יידן פלעגן אויך אַריבערברענגען די געפאַנגענע אַלע פראָנט-נייעס.

אין אַ טאָג ווען די רוסן האָבן זיך דערוווסט, אַז די דייטשן שטייען ביי מאָסקווע, האָט אַן אַזשערבידזשאַנער געפאַנגענער פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן און זיך צעוויינט ווי אַ קינד: „מאָסקווא מאַיאַ.“ דער דייטשער פאָסטן איז צוגעפאַלן און אים אָנגעפאַנגען שלאָגן. אין דעם מאָמענט האָט דער רוס אַ כאַפ-געטאָן אַ לאָפעטע און אַריבערגעלאָזן דעם דייטשן איבערן קאָפ. דער דייטש איז געפאַלן אַ טויטער. די רוסן האָבן ספאָנטאַן אָנגעפאַנגען לויפן אין ווילדער פאַניק צום וואַלד. די דייטשן האָבן זיי נאָכגעשאָסן. טויזנטער זיינען געפאַלן. איינציקע איז געלונגען אַנטרונען צו ווערן. דער שניי איבערן שוואַרצן אַעראָדראָם-אַספאַלט איז רויט געוואָרן פון בלוט. דעם גאַנצן טאָג האָבן דייטשן אָן אויפהער געשאָסן .זייערע קרבנות. אַ טייל האָט מען שפעטער באַגראָבן, איבערן גרעסטן טייל, ביי צענטויזנט, האָבן די דייטשן אויסגעלאָזט זייער סאַדיסטישע נקמה: געצווונגען די לעבן-געבליבענע פונאַנדערצוּוואַרפן די דערמאָרדעטע גופים אין די גריבער פון פלוג-פלאַץ. די ערד איז אויסגעגלייכט געוואָרן. אויף זיי האָט מען געגאָסן בעטאָן און די אַספאַלט-מאַשין האָט צעקוועטשט בלוט, מאַרך, געהירן מיט שוואַרצן אַספאַלט.

* * *

צוויי פון די זיך געראַטעוועטע רויט-אַרמייער, יידן, זיינען באַנאַכט אַריין אין געטאָ. מען האָט זיי אָנגעטאָן וואַרעם און זיי זיינען אַוועק, מיטן ציל צו דערגרייכן דעם אייגענעם פראָנט. דער האַס און ווילן צו נקמה האָט געברענט אין זייערע אויגן.

אויב ניט נאָך העכער

דער ערשטער יום⸗כּיפּור אין געטאָ.

אַ געדיכטע שוואַרצע אימה האָט אַלעמען אָנגעפילט. אַ שרעק האָט געשטראָמט פון די יידישע הערצער דורך די אויגן אַדורך. אַפילו פרומע יידן האָבן ניט געפילט דעם אימת⸗הדין, די מורא פאַר גאָטס שטראָף. וואָס קען געחתמעט ווערן אויפן קומענדיקן יאָר; מען האָט זיך היינטיקס מאָל מער געגרייט אויף אַ געטענה מיט גאָט, אויסגיסן פאַר אים דעם גאַנצן ביטערן אמת: צו האַרב איז זיין שטראָף, זיין גזר צו מוראָדיק. אַז באו מים עד נפש.

* * *

סאַנע שולמאַן איז שוין פערציק יאָר אַ ימים⸗נוראים'דיקער בעל תפילה. קיין גרויסער למדן איז סאַנע ניט, ווי און ווען האָט ער געקענט זיך קונה זיין תורה, אַז צו פופצן יאָר איז ער שוין אַוועק לערנען גאַרבעריי. סאַנע איז אָבער פרום געווען, ביז גאָר פרום. געגלויבט אין גאָט און מקיים געווען זיינע מצוות. אַ גאַנצן לעבן ניט פאַרפעלט זיך צוצוהערן אַ פרק משניות אַלע טאָג, בין מנחה למעריב. און אַ שטימע האָט סאַנע געהאַט אַ שיינע, אַן אָנגענעמע, ער האָט אויך גוט פאַרשטאַנען דעם פירוש המלות; מיט זיין טיפן טענאָר האָט ער די תפילות אויסגעזונגען און דורך דער נגינה פאַרטייטשט איעדער וואָרט⸗געדאַנק. די ווייבער, און טאַקע אויך די מענער האָבן איעדן ימים⸗נוראים אָנגעקוואָלן הערנדיק סאַנעס דאַוינען אין פרענקעלס בית⸗המדרש. ווי טאַנע איז ניין⸗און דרייסיק יאָר געוועזן דער שליח⸗ציבור.

סאַנען האָט זיין פרומקייט ניט געשטערט צו זיין אין פינפצן יאָר איינער פון די בונטאָווטשיקעס אויף דער פאַבריק, צו געהערן אַ גאַנצן לעבן צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, צו קעמפן פאַר אַרבעטער רעכט און זיצן אַפילו דערפאַר אין דער ווייסער שטאָט⸗טורמע. יאָרן לאַנג איז ער געווען אויפן לייסטער און אויג פון דער צאַרישער פאַליציי

אַנדערש זיינען שוין געווען סאַנעס קינדער. זיינע צוויי זין האָבן געהאַט נאָר איין טייל פון טאַטנס לעבנס=פיר — דעם רעוואָלוציאָנערן. די זין זיינען אַוועק קיין ריסלאַנד. איינער איז געוואָרן אַ קאָמיסאַר. דער צווייטער האָט זיך באַזעצט אין ביראָ=בידזשאַן, געוואָרן אַ ערד-אַרבעטער. סאַנע האָט וועגן די קינדער גערעדט מיט שטאָלץ, כאָטש ער האָט אויך ניט באַהאַלטן זיין פאַרדראָס, וואָס דער יונגערער, אין ביראָ=בידזשאַן, האָט אָפגענומען זיין כלה ביילקען און לעבט דאָרט מיט איר אָן חופה וקידושין.

ב

אין מהרה=שטיבל, אויפן בית=עולם, זאַמלט זיך איצט דער עולם צו כל נדרי. סאַנע זיצט שוין אָנגעטון אין ווייסן קיטל, ווי אַ מת פון דעם מהרה=ברעט אַראָפ, וואָס שטייט איצט אין ווינקל פאַררוקט. סאַנע זאָגט תפילה זכה און זיין ווייס בלומלאָז פנים איז ווי טויט.

דאָס מהרה=שטיבל=בית=המדרש איז שוין פול, מענטשן דריקן זיך איינער ביי דעם אַנדערן. ביים מהרה=ברעט, אין רינשטאָק, ווי עס לויפט דאָס מהרה=וואַסער, ביים שוואַרצן יעסל, וואָס שטאַרצט אימהדיק אַרויס צווישן די ווייס=באַקיטלטע גופים — אומעטום לעבעדיקע מתים, ניט=טויט, ניט=לעבעדיקע יידן, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעקוועטשט, כדי אויסצוגיסן זייערע ביטערע הערצער פאַר גאָט.

אַ קוק דורכן שטיבל: — שוין צייט זאָגן כל נדרי! — סאַנע ציט אַריבער דעם טלית איבערן קאָפ, שטעלט זיך ביים שטענדער, ביי דער ווייס=געקאַלכטער וואַנט. פון וועלכער עס שוואַרצט זיך אַראָפ דער „צדק לפניו יהלך“ מתפללים קרעכצן, זיפצן — ווערן שטיל. די שטילקייט אַ פאַרכטיקע, אַ ציטערדיקע, פילט אָן דאָס שטיבל. ביז סאַנעס שטימע פאַרפולט די שטילקייט מיט דבקות: על דעת המקום ועל דעת הקהל — כל נדרי

ליפן באַוועגן זיך לאַנגזאַם, זאָגן נאָך און ציען די ווערטער צוזאַמען מיטן חזן. געוויין, כליפעריי, יללות. אַלעמענס אויגן זיינען פול טרערן. דער חזן לאָזט אָבער ניט אָפ. אויף זיינע פלייצעס האָט אַט דאָס געטאָ=פאָלק אַרויפגעלייגט היינט אַ שווערע שליחות. דורך ניין=און דרייסיק יאָר איז אים ניט געלונגען אויסצופועלן ביים רבונו של עולם, אַז די היינטיקע גזרות זאָלן פאַרמידן ווערן, — מוז ער

זיי איצט כאָטש אָפּשטעלן, ער מוז! איז — „סלח נא... יכאשר נשאת לעם הזה ממצרים ועד הנה...“ בײַ די לעצטע צוויי ווערטער איז זיין שטימע שוין אַזוי שטאַרק, אַז די ווענט פון מהרה=שטיבל טרייסלען זיך. נאָר די מתפּללים שרייען נאָך העכער פון אים. פאַרגייען אין געבעט. אין געבּרום, מיט צאָרן=טענער פון באַפעל. די קולות רייסן זיך, טראָגן זיך, שפּאַרן זיך איבער, קייקלען זיך איבערן בית=עולם, אַריבער אַלע קברים, ווּ עס ליגן טאַטעס און מאַמעס — ויאמר יהוה סלחתי כדבריך!

אין דרויסן ליגט די נאַכט, אַ חיה מיט מוטנע שוואַרצע אויגן. אַ שטומע נאַכט. אַ שטומער הימל, ווי שטום עס זיינען די מצבות אויפן פעלד. דאָס קליינע הייפל יידן אינעווייניק רייסן מיט זייערע קולות דורך דעם חושך, רייסן איין דעם הימל, פאַרמעסטן זיך צו מאַכן ריידן די מצבות אויף די קברים און די מתים וואָס איז זיי. זאָלן זיי, די שוכני עפר, אויפשטורעמען דעם כסא הכבוד! טויטע מיט טויט=פאַרמשפּטע זאָלן אָפּשרייען די גזירה!

מען דאַוונט מיט געוויין. איינער שרייט העכער פון צווייטן, ווי אין אַ פאַרמעסט, וועמענס תפילה ס'וועט פריער דערהערט ווערן. ווי שניי=באַדעקטע ביימער אין שטורעם=ווינט שאָקלען זיך ווייס=באַקיטלטע גופים; ווייס=שוואַרץ באַטליתטע קעפּ וויגן זיך, אָט לאַנגזאַם, קוים קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, און באַלד שטורעמדיק, הענט רייסן זיך צום הימל און פאַלן כוחלאָז אַראָפּ, ווי צווייגן וואָס ברעכן זיך אין זאַווערוכע

נאָר איין סאַנע שאָקלט זיך ניט. זיינע הענט פאַרוואָרפן איבערן שטענדער שטייט ער האַלב געבויגן, ווי אַ מאַרמאָר סטאַטוע. זיינע ליפּן פּרעפּלען נאָר און פון די אויגן רינען אים גרויסע טרערן, וואָס קייקלען זיך אין דער ווייסער באָרד אַריין. ער זאָגט די תפילות וואָרט=בײַ=וואָרט, ווי ער וואָלט זיך באַוועגט איבער אַ טרייסלענדיקער בריק. און פּלוצים הערן אויף אויך זיינע ליפּן זיך צו באַוועגן. זיין בליק בלייבט הענגען פאַרשטאַרט אויף דער וואַנט. און אין די אויגן גליט אַן אָפענער רעוואָלוציאָנערער פלאַם; אפשר ווי דאַן, אין פינפטן יאָר, ווען מען האָט אַרויסגערופן דעם שטרייק אויף דער פאַבריק, פאַר וועלכן ער איז אַוועק אין תפיסה. סאַנעס קאָפּ גיט אַ זונק צום

שטענדער אַראָפּ און בּלייבּט ליגן. פּאַר זיינע אייגן שטייען איצט די דערמאָרדעטע טעכטער זיינע, די אייניקלעך, וואָס וואַלגערן זיך הינגעריקע בּיי אים — איז ער שטיין געבּליבּן בּיי „אַתה בחרתנו“, עס איז אים שווער צו זאָגן: גאָט, דו האָסט אונדז אויסדערוויילט...

די מתפּללים ווערן שטילער, קעפּ הייבּן זיך פוז אונטער די טליתים, פאַרוויינטע אויגן לוקן זיך איבּער, מיינען אַז סאַנען איז ניט גוט געוואָרן, אַז ער איז פאַרחלשט געוואָרן. עמעצער פּראָבּירט אים מינטערן. נאָר סאַנע וויינט פון אונטערן טלית אַרויס: אוי, אוי, אוי; אוי-אוי-אוי און, ניט אויפהייבּנדיק דעם קאָפּ פון שטענדער, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ דערבּייאיקן —

אוי אַתה בחרתנו מכל העמים — טאָ זאָג פאַרוואָס?
אָהבת אותנו — איז זאָג פאַרוואָס?
ורצית בּנו — טאָ פאַרוואָס?
ורוממתנו מכל הלשונות — איז טאַטע פאַרוואָס?
וקדשתנו בּמצותיך — איז דאָך טאַקע פאַרוואָס?
וקרבתנו מלכנו לעבודתך — אוי, איז פאַרוואָס?
ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת — איז טאַטע האַרציקער,
גרויסער, אוי, פאַרוואָס?

די מתפּללים הערן; אַנדערע זיינען אַפילו בּרוגזלעך, וואָס סאַנע האָט מפסיק געווען גאָר אויף יידיש, קיינער שטערט אים אָבּער ניט. און סאַנע האָט שוין אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון שטענדער, טענהט איצט אָפן, הויך און קלאָר:

אוי פאַרוואָס, אַז אַתה בחרתנו, אַזויפיל ליידן?
אַז אָהבת אותנו — אַזויפיל פּיין?
אַז ורצית בנו — אַזויפיל צרות?
און אַז ורוממתנו מכל הלשונות — איז זע וויפל המנס?
און וקדשתנו טאַקע בּמצותיך — לאָזט מען אונדז דאָך ניט
מקיים זיין!
און אַז די האָסט אונדז דערנענטערט — האָבּן זיי אונדז
אַזוי פיינט.
אָבּער אַז ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת — טאָרן מיר
דאָך ניט אומקומען —

איז העלף. ט—אַ—ט—ע העלף — ווייל אַתה בחרתני מכל העמים — —

אַזוי האָט זיך סאַגע אַדורכגעטענהט מיט גאָט.

ג.

אַז מען איז אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און אָנגעפאַנגען בעטן, אַז דאָס געבעט זאָל נאָך אַרויפגיין פון אָוונט צו גאָט, האָט עמעצער פון דרויסן אַריינגעשריען: „יידן, מען כאַפּט צום אַעראָדראָם.“ באַלד איז אַ צווייטער אַריינגעלאָפן, וואָס האָט שוין קלאָר דערציילט: היינט, צו נאַכט־שיכט זיינען נאָר אַרויס דרייסיק מענטשן, אַנשטאָט די פינף הונדערט, וואָס דאַרפן גיין, האָט דער בוי־לייטער געשיקט זאָגן: אויב די צאָל יידן וועט זיך ניט צושטעלן אין צוויי שעה. שיקט ער ס״ד מאַכן „אָרדנונג“ אין געטאָ

אַ ווייטיקדיקער טרויער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אַלע פּנימער. קיינער האָט ניט געוואַגט צו פאַרלאָזן דער ערשטער דאָס דאַווענען. נאָר סאַגע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים פון וואַנט און אַ זאָג געטאָן: איך גיי צום אַעראָדראָם, עס איז אַ מצווה, ראַטעווען יידן פון טויט.

זיינע זעכציק־יאָריקע פּיס האָבן געשטופּט די הילצערנע שיך איבערן לאַנגען בלאָטיקן וועג, פון געטאָ צום אַעראָדראָם. סאַגע איז געגאַנגען שטיל אין ריי, ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט.

האָט סאַגע ווייטער געפירט זיין דין־תורה מיט גאָט?

* * *

פון אַעראָדראָם האָט מען סאַגען געבראַכט אין דער פרי אונטער די אָרעמס. דעם זעלבן טאָג איז ער נפטר געוואָרן.

מוצאי יום־כפור האָט מען אים געבראַכט צו קבורה. יידן האָבן געזיפצט: אַ הייליקע נשמה, וועט אַוודאי גלייך אין גן־עדן אַריין. איינער פון די מלווים האָט אַ זאָג געטאָן — אויב ניט נאָך העכער!

ממעמקים

ממעמקים קראתיך יהוה
אדני שמעה בקולי,
תהיינה אזניך קשובות,
לקול תחנוני.
(תהלים, קל.)

יום=כפור באַגינען

אומזיסט האָבן די אָרדנונגס=דינסטלער געקלאַפּט אין די פענצטער=לאָדן, אומזיסט איז געווען זייער סטראַשענען דאָס געטאָ=פאָלק, אַז ס׳וועט זיין אַ שוואַרצער יום=כפור, אַז „ניט גאָט, נאָר די דייטשן, וועלן היינט חתמענען דעם גזר=דין, אויב מען וועט ניט אַרויס צו דער אַרבעט.

דאָס געטאָ איז געלעגן ווי אויסגעשטאָרבן, מיט די געסלעך. ווען=ניט=ווען האָט זיך איינער דורכגעכאַפּט צו אַ שכן — און ווידער שטיל. אַלע זיינען געלעגן פאַרקאָנספּערירט אין די אייגענע ענגע ד׳ אמות.

אַזייגער עלף, אַז מען האָט געזען ס׳איז שטיל אין געטאָ, איז מען אַריין אין די בתי=מדרשים, און געשמאַק געדאַווענט; אויסגעגאָסן די ביטערע הערצער אין זיסע תפילות. נאָר גאָר פלוצים אַ לויפעניש, לאָדנס פאַרהאַקן זיך, טירן שליסן זיך צו, און עפענען זיך באַלד צוריק, — מען ווייסט ניט ווי זיך אַן עצה צו טאָן: — לאָזן אָפן די טירן און זיך באַהאַלטן אין שטוב, אָדער פאַרשליסן די הייזער און זיך באַהאַלטן אין די הייפן. די יידן פירן אַ מלחמה=סטראַטעגיק: אין ערשטן פאַל וועט דער פיינט, געפינענדיק אָפענע טירן, אפשר ניט זוכן אין די הייזער, גלויבנדיק, אַז הינטער אָפענע טירן באַהאַלט זיך קיינער ניט. אין צווייטן פאַל — טראַכטן די יידן, וועט די פיינט נעמען צייט, ביז זיי וועלן אויסברעכן די טיר, און דאַן, טרעפנדיק ליידיקע הייזער, וועלן זיי זיך אַנטוישן און אַוועקגיין.

נאָר קיין צייט צו מאַכן פּלענער איז ניטאָ. פון מויל צו מויל לויפן די ווילדסטע ידיעות: אַ קאָמפּאַניע פון ס״ד⸗ניקעס איז אין געטאָ און דערמאָרדעט אויפן אָרט יעדן מאַן, וועמען זיי כאַפּן, אַלט און יונג. פון געטאָ⸗טויער הערן זיך שיסערייען, פאַרשטיקטע קולות.

די ידיעה האָט, ווי אַ דונער, אַריינגעשלאָגן אויך אין הנאַ קלאַרמאַנס שטוב, וווּ דריי מנינים ייִדן האָבן איצט געדאַווענט. מען רייסט די טליתים פון זיך, מען זוכט אַן אָרט צו באַהאַלטן די ספר תורה, אין וועלכער מען האָט ערשט איצט געענדיקט לייענען. און וווּ באַהאַלט מען זיך אַליין? די צעטומלעניש איז גרויס, נאָך אַ מינוט און די רוצחים וועלן זיך זיכער דערקלייבן אויך אַהער, אין דער דירה פון קלאַרמאַנען, ביים סאַמע ענדע געטאָ. נאָר אָט האָט הנאַ אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט די ספר תורה און אויסגעשריען: ייִדן, קומט מיט מיר!

די מתפללים זיינען אים נאָכגעלאָפן.

אין הויף, האַרט ביים בית⸗עולם⸗וואַנט, שטייט אַן אָפּגעלאָזענע פאַרלאָזענע גרויסע שטאַל. שוין פון לאַנג האָט הנאַ אויסגעשמעקט אַ יעדן ווינקעלע דאָ, ווייס ער. אַז אין שטאַל געפינט זיך אַ קעלער, גרויס ווי די גאַנצע שטאַל און צוויי מעטער טיף. דער פּויער האָט, ווי עס זעט זיך, דאָ געהאַלטן קאַרטאָפל אין די ווינטערן. איצט איז דער קעלער פריי, נאָר פינצטער ווי אין אַ קבר און דומפּיק. דער דומפּיקער ריח לאָזט ניט אָטעמען, שטיקט צום ברעכן. אַהער האָט הנאַ אַראָפּגעטראָגן איצט די ספר תורה. פיר און דרייסיק ייִדן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער דאָזיקער הייל, דורכן קליינעם לייטערל, וואָס הנאַ האָט שוין געהאַט צוגעגרייט. הנאַ אַליין איז אַרויס, פאַרמאַכנדיק דעם קעלער מיט די דילן⸗ברעטער, ווייל נאָר דאָס איז די עפענונג געווען, קיין ספּעציעלער אַראָפּלאָז איז ניטאָ. איצט האָט ער פאַרשלאָסן די שטאַל⸗טיר, געבליבן שטיין אויפן הויף, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די אויגן, געזוכט אַן אָרט, וווּ זיך צו ראַטעווען. זיין בליק האָט דערכאַפּט אַן עפענונג צו אַ שטאַל⸗בוידעם. ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אַ דראַפּע געטאָן אין די ניט געהיבלעוועטע ברעטער און מיטן גאַנצן כוח זיך אַהין אַרויפגעצויגן. אַ סאַפּענענדיקער איז ער איין מינוט געלעגן,

נאָר אַ ניט פֿאַרשטענדלעכער כוח האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צוריק, זיך ניט געלאָזט באַהאַלטן, אים געטריבן די געפֿאַר אַנטקעגן. איז ער אַראָפּ פֿון בוידעם און זיך געלאָזט מיטן באַרג־אַרויף, צום געטאָ־מויער.

אויפֿן בערגל זיינען געשטאַנען אַ כאָפּטע געזונטע, באַוואָפֿנטע ס״ד־ניקעס, ווי זיי וואָלטן געהיט אַ וואַך־פּאָזיציע. פֿון דאַנעט, ווו דאָס גאַנצע געטאָ איז געלעגן אָפֿן פֿאַר זייערע אויגן, האָבן זיי גענישטערט אין אַלע זייטן. אַזוי ווי חנא האָט זיך דערנענטערט האָבן זיי אים איינגעטיילט אַ פּאָרציע קלעפּ און באַפֿוילן לויפֿן צום מויער. חנא איז אַליין געלאָפֿן דורכן געטאָ־גאָרטן, נאָר שוין זייענדיק האַרט ביים מויער, האָט ער ערשט דערפֿילט די סכנה און אויסמיידנדיק די מערדער, מיטן זעלבן אימפּעט צוריק־געלאָפֿן אַ היים.

גוט אָנגעשראָקן דאָס געטאָ־פֿאָלק. און צעהערגעט ווער ס׳איז געקומען אונטער זייער האַנט, זיינען די ס״ד־לייט אַוועק. די ידיעה האָט זיך שנעל צעטראָגן אַ פֿריילעכע איבערן געטאָ. פֿון אַלע מיסטקאַסטנס, קלאָזעטן, בוידעמער און קעלערן האָבן אָנגעפֿאַנגען אַרויסקריכן בלייכע, טויט־דערשראָקענע מאַנספּילן.

אַז חנא האָט געעפֿנט דעם קעלער, געמאָלדן אַז די געפֿאַר איז פֿאַרביי, האָבן די יידן אין קעלער זיך צעוויינט; געוויינט פֿון שמחה, פֿאַר גאָטס אָפֿענע ניסים.. און געכאַפּט אַ ביסל פֿרישע לופֿט, אין די זיך שטיקנדיקע לונגען. מען האָט אָנגעפֿאַנגען קריכן פֿון קעלער, נאָר משה דער פֿישער האָט אַ בעט געטאָן מיט טרערן: יידן, לאָמיר דאָ דאַווענען ווייטער, כאָטש איין תּפֿילה, פֿון דער דאָזיקער טיפֿעניש, ממעמקים, ווי אין יוספֿס גרוב. די יידן האָבן צוגעשטימט. און געהאַלטן ביי יזכור — האָט מען דאָס געזאָגט. געזאָגט יזכור נאָך די געשטאָרבענע, וואָס אַ סך זיינען געלעגן טאַקע דאָ אויפֿן בית־עולם, פֿון יענער זייט וואַנט, נאָר — אַ ביסל העכער צום אויבערפֿלאַך, ניט אַזוי טיף אין דער מאַמע־ערד, ווי די, וואָס האָבן דאָ איצט יזכור געזאָגט..

אַ קאַמף די ניט געבוירענע

פאַרשטענדלעך, אַז די מערדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן גענומען אַלץ, וואָס איז שוין געווען פאַר זיי אָנגעגרייט פון אַלע המן׳ס אין דער יידישער געשיכטע און מיט עכט דייטשער פאַרשאָלטענער פינקטלעכקייט, בעסטיאַלישער מערדערישקייט, אַדורכגעפירט. זיי האָבן טאַקע אויסגעטראַכט מיידאַנעק און אוישוויץ, גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, נאָר אויך די „פאַרעלטערטע“, פינצטערע מעטאָדן פון אַלע זייערע פאָרגייער אין אַלע צייטן האָבן זיי ניט געלאָזט אָן אָנווענדונג.

1942 האָבן זיי באַנייט דאָס „געזעץ“ פון פרעה מלך מצרים: כל הבן הילוד — וכל הבת אויך — אַלע קינדער וואָס ווערן פון איצט געבוירן מוזן געטויט ווערן. שוואַנגערע מוזן איבעררייסן זייער שוואַנגערשאַפט. די פרויען, וואָס וועלן פון איצט פאַרשוואַנגערן, מוזן צוגעשטעלט ווערן די דייטשן.

יידן האָבן, אין ווילן צום לעבן, אויך דאָס געזעץ אויסגעטייטשט צום גוטן. „די דייטשן ווילן ניט געבן עסן אַזעלכע, וואָס קענען ניט אַרבעטן. אָבער דאָס איז דאָך אַ גרעסערער באַווייז, אַז די, וואָס אַרבעטן יאָ, וועלן טאַקע בלייבן לעבן“...

נאָר דער באַפעל האָט דאָך צעטומלט די געטאָ־יידן. דער ייד וואַרום האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון וואַרשע, פון זיין פאָטער, אין וועלכן ער שרייבט אים: „די אָפעראַציע בין איך גוט איבערגעקומען, נאָר איך פיל זיך זייער שוואַך.“ וועלכע אָפעראַציע דאָס איז, האָט מען שוין פאַרשטאַנען. מען האָט שוין געהאַט געהערט וועגן מאַסן־קאַסטרירונגען פון יידן. דאָס געטאָ האָט געלעבט אין מורא פאַר דער דאָזיקער שרעקלעכער אָפעראַציע. מענער האָבן זיך געשוואָרן צו נעמען דאָס לעבן, אויב די אָפעראַציע זאָל דורכגעפירט ווערן איבער זיי.

נאָר די פּסיכאָ-אַנאַליטיקער, אויב זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט דעם פּראָבלעם, וועלן קענען באַגרייפן און אונדז אויפקלערן דעם גייסט-צושטאַנד פון געזונטע, שטאַלצע, צום טויט שטענדיק גרייטע מענער, וועלכע זיינען דערשראָקן געוואָרן, פאַר דער עווענטועליטעט פון אַזאַ אָפּעראַציע. אויך מענער שוואַכע, קרענקלעכע, גרייט צו הכנעה צוליב אַלין און פאַר אַלין, זיינען גרייט געווען זייערע לעבנס איבערצושניידן מיט אייגענע הענט איידער אַריבערטראָגן די שאַנדע פון ווערן געשלעכטלעך אימפּאָטענט. און עס וועט זיין פאַלש צו פאַרבינדן די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע נאָר מיטן רויען „ברוטאַלן" ווילן צו געשלעכטלעך זיך אויסלעבן. כאָטש ביי אַ גרויסן טייל געטאָ-איינוווינער איז דאָס געווען, אין אָט די פינצטערע לעבנסבאַדינגונגען, דער איינציקער לעבנס-גענוס, און אַ סך מאָל אַפילו דער בינד-פאָדעם צום לעבן. גיכער דאַרף מען עס פאַרבינדן מיט דער, אין יידישן לעבן טיף פאַרוואָרצלטער, געבונדנקייט צו משפחה, מיטן ווילן צו שמידן ווייטערדיקע דורות, צו פאַרקניפן זיך מיט דער אומשטערבלעכקייט, מיט דער אייביקייט. יידן האָבן געהאָפט אַריבערצולעבן, ווי אַ סך גזרות אין אונדזער געשיכטע, אויך היטלערן און ווייטער פאָרזעצן דעם גאַנג פון דורות, דעם המשך פון יידישן פאָלק. טאָ דערפאַר — אין דער מעגלעכקייט צו בלייבן אַ קינדערלאָזע מאַסע איז פאַרלוירן געגאַנגען דער זין פאַר פאָלקסגעראַנגל. די וויטאַלע פאָלקס-קראַפט אויסצוהאַלטן און איבערציהאַלטן אויך די גזרה. — ווייל וואָס פאַראַ זין האָט דאָס איבערהאַלטן, ווען דאָס פאָלק וועט מער ניט האָבן קיין צוקונפט דורך אַ לעבעדיקן נאָכוווקס?

די געטאָ-דאָקטוירים, פייסאַכאָוויטש אין לוניץ, האָבן מיט פאַרוויטיקטע און שרעקפולע הערצער, געשניטן די עמבריאָנען פון מוטערלעכע גופים. דורות זיינען צעשניטן געוואָרן. ווען און ווער וועט פאָדערן די נקמה פאַר אָט די ניט-געבוירענע?

די דייטשן האָבן זיך ניט געטאָרט דערוויסן, אַז מען אונטערברעכט שוואַנגערשאַפט אין געטאָ. די דאָקטוירים האָבן עס געמוזט מאַכן. אויב ניט איז אין סכנה געשטאַנען דאָס גאַנצע געטאָ. האָבן

זיי בעסער געשטעלט אין געפאַר זייערע אייגענע לעבנס. צוליב הונגער און שרעק האָבן אַכציק פּראָצענט פרויען פאַרלוירן די מענסטרואַציע און יונגע פרויען האָבן אין צעטומלעניש געטאַפּט זייערע לייבער אין ציטערניש, אַז עפּעס זיינען זיי דיקער געוואָרן. ווי גליקלעך זיינען די יונגע פרויען געווען, ווען דער דאָקטאָר פלעגט ניט פעסטשטעלן קיין שוואַנגערשאַפט. פּונקט ווי די זעלבע פרויען וואָלטן גליקלעך געווען, אין נאָרמאַלע צייטן, ביים ערשטן אויפצאַפּל פון אַ ניי-לעבן אין זייער גוף.

פון וועלכן וועלט-געריכט וועט מען מאָנען פאַר אָט דעם פאַרגאָסענעם בלוט, פון נאָך ניט געבוירענע נפשות און פאַרן פאַרווערן די פרייד פון ערשטן לעבעדיקן אויפצאַפּל אין מאַמעשן בראַכט, ביי מאַמעס — וואָס זיינען אַליין שפּעטער אַוועק אין אוישוויץ און מיידאַנעק?

אָן מענטשלעכן שטראָף וועלן בלייבן די מערדער פון אונדזערע לעבעדיקע לעבנס און אַוודאי שוין פון די, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן נאָך איידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן.

זאָל די קללה פון דער געשיכטע הענגען איבער די מערדער פאַר די אַלע ניט-דערלעבטע און ניט-אויסגעלעבטע לעבנס!

* * *

אַ סך יידישע פרויען האָבן זיך פאַרשטעקט מיט זייער שוואַנגערשאַפט אויף בוידעמער און אין קעלערס, אַנטלאָפן פון דער היה'שער וועלט, כדי אין הושך אויסכאָוועגען אין זייערע לייבער די משיחים פון זייער פּיין. און יינגעלעך און מיידעלעך זיינען געבוירן געוואָרן, אַזעלכע ליכטיקע, קלאָר-לויטערע, ווי אויף צו להכעיס אַלע שונאים. די ניי-געבוירענע האָט מען אין פּיין און ענגשאַפט געבאָדן, געוויקלט און זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער ציטערדיקע מאַמעשע בליקן. זייערע יונגע גופים'לעך האָבן אַריינגעזויגן דעם גאַנצן צער און גלות פון זייער פאָלק. די, וועלכע מען האָט ניט געכאַפּט און דערמאָרדעט; די שאַרבנס, וואָס זיינען ניט צעשמעטערט געוואָרן אין

די געשטאַפּאָ=אויטאָס, האָט מען אין שמאַטעס. קישנס און טשעמאָדאַנעס אַרויסגעטראָגן אויסערן געטאָ, צו קריסטן.

אַ גרויסער טייל פון זיי לעבן ביז היינט ביי זייערע רעטער. אָדער מען וויל זיי ניט אָפּגעבן, אָדער עס איז מער ניט געבליבן, ווער ס'זאָל זיי אָפּנעמען. נאָר דער צער אין זייערע שוואַרצע אויגעלעך וועט אַפילו אין יאָרן אין יאָרן אַרום זיי ברענגען צו זייער פאָלק. דער אומרו, מיט וועלכן זיי זיינען אויסגעטראַגן געוואָרן, דער פּיין, וואָס האָט זיי געשטילט, די ציטערדיקע מאַמע=הענט, וואָס האָבן זיי צו זיך געדריקט, האָבן אויסגעברענט אין זייערע נשמות דעם יידישן שטעמפּל. עס איז ניט מעגלעך, אַז זיי זאָלן קענען לעבן רואיק אין דער רואיקער געזעלשאַפט פון זייערע „מאַמעס“ און „טאַטעס“. זיי וועלן גרעסער ווערן און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט וועט זיי ציִען, מאַגיען. דער ווייטער אָפּקלאַנג, וואָס נעסטעט אין זייערע הערצעלעך, וועט זיי פירן ווי טענער פון מוזיק אין אַ פינצטער=שטילער נאַכט, ברענגענדיק זיי צו זייער שטאַם. דער לעצטער גסיסה=קרעכצן פון זייערע מאַמעס, וואָס האָבן די יידישע נעמען זייערע אַרויסגעכאָרכלט אויף די פייערן פון אוישוויץ, וועט זיך יאָרן טראָגן דורך דער לופט צו זיי, אין די ווייטע ליטווישע דערפער, און וועט זיי ברענגען צו זייער פאָלק, אין וועמענס בלוט זיי זיינען געבוירן געוואָרן און וועמענס בלוט עס פליסט אין זייערע אָדערן.

* * *

נאָר חנה די שוואַרצע האָט ניט מורא געהאַט. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרשטעלט איר בויך, אים ניט איינגעצויגן. זי איז רואיק אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט. געקערט דאָס שטיק גאַס פאַרן געטאָ=טויער, געראַמט דעם גרויסן געטאָ=פּלאַץ, געקערט די ביוראָען פון דער געטאָ=פאַרוואַלטונג.

ביים געטאָ=טויער האָט זי געלעבט. האָט זי זיך גוט געקענט מיט אַלע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דאָ טאָג און נאַכט געהאַלטן די שמירה. די פּאָליציאַנטן פלעגן ביי איר, אין דער ערשטער געטאָ=שטוב, זיך אַריינכאַפּן דערוואַרעמען, טרינקען אַ גלעזל בראָנפן, וועלכן זי אַליין טאַקע פלעגט באַזאָרגן פאַר דער פּאָליציי. ביינאַכט פלעגט

די פּאָליציי זי אַרויסלאָזן דורכן מויער און ביי גויים פלעגט זי שוין קריגן, פאַר גרויס געלט, אַלץ וואָס זי האָט געדאַרפט.

וויפל קינדער האַט חנה געהאַט?

— שווער צו זאָגן.

ביינאַכט איז דאָס גאַנצע צימער פאַרלייגט געווען מיט הענטעלעך און פיסעלעך, קעפּל צו קעפּל. בייטאָג האָבן די קינדער זיך חס⸗ושלום ניט באַהאַלטן, ווי אין אַלע הייזער. נאַקעטע, באָרוועסע האָבן זיי זיך אַרומגעטריבן איבערן צימער, זיך אַרויסגעשאַרט אויף די הינטער⸗חלקים איבערן שוועל, צום טויער. זיך אַדורכגעקייקלט אונטער די געטאָ⸗דראָטן, ווי דאָס געטאָ וואָלט זיי ענג געווען. די מאַמע פלעגט זיי כאַפּן, שלעפּן אויף גיך, צוריק אין שטוב אַריין. חנה האָט קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט. ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט. בייטאָג ראַמען די גאַס, באַגינען די ביוראָען און ביינאַכט האַנדלען. חנה האָט געדאַרפט דערנערן אַזויפיל מיילעכלעך און זיי זיינען כסדר צוגעקומען.

אַז חנה איז אַריין אין געטאָ, האָט זי געבוירן אַ יינגעלע, ניין מאָנאַט שפּעטער — אַ מיידעלע. דאָס געטאָ האָט זיך געוווּנדערט: דאַכט זיך גאָר ניט קענטיק געווען אויף איר. אין אירע מענערישע שטיוול איז זי ביזן לעצטן טאָג אַרומגעגאַנגען, און קיינער האָט גאָר ניט געמערקט, ניט געזען ווי זי שוואַנגערט. אַ קליינע, אַ ברייטלעכע — האָט זיך דאָס שוואַנגערן ניט אָנגעזען אויף איר פיגור, וועלכן ס'האָט אומהילט אַ שווערער ברייטער מאַנסבילשער מאַנטל. און אויף איר פּנים? — ווער האָט דען געקוקט אויף איר שוואַרצן פאַרהאָרעוועטן פּנים?! אַ פּאָר טעג שפּעטער איז חנה שוין ווידער געווען ביי דער אַרבעט ווי קיין מאָל גאָרניט. די עלטסטע טאָכטער, די צען יאָריקע, איז געווען אַ מאַמע צו די קלענסטע. פיר מאָנאַט שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז חנה די שוואַרצע שוואַנגערט שוין ווידער. האָט מען איר אויסגערעדט: סטייטש, ווי שטעלט איר דאָס גאַנצע געטאָ אין סכנה?

— אָן קינדער, זאָלן לעבן מיינע שונאים, אָן קינדער איז מיין לעבן גאָר ניט ווערט — איז געווען איר ענטפער.

...אַז די מערדער זיינען געקומען און איר געכאַפּט אין קעלער מיט די קינדער, האָבן זיי איר צוליב געטון: איר געלאָזט אַריינקריכן אין אויטאָ צוזאַמען מיט די קינדערלעך. שפּעטער האָבן זיי זי ייאָד אָוועקגעריסן פון זיי.

* * *

...אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג האָט זי אין שאַוול געבוירן אַ מיידעלע און אַ נאָמען געגעבן נאָך דער עלטסטער טעכטערל אירער.

בּלומען

סוף זומערדיקע זון האָט זיך באַוויזן פֿון אַהינטערן בית⸗עולם קראַנק און בלאַס, ווי די קראַנקע, וואָס זיינען געלעגן אין שפּיטאָל אויפֿן בית⸗עלמין⸗הויף.

פֿון אַלע עקן און ווינקלען געטאָ האָבן אַרבעטער, מיט גליווער אין די ביינער און נאָך פֿאַרשלאָפֿענע אויגן געיאָגט אָן אָטעם צום אַרויסגאַנגס⸗טויער. דאָס שאַרפֿע באַגינען⸗פֿרעסטל האָט אַדורכגענומען די פֿון זעק געמאַכטע קליידער, און זיך געביסן אין די מאָגערע גופֿים

— צו פֿינף!... צו פֿינף!... — האָבן געשריען היים זשעלינסקי און אפֿרים געץ, די אַרבעטס⸗איינזאַץ⸗לייטער, און אַלע אָרדנונגס⸗דינסטלער האָבן מיטגעהאָלפֿן; אַריינרייענדיק צו די יידן אויף גיך: אַרבעט ראַטעוועט אונדזער לעבן, — נאָר אַ דאַנק אונדזער אַרבעט האַלטן אונדז די דייטשן.

— איר ווילט מען זאָל אייך דערשיסן? — האָבן זשעלינסקים קרומע אויגן זיך געביסן אין אַ בלייכן פֿרויען⸗פּנים. — איר האָט ניט קיין רחמנות אויף אייער קינד? — איר ווילט דאָך ניט מען זאָל אייך אַרויספֿירן פֿון געטאָ, — איז שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט!

וואַקלענדיקע פֿיס און אַ שטילער קרעכץ האָבן זיך אַרויסגעקייקלט דורכן געטאָ⸗טויער.

ביים געטאָ אויף דער אַרישער זייט זיינען שוין גרייט געשטאַנען די באַגלייטער, באַוואָפֿנטע דייטשן און ליטווינער, וואָס האָבן צוגעהאָלפֿן די יידישע אָרדנונגס⸗דינסטלער פֿאַרמירן די קאָלאָנעס.

— צו פֿינף!

— צו פֿינף!

— אָפּמאַרש!

* * *

אויפֿן פּלעצל, ביים טויער, האָבן זיך האַלטנדיק פֿאַר די הענט אַרומגעקרייזט שלום און פֿרידאַ. דער מיידלס פֿייכטע אויגן, באַצויגן

מיט פרעסטלדיקן טוי, האָבן שימערירט מיט פרישקייט. איר צאַפּלדיקער גוף האָט אונטערגעטאַנצט, ווי זי וואָלט געוואָלט דערשפּרינגען צו שלומס הייך. פרידא האָט אַלע ווײַלע אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, כדי זיך ניט באַגעגענען מיט די אויגן פון די צו דער אַרבעט גייענדיקע חברטאָרגס, וואָס האָבן מיט קנאה איר נאָכגעקוקט; ניט פאַרגונען, וואָס פרידא אַרבעט אין געטאָ גופא, אין דער בערשט-פאַבריק.

— האַ. פאָו. עם. אַנטרעטן!

די קאָמאַנדאַ האָט זיך צעטראָגן איבערן פּלאַץ. אַכציק מאַן האָבן זיך גענומען שטופּן צום אַדורכגיין די טויער-שפּערע. און אַז די צאָל איז שוין פאַרפולט געווען, האָבן נאָך אַלץ אייניקע ניט אויפגעהערט זיך רייסן צום אַרויסגיין. געווונקען דורכן דראָט צום דייטשן סאָלדאַט, זיך געבעטן בײַ אים ער זאָל אויך זיי מיטנעמען, געוויזן אים, אַז זיי האָבן שטאַרקע מוסקולן, זיי וועלן גוט אַרבעטן. — מען האָט זיך געריסן צו האַ. פאָו. עם. ווייל דאָרט האָט מען געגעבן אַ ביסל מיטאָג-זופּ און מען האָט אויך אַמאָל געכאַפּט עפּעס אין די פאַרפלעגונג-לאַגערן.

שלום איז געגאַנגען מיט דער קאָלאָנע אין בּרעג פון דער לעצטער ריי, צו קענען דורכן דראָט-צוים נאָך אָנבליקן פרידאן, וואָס האָט פון געטאָ-זייט באַגלייט די אַוועקגייענדיקע קאָלאָנע. זי איז נאָכגעגאַנגען און געווונקען מיט איר ווייס הענטל, ביז דער געטאָ-צוים האָט איר אָפּגעשניטן דעם וועג. שלום האָט צוגעלייגט איצט צוויי מאָל האַנט צו האַנט און איר געשיקט אַ לופט-קוש אויף צוויי פינגער — עס איז געווען צו אירע צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס זי איז היינט געוואָרן.

* * *

אַז די קאָלאָנע איז אָנגעקומען אויפן אַרבעטס-פּלאַץ האָט מען אָפּגעטיילט אַלע מענער צו די וואַגאָנעס. שלום האָט געבויגן דעם רוקן, געשלעפּט אויף זיין נאָך יינגלדיקן גוף די צוויי צענטנערדיקע זעק מעל. האַלבן טאָג האָבן יינגע פיס זיך שוין געבויגן פון שוואַכקייט. ער האָט געציילט די טריט, פון וואַגאָן ביזן שפּייכלער — פיר און צוואַנציק טריט. וויפל קילאָמעטער איז ער היינט שוין אַזוי געגאַנגען?

— וויפל זעק מעל אַוועקגעשלעפּט? ער האָט געחשבונט, געציילט, געוואָלט פאַרשלאָגן די מחשבות „אַז דער טאָג ציט זיך היינט ווי

אַן אײבּיקייט, עפּעס איז ער לענגער ווי שטענדיק״ נאָר טיף אין זיין האַרצן פּלעמלט אַ דינער פּרייד־געפיל, וואָס פילט אים אָן מיט אומרו, מיט אַ שטילן ציטער: פרידא איז היינט געוואָרן צוויי און צוואַנציק יאָר — ער מוז איר ברענגען כאָטש עטלעכע בלומען צום געבורטסטאָג. ער ווייסט ווי ליב זי האָט בלומען. ער מוז. ער וועט ריזיקירן. געלינגט עס אים, איז ניטאָ קיין גרעסערע פרייד צו פאַרשאַפן איר

די מחשבות צעצינדן איצט זיין בלוט, צעוואַרעמטע ליבע גלעט זיין האַרצן טראָגט ער זיך איבער אין דער פאַרנעפּלטער צוקונפט, וועגן זיך פאַרבינדן מיט פרידאַן אויף אייביק ווערט לייכטער דערווייל דאָס זעקל מעל אויף דער פּלייצע. הויבן זיך גיכער די פיס. ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו די טעג וואָס אויף אייביק...

דער אָוונט איז צוגעפאַלן אַ קאַלטער, אַ כמורנער, אַ דינער רעגן האָט זיך געשפּיזלט אין די נאַקעטע בּוימער. די ליטווינער אַרבעטער זיינען שוין לאַנג אַוועק אַ היים. נאָר אָט טרייבט מען שוין אויך די יידן צום זאַמל־אָרט. מאַט־מידע גופים שלעפּן זיך דעם לאַנגן וועג צום געטאָ. נאָר די הערצער שלאָגן אין אַנגסטן: ווער עס טראָגט אַ שטיקל פעט, געכאַפּט אין די מאַגאַזינען, ווער אַ זעקל, ייד צו מאַכן אַ בגד, און ווער עס באַהאַלט אויס אין די אונטערוועש אַ קילאָ מעל. פרויען פּוצן זיך, קעמען אַרויף זייערע פריזורן; דאָס האָבן זיי פאַרלייגט אונטער די האָר אַ שטיקל פּוטער, קעז אָדער גאָר אַ קאָנפעקט פאַר אַ קינד. ווער עס ציט אונטער אַ פוס אין גאַנג, ווייל דאָס ביסל מעל האָט זיך אים צוזאַמענגעשאָטן אין איין זייט קאַלאָש. היינט טראָגט אַיעדער עפּעס אַ היים, פאַר ווייב און קינד, פאַר מאַן און מאַמען. דאָס היינטיקע וועטער איז געווען ווי אַ גאַראַנטיע, אַז די דייטשן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ, און אפשר אויך דער ליטווינער ביים געטאָ־טויער, וועלן ניט קאָנטראָלירן. אין אַזעלכע שלעכטע וועטערן פּלעגן זיי זיך פוילן אַרויסגיין פון זייערע וואַרעמע וואַך־בודעס. כאָטש ס׳האָט שוין גאָרניט זעלטן פּאַסירט, אַז אויך זיי האָבן אויסגערעכנט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די יידן, און דווקא אין אַזעלכע נעכט געמאַכט די שאַרפסטע קאָנטראָלן.

שלום איז געגאַנגען אומרואיקער פון אַלע אַנדערע. יעדע פּאָר טריט בייט ער זיין אָרט אין ריי, אַט רעכטס, אַט לינקס; ער זוכט

אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו קענען זיך אָפּטיילן פון דער קאָלאָנע, בלייבן שטיין אין אַ טויער, אין אַ גאַס=ווינקל, כדי אַוועקגיין אין אַ באַקאַנטער גערטנעריי, קריגן בלומען.

אַ שווערע לאַסט=פור איז אָנגעפאָרן אַנטקעגן, ווען די קאָלאָנע האָט געהאַלטן אין איינשניידן שוין די גאַס צום געטאָ. די גייענדיקע יידן האָבן זיך צוגערוקט נענטער צום טראָטואַר און די פור איז אויף איין ווײלע געווען אַ מחיצה צווישן די יידן און די פּאָסטנס. שלום האָט זיך אַ זעץ געטון אויפן ראַנד פון טראָטואַר, ביים טעלעפאָן=סלופּ, זיך איינגעצויגן, צוזאַמענגעדרייט אין דרייען און פאַרהאַלטן דעם אָטעם אין שרעק. אַז ער האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגן איז די קאָלאָנע שוין ניט געווען, נאָר טעמפּע קלעפּ האָבן זיך געטראָגן פון די ווייטע ברוק=שטיינער אין דעם נאַכטיקן טונקל.

* * *

פאָרזיכטיק, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, האָט שלום איינגעפּאַקט די בלומען אין בוזעם, איינגעצויגן די ברוסט, כדי זיי זאָלן ניט צעדריקט ווערן און פאַרקנעפּלט דאָס רעקל ביז אַרויף. נאָכן אָפּגיין אַ פּאָר טריט האָט ער איבערגעטראַכט: און אַז דער פּאָליציסט ביים טויער וועט אונטערזוכן? — ניין, עס טויג ניט אין בוזעם. דאָ קען מען עס לייכט געפינען. בעסער די בלומען פאַרפּאַקן אין די הויזן. עס רעגנט, וועט היינט דער פּאָליציסט אַזוי טיף זיך ניט בויגן צום בודק זיין. נאָר באַלד האָט ער דערפילט, אַז די בלומען ווערן צעריבן — ער וועט עס אַריינלייגן אין היטל! אין היטל דאַרף זיין ניט שלעכט: ער וועט קומען צום טויער, אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַרן פּאָליציסט און אַזוי אַריינגיין מיטן היטל אין האַנט...

אַ קאָלאָנע איז אונטערגעקומען. פון אַ הינטער די גייענדיקע האָט שלום זיך צוגעשטעלט.

— אַ, געווען אין שטאָט? — האָבן די יידן זיך געווענדעט צו שלומען — שטייט בעסער ניט לעבן מיר, איך בין אַליין „טריף“. שלום האָט זיך געשטופּט פון איין ריי צו דער אַנדערער, נאָר יעדער איינער איז ניט=כשר געווען, און אים געבעטן אַוועקגיין.

די קאָלאָנע איז דערגאַנגען צום געטאָ. שלום האָט זיך נאָך אַלץ געישובט ווו צו פאַרשטעקן די בלומען. אפשר אין רעקל=קעשענע?

— איז אים דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק — ער וועט פֿונאַנדערשפּיליען דאָס רעקל צום קאָנטראָל. דער פּאָליציסט וועט זיכער אַרונטער רוקן די הענט אונטערן רעקל, און ניט באַמערקן, אַז גאָר אין קעשענע אויבן ליגט די „גנבה“. — שלומן איז איצט זיין גאַנצער גוף קליין געווען, ניט געפֿונען קיין אָרט אַרום זיך אויסצובאַהאַלטן דאָס קליינע בינטל בלעטלעך.

דער פּאָליציסט איז געווען אַ כלב. געהייסן אַנצינדן די טויערלאָמפּן, געטאַפּט יעדן איינציקן, געשאָקלט, גענישטערט, צוגעגומיען. שלום איז געווען דער לעצטער.

— נו, וואָס האָסטו?

— בלומען — האָט שלום אים אונטערגערוקט דאָס בינטל.

— בלומען איז אויך פֿאַרבאָטן, פֿאַרשאָלטענער דו! — אַלץ ווילן זיי, די פֿאַרשאָלטענע, אַפֿילו בלומען!

דער פּאָליציסט האָט געוואָרצעט, שטופּנדיק די גרויסע לאַפּעס אין די קעשענעס אַריין. אַז ער האָט גאָרניט געפֿונען, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ ביטול־בליק צו שלומען: טראָג זיך שוין מיט דיינע בלומען..

ביים טויער האָט פֿרידא אים שוין אָפּגעוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און פֿאַרטרערטע אויגן.

— וואָס האָט ער דיך אַזוי לאַנג געהאַלטן? האָסט דען עפּעס?

— אַ כאַם, כ'האָב גאָרניט.

זיי האָבן געשפּרייזט דעם בערגל אַרונטער, צום מיטן געטאָ, צו איר היים. אין שטוב האָט שלום זי אַרומגענומען, איר אויסגעקושט די נאָך פֿאַרטרערטע אויגן און אונטערגעטראָגן דאָס נאַסע בינטל בלומען.

דאָס צימער האָט אַ שיין געטון; אין פֿרידאס דינע שטימע האָט זיך צעקלינגען מיט ליכטיקער פֿרייד: — בלומען... בלומען...

פאַרביטן דעם טויט

ווען דער גרויסער קאַסטן איז פאַרטיק־געוואָרן, די לעכלעך אין אויבערשטן דעק אַדורכגעבויערט, האָט משה דער סטאָליאַר אַהין פאַרפאַקט זיין זון, אַרויפגעלייגט די געלעכערטע דעק האָט מען אַריינגעשטעלט דעם קאַסטן אין אַרציקס פאַדוואָלע. (אַ לאַנגער וואָגן), אַרומגעלייגט מיט געהילץ און אויבן קונציק באַדעקט מיט בעטגעוואַנט; אַזוי האָט מען אַריינגעגנבעט משה דעם סטאָליאַרס זון אין געטאָ.

שוין פינף און דרייסיק יאָר ווי משה שימשער האָדעוועט זיין איינציקן זון. גאָט האָט משהן געשטראָפט — אַ סך קינדער געהאַט און אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן. זיך ניט געהאַלטן ביי אים קיין קינדער, און דער איינציקער, וואָס איז לעבן געבליבן, איז פון געבורט פאַרשאָלטן מיט אַ ניט מענטשלעך אויסזען. אַ שטיק קנויליקע מאַסע פלייש מיט צוויי בלישטשענדיקע טרויעריקע אויגן, ווי אַלע טויטן, פון די פריערדיקע קינדער, וואָלטן אין זיי שטעקן געבליבן. דער קאָפ רונד און אויבן פלאַטשיק. קורץ — אַ פאַרזעניש. ער רעדט ניט, ער איז שטיל, ווי דער טויט וואָלט אין אים פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער ער לעבט, ער אָטעמט, עסט, שלאָפט, גייט אויף מענטשלעכע באַדערפעניש. ווען־ניט־ווען לאָזט ער אַרויס אַ ברום, זאָפגעהאַקטע קולות. פראָפעסאָרן האָבן ניט געקענט צערעכטמאַכן דאָס, וואָס די נאַטור האָט משהס קינד ניט דערגעבן.

פינף און דרייסיק יאָר איז ער אָפגעלעגן אין אַ באַזונדער צימערל געלעגן ווי אַ טויטער. ווי אַ היה׳לע. איצט האָט מען אים אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַריין.

אַ פאָר צענדליק בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט אין געטאָ, באַרן געטאָ און פאַר די דייטשן, עקסטרא אַרבעטן. זיינען געווען קליינע ווערק־שטיבן אין געטאָ: אַ סטאָלעריי, שלאָסעריי, שוסטעריי, שניידעריי אאז״וו. משה איז געווען דער פאָר־אַרבעטער פון די סטאָ-

לערס, האָט דער עלטסטנראַט דערלויבט צושרייבן זיין זון אַלס אַרבעטער בײַ אים

יאָרן זיינען אין געטאָ געלאָפן, דורך אַקציעס, סעלעקציעס און אַרויספירונגען, נאָר משהס פינצטער צימערל האָבן די הענקער קיינמאָל ניט אַנטדעקט. אפשר איז דאָס אַליין אויך געווען די איראָניע פון גורל. דאַן ווען געזונטע, קרעפטיקע און לעבנס־ווילנדיקע מענטשן זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צום טויט. — איז משהס זון, די שטיק באַוועגונגסלאָזע מאַסע. רואיק געלעגן, פון קיינעם ניט געשטערט. אפילו דעם פינפטן נאָוועמבער 1943, בשעת דער גרויזאַמער קינדער־אַקציע, ווען אַלע געטאָ־הייזלעך זיינען דורכגעאַקערט געוואָרן ביז די פונדאַמענטן, דורך ברוין־שוואַרצע באַרבאַרן־האָרדעס, ווען צוויי קינדערלעך זיינען אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער זעלבער שטוב, ווי משה דער סטאָליאַר האָט געלעבט, — אויך דאַן איז דער האַלבטויטער זון משהס ניט דערטאַפּט געוואָרן.

איז דאָס די איראָניע פון אונדזער גורל, אָדער איז משהס זון באַשאַפן געוואָרן ספּעציעל פאַר אַ העכערן צוועק, צו זיין דירעקטער קרבן־פאַרבייטער?

איז עס טאַקע אַזוי, אַז ס׳ווערט ניט אָפּגעשלאָגן אַ פינגער אָן אַ פינגער אונטן אָן דער באַשטימונג פון אויבן? — טאָ פאַרוואָס זיינען אַזויפיל צאַרטע ריינע גלידערלעך יענעם טאָג, דעם פינפטן נאָוועמבער. צעשמעטערט געוואָרן, אדרבא פאַרוואָס?!

נאָר איצט, ווי דאַן, וועלן מיר אויף דעם קיין ענטפער ניט קריגן.

— משהס זון איז לעבנגעבליבן אויך יענעם טאָג.

* * *

דער לאָקאָמאָטיוו איז סאָפּנדיק, פאַרמאַטערט, דורכמאַכנדיק 800 קילאָמעטער, אַנגעלאָפן צען קילאָמעטער הינטער שאַוול און שטייט געבליבן אָן כוחות, קרעכצנדיק און הוסטנדיק, ווי די מענטשן וואָס ער האָט געפירט אין זיינע פיר און צוואַנציק וואַגאָנען

ווו אַהין דער לאָקאָמאָטיוו וועט פאַרקערעווען האָט דער לאָקפירער נאָך ניט געוווסט, פּונקט ווי עס האָבן ניט געוווסט די פּאַסאַזשירן, ווו אַהין מען פירט זיי ניט געוווסט האָט דער ליטווישער לאָקאָמאָטיוויסט, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן פון קלאַגא, (עסטלאַנד),

אַז אים איז עס באַשערט די „בכבודיקע“ מיסיע צו פֿאָרן אַזש אין דער אַזוי באַרימט=מיסטעריעזער אויסשוויץ. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער פֿירט 24 וואַגאָן קראַנקע, צעבראָכענע, אָפּגעאַרבעטע ייִדן פֿון קלאָגאַ, וויייווערע, פּיפּיקאָן, אווערע, קאואזע און אַנדערע לאַגערן אין עסטאָניע און אַז ער געפֿינט זיך איצט אויף דער סטאַנציע מעשקוין,

די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע, אַ טויט=שוואַרצע, שטערנלאָזע. כמורנע האָט דער הימל באַצויגן די בלוטיק זינדיקע ערד, איינגעהילט די וועלט אין שווייגן און געהאָלפֿן פֿאַרבאָרגן די פֿאַרברעכנס. וואָס ווערן אונטן באַגאַנגען, קעגן דעם אויסדערוויילטסטן פֿאָלק פֿון זיין האַר אויבן

יצחקס לונגען, נאָך ניט רעכט אויסגעהיילט, האָבן געטריקנט אין מויל איז אים ביטער=זויערלעך געווען. „אַ טרונק“, אַ ביסל קאַלט וואַסער, נאָס דאָס איז איצט געווען זיין איינציקער פֿאַרלאַנג, איין מינוט שפּעטער מעג פֿאַסירן מיט זיינע 18 יאָר וואָס עס וויל, אָבער איצט וויל ער אַ טרונק, ניט מער. און גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים, אין געשטאַלט פֿון אַ דייטשן וועכטער. ער האָט אים אַרויסגעלאָזט נעמען נאָר אַ טרונק וואַסער. ווי אַנטוישט איז אָבער יצחק געווען, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט און מער ניט געפֿונען דעם צוג. אַליין אין דער פֿינצטערער נאַכט, אַ פֿרעמדער אין דער געגנט, האָט דאָס ווילנער ייִנגל זיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער באַן=פּאָליציי.

די פּאָליציי האָט געקלונגען צו דער צווייטער סטאַנציע, געמאָלדן, אַז איינער איז דאָ צופֿעליק געבליבן. מען זאָל מעלדן דעם צוג=פֿירער. נאָר דער צוג האָט קיין צייט ניט, ער מוז אָנקומען אין דער באַשטימטער, נאָך פֿינצטערער שעה. קיין אויסשוויץ.

— קלאַפּן מיר טאַקע ניט אָפּ אַ פֿינגער אָן אַ פֿינגער אונטן אויב אויבן ווערט עס פֿריער ניט באַשטימט?

— יצחק איז איבערגעגעבן געוואָרן אין שאַוולער געטאָ. נאָר פֿאַרוואָס זיינען אַלע ייִדן פֿון עשאַלאָן אַוועק, נאָך אין דער זעלבער נאַכט, אין אויסשוויצער פֿייער?

אויף דעם דערוואַרטן מיר היינט, ווי דאַן, ניט קיין ענטפֿער.

* * *

יצחק ווילנער איז אין געטאָ-קראַנקנהויז געזונט געוואָרן; זיינע לונגען האָבן זיך אויסגעהיילט, זיין פּנים איז ראָזער געוואָרן, נאָר אָפּגעשוואַכט איז געווען זיין גוף. איז ער געבליבן אַ וועכטער ביים שפּיטאָל-טויער.

...אָבער דייטשן זיינען פּינקטלעך, אָרדנונגספול. דער צוג-פירער האָט גענומען פופצן הונדערט מענטשן, דאַרף ער פונקט אַזוי פיל צושטעלן אין אוישוויץ, צום „אויוון אָבער-בראַנד-מייסטער“. אויסגעציילט דעם טראַנספּאָרט: איינער פעלט. זיינען געלאָפן פּראָטאָקאָלן, זוכענישן, ביז דער פאַרוואָרפענער מעשקוצער-סטאַנציע, און פון דאָרט קיין שאַוול און — אין אַ העלן טאָג זוכט דער געביטס-קאָמיסאַר אָט דעם יעניקן, וואָס איז אַריינגעשיקט געוואָרן מיט 2 חדשים צוריק אין געטאָ. אוישוויץ דאַרף אויך אים, אוישוויצער אויוונס זיינען ניט זאַט, זיי פעלט דער קרבן, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געווען, די פלאַמען פאָדערן דאָס 18 יעריקע יינגל, „מולך“ וועט זיך ניט באַרואיקן ביז ער וועט ניט קריגן די פולע צאָל, איינער פעלט אים נאָך.

* * *

אין קליינעם צימער פון געטאָ עלטסטנראַט איז נאָך ליכטיק. אין אָט דער שפּעטער נאַכט-שעה די פאַרזאַמלטע זיצן שווייגדיקע.

דאָקטאָר וואָלף פּייסאַכאָוויטש איז ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן אַהער. האָט ער דאָך דאָס קראַנקע יינגל געראַטעוועט, זאָל ער אויך איצט געפינען אַן עצה, ווי אָפּצוראַטעווען אים, ניט פון קראַנקייט, נאָר פון אוישוויצער אויוון.

די עצה איז פאַראַן, אַלע ווייסן איר, נאָר קיינער דרייסט זיך ניט אַרויסצוזאָגן און וועמען?. ווער זאָל זיין דער פאַרבייטער?

אויפן טיש ליגט די רשימה פון די אַלטע, פון די שוואַכע, פון די קראַנקע, פון די קריפּלס. ווייניקע זיינען זיי שוין געבליבן אין געטאָ, געציילטע און אויך זיי אַלע אַרבעטן — איינעמס בליק איז שטיין געבליבן ביים נאָמען שימשער. אויגן האָבן זיך שטום איבערגעקוקט, מען האָט אונטערגעטראָגן דאָס צעטל דעם דאָקטאָר, אָנגעוויזן אויפן נאָמען. אַלעמענס פּנימער זייגען געווען אין פראַגע-צייכן.

— האַ, וואָס מיינט איר דאָקטאָר?

דעם דאָקטאָרס גרויסע אויגן זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט וויטאָג. ער ווייסט, אַז ער מוז איצט באַשליסן וועמענס לעבן עס איז בילכער, צי דאָס לעבן פון יונגן פול־לעבעדיקן יצחק ווילנער, אָדער פון משה דעם סטאָליאַרס זון, וואָס ליגט שוין שוואַך און האַלט יעדן טאָג ביים אויסהויכן זיין מאָדנעם נשמה־פייערל, וואָס האָט אים פינף און דרייסיק יאָרן געהאַלטן צווישן לעבן און טויט? — ביידע קענען ניט לעבן, איינער פון זיי מוז נאָך היינטיקע נאַכט שטאַרבן, כדי אָפּצוגעבן אַ טויטן יצחק ווילנערן פאַר די דייטשן.

— — —

אויף מאָרגן, אַז צוויי דייטשן האָבן אויפגעשטעלט דעם פראָטאָקאָל אין געטאָ־קראַנקהויז, וועגן יצחקס טויט, האָט יצחק זיי דערגעלאָזן דורכן טויער.

ווען די לעצטע לאָפּעטע ערד איז געפאַלן אויפן פרישן קבר האָט זיך דערהערט יצחק'ס שטימע: יתגדל ויתקדש. יצחק האָט אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע דעם געלן געטאָ־שיין מיטן נאָמען שימשער און זיך ביטער צעוויינט דער איינציקער וואָס האָט געוויינט נאָכן דאָזיקן טויטן.

* * *

נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר געטראָפן יצחק ווילנער. מען האָט אים געפרעגט:

איר הייסט דאָך?...

— שימשער!, האָט ער געענטפערט

דורות וועלן געבוירן ווערן אונטערן נאָמען שימשער און יצחק ווילנער וועט אויסלעבן דאָס לעבן פון איינעם, וואָס איז ווייזט אויס געבוירן געוואָרן פאַרן לעבן פון אַ צווייטן.

אַזוי פּסקנט דער רמב״ם

צום געביטס=קאָמיסאַר, געוועקע, איז איינגעלאָפֿן אַ באַפֿעל. אייגנטלעך מער פֿאָרוואָרף ווי באַפֿעל. געוועקע, וואָס האָט שוין זיך געהאַט אָנגערויבט און זיך געלאָזט שענקען פּעלצן, טייערע שטיינער, פֿון פֿאַרשיידענע קאַראַטן, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז „זיך ווייטער לאָזן באַשטעכן פֿון די שמוציקע יידן, ניט אויספֿירן איצט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַפֿרידיקן דעם אָבער=אָסט אין ריגע, קען שמעקן מיט אַראָפּזעצן פֿון אַזאַ וואַרעמע שטעלע, אַלס געביטס=קאָמיסאַר, און אַפֿילו מיטן פֿאַרשיקן צום פֿראָנט“. שטייט דאָך אין בריוו, וואָס איז אונטערצייכנט פֿון לאָזאַ אַליין, אַז אין אַלע געטאָס זיינען שוין פֿאַרגעקומען עפֿנטלעכע הינריכטונגען, בלוט=אָפּפֿערס, אויסער שאַוול — דער רמז איז דאָך קלאָר, קלאָרער ווי אַ באַפֿעל.

פֿינף פֿאַרנאַכט, ווען די קאָלאָנעס יידן האָבן אָנגעפֿאַנגען אַריינמאַרשירן פֿון זייערע אַרבעטס=פּלעצער, צוריק אין געטאָ, האָט די גאַנצע כאַפּטע, אָנפֿאַנגענדיק פֿון ס״ס, ס״ד, געביטס=קאָמיסאַר=אָנגעשטעלטע, ביז אויף ליטווישע פּאָליציי, זיך אַ לאָז געטון, ווער אויף אויטאָס, ווער מיט דראָזשקעס, צום געטאָ=טויער.

שוין אין מיטן שטאָט זיינען איבערגענומען געוואָרן די נייענדיקע קאָלאָנעס. אַנדערע שוין ביים פֿאַרלאָזן די אַרבעטס=פּלעצער. מענער ווי פֿרויען זיינען אויסגעטון געוואָרן ביזן העמד, אויפֿן מיטן פֿון גאָטס וועלט=גאַסן. גראָבע כאַמישע לאַפּעס זיינען פֿאַרקראָכן הינטער פֿרויען=ליפּן, מיט באַרבאַרישער גערייצקייט, מיט חיה'שער שאַנדלאָזיקייט. פֿרויען=צעפּ זיינען צעפֿלאָכטן געוואָרן. אפשר, אפשר איז דאָרטן אין די דינע, זיידענע שוואַרצע כלה=צעפּ פֿאַרפֿלאָכטן געוואָרן די קאָנספּיראַציע קעגן דייטשן רייך. און — זיי האָבן געפֿונען. פֿון דריי טויזנט אַדורכקאָנטראָלירטע יידן האָט מען געקענט

אַרויפלייגן אויף איין קליינע דראָזשקע די געפונענע מעל, שטיקלעך פּוטער, פּערדישע קנאָכנס קאַרטאָפל, פּאַרפוילטע בוראַקעס אד"גל

*

די מילדע זומערדיקע פּאַרנאַכט⸗לופט האָט גלעטנד זיך אַדורכגעגנבעט צווישן די געטאָ⸗דראָטן. די גרינע גרעזעלעך בײַם געטאָ⸗טויער, אויף וועלכע עס זײַנען געשטאַנען קניענדיק די געכאַפּטע יידן, האָבן זיך צוזאַמענגעקאַרטשעט אין ווייטאָג. די בײַנערדיקע קני, וואָס האָבן אין זיי זיך אַרײַנגעשפּאַרט, האָבן אַוועקגערויבט דאָס ווינטל פון זייערע גרינע גופים.

קינדער זײַנען געשטאַנען בײַ די דראָטן און געכליפּעט אויף זייערע טאַטע⸗מאַמעס, וואָס דאַרפן אויף די קני גיין צום טויט, צוליב זיי. ווייל צוליב וועמען האָבן די טאַטע⸗מאַמעס ריזיקירט אויב נישט צוליב זייערע קינדער. די אָרדנונגס⸗היטער פון געטאָ האָבן געלאָזן די קינדער בײַם דראָט, אפשר וועלן זיי ווייכער מאַכן דעם אורטייל, וואָס וועט דאָ, שוין, אויפן מיטן גאַס, לויטן קאַפּריז פון איינעם אָדער צוויי, אַרויסגעגעבן ווערן. די אָרדנונגס⸗דינסטלער האָבן אָבער זיך באַלד געכאַפּט, אַז די קינדער קענען נאָך שווערער מאַכן די לאַגע. הענגט דאָך שוין פון לאַנג, די דורך קיינעם ניט אַרויסגערעדטע מורא, איבער די לעבנס פון די געטאָ⸗קינדער.

אַן אויטאָ איז אָנגעפאָרן. פּרויען האָבן אָנגעפאַנגען אַ מאַרש אויף די קני, ווי די הייליקע קיין מעקא, געגאַנגען, זיך געבוקט און געפּלאַסטערט דעם ברוק מיט זודיקע טרערן. און הייסע ריטשקעלעך בלוט, דורך די דינע זײַדענע זאָקן, האָט זיך געגאָסן פון די קני. איינע איז עס אַפילו געלונגען, זי האָט אַזש דערכאַפּט, מיט אירע הייסע ליפּן, די שפּיצן⸗שטיוול פון הענקער. דער מערדער האָט אָבער אַ ריס געטון דעם שטיוול אויף צוריק, ניט געוואָלט זיך לאָזן קושן!

— — — בריקן האָט ער געוואָלט! און — דינע ווייסע אַלעבאַסטערציין האָבן זיך שטיל צעקלונגען איבערן ברוק.

...דער געביטס⸗קאָמיסאַר האָט אַרויסגערופן דעם געטאָ⸗עלטסטן, אים עפּעס געזאָגט און אַוועק.

— — —

מאַמעס האָבן געקושט זייערע קינדער, קינדער האָבן געלעקט די בלוטיקע קני פון די מאַמעס. אַ דינע פרייד, ווי די דינע אָוונט⸗לופט,

האָט זיך געטראָגן איבֿערן געטאָ: „אַ דאַנק גאָט, אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק"... נאָר די לבנה אויבֿן האָט אַריינגעשמייכלט שעלמיש אין די פֿענצטער פֿון די פֿינצטערע געטאָ⸗הייזקעס. און די נאַבן⸗עלטסטע זיינען געגאַנגען, אין דער שפּעטער נאַכט⸗שעה, גערופֿן אויף אַן אסיפֿה

*

זיבֿן און צוואַנציק יידן, פּונקט אַזויפֿיל האָט מען נערויטיקט, אַזויפֿיל זיינען דאָ איצט געזעסן, מיט אויגן אָנגעפֿילטע פֿון פֿאַרוויררונגס⸗פּיין.

— זאָל מען נעמען פֿיפֿציק אַלטע, קראַנקע, די שוואַכסטע.

— אייער מאַמע איז דאָך אַלט, קראַנק, וועט איר מסכּים אים אָפּצוגעבֿן?

דער ערשטער האָט געשוויגן. אַלע האָבֿן געשוויגן.

אהרון זאַגאַרניק האָט אַרויסגענומען דעם לעצטן פּאַפּיראָס, געוואָלט פֿאַררויכערן. אַ חבר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איר האָט נאָך איינעם?

עס האָט זיך געוואָלט פֿאַררויכערן; די צרות, זיך פֿאַרשיכּור'ן מיט ניקאָטין.

— נאַט, רויכערט, האָט זאַגאַרניק אים אָפּגעגעבֿן דעם פּאַפּיראָס, איך בין ניט קיין הונקא⸗רויכערער. אז דער חבר האָט געהאַלטן ביים ענדיקן, פֿאַרציען דעם לעצטן רעשט פֿון פּאַפּיראָס, האָט זאַגאַרניק אויסגעשטרעקט די האַנט: איר האָט נאָך אַ פּאָר ציי...

אַריינגעצויגן דעם לעצטן צי מיט גיריקייט האָט זאַגאַרניק זיך אויפֿגעשטעלט:

— דער רמבּ"ם פּסקנט:

אויבֿ די גויים זאָגן: גיט אונדז אַרויס איינעם פֿון אייך, און אויבֿ ניט וועלן מיר אייך אַלעמען דערהרגענען — דאַרפֿן אַלע זיך לאָזן אומברענגען און ניט איבֿערגעבֿן צום טויט אַן אומשולדיק יידיש נפֿש. דאָס איז דער פּסק הלכה. דאָס איז די באַשטימונג פֿון אונדזער קאָדעקס.*) און אַזוי מוזן מיר זיך פֿירן. זאָלן זיי נעמען וועם עס געפֿעלט זיי, מיר גיבֿן ניט! מיר גיבֿן ניט אַרויס קיין יידן צום מולד.

---

*) יסודי התורה פּ"ה, ה"ה.

זאָלן זיי געמען, די רשעים, אַלעמען, אַלעמען וועמען זיי ווילן נאָר, מיר אַלע זיינען גרייט צו ווערן קרבן.

אין קליינעם צימערל פֿון עלטסטנראַט איז שטיל געווען. די נאַכט האָט זיך געראַנגלט אין אירע לעצטע מינוטן, שטערן האָבן זיך בגניבה אָפּגעטראָגן פֿון געטאָ=הימל, פֿאַרדעקט די פּנימער מיט דינע וואָלקן=טיולן.

דאָקטאָר דירעקטאָראָוויטש. דער געוועזענער פֿאָלקיסט. האָט אַראָפּגעשלונגען די לעצטע טרער, זי אַרונטערגעשטיקט אין ביינערדיקן גאָרגל, גענומען אַ פּעדער און אויפֿגעשריבן אין דייטש:

> מיר, די אונטערגעשריבענע, שטייען גרייט, אויב עס מוז אַזוי זיין, און אויב גאָט פֿאַרלאַנגט עס, נאָכצוגעבן די פֿאָדערונג פֿון בלוט=אָפּפֿער.

ער האָט אויסליניִרט אַ רובריק, אַריינגעשריבן זיבן=און צוואַנציק נומערן און אונטערגעחתמעט דער ערשטער: דאָקטאָר מאיר דירעקטאָראָוויטש

דער אַלטער העלער האָט עס מער ניט אויסגעהאַלטן — זיין פּנים איז ווייס געוואָרן, ווי די ווייסע האָר אויף זיין קאָפּ — ער האָט געחלשט

— — —

באַגינען, אַז די אַרבעטס=קאָלאָנעס האָבן פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט זיך ביים טויער געשטעלט אַ נייע קאָלאָנע — זיבן=און צוואַנציג מאַן. יידן האָבן שטיל זיך איבערגעשושקעט: עס מוז זיין אַ גוטער אַרבעטס=פּלאַץ; — זעט נאָר ווער עס גייט דאָ אַרבעטן.

מענדל לייבאָוויטש איז געשטאַנען דער ערשטער, מיטן פּאַפּיר אין האַנט. דער אַרבעטס=איינזאַץ=לייטער האָט אויסגערופֿן די נעמען. ווי צו יעדער אַרבעטס=קאָלאָנע. אַלץ האָט געשטימט, אַלע זיינען גרייט געווען. פּונקט ווי אין געביטס=קאָמיסאַריאַט זיינען אויסגעאיילט און גרייט געווען די מאַשין=געווער, אויף פּונקט צוועלף בייטאָג.

* * *

מענדל לייבאָוויטש און אהרן כין, אין באַגלייטונג פֿון דייטשן אַרבעטס=אַמט=לייטער ד"ר גינטער זיינען אויפֿגענומען געוואָרן פֿון

געביטס־קאָמיסאַר. די יידישע פאָרשטייער האָבן אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס. און אַזוי ווי דאָס איז געווען קעגן דער טאַקטיק פון די דייטשן — צו מאָרדן די פירער פון געטאָ — האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פאַרביטן דעם אורטייל, אויף צוואַנציק טויזנט מאַרק געלט־שטראָף —

אַ גאַנץ הויכער פרייז, פאַר די ביליקע יידישע לעבנס.

שמוכלער

ווער ס'האָט געוואָלט אין געטאָ לעבן — האָט געמוזט ריזיקירן מיטן לעבן. אויסער די געציילטע וועלכע האָבן ביים אַריינגיין אין געטאָ אויסבאַהאַלטן אַ סך געלט, גאָלד און בריליאַנטן — די האָבן געקענט לעבן פון יענעמס ריזיקע. פאַר גרויסע געלטער האָט מען אין געטאָ אַלץ געקענט קריגן, אַפילו אין די סאַמע הונגער-צייט, ווען די ליטווינער-פּאָליציי און ס"ס פּלעגן זיך פאַרלייגן און היטן דורך טאָג און נאַכט, פון הינטער אַלע באַהעלטענישן אַרום געטאָ. ייִדן האָבן זיי דאָך איבערגעקליגט, זיך אַן עצה געגעבן, און דער עיקר — מיט גאָלד און בריליאַנטן איבערגעקויפט די וועכטער.

אָט די „הענדלער" האָבן איינגעשטעלט, געקראָכן צו דער חיה אין מויל אַריין, און טאָקע אַ סך מאָל ניט אַרויסגעצויגן מער דעם נאַקעטן לעבן.

פאַרוואָס האָבן זיי עס געטאָן?

איז דאָס געווען ניט מער ווי דער פּרימיטיווער דראַנג צו דייבקייט. זיך נאָר צו אָנפּאַרדינען גאָלד, אַפילו דאָ, אויפן שוועל פון טויט? אָדער דאַרפן מיר גאָר זען אין דעם אַ געוויסע פאָרם פון ווידערשטאַנד, אַ געוואַגטע אַנטשלאָסנקייט, צו דערהאַלטן דעם אייגענעם לעבן און העלפן אויך אַנדערע ניט פאַרהונגערט ווערן.

על-כל-פּנים האָבן די „הענדלער" באַזאָרגט און אויסגעהאַלטן דאָס געטאָ. און ריזיקירנדיק זייער לעבן אונטער די גרעסטע געפאַרן פלעגן זיי דאָך אויסטיילן פאַר די אומבאַמיטלטע געטאָ-איינוווינער קאַרטאָפל, ברויט, אַמאָל אויך אַ שטיקל פלייש — גאָר אומזיסט.

איז דאָס געווען נאָר כדי צו שטילן די הונגעריק-צערייצטע געמיטער, זיך באַוואָרענען פון מיסרים? — שווער צו דערגרונטעווען דעם געדאַנקען-גאַנג פון יענע הענדלער-ריזיקאַנטן און הונגער-רעטער וואָס פלעגן זיך אַרומדרייען איבערן געטאָ מיט פאַרפרעסטע ליפּן, אינזיכיקע, מיט פאַרשטייפטע פּנימער, אויף וועלכע עס איז געלעגן צוזאַמענגעקנוילט עקשנות און מורא.

זעענדיק אָפּט ווי אַ טייל פון זיי פּלעגן זיך איינשטעלן פאַרן יידישן כבוד און מענטשלעכער גערעכטיקייט, שוין זייענדיק שפּעטער אין די קאָצעט, ווילט זיך גלויבן, אַז נאָר אַ טיפע נאַציאָנאַלע קאַמפּס=אַנטשלאָסנקייט האָט עס געוועקט זיי אין מיטן פון פינצטערע נעכט, געשטופּט זיי דורך די געטאָ=דראָטן, זיי געטריבן אָן מגן דוד=צייכנס איבער האָס=פּוילע דערפער, כדי ניט לאָזן פאַרהונגערן דעם געטאָ.

בײַ אַ טייל איז דאָס אויך געווען אַ האַזאַרד=שפּיל. שמאַרקע רוישיקע בלומען, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט איינצאַמען הינטער ענגע דראָטן, אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך געווען דאָס קלענסטע שפּעלטל דורך וועלכן זיך צו פאַרמיעסטן. און וואָס ענגער דאָס שפּעלטל איז געוואָרן — אַלץ מער האָט דאָס שפּיל געצויגן. דער נצחון, פון דאָס אַריינברענגען, איז שמאַרקער געווען ווי די שרעק.

געציילטע האָבן עס געטאָן נאָר צוליב רייך ווערן, אויסנוצן די קאָניונקטור. אָבער נאָר געציילטע.

* * *

עס איז דער ערשטער ווינטער אין געטאָ. די שמאָטישע גאַסן זיינען נאָך פּליכיק, זעען אויס ווי גלאַטע האַרלאָזע קעפּ, וואָס נאָר בײַ די ראַנדן וואַקסן נאָך שוואַרץ=גרויע האָר. אָט אַזוי ליגט דער שניי אין די רינשטאָקן מיטנער שוואַרצער שניי. אַלע פאָרן נאָך מיט וועגענער, נאָר אַרציק קרופּניק פאָרט שוין מיט אַ שליטן. און כאָטש אַרציק שפּאַרט אונטער מיט זיין מויערדיקער פּלייצע מיט אַ דאָפּלטן כוח ווי זיין פערדל, באַגיסט זיך דאָך דאָס פערדל מיט שווייס, ניט קענענדיק דערציען דעם שליטן איבערן נאָך שטיינערנעם ברוק. אַרציק האָט זיין חשבון אין שליטן, גענוי אויך ווי אין זיין וואָגן, איז פאַראַן אַ דאָפּלטע דעק. נאָר ווייל דער שליטן איז נידעריקער, וועט די פּאָליציי בײַם געטאָ=טויער זיך ניט לייגן אויף דער ערד און קוקן אונטן; דאָס וואָס בײַם וואָגן איז עס לייכטער צו מאַכן.

אַרציק, ווי די אַנדערע צוויי פורמאַנעס אין געטאָ, וועמענס בערד מען האָט געלאָזן כדי צו ברענגען דאָס פּראָוויאַנט פאַרן געטאָ=קאָאָפּעראַטיוו, זשאַלעווען ניט זייערע סוסים. „וועסט ניט פּגרן, מאַקס, ווען דו וועסט שלעפּן נאָך אַ צענטנער קאַרטאָפל אין שליטן, אין באַהעלטעניש און נאָך איינעם צווישן דעם האָלץ אויבן. די יידן

זײַנען הונגעריק, איך האָב זיי צוגעזאָגט הײַנט ברענגען קאַרטאָפל...“ אַזוי רעדט זיך אַרציק שטיל אַדורך מיט זײַן פערדל. און דאָס פערדל שלעפּט די קאַרטאָפל. דאָס מעל, דאָס פלייש — אַלץ וואָס מען פּאַקט אַרויף אויף זײַנע מאָגערע בײנער און אַרציק העלפט צו מיט די לעצטע כוחות שטופּן דעם שליטן.

מיט ווערטער און מיט דער בייטש גיט אַרציק צו פאַרשטיין דעם פערדל, אַז מען מוז זיך איילן, לויפן צום געטאָ־טויער. איינמאַרקירנדיק ווען עס שטייט נאָך זײַן באַקאַנטער פּאָליציסט, אָדער דאַן ווען די קאָלאָנעס מאַרשירן צוריק אין געטאָ אַריין. אַרציק שפּרינגט דאַן אַריין מיט זײַן פור צווישן די יידן וואָס שטייען ביים טויער צום קאָנטראָל; ווערט אַ טומל, יידן כאַפּן זיך דערווייל צוריק אַריין אין געטאָ אָן קאָנטראָל. אַרציק רייסט פון זיך דעם מאַנטל, איז גרייט פונאַנדערצוואַרפן מיט געמאַכטן קוראַזש די פור האָלץ אָדער מעל, וואָס ער פירט בלומרשט פאַר דער געטאָ־בעקעריי. — — נאָר דער פּאָליציסט גלויבט שוין, גלויבט אַז אַרציק האָט טאַקע ניט מער ווי דאָס וואָס עס ליגט זיך אין פור...

נאָר ס'טרעפט אויך אַ פּאָליציסט אַ כאַם, וואָס ווערט ניט נתפעל פאַר אַרציקס קוראַזש און הייסט טאַקע אויסליידיקן די פור פאַר זײַנע אויגן. דאַן איז טויזנט מאַרק ניט קיין סך, און אַז יענער שפּאַרט זיך גאָר שטאַרק איין, ווערט אין געטאָ אַ גאָלדענער זייגער אויך. אַבי אַרויסראַטעווען אַרציקן פון טויט.

אַז די פור איז שוין אַריין אין געטאָ, ווערט אַ געלויף פון ווייבער און קינדער אין דעם טונקעלן הויף, וווּ אַרציק פאַרפאָרט. מען לויפט צו אַרציקן, מען טענהט אַריין אין אים, מען בעט, מען שרייט, מען רייסט אים פאַר די פּאָלעס. נאָר אַרציק ווישט זיך רואיק דעם שווייס פון שטערן און פאַנגט אָן די חלוקה: — פאַר יענטלען און פייגען אַ גאַנצן צענטנער קאַרטאָפל אומזיסט. ער האָט זיי צוגעזאָגט. ביידנס קינדער ליגן קראַנק. נאָר דעם אַדוואָקאַט מילס פרוי צאָלט צוואַנציק מאַרק פאַרן האַלבן צענטנער. דאָס באַצאָלט זי שוין אויך פאַר די וואָס האָבן ניט. אַזוי טיילט אַרציק איין די פולע פור קאַרטאָפל, וואָס איז נאָר פאַרמאַסקירט געוועזן מיט עטלעכע שטיקלעך האָלץ פון אויבן. אַרציק ציט אַרויס די האַלבע קו־פלייש פון שליטנס בויך

און טיילט, פֿאַרקויפֿט שטיקערווייז. מען וועגט ניט. מען שניידט ווי עס לאָזט זיך.

* * *

נאָטעס און יאַכעס לעבן אין איין הויז, האָבן איין שטאַל און איין געשעפֿט: קצבות.

ביינאַכט, ווען דאָס געטאָ שלאָפֿט איר טיפֿן שלאָף, זיינען זיי אויף. זיי האָבן איין אָפּמאַך מיט דער נאַכט: זי דינט זיי גוט. וואָס מער שטערנלאָז, וואָס פֿינצטערער — אַלץ בעסער.

זייער הויז שטייט אין געטאָ ביים דראָט=צוים; דאַרפֿן זיי נאָר איין מאָל אויסלעשן און צוריק אָנצינדן די עלעקטרע אין שטוב, און שוין ווייס דער פּויער, וואָס וואַרט מיט דער קו פֿון יענער זייט דראָט, אַז דער וועג איז פֿריי, דער פּאָליציסט איז אָפּגעקויפֿט אָדער ער שלאָפֿט. פֿון אַהינטערן פּאַרק לאָזט זיך דער פּויער מיט דער בהמה צום געטאָ. איז די קו אַ שוואַרצע, איז גוט; אויב ניט — הילט מען איר איין אין אַ מאַנטל. דער פּויער ברענגט איר נאָר ביזן דראָט. יאַנקע=מענדע, דער אויסהעלפֿער ביי די קצבים, עפֿנט דעם דראָט. ער האָט שוין זיין אָרט, ווו ער האָט אַדורכגעשניטן דעם צאַם ווי אַ טויער. באַפֿרייט ער נאָר די צוזאַמענגעהאַפֿטענע ברעגעס, און שוין איז דער טויער אָפֿן. מען פֿאַרמאַכט דער קו דאָס מויל מיט די אייגענע הענט, און אין שטאַל וואַרט שוין דער שוחט. די קישקע טריט ווערן פֿאַרשאַרט; אין שניי טוט מען איר אָן טיכער אויף די פֿיס. באַגינען איז דאָס פֿלייש שוין פֿאַרטיילט אין יעדערנס קערבל, וואָס מען האָט פֿאַרנאַכט געלאָזן. קומט איעדערער, באַצאָלט די דרייסיק מאַרק פֿאַרן קילאָ און נעמט אָפּ זיין חלק.

דער יידישער פּאָליציי געפֿעלט ניט נאָטעס=יאַכעסעס האַנדלען. עס איז צו ריזיקאַליש — יעדן טאָג אַ קו, און אַזוי „אָפֿן“! קאָנפֿיסקירן זיי דאָס פֿלייש. נאָר יאַכעס נעמט פֿרייזן אויף איינפֿאַל, פֿירט ער מאָרגן אַ צווייטע קו און היט זיך שוין אויך פֿאַר דער יידישער פּאָליציי.

אַ האַלב יאָר האָט אַזוי דאָס געטאָ געהאַט כשר=פֿלייש, און יאַכעס האָט געטענהט: פֿאַר אַ קילאָ פֿלייש אַרעסטירט מען, פֿאַר אַ גאַנצע קו — קיין מאָל ניט. וועט איר שטעלן שומרים ביי די דראָטן, וועל איך מיט פּאַראַשוטן לאָזן די קו אין געטאָ אַריין...

ביז ס״ד האָט אויפֿגעדעקט דעם פֿלייש־האַנדל אין געטאָ. כאָטש זיי האָבן קיינעם ניט „געכאַפּט" בײַ דער האַנט, האָבן זיי געצוווּנגען דעם עלטסטנראַט אַרויסצוגעבן די הענדלער. יאַכעס און נאַטעס זײַנען אַוועק אין טורמע. דעם הענדלער גליקשענשטיין האָט מען נאָך פֿריער געמוזט (!) איבערגעבן צום טויט. די וועלכע האָבן געאַרבעט מער פֿאַרן יוויל פֿון געטאָ צו שטילן דעם הונגער — האָט מען אויסבאַהאַלטן.

* * *

אין אַ חורבֿ הײַזל בײַם בית־עולם־וואַנט, וואָס גייט אַרײַן אין געטאָ, האָבן זיך באַזעצט זיבן בחורים. זיי רופֿן זיך דער רעוויזיאָניסטישער קיבוץ. דאָס איז אַ שארית פֿון אַ רעוויזיאָניסטישן קיבוץ אין לוצק, פּוילן, חברים פֿון שלמה בן יוסף. זיי זײַנען אַנטלאָפֿן אין ליטע און דאָ אַרײַנגעפֿאַלן אין געטאָ. זיי לעבן צוזאַמען, טיילן זיך מיטן ביסן. זיי האָבן געפּועלט בײַם ייִדישן לייטער פֿון אַרבעטס־אײַנזאַץ, ער זאָל איינעם פֿון זיי, דעם ייִנגסטן, לאָזן פֿאַר אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. וואַשט ער עס זייער אַלעמענס וועש, קאָכט, רוימט אויף דאָס צימערל, די אַנדערע זעקס אַרבעטן אין די קאָמאַנדעס. איין בליק אויף די זיבן ייִדן, און עס דוכט זיך, אַז איין מאַמע האָט זיי געבוירן: געזונטע, מיט ברייטע פּלייצעס און שווײַגעדיקע אויגן, אַהינטער וועלכע עס באַהאַלט זיך איים אַן אייביקע פֿאַרשווערונג, אַ סוד.

שיקט מען צוויי פֿון זיי אויף טאָרף אָדער אַנדערע שווערע אַרבעט אויסערן געטאָ — פֿאַרבײַטן זיי איינע די אַנדערע. אַזוי טיילן זיי איין די שווערקייט און די לײַכטקייט פֿאַר דער גאַנצער מישפּחה צו ביסלעך.

דער צווייטער ווינטער אין געטאָ, די לאַגע איז שווער, מען הונגערט. האָבן די דאָזיקע חברים באַשלאָסן אויסצונוצן זייערע געזונטע גופֿים, זייער דרייסטקייט. צוויי חברים וואָס האָבן געאַרבעט אויפֿן באַן, פֿלעגן בײַם צוריקגיין פֿון דער אַרבעט זיך אָפּטיילן פֿון זייער קאָלאָנע, ערגעץ פֿאַרשטעקן, ביז ס'פֿלעגט גוט פֿינצטער ווערן. דאַן פֿלעגן זיי ווו אײַנקויפֿן פֿופֿציק און מער לעבלעך ברויט, פֿאַרפּאַקן אין זעק און עס טראָגן צום געטאָ. אין אַ הויף בײַ יענער זײַט

בית־עולם־פּאַרקאַן פּלעגן זיי זיך אָפּשטעלן און וואַרטן אויף אַ צייכן פון אינעווייניק. די אַנדערע חברים פּלעגן אויסשפּיאָנירן אויב די וואַך איז פאַרזאַמלט בײַם טויער אָדער זיי פּאַטראָלירן אַרום געטאָ. אין אַ גינסטיקן מאָמענט פּלעגן זיי מעלדן דעם סיגנאַליזירער, וואָס פּלעגט זיצן מיט אַ באַטאַרייקע־לעמפּל אין האַנט אויף זייער שטיבל־דאַך, וועלכעס איז געשטאַנען האַרט בײַ דער וואַנט פון בית־עולם. דערזען דעם צייכן, פּלעגן די חברים פון יענער זייט זיך לאָזן כהרף עין מיטן ברויט צום בית־עולם־וואַנט. די אינעווייניקסטע פּלעגן אַריבערלויפן דעם בית־עולם און אַריבערנעמען דאָס ברויט מיט זייערע חברים.

אַ ווינטער לאַנג האָבן זיי געאַרבעט. ביז אין אַ נאַכט האָבן זיך אָנגעפאַנגען שיסן קוילן איבער זייערע קעפּ. הלל קאַטשובאַ, דער עלטסטער און געזונטסטער האָט מיט זיינע שטאַרקע הענט אַריבערגעוואָרפן זיין חבר און דאָס ברויט איבערן פּאַרקאַן. אַליין — איז ער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

אין אייניקע טעג אַרום האָט דער ס״ד־פעלדפעבעל, קעליער, געזאָגט די יידישע פאָרשטייער: אַזאַ יידן האָב איך נאָך ניט געזען. ביז טויט געשלאָגן האָב איך אים, און ער האָט ניט אַרויסגעזאָגט, ווי ער האָט גענומען דאָס ברויט און ווער זיינע מיטהעלפער זיינען געווען.

דריי מאָנאַט שפּעטער האָבן די דייטשן געדאַרפט יידן אויף טאָרף־אַרבעט, און ס'איז געלונגען אַרויסצונעמען פון טורמע די אַלע נאָך לעבעדיקע יידן. ביי זיבעציק אין צאָל. קאַטשובאַ איז געווען צווישן זיי. אויף טאָרף איז געפאָרן פאַר אים זיין חבר, וועמען ער האָט געראַטעוועט.

לאַנגע חדשים שפּעטער איז נאָך געווען צו זען די רויע שטיקער אָפּגעריסן פלייש אויף קאַטשובאַס גוף. און די חברים האָבן זיך דאַן אויסגעזוכט אַ בעסערע באַשעפטיקונג — העלפן פלאַנען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ. אַ טייל איז אַוועק אין וואַלד. *)

* * *

---

*) אַ וואָך נאָך דער באַפרייאונג פון דאַכאַו, מאַי 1945, איז איינער פון די זיבן, יהודה טוריסקי, אַוועק מיט אַ לעבל ברויט

פּיילקע האָט שוין ניט איינמאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. ניט איינמאָל האָבן איר, ביים אַריבערשפּרינגען דעם דראָט, נאָכגעיאָגט קוילן. נאָר זינט זי האָט געקראָגן די אַרבעט פון פירן די צואה אין שטאָט איז איר ריזיקע קלענער געוואָרן.

אייגנטלעך האָט מען די אַרבעט געגעבן איר מאַן. נאָר זי איז מער בּריה, מער געוואָגט, נעמט זי אַליין די לייצעס אין אירע גראָבע ידים און טרייבט אָן דאָס פערדל. דאָס וועגל מיט די צואה, אויף צוויי גרויסע רעדער, היידערט זיך דורך אַלע אָפּגעלעגענע שטאָט⸗גאַסן, פאַרפאָרט ווו די שטאָט⸗פאַרוואַלטונג האָט אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף דאָרטן רייניקן די אָפּאָרטן. רייניקט אויס און פירט עס אויסער דער שטאָט. אַזוי איז פּיילקע איצט פול אומעטום, ביי אַלע אירע באַקאַנטע גויעס. אין די אַרימיקע דערפער; פאַרקויפט אַלץ וואָס מען גיט איר פון געטאָ און קויפט איין פּראָדוקטן. איר באַהעלטעניש איז זיכער: אין גוט פאַרמאַכטן בלעך⸗קאַסטן, אין דעם פור פון טינוף.

צוויי מאָל אין טאָג, אויף מיטאָג און אין אָוונט, פאָרט זי אַריין אין געטאָ, נעמט אַרויס פון באַהאַלטער דאָס קעסטל און פון אים — ברויט, פּוטער, שמאַלץ, פלייש.

אַלע ווייסן ווו פּיילקע פירט די פּראָדוקטן, נאָר קיינער בראַסירט ניט, פאַרקערט, מען קומט זיך בעטן ביי איר, זי זאָל מיטנעמען עפּעס צום פאַרקויפן, צום אויסבייטן. ביי איר איז מען זיכער, אַז ס'וועט ניט פאַרלוירן גיין. אַז מען וועט ביי איר ניט כאַפּן, זי האָט דאָך אַזאַ גוט באַהעלטעניש

* * *

איידלמאַן איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ דיכטער, נאָר דער האַרטער לעבנס⸗קאַמף האָט אים געצוווּנגען צו ווערן אַ פישער. פאָרט ער אַרויס איבער טייכן, אָזיערעס. כאַפּט פיש און פאַרקויפט. יעדע ייִדענע וואָס קויפט ביי אים, איז ער מכבד מיט אַ פאָר געגראַמטע ווערטער, און די וועלכע קויפן ניט ביי אים זינגט ער נאָך קופּלעטן

אונטערן אָרעם, אין די מלבושים פון קאַצעט, איבער אַלע גרענעצן קיין ארץ⸗ישראל. אַ צווייטער, פּוזיק, האָט אָנגעפירט מיט יציאת⸗אייראָפּא. קאַמשובאַ און אליהו זיינען אין ארץ⸗ישראל. איציק איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן.

און... זיי קויפן שוין. די אַנאַנסן וועלכע ער גיט פאַר זיין פּיש־געשעפט זיינען געגראַמטע. נאָר איידלמאַן האָט נאָך אַלץ, צו זיינע פערציקער יאָרן, דעם ווילן צו זיין אַ דיכטער. פון צייט־צו־צייט דרוקט אַ צייטונג זיינס אַ לידל, אַ לייכטס, אַ שלאָגעדיקס, און איידלמאַן פאַרלויכט דערמיט זיין אומצופרידנקייט פון פאַרקויפן פּיש. כאָטש פון דעם עצם געפינען זיך אָפט אויף די ברייטע וואַסערן, ליכטיקע טייכן, אונטער אָפענע הימלען, איז איידלמאַן דווקא צופרידן.

אין געטאָ זיינען קיין טייכן ניט געווען. אַ חוץ טייכן בלוט און טרערן. האָט איידלמאַן באַשריבן, באַזונגען אַלע געטאָ־געשעענישן און געצווינגען צו זיך פאַרערער, וואָס האָבן געהערט און געוויינט, געהערט און געלאַכט — ווי וואָס פאַראַ פּאַסירונג איידלמאַן האָט באַשריבן און פאַרגעלייענט.

אין געטאָ קען מען אָבער אַוודאי ניט לעבן פון פּאָעזיע, האַנדלט איידלמאַן אויך דאָ מיט פיש. ער שמוגלט זיי אַריין פון באַקאַנטע גויאישע פישערס, און יידן זיינען זיך מחיה מיט אַ שטיקל שבתדיקן פיש, צו להכעיס אַלע שונאים!

איידלמאַנס געשעפט איז טאַקע פיש, נאָר עס קען אויך ניט שאַטן אונטערכאַפּן אַ מאָל אַ האַנדל מיט פלייש...

שטייט ביים געטאָ־טויער אַ גוטער פּאָליציסט, אַ באַקאַנטער, מאַכט איידלמאַן מיט אים אַ געשעפט. ער כאַפּט זיך נאָר אַרויס אויף אייניקע מינוט און באַלד פאָרט ער אָן מיט אַ פולן שליטן פלייש, גלייך — אין די הענט אַריין פון דער פּאָליציי — זיין באַקאַנטער פּאָליציסט האָט אים פאַראַטן.

דערוויסט זיך די קריסטין אַדאַמאָוויטש, ביי וועמען איידלמאַן האָט דאָס פלייש געקויפט אַז ער זיצט אין טורמע, לויפט זי צו דער ליטווישער פּאָליציי. זי ווייס, אַז ניט נאָר ער, נאָר אויך זי איז אין סכנה. אַדאַמאָוויטש שפּיצט אַ סך יידן אין געטאָ שוין די גאַנצע צייט. וועמען, פון באַקאַנטע, זי גיט אומזיסט, און מיט וועמען זי פירט גרויסע געשעפטן. זי קויפט אויף יידישע זאַכן און צאָלט מיט לעבנס־מיטל, פּראָדוקטן. אויב איידלמאַן זאָל זיין געצווּנגען אויסצוזאָגן איר נאָמען, וועט די פּאָליציי געפינען ביי איר אַ ריזיקן יידישן פאַרמעגן, וואָס ווערט אין די נעכט צו איר אַריבערגעשמוגלט. אַדאַ-

מאַוויטש קומט ענדלעך דורך מיט דער ליטווישער פּאָליציי: אַז מען שטעלט אויף מאָרגן איידלמאַנען, צו אין ס״ד איז נאָר פּאַראַן פּיי די 4 זעק פלייש איין איינציקער און דער — מיט ביינער.

די ייִדן וואַרטן אָפּ איידלמאַנען אין געטאָ, ווילן וויסן ווי שטאַרק ס'איז געווען די קלעפּ, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון טויט, נאָר איידלמאַן לויפט מיט אונטערגעהאַקטע זייטן צו זיין פערדעל. „שפּעטער, שפּעטער וועל איך אייך דערציילן.“ אין זיין קאָפּ ליגט פאַרטיק די באַשרייבונג, אויסגעגראַמט, אויסגעדיכטעט.

אין אָוונט שליסט ער זיך אויף פון זיין אַליין זיין, ער פיבערט פון די צעקלאַפּטע אברים און פון שאַפונגס⸗אימפעט. איידלמאַן לייענט, און געטאָ⸗ייִדן קאַטשענען זיך אין געלעכטער פון דער געלונגענער פּאַראָדיע. נישט וועגן קלעפּ דערציילט זיך דאָרטן, נאָר פון אליהו הנביא, וואָס האָט אויפגעמאַכט די זעק, אָפּגעשונדן דאָס פלייש און געלאָזן נאָר ביינער. דאָרט ווערט דערציילט פון דייטשער טעמפּקייט, פון ליטווישער כאַמישקייט. און —

„פון אונדזערע שונאים אַזויפיל ציינער —
וויפל פלייש ס'איז געווען,
ניט קיין ביינער..“

אומגליקלעכער עם־הספר

ביי אַ פרומען איז קיין קשיות נישטאָ, פאַר אַן אַפּיקורוס זיינען קיין תירוצים ניט פאַראַן

פאַר פרידמאַן דעם שלאָסער זיינען קיין קשיות נישטאָ.

מען האָט אויסגעמאָרדעט טויזנטער יידן?

ה' נתן וה' לקח. גאַט האָט געגעבן דאָס לעבן און גאָט נעמט עס צוריק, ווען ער וויל.

פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן מיט אַ גלויבן=דורשטיקע נשמה, אויף אַלע צרות וועט ער געפינען צדק=הדין. מעג דער רשע טרייבן, יאָגן צו אַרבעט פון פריען באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַלץ וועט פרידמאַן געהאָרכזאַם דורכפירן. עס איז גאָטס שטראָף, זיי, די רשעים, זיינען נאָר זיינע אויספירער.

פאַרוואָס וויל אַזוי גאָט?

דאָס טראַכט ניט פרידמאַן, ער וויל עס ניט טראַכטן, זיין שכל קען עס סיי ווי ניט משיג זיין. די תורה איז ניט נאָר פון שכליות, און ניט אַלץ קענען מיר פאַרשטיין. אָבער וואָס ערגער עס ווערט, יאָס מער אַקציעס, סעלעקציעס, טויט, בלוט, שגעון און פאַרניכטונג אַלץ בעסער דאַרפן מיר ווערן, אַלץ געלייטערטער, פרימער. ווייל נאָר דאָס איז דאָך גאָטס רצון: מיר זאָלן בעסער ווערן, פרימער, הייליקער, גיין אויף מסירת=נפש פאַר יידישקייט, פאַר גאָט און זיין תורה, אַזוי טענהט פרידמאַן אַריין אין יעדן געטאָ=יידן.

שבת אַרבעט פרידמאַן ניט. מעג זיין משפּחה ליידן דערפון, מעג ער געטריבן ווערן דורך יידישע אָרדנונגס=דינסטלער, מעג ער אָפּליגן פאַרבאַהאַלטן אין טויט=שרעק גאַנצע שבתים, אויף בוידעמער און אין קעלערס, אין מורא פאַר די כאַפּערס, וועלכע רייסן זיך אָפט אַריין אין געטאָ כאַפּן אויף אַרבעט, — פרידמאַן וועט ניט מחלל זיין דעם טאָג, וואָס גאָט רוט אין אים.

און פרידמאַן האָט טייערע הענט, ער איז אַן אַבסאָלווענט פון דער מלאָכה־שול „אָרט“ אַרויס פון דאָרט מיט אַן אויסצייכענונג, ער איז אַ גוטער שלאָסער. ווי ער קומט אַרבעטן באַהאַנדלען אים אַפילו די דייטשן בעסער ווי אַנדערע ייִדן, ווייל פרידמאַן רירט זיך נאָר צו צו אַ צעבראָכענע מאַשין, ווערט עס געמאַכט אַזוי שנעל און אַזוי גוט, אַז די דייטשע אויפפּאַסער און מייסטערס האָבן דרך־ארץ פאַר זיינע קענטעניש. אָפט וואַרפן זיי אים צו אַ שטיקל ברויט, אַ טעלער זופּ (וואָס ער עסט ניט, צוליב טריפה). נאָר וואָס העלפט דאָס אַלץ, אַז פרידמאַן אַרבעט נאָר זעקס טעג, אויפן זיבעטן איז שבת. קומט דער מייסטער שבת אין געטאָ זוכן פרידמאַנען, זיי דאַרפן אים האָבן, דער בוי־לייטער שיקט ספּעציעל נאָך אים. נאָר פרידמאַן ליגט באַהאַלטן. אויף מאָרגן מוז מען זאָרגן פאַר פרידמאַנען אַן אַנדער אַרבעט־פּלאַץ. אויף דעם זעלבן טאָר ער זיך מער נישט באַווייזן, די דייטשן וועלן אים דערהרגענען, אָפּגעבן ס"ס פאַר סאַבאָטאַזש. פרידמאַן איז באַשטימט אַלס מייסטער פון אַ גרויסער פאַבריק, די מאַשינען קענען ניט אַוועק אָן אים און ער ליגט רואיק מיט אַ ספר אין האַנט, ווי ניט אים וואָלט מען איצט געזוכט. ביי אים איז שבת. ער גייט אויסגעפּוצט אין שבת'דיקן אַנצוג, מיט אַ הוט אויפן קאָפּ און לערנט אַ בלאַט גמרא.

פרידמאַן אַליין האָט ניט מורא. ער איז אין גאָטס האַנט. אַמאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין טורמע צוליב זעקס פאַרפוילטע קאַרטאָפל. אָפּגעזעסן דריי מאָנאַט! און אַרויס אַ געשוואָלענער פון הונגער, האָט ער אויך געהאַט מיט וואָס צו פאַרענטפערן גאָט: — עס איז געווען פרייטיק, שוין גאָר קורץ פאַר ליכט־בענטשן און ער האָט נאָך געטראָגן די פאַרפוילטע קאַרטאָפל, זיך פאַרזאַמט וועגן זיי לענגער אין שטאָט, האָט גאָט אים געשטראָפט דערפאַר, ווייל ער האָט קיין בטחון ניט געהאַט אין אים, ניט אָנגעטרויט, אַז ער וועט שוין צושיקן אויף שבת... פרידמאַן וויל עס פאַרשטיין אַלס צייכן. גאָט רעדט צו אים מיט רמזים און פרידמאַן שטרענגט זיך אָן צו פאַרשטיין די דרכי־השם. און טאַקע דאָס אַליין, וואָס ער איז דאָך אַרויס פון טורמע, איז דען ניט דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז אין גאָטס האַנט? איי פאַרוואָס זיינען אַנדערע, וועלכע זיינען געזעסן מיט אים צוזאַמען,

טאַקע געשטאָרבן דאָרטן פון הונגער און קלעפּ? אויף דעם האָט פרידמאַן איין ענטפער:

— אַזוי, ווייזט אויס, איז דער ווילן פון גאָט.

און וואָס האָט פרידמאַן פאַרלאַנגט פון זיין היים, אין טורמע זיצנדיק? — ניט קיין ברויט, ניין! — זיין טלית און תפילין און אַ ספר אין וואָס אַריינצוקוקן. אויך אין טורמע האָט פרידמאַן געהאַט מיט וואָס אויסצופילן זיין טאָג: מען דאַרף זען, אַז אַלע יידן אין אַלע צימערן זאָלן קריגן די תפילין, אַמאָל לאָזט זיך אויסמאַרקירן אַ מנין אויך. מען לערנט אַפילו אין טורמע אַמאָל בחברותא און — גאָט וועט שוין רחמנות האָבן.

חנוכה תש"ב:

שטריינגע, דער שיכור, אַ קעניגסבערגער דייטש, וואָס האָט אין געטאָ באַקאַנטע יידן פערד=הענדלער איז איצט דער ממונה פאַר די יידן אין אַרבעטס=אַמט. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז ער געווען אין געטאָ און אויסגעמאָסטן די גאַסן, האָט מען דערפון געדרונגען, אַז עס גרייט זיך עפּעס אַן איבערגרופּירונג. און אויף חנוכה, אַ יום=טוב דאָך, איז עס געקומען: אַלע בעלי=מלאכות דאַרפן אַריבערגיין אין איין זייט געטאָ און די שוואַרצאַרבעטער אין אַ צווייטער זייט.

פאַרוואָס אַזאַ געזעץ?

היינט ווייסן מיר עס: אַזאַ רויבער=טאַקטיק האָבן זיי געפירט אומעטום כדי צו קענען אַרויספירן, וועלכן טייל מען וועט דאַרפן, ליקווידירן אָן באַזונדערע שוועריקייטן. דאַן האָט מען עס ניט באַגריפן.

די נאַכט פאַר דער אומזידלונג איז געווען אַ ליל=שימורים אין געטאָ=פאַרשטייערשאַפט. מען האָט געמאַכט ליסטעס, צוגעגרייט, אויפן פּאַפּיר, ווער מיט וועמען עס בייטן זיך וווינונגען. די קאַלקולאַציע איז געווען אַ שווערע. ביי יעדע אומזידלונג פלעגן די דירות קלענער ווערן: אַז דער עולם איז שוין געזעסן, ווער=מיט=וועמען איינקוואַרטירט, איז מען שוין געלעגן „איינגעאָרדנט" אין דע ענגע דלד=אמות'דיקע קברים, אַז מען האָט אָבער געדאַרפט איינשטעלן יעדערן אין אַ נייע וווינונג, איינטיילן אויפסניי די צוויי מעטער פאַר אַ מענטשן, פלעגן די וווינונגען שטענדיק קלענער ווערן. מען האָט ניט

געקענט אַזוי לייכט צונויפפאָרן די איינוווינער; די טראַגעדיע פון וווינונגען און דירה=מאַנגעל פלעגט, נאָך אַן אומזידלונג, ווידער אויסוואַקסן מיטן גאַנצן גרויל.

די קללה פון „שבע נשים בתנור אחד” איז אין נאָרמאַלן טאָגטעגלעכן געטאָ=לעבן געווען איינע פון די גרעסטע קללות. און ווייזט אויס, אַז צו קאָכן „הלה=בוזשע“, (אַזוי האָט מען גערופן די מאַגערע זופּן), מוז מען האָבן מער אָרט ווי אויף גוטע געריכטן. די נערוון זיינען צערייצט געווען, און פאַרמאַטערטע פרויען, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, פלעגן זיך צוכאַפּן צו די איינציקע קיך אין הויז, אַמאָל פאַר זעקס און אַכט משפחות, האָט קיין צרות, האָר=רייסעניש, קללות, צער און פּיין שוין ניט געפעלט.

דער אונטערשייד פון שטאַנד און קלאַס האָט אויך אין געטאָ ווייניק נאָכגעלאָזן. ביי אַ טייל איז עס אַפילו שטאַרקער געוואָרן. מענטשן וועלכע האָבן אין לעבן אַלץ פאַרלאָרן האָבן זיך שטאַרק געקלאַמערט אַרום דעם „וואָס מען קען דאָך ניט פאַרליירן” — שטאַנד, קלאַס, אָנשויאונג, געוווינטער לעבנס=שטייגער. האָט מען געמוזט, כדי צו פאַרמיידן בייז=בלוט, שטענדיק מדקדק זיין ביים צוזאַמענפּאַסן די משפחות. אַזוי צ״ב פלעגן זיך שלעכטער פון אַלעמען פאַרטראָגן געוועזענע גרויסע גבירטעס מיט קלענערע. ניט זעלטן האָט אַ קיך=סקאַנדאַל געהאַט זיין פינאַל אין געטאָ=געריכט. פלעגט מען דערפאַר מוזן לייגן אַכט ניט נאָר אויף דער גרויס פון אַ וווינונג, ווי, נאָך מער, אויף אַלע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן און מענטשלעכע געוווינהייטן, ביים צוזאַמענפּאַסן די שכנים. אָבער אויך די רוימען פלעגן עפּעס קלענער ווערן. די ברכה פון בית=המקדש, פון עומדים צפופים און משתחוים רווחים האָט אין געטאָ ניט גערוט. פון אַיעדער קנייטש און בויג, וואָס מען פלעגט געבן דאָס געטאָ, איז אַלץ ענגער געוואָרן. די צוגעטיילטע מעטערס האָבן קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטן דעם חשבון ביים דעטאַליזירן זיי. (זע „טאַמאַרע”). פלעגן טאַקע מענטשן נאָך יעדער אומגרופּירונג זיך וואַלגערן וואָכן=לאַנג מיט זייער ביסל אָרעמקייט אויף די געטאָ=גאַסן.

אין יענעם באַגינען ווען מען האָט דערזען, אַז נאָך אַלע צונויפפאַרענישן אויפן פּאַפּיר איז דאָך אוממעגלעך אַלעמען צו געבן אַ

דאַך איבערן קאָפּ, איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה: אָנשטאָט אומצובייטן די מענטשן אין די דירות האָט מען אומגעביטן זייערע נעמען אין די ביכער... דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר.

וואָכן שפּעטער האָבן די דייטשן אַליין פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין, פון צוויי באַזונדערע ראַיאָנען, ווייל די גאַנצע זאַך אין דאָך געטאָן געוואָרן כדי ניט געבן קיין רו דאָס געטאָ=פאָלק און, ווי דער שיכור שטריינגע האָט אַליין שפּעטער געזאָגט, כדי צו צעטאַשן די יידן ווי קאָרטן, זיי זאָלן אַליין ניט וויסן ווו זיי געפינען זיך.

די אומזידלונג איז אָבער אויך געווען אַ טאַקטיק קעגן געטאָ. די דייטשן האָבן דאַן מורא געקראָגן, אַז יידן בויען בונקערס, אינטערערדישע אַרויסגענג, צו אַנטלויפן אין פּאַרטיזאַנקע, באַהאַלטן איים געווער א.אז.וו., דורכן אַלע ווילע אַריבערוואַרפן די יידן, פון איין וווינונג אין אַ צווייטער, האָבן זיי געוואָלט צעשטערן אַלע אַזעלכע מעגלעכקייטן. און, וואָס אַן אמת, איז עס זיי אויך געלונגען.

אין יענעם חנוכה=טאָג, באַגינען, אַז די רשימות פון אַריבערהייבן די איינוווינער איז פאַרטיק געוואָרן, זיינען שוין ביים געטאָ=מויער געשטאַנען זעכציק באַוואָפנטע ס״ד=באַנדיטן, גרייט צו „העלפן“ מאַכן די אומזידלונג. די ס״ד=ניקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון איבערן געטאָ מיט שטעקנס און ברעטער אין די הענט, ווי אין געיעג אויף ווילדע הינט. ניט געווען איין ייד וואָס איז דעם טאָג ניט געשלאָגן געוואָרן

בייטאָג, אַז די זון האָט צעוואַרעמט דעם ליימיקן געטאָ=באָדן, אונטער די טויזנטער אויף אים אַרומטראַמפּלענדיקע פיס, און דאָס געטאָ איז געוואָרן אַ שיטערער זומפּ, האָבן די ס״ד=לייט זיך איינגעאָרדנט אַ ספּעקטאַקל: געטונקט בעזעמער אין דער בלאָטע און געפּאַכעט אין די יידישע פּנימער, אַראָפּגעריסן די הייטלען און עם געפירט מיט די בעזעמער אין בלאָטע און די יידן האָבן געמוזט נאָכלויפן. דאָס דאָזיקע איזדעקעווען זיך פון די מערדער האָט יענעם טאָג צעמאַטערט און פאַרוווּנדיקט אַלעמענס הערצער.

אַז איינער פון דער דאָזיקער ס״ד=באַנדע איז געקומען צו פרידמאַנס הויז און דערזען ווי ער פּאַקט ספרים אין אַ קאַסטן, האָט ער אַ בריק געגעבן דעם קאַסטן, די ספרים האָבן זיך אַ וואַלגער געטאָן

אין דער לייזער בלאָטע פרידמאַן האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעפאַנגען אַרויסנעמען די ספרים, זיי אָפּגעווישט און אַ קוש געטאָן. דער ס״ד=ניק איז ווילד געוואָרן, אָנגעפאַנגען טראַמפּלען די ספרים מיט די פיס מיט אַזאַ סאַדיסטישער רציחה, ווי די דאָזיקע ספרים וואָלטן געווען זיינע טויט=פיינט. אַרויס פון בלאָטע האָט ער אויסגעשטעלט זיינע שטיוול, געהייסן פרידמאַנען אָפּפּוצן. פרידמאַן האָט אויסגעטון דאָס רעקל, געפּוצט די שטיוול. און אַז די שטיוול זיינען שוין זויבער געווען האָט ער מיט דעם זעלבן רעקל אָנגעפאַנגען פּוצן די ספרים.

— פאַרשאָלטענער ביבל=פאָלק — האָט דער ס״ד=כאַם אַ בורטשע געטאָן און אַוועק.

*

פאַר אַ קאָנטריבוציע, אַז די געטאָ=שוסטעריי וועט זיי באַקליידן מיט שטיוול, האָבן די ס״ד=ניקעס, מיטאָג=צייט, פאַרלאָזן דאָס געטאָ, דריי טעג שפּעטער איז זייער גאַנצע קאָמפּאַניע אָפּגעשיקט געוואָרן צום פראָנט, כדי צו קריגן דעם פאַרדינטן טויט. די שטיוול האָבן זיי קיינמאָל ניט אָפּגענומען.

*

נאָך דער באַפרייאונג האָט מען געטראָפן פרידמאַנען אין דייטשלאַנד, אין לאַגער פערנוואַלד, ביי מינכען, אין קלויזנבורגער רבס ישיבה. אַן אָפּגעריסענער, אַ הונגעריקער איז פרידמאַן געזעסן יומם=ולילה על התורה. אַז מען האָט אים געפרעגט ווי עס גייט, איז געווען זיין ענטפער: אַדאַנק גאָט, אַז מען קען נאָך איינקוקן אין אַ ספר...

דאס מעשענע שטיסל

1

דער „אײנצל=שײַן“ האָט בּערלען געגעבּן די מעגלעכקײט צו גײן אָן אַ פּאָסטן=בּאַגלײטער צו און פון דער אַרבּעט. האָט ער דעם זכות אויסגענוצט צו זײַן וואָס ווייניקער אין געטאָ. אײן ייד אין דער „צאָלמייסטערײַ“, אַ בּאַדינגער אין הויז פון אַרמײ=בּאַשפּײַזונג=אָפּיצערן, האָט ער זיך שוין מער=ווייניקער אײַנגעלעבּט מיט זײ. בּערל ווייס שוין פאַר וועלכן אָפּיצער מען דאַרף זיך כּלל ניט ווײַזן, אויסמײַדן יענעמס רשעותדיקן בּליק; פאַר אַזאַ אײנעם דאַרף מען די אָפּגעבּוצטע שטיוול אַרײַנשטעלן אין זײַן צימער ניט בּאַווײַזנדיק דעם פּנים. עס זײַנען אָבּער דאָ אָפּיצערן וועלכע מען מעג זאָגן גוט מאָרגן, כאָטש זײ וועלן ניט ענטפערן.

ווי גאָר קײן דײַטש ניט פירט זיך דער אונטעראָפיצער מאַרטין דעפּע. צו די יידן וואָס אַרבּעטן בּײַ אים אין די מאַגאַזינען, בּאַציט ער זיך זייער מענטשלעך. אַמאָל קומט ער אַפילו אַלײן אין געטאָ, כּלומרשט אָפּנעמען די אַרבּעטער. דערווײַלע גײט ער דורך דאָס געטאָ, קוקט אַלץ אָן, שטיל, מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר עמעצן. זײַנע יידישע אַרבּעטער ווייסן צו דערציילן, אַז ער איז פאַרליבּט אין אַ יידיש מיידל, טאַקע אין אײנער פון די וואָס אַרבּעטן בּײַ אים. ער בּרענגט איר אַפילו בּײַנאַכט פּעקלעך עסן צום געטאָ=דראָט. נאָר בּײַ דער אַרבּעט לאָזט דעפּע גאָרניט מערקן פון זײַן פאַרליבּטקײט. אויך דאָס מיידל האַלט זיך ווירדיק, אַרבּעט פּונקט ווי אַלע אַנדערע, זוכט ניט צו זײַן קײן אויסנאַם, אין זכות פון דעפּעס סימפּאַטיע צו איר.

מיט בּערלען האַלט זיך שוין דעפּע זייער פריינדלעך. בּשעת זײ זײַנען נאָר בּײדע אין הויז פרעגט אים דעפּע אויס, וואָס עס הערט זיך אין געטאָ, ווי די יידן לעבּן און וואָס זײַן מיינונג איז וועגן ענדזיג. און די דאָזיקע שמועסן קומען פאָר אָפט, ווײַל דעפּע, וואָס

שיכורט ניט, ווי זיינע אַנדערע חברים, שטייט אויף פּרי, אונטערהאַלט ער זיך מיט בערלען, וואָס קומט שוין באַגינען צו דער אַרבעט.

בערל קומט גאַנץ פּרי, כדי זיך קענען וואָס גיכער אַרומטאָן: פּוצן אַלעמענס שטיוול, וואַשן די טרעפּ, אַנטראָגן האָלץ, איינהייצן און אָנפּומפּן וואַסער אין גרויסן באַק, וואָס געפינט זיך אויפן בוידעם, ווייל אַזוי גיך ווי ער איז פאַרטיק מיט זיין אַרבעט, און אין הויז איז קיינער ניטאָ, פאַרקריכט בערל אויפן בוידעם, טאַקע הינטערן וואַסערבאַק, ווו עס ליגן צעוואַלגערט הונדערטער ביכער.

אין אָט דאָס הויז, ווו עס לעבן איצט די צאָלמייסטערס, האָט פריער געלעבט חיים שעסקין. איינער פון די רייכסטע און געלערנטסטע יידן אין שטאָט, וועמענס זעלטענע ביבליאָטעק עס איז ניט באַקאַנט געווען. אַז די דייטשן האָבן אויפגעראַמט דאָס הויז פון „יידישן מיסט“, געהייסן פאַרברענען די אַלע ביכער, האָט בערל עס דערכאַפּט, פאַרטראָגן אויפן בוידעם, כלומרשט צום אונטערהייצן די אייוונס.

די זעלטענע ביכער און כתב־ידן פלעגט ער בגנבה טראָגן אין געטאָ. נאָר סאָרטירנדיק די ביכער פלעגט ער זיך אָפט פאַרלייענען, זיך צוכאַפּן ווי אַ דורשטיקער צו וואַסער און פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך. האָט טאַקע אַמאָל פּאַסירט אַז אַן אָפיצער האָט אים גערופן, געשריען „יודע, יודע“ און בערל האָט ניט געהערט, געווען אַריינגעטאָן אין לייענען. דער אָפיצער, וואָס האָט געדאַרפט נעמען עפּעס פון בוידעם, איז אַליין אַרויף. ערשט דאַן האָט זיך בערל אָפּגעכאַפּט ווי פון הינערפּליעט; זיך פאַרענטפערט, אַז ער נעמט דאָ נאָר פּאַפּיר אויף איינהייצן, און כדי עס צו באַווייזן — טאַקע גלייך אַראָפּ אין אָפיצערס צימער, געמאַכט פייער אין אויוון מיט אַ קליינע ענגלישע פּראַכט־אויסגאַבע פון גאַנץ שעקספּיר.

2

היינט האָט בערל, ווי אַלע טאָג, זיך אויפגעהויבן פאַר פּרי אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט. ביים געטאָ־טויער האָבן די אָרדנונגסדינסטלער אים פאַרהאַלטן, געהייסן וואַרטן, באַלד וועט מען באַקאַנט געבן אַ באַפעל פון געביטס־קאָמיסאַריאַט.

שפּעט איז אָנגעקומען דער באַפעל: ברענגען אַלע קופּער און מעש־הפצים אויפן געטאָ־פּלאַץ. זיינען אַלע צוריקגעגאַנגען אין די היימען, איבערגעבן די פאַראָרדענונג.

בערל האָט אָנגעפאַנגען צוזאַמענעמען די געפאָדערטע הפצים, נאָר זיין מאַמע האָט זיך איינגעשטעלט: זאָל מען בעסער באַהאַלטן, צו וואָס זיי אָפּגעבן?

— לאָז זיי מאַמע — האָט זיך בערל געבעטן — זעסט דאָך, זיי האַלטן שוין ביי גסיסה. אפשר וועלן זיי אַליין דערהרגעט ווערן מיט די קוילן, וואָס זיי וועלן מאַכן פון אונדזער קופּער.

— גוט — האָט שוין בערלס מאַמע איינגעשטימט, נאָכן זיך דינגען אַ ווײַלע — „נאָר דאָס מעשענע שטייסל וועל איך זיי אויף קיין פאַל ניט געבן; דאָס איז אַן אָנדענק, וואָס גייט איבער פון דור צו דור אין אונדזער משפּחה“.

בערל האָט ניט פאַרשטאַנען דער מאַמעס סענטימענט־טענה: פאַרוואָס ריזיקירן דאָס לעבן צוליב אַ נאַרישקייט. צוליב פינף קילאָ מעש? אמת, דאָס שטייסל האָט שוין יאָרן, גענוג מאָל שוין געלעגן אין דר׳ערד, באַהאַלטן פון אויגן, וואָס זוכן שטענדיק מעש אויף קוילן. דאָס שטייסל האָט שוין אויך געהאַט אַוועקגעוואַנדערט ביז וואָלגאַ־ברעג און בשלום צוריקגעקומען. נאָר ווייזט אויס — האָט בערל זיך געטראַכט — אַלץ אין דער וועלט האָט אַן ענדע, יעדע זאַך האָט זיך די צייט צו שטאַרבן.

אַלע אין שטוב זיינען אַריין אין דער אַמפּערניש וועגן שטייסל. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים, פאַר און קעגן אָפּגעבן. נאָר בערלס מאַמע האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע: אַלץ וועט זי אָפּגעבן, די פאַנען, די מאַשינקעס, אפילו די מעשענע לייכטער — נאָר ניט דאָס שטייסל; דאָס איז אַן אָנדענק פון איר היים, וואָס איז שוין מער ניטאָ. דאָס שטיק מעש שאַפט איר די היים־דערמאָנונג. און זי האָט מאַקע אויסגעפירט: די שטוביקע זיינען אַרויס אויף שמירה, היטן, אַז אַ פרעמד אויג זאָל ניט זען, ווי בערלס מאַמע באַגראָבט דאָס שטייסל.

בערל איז איצט אַוועק צו דער אַרבעט אַן אויפגעהייטערטער: דאָס איז ניט די קאָנטריבוציע, וואָס די דייטשן האָבן גענומען ביים

אַריינגיין אין געטאָ. איצט נעמען די דייטשן שוין קופּער און מעש, פון וואָס צו מאַכן קוילן; אַ בּאַווייז — האָט בּערל פריידיק געטראַכט, אַז אין „רייך“ איז גאָרניט פויגלדיק, עס פעלן שוין קוילן פאַרן פראָנט...

3

ווען בּערל איז היינט געקומען צו דער אַרבּעט, זיינען די צאַלמייסטערס שוין געווען אַוועק; נאָר איין פּאַול האַרטמאַן, אַ נידעריקער מיט אַ בּרייט־אָפּגעגעסענעם פּנים, האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אין צימער, געזוכט זיינע שטיוול, וואָס ער האָט פאַרגעסן ווו ער האָט זיי אויסגעטאָן.

— האַ, — האָט ער זיך ווי דערפרייט מיט בּערלען — קום, זוך נאָר אויף מיינע שטיוול; „צום דאָנער וועטער, איך בּין עטוואָס בּאַזאָפן.“

בּערל האָט געפונען אין צווייטן צימער די שטיוול; געהאָלפן אים אָנטאָן זיי.

— איך בּין אַן אָפּיצער און לאָז זיך דאָך פון אַ ייִדן אָנטאָן — האָט פּאַול אַריינגערעדט אין הלל, ליגנדיק אויפן בּעט מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס, וואָס זיינען אין די שטיוול ניט געקראָכן — „אַלעס איז שייסע. מאַן מוס עס נור פאַרשטעהן“.

וואָס מען מוז פאַרשטיין האָט בּערל שוין געוווּסט, געוווּסט אַז דער דאָזיקער שיכור האַלט זיך פאַר געניאַל, אין קענען זיך האַלטן הינטערן פראָנט אַלס צאַלמייסטער, וווּ ער פרעסט, זויפט און שיקט איבּער פּעק סחורה זיין ווייבּ אין טירינגען. — „יאָ, איצט איז אונדזער זיג שוין געזיכערט, האָסט שוין געהערט פון „פוי 2“? — האָט דער שיכור אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע, אָן אַ צוזאַמענהאַנג.

— ניין — האָט בּערל אים געענטפערט — ניט געהערט. — נאָר האָט שוין דער הער אָפּיצער געהערט וועגן שרעקלעכן בּאַפעל היינט צום געטאָ? — מיר מוזן אָפּגעבּן אַלע אונדזערע קופּער און מעש; דער בּאַפעל איז אונטערגעשריבּן פון לואזע *).

---

*) לואזע — דער שעף פון גאַנץ אַסטלאַנד, מיטן זיץ־אָרט אין ריגע.

— יאַ, אונדזער אַרמיי בּרויכט אַמוניציאָן! — און פּאַול האָט זיך נאַריש צעלאַכט — מאַן מוס עס נור פאַרשטעהן, כאַ, כאַ, כאַ —

בּערל האָט מיט גוואַלד אַ צי געטאָן דעם שטיוול אַרויף און פּאַולס פוס האָט נאָכגיביק זיך אַריינגעדריקט אינעווייניק.

— מאַך מאָל אויף דעם פענצטער — האָט פּאַול אַ קאָמאַנדיר געטאָן — זאָל די זון אַריינקומען.

בּערל האָט געעפנט דאָס פענצטער. אַ טעמפּ ראָלן פון רעדער האָט אַריינגעסקריפּעט אין צימער. ער האָט דורכגעבויגן דעם קאָפּ און דערזען אַ פולע פור מיט קופּער און מעש, וואָס האָט אויסגעזען אונטער דער זון=ליכט ווי רויט פאַרגליווערט בלוט, און אַ געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן: —

אין יאָרהונדערטער אַרום וועלן אפשר אַרכעאָלאָגן אַרויסגראָבן דאָס שטייסל, וואָס זיין מאַמע האָט באַגראָבן; זיי וועלן עס וועגן, פאָרשן און באַשרייבן — גאָר איינס וועלן זיי זיכער ניט וויסן, — אַז אַ געטאָ=מאַמע האָט עס באַגראָבן. און ריזיקירט דערביי דאָס לעבן.

טעלזש און יידן

אין געטאָ האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין שטאָט, אין דער שטריקעריי פון פרוי ווענצלויסקע, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן אין ליטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אַדוואָקאַט, אין דער שטריקעריי. וואָס זי האָט ספּעציעל געעפנט צו באַשעפטיקן יידן זיינען היינט אָנגעקומען צוויי פרויען פון טעלזש. זיי זיינען געקומען פאַרשטעלט, ווי קריסטנס, און וועלן פאַרנאַכט, מיט דער אַרבעטס-קאָלאָנע, אַריינגיין אין געטאָ.

* * *

אין שטיבל, ווו עס זיצן איצט די געקומענע, איז פינצטער און פון זייערע מיילער שפּאַרן זיך בלוטיקע איוב-בשורות, פינצטערע גרוסן — אויסגעמאָרדעט האָט מען טעלזשער יידן, נישטאָ מער די טעלזשער ישיבה און דער לערער-סעמינאַר איז נישטאָ, און די מכינה, און די יבנה-גימנאַזיע פאַר טעכטער, און אַלע קינדערלעך, די ליכטיקע, די צאַרטע, פון בית החינוך, צוזאַמען מיט זייערע עלטערן דערמאָרדעט. אַלעמען, אַלעמען, אויפן גרויזאַמסטן אופן. ניט געהאָלפן האָט די שבועה, וואָס דער טעלזשער רב האָט אָפּגעגעבן, אויפן מיטן מאַרק-פּלאַץ, די דייטשן. אַ שבועה פאַר כל הקהל, אַז אונטער זיי זיינען ניטאָ קיין שפּיאָנען און אַז זיי וועלן זיין לאָיאַל צו דער דייטשער מאַכט.

באַלד, גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין אין טעלזש, האָבן זיי פאַרטריבן אַלע יידן אין ריינער וואַלד, דריי קילאָמעטער פון שטאָט און זיי דאָרטן פאַרמאַכט אין שטאַלן. אין אַ פאַרנאַכט זיינען אָנגעקומען קיין ריין הונדערטער ליטווישע פּאָליציסטן מיטן אויבער-מערדער שוואַנט. זיי האָבן אַרויסגענומען די יידן פון די שטאַלן, זיי אָפּגעשניטן די בערד, זיך געלאָזט אָפּגעבן גאָלד און אַלע ווערטזאַכן און דאַן געצוווּנגען די יידן צו לויפן איבער גריבער-פּולע פעלדער, געצוווּנגען זיך לייגן אין בלאָטע, אויפשטיין, זיך ווידער לייגן — אַזוי אַ האַלבע נאַכט. אַז מען האָט זיי אָפּגעלאָזן זיינען די

יידן אויסגעבראָכן אין אַ יללה, פון ווייטיק און פּיין. נאָר איינער, יצחק בלאָך, האָט אַרויפגענומען אויף די הענט זיין מאַמע און אַוועק אַ טאַנצענדיק־זינגענדיקער: — עם ישראל חי, עם ישראל חי.

אויף מאָרגן פרי האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע מענער צו אָפּענע גריבער. די ליטווינער האָבן געגעבן אַ באַפעל זיך אויסצוטון. יצחק בלאָך האָט זיך גיך אַרויפגעכאַפּט אויפן באַרג ערד און אָנגעפאַנגען ריידן צו די יידן:

— לאָמיר זיך מטהר זיין לפני אָבינו שבשמים. דער גלות פאַרניכטעט אונדז. ניט מעגלעך קיין ווידערשטאַנד קעגן אַזויפיל מערדער. נאָר זאָל אונדזער טויט זיי ניט אָנקומען לייכט. זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען. גיט פאַרצווייפלט יידן! עס וועלן בלייבן גענוג יידן אויף נקמה. שטאַרקט אייך, שטאַרקט אייך יידן!

הונדערטער אויסגעאיילטע מאַשין־געווער אין די הענט פון די ליטווינער צילעוון. נאָר זייער עלטסטער, דער ליטווינער פלאַטאַקיש, גיט ניט קיין באַפעל — האָרכן זיי, האָרכן און שווייגן. און אָט רעדט יצחק בלאָך אויך צו זיי, אַ קללה צו די מערדער:

— געדענקט! אונדזער בלוט וועט זיך נוקם זיין אָן אייך. אונדזער פאָלק האָט שוין אַ סך בלוט געגעבן — און לעבט, און וועט לעבן. אָבער אייער אונטערגאַנג האָט איר מיט אונדזער בלוט פאַרשריבן.

גענוג! — שרייט אויס שוואַנט, וועלכער שטייט אַ נאַקעטער אויף אַ מאָטאָציקל.

פלאַטאַקיש באַפעלט צו דערשיסן אַלם ערשטן דעם טעלזשער רב. דער רב גייט רואיק, מיט אַ שטילע תפילה אויף די ליפן אַרויס אין דער פאָדער ריי. נאָר יצחק, וואָס האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זיין קללה צו די רוצחים, שפרינגט אַרויס פאָרויס, ער פאַרשטעלט מיט זיין ברוסט דעם גוף פון זיין רבין, און פון זיין מויל פאַלן גליענדיקע ווערטער אין דער טויטער שטילקייט פון אַרום: שטאַרקט אייך, שטאַרקט אייך יידן! — עם ישראל חי! און — יצחק פאַלט.

שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד! — און דער טעלזשער רב פאַלט אויפן גוף פון זיין תלמיד.

*

וויינען?

ניין! ווער צעשפּרונגען האַרץ, פון ווייטיקדיקן שמאַלץ, איבער קידוש⸗השם און קידוש⸗האומה, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען בנשימה אחת.

*

און ווער האָט די פּאָגראָמען אָנגעפירט אין טעלזש. אויסער שוואַנטן? — דער באַקאַנטער „יידן פריינד“. דער שטענדיקער איינגייער אין רבס שטוב, דער, וואָס האָט גערעדט יידיש, ווי אַלע יידן אין שטעטל — דער מיליטער⸗דאָקטאָר מיקולסקאַס. דער, וואָס האָט מיט זיין שיינער לאַנגער באָרד און איידל געשניצטן פּנים, זיך מיט גאָרנים אונטערשיידט פון אַלע יידישע איינוווינער, אין אָט דער ריין⸗יידישער שטעטל. איז ווו האָט זיך, דורך אַלע יאָרן, אויסבאַהאַלטן די טיפע שנאה און מערדערישע האַרצלאָזיקייט אין דעם ציוויליזירטן וואַמפּיר?

*

איצט איז אין טעלזש נאָך פאַראַן אַ פרויען⸗לאַגער, דערציילן די געקומענע. פינף הונדערט פרויען זיינען אָפּגעצאַמט אין באָדגעסל. זייער עלטסטע איז אסתר בלאָך. באַנומען פון ווייטיק און שמאָלין, צוליבן אומקום פון איר ברודער יצחק, קעמפט זי פאַרן דערהאַלטן די פיר הונדערט פרויען⸗לעבנס.

אַזוי איז די נאַכט פאַרביי אין אויסהערן די פּיין און מאַרטירערגעשיכטע פון טעלזשער יידן. מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג זיינען די שליחות צוריק אַוועק, איבערגעבן אַ גרוס און אַ דערמוטיקונג אין טעלזש.

*

איצט, האָבנדיק שוין אַ גרוס, אַז אין שאַוול לעבן יידן, האָבן ווייניקע פרויען פּרובירט געפינען וועגן צו קומען. זיי האָבן זיך געלאָזן דורך אַלע וועלדער און טויט⸗סכנות. ווייניקע האָבן געקראָגן הילף אין דער קלעבאַניע, (אַז אָרט פאַר גלחים) און ביי די „הייליקע שוועסטער און ברידער“, וואָס טעלזש איז געווען זייערס אַ גרויסער צענטער.

אין ווינטער 1941 האָבן די פרויען זיך דערוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַפעל צו ליקווידירן זייער לאַגער. ביי נאַכט האָבן די פרויען אויפגעריסן די ברעטער⸗פאַרצוימונג און אַנטלאָפן. ווי משו⸗

גענע הינט האָבן די ליטווישע פּאָליציי זיך געלאָזט איבער אַלע וועגן און שליאַכן, און דערשאָסן די פאַרפאָלגטע דאָרט ווו זיי האָבן זיך געפונען. אַנדערע האָט מען אויך געפירט דערשיסן אין גיהולער הויף. איינציקע זיינען דערגאַנגען אין שאַוולער געטאָ. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געשמדט! כאָטש אַ סך מאָל איז דאָס געווען אַ באַדינג פאַר בלייבן לעבן. נאָר איינע האָט זיך איבערגעבן צו לעבן מיט אַ קריסט.

אסתר בלאָך מיט איר מוטער און 2 שוועסטער האָבן פאַרלאָזן אַלס לעצטע דעם לאַגער. ביי אַ קריסטלעכן דאָקטאָר האָט מען זיי אויף צומאָרגנס געכאַפּט און געפירט דערשיסן אין ריינער=וואַלד. געווען איז עס זונטיק און אין שטאָט זיינען פאַרזאַמלט געווען טויזנטער פויערים. אסתר מיט איר משפחה זיינען אַדורך דעם מאַרקפּלאַץ, אונטער אַנטבלויזטן געווער, זינגענדיק התקוה. אסתרס שיינע, אין טעלזש באַקאַנטע שטימע, האָט פאַרקלונגען דעם גלאָקן=געקלאַנג פון טיפלע: עוד לא אָבדה תקותינו!

ווייט, ווייט איבער אַלע פעלדער און גריבער אַריבער האָט איר שטים געקלונגען און גערופן צו דערמוטיקונג די, וואָס זיינען נאָך אין די פעלד=לעבער און גראָבנס געלעגן באַהאַלטן. שפּעטער האָבן זיי, די זיך געראַטעוועטע, עס דערציילט אין שאַוולער געטאָ.

צווישן די געראַטעוועטע האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע פרויען פון דער גרויסער טעלזשער רבנישער משפחה. די ערשטע זיינען זיי געווען צו ריזיקירן און אַנטלויפן, ווען אויך שאַוולער געטאָ האָט מען געהאַלטן ביים ליקווידירן. איינציקע פון זיי האָבן דאָן באַצאָלט מיטן לעבן. צווישן זיי דאָס איינציקל פון טעלזשער ישיבה=משגיח, די פינף=יאָריקע שולמית, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך אוקראַאינער, אין וואַלד נעבן טרישיק. איר מאַמע, הסיה, האָבן די מערדער דערשאָסן אַ יאָר שפּעטער, אין שאַוולער טורמע, ווען זי איז צום צווייטן מאָל אַנטלאָפן פון געטאָ.

* * *

טעלזש! שטאָט פון לומדים און רבנים, פון יידישקייט און העראָיזם, אויף אייביק איז פאַרשטומט דיין קול=יעקב, פאַרשאָלטן זאָלן אויף אייביק זיין די ידי עשו.



אויף די קברים אין גירולער וואַלד (ביי טעלזש).

נייעס

דער געהער ביים געטאָ־איינוווינער איז שאַרף געווען. מען פֿלעגט דערשפּירן די דינסטע וויבראַציעס, וואָס ס'איז שייך געווען דעם אייגענעם קיום. אָן צייטונגען, אָן ראַדיאָ, אין אַזאַ שווער־קאָמפּליצירטער פֿאַרבינדונג מיט דער דרויסן־וועלט, האָט דאָך דער געטאָ־תושב גוט געוווּסט אַלע פּאָליטישע און פֿראָנט־נייעס, געקענט אַלע אַרמייען און גענערעלער. גענוי געוווּסט ווו די קאַמפֿן קומען פֿאָר און: נאָכמער — ווו זיי וועלן פֿאָרקומען... ווייל יידן האָבן אויך פּאָליטיקירט, געסטראַטעגעוועט, זיך ניט באַגנוגנד מיטן הערן נייעס, נאָר אויך געמאַכט מלחמה־פּלענער, גרייט געווען געבן עצות אַפֿילו צו גענעראַל־שטאָבן...

נייעס אין געטאָ פֿלעגן ברענגען די אַפּטייקער, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט. ניט זעלטן זיינען אויך געווען די נייעס איבערברענגער מענדל לייבאָוויץ און אהרון כין, די מיטגלידער פֿון עלטסטנראַט, וואָס האָבן זיך לייכטער באַוועגט אין שטאָט. נאָך מער פֿון זיי און אַלע טאָג, פֿלעגט ברענגען נייעס יצחק שער אין „קאָווקאַזער“ געטאָ און עליאַס אין „טראַקאָווער“ געטאָ־ראַיאָן.

*

יצחק שער האָט זיכער אין נאָרמאַלע צייטן ניט געהאַט גענוג צייט און אינטערעס זיך פֿונאַנדער צו קלייבן אין אַלע פּרטי־פּרטים פֿון דער וועלט־פּאָליטיק. נאָר איצט, אין געטאָ, איז ער ממש אַ לעבעדיקער ראַדיאָ, ער איז טאַקע מער פֿון אַלעמען אינפֿאָרמירט געווען וועגן אַלע געשעענישן.

ביים פֿויער, ווו ער האָט געאַרבעט, פֿלעגט ער זיצן אויפֿן שניידער טיש אָדער ביים מאַשין און מאַכן דעם אָנשטעל ווי אים אינטערעסירט נישט די נייעס וואָס דער ראַדיאָ גיט דאָ איבער. ווי ער וואָלט גאָר געווען שטאַרק פֿאַרטאָן אין זיין אַרבעט. נאָר, אַז דער פֿויער, ניט פֿאַרשטייענדיק קיין דייטש, פֿלעגט „אויפֿדרייען“ מאָס־

קווע פלעגט שערס האַריי זיך צעשלאָגן העכער ווי זיין מאַשין.

אין געטאָ פלעגט שער נאָר אַריינטראָגן אַ קליין שטיקל צעקנייטשט פאַפיר. דאָ פלעגט ער האָבן פאַרצייכנט די פראָנט־ערטער, די נעמען פון די אַרמייען און אַרמיי־פירער. אַרום די נעמען האָט ער שוין אַליין געדענקט.

ביי סעגאַלאָוון אין דער גרויסער בעקער־שטוב פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַיעדן אָוונט די „געטאָ־פאָליטיקער“ אייניקע צענדליק יידן. פלעגן זיצן אַרום גרויסן בעקער־אויוון מיט קלאַפענדיקע הערצער און הייליקער קאָנספיראַציע וואַרטנדיק אויף יצחק שערן. פונקט אַכט אַזייגער פלעגט ער שוין, תיכף פון דער אַרבעט, זיך באַווייזן אין טיר און פון זיין פנים האָט מען גלייך געקענט אַראָפּלייענען היינטיקע נייס. פלעגט שער אַריינגיין אַ שמייכלענדיקער פלעגן אַלעמענס פנימער ווערן אויפגעהייטערט, ווי אַ קאַלטער וואַסער־שטראָם אין אַ הייסן זומער טאָג. פלעגט שערס שמייכל באַלעבן מיט מחיהדיקע גרימאַסן אַלעמענס פנימער. נאָר טאָמער פאַרקערט, אויב שערס פנים איז אומעטיק־ערנסט געווען, זיינען אַלעמענס געזיכטער פאַרצויגן געוואָרן, ווי אין אַ ווינטערדיק נעפלדיקער פראָסט־נאַכט.

די ערשטע צייט. ווען שער איז געוואָרן „דער לעבעדיקער ראַדיאָ“, איידער ער איז נאָך באַקאַנט געוואָרן אין געטאָ אונטערן נאָמען „טאַש“, (טעלעגראַפן אַגענטור שער...), פלעגט ער נאָר איבערגעבן „טרוקענע“ נייס. די קאָמענטאַרן און חקירות פלעגן מאַכן די פאַרזאַמלטע. וואָס ווייטער איז אָבער שער אַליין מער געשטיגן אין זיין פאָליטישער אָריענטאַציע. שעהן־לאַנג פלעגט ער אַליין קאָמענטירן די ידיעות. די גרויסע וועלט־קאַרטע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש בשעתן איבערגעבן די נייס, פלעגט ער שוין ניט אַרויסלאָזן פון די הענט, אָנצייכנענדיק מיטן פינגער די פראָנט־ליניע, וועגן וועלכע ער פלעגט דערציילן. צענדליקער מידע קעפ פלעגן זיך בויגן נאָך שערס פינגער, וועלנדיק זען מיט די „אייגענע אויגן“, ווו דער דייטש קריגט די מפלות. ווייל שער איז געווען אַן אָפטימיסט, ברענגען נאָר גוטע ידיעות; אַפילו שלעכטע פלעגן אין זיין מויל ווערן גוטע. ער פלעגט עס שוין אַזוי אויסדרייען, אַז אַ מפלה פלעגט אויסקומען ווי אַ נצחון. נאָר ער האָט שוין אויך געהאַט „זיינע“ גענערעלער,

אויף וועלכע ער פֿלעגט שטעלן, ווען ער פֿלעגט שוין צושרייבֿן אַ מאָרגנדיקן זיג. אַזוי האָט גענעראַל זשוקאָוו שוין געמוזט יעדן טאָג עפּעס נעמען. און אויב ער האָט עס נאָך היינט ניט גענומען איז ער אָבער געשטאַנען ערב... שער איז, וואָס אַ טאָג ווייטער, געוואָרן מער פּאָליטיקאַנט, ווי נייס=בֿרענגער. און האָבן זיינע צוהערער זיך דערלויבט צו צווייפֿלען אין זיינע פּאָליטיש=סטראַטעגישע פּראָגנאָזן, איז שטענדיק געווען זיין ענטפֿער:

— פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, מאָרגן וועט זשוקאָוו שוין האָבן גענומען...

* * *

אויפֿן פֿאַבריק, ווו עליאַס אַרבעט, האָט ער אַ סך מעגלעכקייטן צום הערן נייס. איז ער טאַקע אין די אָוונטן דער נייס אינפֿאָרמאַטאָר פֿאַרן „טראַקאוער“ געטאָ. אויך עליאַס בֿרענגט נאָר גוטע נייס. שלעכטע פֿאַרשווייגט ער. גוטע צעבלאָזט ער, דערוואַרעמט דערמיט זיך אַליין און זיינע צוהערער. פֿון אַ דאָרף ווערט ביי אים אַ שטאָט, אויב די אַליאירטע האָבן עס איינגענומען. עליאַס לעבט זיך אויס אין די נייסן וואָס ער בֿרענגט. אַ טאָג אין וועלכן עס זיינען ניטאָ קיין נייסן איז ער שלעכט געשטימט, ווי אַ סוחר וואָס האָט אַ טאָג ניט קיין פּרנסה.

אַז מען האָט עליאַסן עפֿנטלעך געשמיסן, פֿאַרן אַריינטראָגן אַ שטיקל פּוטער אין געטאָ, איז נאָר גענוג געווען דער אָרדנונגסדינסטלער זאָל, בשעתן ציילן די שמייץ, אים אַריינסודן: „רוים איז געפֿאַלן!“ עליאַסעס פּנים האָט זיך צעלויכטיקט און אַ פֿריידיקער איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון שמייס=בענקל.

— נו, האָט מען אים גלייך געפֿרעגט — עס האָט וויי געטאָן?

— רוים איז דאָך געפֿאַלן! — איז געווען זיין פֿריידיקער ענטפֿער...

* * *

נאָר יידן האָבן גאָר ניט געדאַרפֿט הערן די נייסן אַזוי דירעקט זיי האָבן עס שוין דערפֿילט מיט זייער שאַרפֿן געהער. ווער האָט דען דערציילט אין געטאָ, אַז צווישן דער נאַצי=פּאַרטיי און דער ווערמאַכט זיינען פֿאַראַן רייבֿונגען? און פֿונדעסטוועגן האָט מען עס געוווּסט. און אַפֿילו זיך געקושט צוליב דעם, פֿון שמחה. אמת, מען האָט אי=

בערטריבן, צוגעשפּיצט, אַריינגעטייטשט אין מינדסטן קלאַנג דעם גאַנצן פרייהייטס-דורשט, אָבער געוווּסט האָט מען דאָך עפּעס. און דעם „עפּעס" האָט מען געכאַפּט פון דער לופט; מען האָט מצרף געווען ווערטער, קלאַנגען. אַ וואָרט, וואָס מען האָט אונטערגעהערט פון אַ מייסטער, פון אַ פּאָסטן, אָדער דערהערט בּיים פאַרבייגיין דעם פּייניגער, פון אַרבעטס-בּיוראָ אויפן אַרבעטס-פּלאַץ, דורך וועלכן עס האָט זיך געהערט ראַדיאָ. אַזעלכע אויפגעכאַפּטע נייעס איז שוין גענוג געווען מען זאָל „גענוי וויסן", אַז דייטשלאַנד האַלט בּיים צעפּאַלן...

און ניט נאָר וועלט-פּאָליטיק. וועגן אַלע געהיים-געהאַלטענע אַקציעס, סעלעקציעס, איבערזידלונגען, קאַזערנירונגען האָט מען אין געטאָ געוווּסט פריער.

געוווּסט און – ניט געקענט אויסמיידן דעם גורל.

געריכט

די צוויי ריכטער, אַדוואָקאַט מיל און מענדל רובּינשטיין האָבּן געקוקט אין די אַקטן, זיך בּאַקענט מיט די פּראָצעסן וואָס וועלן היינט בּאַהאַנדלט ווערן בּיים ריכטער טיש. געווען פאַרשיידענע אָנקלאַגעס, אַ טייל פאַרהאַנדלונגען זיינען געווען קליינע, די בּאַקאַנטע געטאָ־פּראָצעסן: אַ יידענע האָט אָנגעקלאָגט איר שכנה פאַרן פאַרנעמען די ערשטע די פּליטע, ניט אין איר טאָג. אַ צווייטער אַקט איז געווען אַן אָנקלאַגע אויף איינעם, וואָס האָט זיך אָנגענומען אַריבּערצוטראָגן געגנבעטע אַרבּעס, כּדי ער זאָל קריגן די העלפט, און צום סוף האָט ער, דער אַריבּערטראָגער, צוגענומען אינגאַנצן. נאָר דער דריטער אַקט איז געווען אַ פיל ערנסטערער און טראַגישער: פאַרן ריכטער־טיש האָט געדאַרפט קומען אַלס אָנקלאָגערין אַן אַלמנה פון יתומים. איר מאַן, וואָס האָט געאַרבּעט אויפן הויף פון שלאַכט־הויז, האָבּן די דייטשן דערמאָרדעט בּיים געפינען אַ קילאָ פלייש בּיי אים. דאָס פלייש האָט ער אָבּער געהאַט געקראָגן פון אַ צווייטן יידן. וואָלט דער קרבּן אויסגעזאָגט פון וועמען ער האָט עס געקראָגן, ווייל ער אַליין האָט געאַרבּעט נאָר אויפן הויף פון שלאַכט־הויז און גאָרניט געקענט צוקומען צו דעם פלייש, וואָלט מען אים בּאַפרייט. פאָדערט איצט די אַלמנה, אַז דער אָנגעקלאָגטער זאָל זי אויסהאַלטן. איר מאַן האָט דאָך אָפּגעגעבּן זיין לעבּן פאַר אים.

דער געריכט־זאַל איז פול מיט עדות און נייגעריקע צוהערער.

אַדוואָקאַט גענץ, דער געוועזענער הויפּט־ריכטער פון שאַוולער שטאָט־געריכט, דער איצטיקער פאָרזיצער פון געטאָ־געריכט, בּאַווייזט זיך אין זאַל מיט אַ קליין תנ״כל אונטערן אָרעם. דער עולם שטייט אויף און די ריכטער פאַרנעמען זייערע פּלעצער. רעכטס פון די ריכטער דער בּאַשולדיקער. לינקס — דער פאַרטיידיקער.

אַן אָרדנונגס־דינסטלער פירט אַריין דעם ערשטן אָנגעקלאָגטן.

די געריכט־סעקרעטאַרין פּראָטאָקאָלירט:

— נאָמען?

— חיים.

— פֿאַמיליע?

— וואַרייעס.

— ווען געבוירן?

— איך ווייס ניט.

— ווי אַלט ביסטו?

— דרייצן יאָר.

— ווּ געבוירן?

— אין מעלזש

— עלטערן?

— אומגעבראַכט.

— קרובים?

— איך האָב קיינעם ניט.

— ווּ אַרבעטסטו?

— אויפֿן אַעראָדראָם.

די ריכטער האַלטן באַגראָבן די אויגן אין די אַקטן. ריכטער געץ דרייט נאָך מער איין זיין האָרבאַטן רוקן, דער ברייט צעוואַקסענער גוף קאָרטשעט זיך; ער טוט אויס די ברילן, טראַכט, טוט זיי צוריק אָן, לייענט דעם אַקט. זיין גרויסער קיילעך־קאָפּ שטרעקט זיך לאַנגזאַם אויס:

— קום אַהער נענטער, חיימל, — ווייסט אין וואָס מען באַשולדיקט דיר?

חיימל שווייגט.

דער ריכטער לייענט דעם אַקט און דערקלערט חיימלען: דו האָסט געקראָגן אַ ברויט־קופּאָן, ביי דער קאַסע פֿון קאָאָפּעראַטיוו, אויף 150 גראַם ברויט, ווי מיר אַלע קריגן עס, אָבער דו ביסט געגאַנגען אַ היים און איבערגעמאַכט פֿון 150 אויף 1500.

— איז עס אמת, חיימל?

— יאָ

— נו דערצייל, חיימל, האָט דיר דאָס ווער געהייסן מאַכן, אָדער אפֿשר האָט עס אַן אַנדערער געמאַכט?

פינף פּאָר אויגן האָבּן פאָרשנדיק געקוקט אויפן בּאַשולדיקטן. אין זאַל איז אַ געשפּאַנטע טיף-טרויעריקע שטילקייט, חיימל שווייגט און טיפע זיפצן רייסן זיך אַדורך אין זאַל. נאָר פּלוצים האָט חיימל זיך אַ רוק געטאָן צום ריכטער-טיש, זיינע הענטלעך פאַרבּיילט אין פויסטן, זיין אַ בּיסל צעקריפּלט פּנים, פון אַ פריאיקער דערוואַקסנקייט, האָט זיך איצט אָנגעגאָסן מיט צונטערדיק צעצונדנקייט, פון זיין מויל פאַלן ווערטער, אָפּגעהאַקטע זאַצן: „ווייל איך בּין אַ יתום שיקט איר מיך צום אַעראָדראָם, אַזאַ שטיקל בּרויט — ווייזט ער זיין פויסטל — איך בּין הונגעריק אַלע מאָל, איצט אויך. זיי האָבּן גענוג בּרויט אין קאָאָפּעראַטיוו. שטענדיק עסן זיי. איך וועל אַנטלויפן צו בּאַקאַנטע גויים, וועל איך אַנטלויפן. איך בּין געלאָפן פון טעלזש אויך. איך" — חיימל פאַרהאַקט זיך און בּרעכט אויס אין אַ כּליפּנדיקן געוויין. דער זאַל וויינט מיט. שטילע פּראָטעסט-רייד, פאַרבּיטערטע וואָרטשעניש:

— ער איז גערעכט, דער ייִנגל.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ער איז גערעכט.

דער ליאָרם ווערט גרעסער, דער פּראָטעסט פון עולם פאַרבּיטערער. אָרדנונגס-דינסטלער ווילן בּאַרואיקן, פּרובּירן אַרויספירן פון זאַל די טומלער, נאָר אַלע טומלען שוין. געץ הויבּט זיך אויף און דער עולם ווערט שטיל. ער רעדט צום עולם, נעמט איין די פאַרבּיטערטע.

— הער פּראָקוראָר. — אייער וואָרט.

דער עולם איז ווידער געשפּאַנט, וואָס וועט זאָגן דער פּראָקוראָר, וועט ער פאָדערן אַ שטראָף?

— די רייד פון אָנגעקלאָגטן איז אַ שאַרפע בּאַשולדיקונג קעגן אונדז אַלעמען, קעגן דער גאַנצער געטאָ-געזעלשאַפט. ער, דער אָנגעקלאָגטער, האָט איצט געזעצט אויפן בּאַשולדיקונגס-בּאַנק אונדז. „מיר וועלן אויסהאָדעווען פאַרבּרעכער אויב דווקא אין אונדזער נויט און עלנט וועט ניט זיין קיין גערעכטיקייט און יושר אין אונדזער געזעלשאַפט". „וואָלטן מיר געזאָרגט היים וואַרייעסן איינצואָרדענען בּיי אַ געטאָ-משפּחה, ווו ער זאָל קריגן זיין טעלער זופּ און ער זאָל ניט דאַרפן שטיין, נאָך אַ שווערן אַרבּעטס-טאָג, בּיי דער געטאָ-קיך.

און עס זאָל זיך אים ניט דוכטן, אַז דווקא אים גיט מען די שיטערע און פאַר זיך לאָזט מען דאָרטן די געדיכטע, וואָלט חיימל אפשר ניט דערגאַנגען צו זיין פאַרברעכן.“ „איך בעט אַ סימבאָלישע שטראָף פאַר דער גאַנצער געטאָ⸗געזעלשאַפט און חיימלען באַפרייען פון אַעראָדראָם, אים שיקן אין שול לערנען.“

— הער פאַרטיידיקער, — אייער וואָרט.

— איך שליס מיך אָן צו די ווערטער פון פּראָקוראָר.

•

דאָס געריכט אין געטאָ! איך ווייס ניט אויב אַ סך געטאָס האָבן געהאַט אַזאַ אינסטיטוציע, און וואָס זאָל שטיין אויף אַזאַ הייך.

אַיעדן זונטיק פלעגן פאָרקומען פאַרהאַנדלונגען. די פּראָצעסן האָבן געטראָגן אַ ריין געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. דאָ איז געווען דאָס אָרט, ווו מען פלעגט ריידן צום פאָלק. הונדערטער מענטשן פלעגן איבערפולן דעם געריכט⸗זאַל. ניט אַלעמען פלעגט דער זאַל קענען אַריינגעמען.

דער עלטסטנראַט פלעגט שטענדיק בייזיין און ניט זעלטן איז אויך געקומען קריטיק אויף אים. דאָס געריכט איז געווען פריי אין זיינע האַנדלונגען. אויך דעם עלטסטנראַט האָט מען געקענט פאַרקלאָגן און אויך ער פלעגט אָנקלאָגן געטאָ⸗בירגער. דער פּסק פון געריכט איז שטענדיק דערפילט געוואָרן. נאָר אָפט פלעגן בירגער אָנקלאָגן פאָליציסטן (אָרדנונגס⸗דינסטלער), פאַרן זיך באַנעמען גראָב. מייסטן פלעגן די אורטיילן זיין ניט האַרב. ניט די שטראָף איז געווען דער ציל פון געריכט. מען פלעגט זיך באַמיען צו שטיצן אויפן יידישן קאָדעקס. אין די גרעסטע צאָל פאַרהאַנדלונגען זייגען די שולד אָדער אומשולד באַוויזן געווען קלאָרע, און די ריכטער פלעגן זיך ווייניק פאַרנעמען מיט אויספרעגן, לאָזנדיק ריידן דעם פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער. און די פלעגן האַלטן גוט צוגעגרייטע לעקציעס, וועגן יידישער מאָראַל, וועגן יידישער עטיק; רופן די באַפעלקערונג אויסצוהאַלטן און ניט פאַרהיהט ווערן און ניט פאַרצווייפלען, ברענגענדיק ביישפּילן פון יידישער געשיכטע, כדי ממש

צו לערנען דאָס פאָלק און דערהאַלטן אַן עכט=מענטשלעך=יידישן גייסט אין אָט די גרויזאַמע יאָרן.

דאָס געריכט איז געווען אָנערקענט פון די ליטווינער און דייטשן. צו איין פאַרהאַנדלונג זיינען געקומען ליטווישע זשורנאַליסטן. געקומען אָנקוקן דעם „בייזן ווונדער“, ווי יידן משפטן זיך אַליין, ווי זיי פרעסן זיך אויף אין ענגן געטאָ. דער באַשולדיקער האָט דווקא געהאַלטן אין מיטן זיין רעדע, איז ער אַריבער פון יידיש אויף ליטוויש און האָט שוין גערעדט אומדירעקט צו זיי. עס איז דווקא געווען אַ פראָצעס וועגן אַ געשלעג, האָט דער באַשולדיקער איצט גערעדט, ווי אַזוי דער יידישער געזעץ קוקט אויף מענטשן, וואָס הייבן אַ האַנט אויף אַ חבר, אויף בלוט=פאַרגיסער, אויף אַזעלכע וואָס זיינען גרייט צו מאָרד. די ליטווינער זיינען געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפ, פאַרשטאַנען וועמען מען מיינט דאָ. גלייך נאָך דעם זיינען זיי אַרויס. קיין איין וואָרט איז ניט געווען אין דער פרעסע פון דעם באַזוך.

די מיטגלידער פון געריכט זיינען געווען: פאָרזיצער דוד געין (אומגעקומען אין לאַגער 10, אוטינג, ביי דאַכאו); ריכטער: — אַדוואָקאַט מיל (אומגעקומען פון קלעפ אין לאַגער 2, קויפערינג, דאַכאו); אהרון פראַנק (אומגעקומען אין שטוטהאָף) און, יבדל לחיים מענדל רובינשטיין. דער באַשולדיקער איז געווען: אַהרון זאַגאַרניק (אומגעקומען פון הונגער אין לאַגער 10, מילדאָרף, איין טאָג פאַר דער באַפרייאונג); דער פאַרטיידיקער איז געווען דער שרייבער פון די שורות. אויף אייניקע פראָצעסן איז אויך אויפגעטראָטן אַליהו גוטמאַן (אומגעקומען פון שווערער אַרבעט און הונגער אין לאַגער 2, קויפערינג); בייזיצן פלעגט אויך דער שעף פון אָרדנונגס=דינסט דוד פיין (אומגעקומען פון הונגער אין לאַגער 2, קויפערינג). די סעקרעטאַרין איז געווען חיה יודעלעוויץ (אומגעקומען ביי שטוטהאָף).

שפּיל, פֿידל, שפּיל...

די רוסישע חיילות האָבן פֿאַרשטעלט די וועגן, פֿול געמאַכט די וועלדער, זיך געטראָגן אין ווילדן געלויף צוריק, צו די אַלט־אייגענע גרענעצן.

צווישן דעם פֿערטל מיליאָן אַנטלויפֿנדיקע רויט־אַרמייער זיינען מיטגעלאָפֿן הונדערטער יידן, וואָס האָבן אין בהלה פֿאַרלאָזן די ערטער, ווו זיי זיינען געבוירן און געוואַקסן; געלאָזן זיך ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן.

אויפֿן דריטן וואָגל־טאָג איז די מאַסע פּליטים שוין געווען הונגעריק, צעבראָכן, קראַפּטלאָז. קינדער האָבן אָפּגעריסן די אָרעמס פֿון די טאַטע־מאַמעס, געבעטן עסן, רו, — און ביידע זאַכן ניט געקראָגן.

צווישן די אַנטלויפֿנדיקע האָט זיך אויך געפֿונען בערל היימאָוויטש. „בערל היימאָוויטש“ אַזוי איז ער געווען פֿאַרשריבן אין זיין פּאַס; אָסור אָבער, אויב איין ייד אין זיין שטאָט וועט זיך אָנשטויסן, ווער דאָס איז, ווען מ'וועט אָנרופֿן אָט דעם נאָמען. גערופֿן האָט מען אים בעבקע אָדער בעבאַ. בעבאַ דער פֿידלער, בעבאַ דער מוזיקאַנט, בעבאַ דער אַרטיסט, אָדער גאָר בעבקע דער משוגענער. מאַלע וויפֿל נעמען, נאָר ניט בערל היימאָוויטש.

בעבאַ איז טאַקע עפּעס פֿון דעם אַלעמען געווען; געווען פֿון אַלץ צו ביסלעך. יעדער נאָמען האָט צו אים אַ שייכות געהאַט. ער איז געווען אַ שטיקל מוזיקער, אַ האַלבער אַרטיסט. נאָר ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאָר־גרויסן טאַלאַנט אין מוזיק און אויף דער בינע. ליב געהאַט האָט ער זיין פֿידל, מוזיק, טעאַטער — ליב געהאַט ביז משוגעת.

„האָסט געהערט מיין שפּילן“, אַזוי פֿלעגט ער קענען אַ פֿרעג טאָן אַ ליאָדן טרעגער אין גאַס, „וואָס זאָגסטו, האַ? אָט דאָס הייסט געשפּילט!...“ אָדער: „געדענקסט, מיט אַכט יאָר צוריק, אַז כ'האָב

געשטעלט „הסיה די יתומה“. דערמאָנסט זיך דעם דערפאָלג. וואָס ס'איז געווען? אַזוינס האָט דאָך די שטאָט נאָך ניט געזען...“

קיינער האָט זיין שפּילן ניט געדענקט, זיך ניט „דערמאָנט“ זיין דערפאָלג. בעבאַ אַליין האָט אָבער קיינמאָל ניט געקאַרגט עס צו דערמאָנען. בעבאַ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם טאַלאַנט, אָדער פאַר אַ נאָך=ניט=אַנטדעקטן.

אַלעמאָל איז בעבאַ געווען הינטער די קוליסן פון אַיעדער יידישער טעאַטער=פאָרשטעלונג; זיך געדרייט אַרום אַרטיסטן, קינסטלער, שרייבער, מוזיקער, געלעבט מיט אַ חלום און געהונגערט אויף דער וואָר. אַ לעבן=לאַנג האָט בעבאַ געהונגערט, געגאַנגען אָפּגעריסן, איין קאַלאָש לענגער ווי די צווייטע, און ביידע אָפּגעשלאָגן. די אויגן זיינען אים שוואַך געוואָרן פון נאַכטיקער אַרבעט איבער מוזיק; דער רוקן טיף געהויקערט; צו זיינע פערציק יאָר האָבן זיך זיינע הענט אים געבאַמבלט, ווי טרוקענע שטעקלעך פון אַ סטראַשידלע אין ווינט. בעבאַ האָט געלעבט מיט אַלעמענס דאגות. מיטגעקלאָגט יענעמס טרויער. זיך אויך מיטגעפרייט אויף שמחות, ווּ ער פלעגט קומען אומגעבעטן. ער האָט זיך געעלטערט, און אין אַלעמענס מיילער געבליבן ביים יינגלישן נאָמען: בעבקע אָדער בעבאַ.

קיין פרוי האָט בעבאַ ניט געהאַט, נאָר אַרומגעטראָגן האָט ער זיך מיט אַ בילד פון אַ פרוי, וואָס האָט אַמאָל געזאָלט זיין זיינע און איז ערגעץ=ווּ טראַגיש אומגעקומען. שעהן=לאַנג האָט בעבאַ געקאָנט דערציילן, אָנווייזנדיק אויפן בילד פון דער שיינער פרוי. וועמען האָט די פרוי געהערט? ווּ האָט בעבאַ גענומען דאָס בילד? איז דאָס אויך געווען איינער פון זיינע חלומות, אַ ראָמאַנטיק אַזאַ? בעבאַ האָט אָבער געליבט נאָר די דאָזיקע פרוי, וואָס האָט שוין ניט געלעבט, פונקט ווי ער האָט געליבט דעם קינסטלער אין זיך, וואָס דאַרף זיך נאָך אַנטפּלעקן..

איצט איז בעבאַ געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַנטלויפנדיקע פונעם דייטש. געגאַנגען מיטן פידל איינגעקראַמפּט אונטערן אָרעם. זיין איינציק פעקל. ליגט מען זיך אין וואַלד אַ ווײַלע אָפּרוען און בעבאַ כאַפּט אַ דרעמל פון מידקייט, שפּאַרט ער אָפּ דעם קאָפּ

אויפן פידל און האַלט דעם אינסטרומענט מיט ביידע הענט אַרומגענומען. פלוצלונג וואַכט ער אויף, באַטאַפט דאָס פידל, און — שלאָפט ווידער איין

ווי אַ סך צו אים איז אויך בעבא ניט דערלאָפן אַהין, ווו ס'איז רעטונג געווען. בעבא האָט זיך קוים דערשלעפט צוריק אין שטאָט און איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ — בעבא צוזאַמען מיט זיין פידל. די איינציקע פידל אין געטאָ, און בעבא דער איינציקער פידלער.

*

אין אומעטיק=פינצטערע געטאָ=אָוונטן פלעגן יונגטלעכע זיך פאַרזאַמלען און איינלאַדן בעבאן, ער זאָל שפילן. פלעגט בעבא זיך ניט לאָזן בעטן. שפילן פלעגט ער „אייגענע“, זיינע קאָמפאָזיציעס צו די געטאָ=לידער. וואָס זייגען געשאַפן געוואָרן פון אויפגעקומענע געטאָ=דיכטער.

און אין געטאָ האָט די לופט געאָטעמט מיט ליד. שפראַך איז צו אָרעם געווען צו זאָגן אַלץ אין פראָזע; האָבן אָנגעפאַנגען אויפקומען דיכטער, מ'האָט געשאַפן פאָלקס=לידער, געגראַמטע שורות. באַזינגעכצן, קינות אויף יידיש; ס'האָט זיך געוואָלט אַרויסשרייען דעם ווייטיק, אויסכליפענען דעם צער. האָט מען עס געטאָן אין געפרעסטע שורות, אין לידער, צו וועלכע מען האָט גלייך פאַרפאַסט מעלאָדיעס, אומעטיקע, טרויעריקע ניגונים און זיי לייכט אַריבערגעטראָגן פון מויל=צו=מויל.

אין שאַוולער געטאָ האָט געשריבן האַרציק=טרעפלעכע לידער הנה חייטין. זי פלעגט זיי שרייבן ביי איר אַרבעט אין בערשטלעךפאַבריק, אַליין גלייך צופאַסן מעלאָדיעס און תיכף איינזינגען מיט די אַרומיקע מיטאַרבעטער. אירע לידער זיינען געווען טעמעס פון טאָג, וועגן בלוטיקע פאַסירונגען אין געטאָ. מער האָפערדיקע לידער מיט גלויבן אין אַ גוטער צוקונפט האָט געשריבן דער יונגער פליט פון פוילן צבי גאַרמיזע. דער פישער איידלמאַן האָט געשריבן וועגן קאָמיש=טראַגישע פאַסירונגען, גרויסע ליד=פעליעטאָנען. טיפע העברעאישע פאָעזיע האָט געשריבן דער דיכטער און פעדאַגאָג ר' אַהרן פראַנק.

בעבאַ פֿלעגט הערן די לידער, אַ ברום טאָן. בים⸗באָם, באָ, לאָ⸗לאָ. אַזוי פֿלעגט ער כאַפּן דעם טאָן, אַליין צופּאַסן מעלאָדיעס און זיי אויסשפּילן. ער פֿלעגט ציִען דעם בויגן, דאָס פֿידעלע פֿלעגט זיך טרייסלען אויף זיין מאָגערן אַקסל, אונטער דער אויסגעהוילטער מאָרדע. און טענער פֿלעגן אָנפֿליִען וויינענדיקע, האַרץ⸗נעמענדיקע. פֿלעגן מאַמעס זיצן און לאָזן אַ טרער. זיך פֿאַרגיין מיט אַ שטילן כליפּ. אויפּציטערן פֿלעגן די געטאָ⸗היימען; די פֿלעמעלעך פֿון די הלבֿ⸗ליכט אָדער רויך⸗לעמפּעלעך, מיט וועלכע ס'האָט זיך באַלויכטן אַ טייל געטאָ⸗הייזער, פֿלעגן וואַרפֿן זייערע אומהיימלעכע שאָטנס אויף די וויים⸗געקאַלכטע ווענט, אויסשפּילנדיק די באַוועגונגען פֿון בעבאַס צעבראָכענעם גוף.

און ניט נאָר פֿאַר געזונטע האָט איצט בעבאַ געשפּילט זיין פֿידל איז אויך געוואָרן די פֿאַרבייטערין פֿון מעדיקאַמענטן.

דאָס געטאָ⸗קראַנקנהויז איז פֿול געווען מיט חולאים און קיין רפֿוּאות מיט וואָס צו היילן איז ניט געווען. איז דער שעף⸗אַרצט געקומען אויף אַן איינפֿאַל: היילן די קראַנקע מיט מוזיק...

פֿון בעבאַס שפּילן זיינען די קראַנקע טאַקע ניט געזונט געוואָרן. שעהן⸗לאַנג האָט אָבער בעבאַ זיי געמאַכט פֿאַרגעסן זייערע ווייטיקן, זייערע נערוון האָבן זיך געגלעט אונטער די צאַרטע מעלאָדיעס. בעבאַ האָט געוויזן „מופֿתים“: ער האָט געשטילט קראַנקע, זיין פֿידעלע האָט באַרויִקט קרעכצנדיקע, פֿאַרביטן מעדיצין.

*

חנוכה 1942. דער קרייז פֿאַר גוף⸗און⸗גייסט⸗שוץ „מסדה“ האָט באַשלאָסן איינצואָרדנען אַן אָוונט.

פֿון פֿריִען באַגינען האָט הירשל ראָז*) אויפֿגערוימט אַ גרויסע געטאָ⸗שטאַל, אַריינגעשלעפּט אַהין אויף זיינע געזונטע פּלייצעס לאַנגע ברעטער און זיי אויסגעלייגט פֿאַר בענק. אויבן⸗אָן אַוועקגעשטעלט אַ טישל מיט אַ פּאָר שטולן, אַריינגעצויגן עלעקטריש ליכט און דער „זאַל“ איז גרייט געווען.

---

*) נענויער וועגן אים — אין מסדה⸗בוך.

די גאַנצע געטאָ־יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט*). נאָכדעם ווי דוב שיינזאָן האָט געבענטשט חנוכה־ליכט, האָט גערעדט ישראל ווין, דער לערער גרינבערג און אַברהם שווייגער. איצט האָט בעבא געדאַרפט שפּילן. אויסגעפּוצט אין דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געהאַט אָנצוטאָן און מיט אַ בלאָס געזיכט האָט ער פייערלעך אַ נעם געטאָן דאָס פּידעלע מיט ציטערדיקע הענט. זיינע רויט־אַנטצינדעטע אויגן האָבן אַ בליץ־געטאָן איבערן „זאַל“ דער זאַל איז פול געווען; קאָפּ אויף קאָפּ זיינען געשטאַנען יוגנטלעכע און עלטערע. בעבא האָט דערפילט אַ גרויסע שעה אין זיין לעבן. ער האָט באַלד פאַרגעסן, ווו ער שפּילט און ביי וועלכע באַדינגונגען. ער האָט פאַרגעסן, וואָס מ׳האָט אים אָנגעזאָגט: ער זאָל שפּילן, אַזוי ווי די רעדנער האָבן גערעדט — שטיל. קיינער פון אַרום דראָט זאָל חם־ושלום ניט הערן. בעבא האָט אַ צי געטאָן דעם סמיטשיק איין מאָל, אַ צווייטן מאָל און זיך צעזונגען.

„אַך, בלוט פליסט פון די גריבער,
אַ שיידער גייט יעדן מענטשן אַריבער.
אָ, מאַמע, זאָג געשווינד
ווו ביסטו איצט אַצינד? —
אין שול
אַריינגעפירט דאָרט מענטשן פול,
ווען איך דערמאָן זיך, ווער איך דול —
אַזויפיל אומשולדיקע קרבנות! — —“

אַז בעבא האָט געענדיקט זינגען און שפּילן דאָס דאָזיקע ליד פון צבי גאַרמיזע, האָט ער געשפּילט דאָס ליד פון חנה הייטין וועגן פאַרוואָגלטן קינד:

אין אַ ליטוויש דערפל ווייט,
אין אַ שטיבל אין אַ זייט.
דורך אַ פענצטער ניט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס.

---

*) אין געטאָ קאווקאז — דעם ערשטן טאָג חנוכה, און אין „קעלער“ פון געטאָ טראַקאו — אויף מאָרגן.

יינגעלעך מיט פּלאַקסן=קעפּ,
מיידעלעך מיט בּלאָנדע צעפּ,
און צוזאַמען דאָרט מיט זיי
קוקן שוואַרצע אויגן צוויי.

שוואַרצע אויגן פול מיט חן,
און אַ נעזעלע אַ קליין,
ליפּעלעך — צום קושן נאר,
און מיט שוואַרץ=געלאָקטע האָר.
ס'האָט די מאַמע אים דאָ געבּראַכט
אין אַ שטומע שוואַרצע נאַכט,
שטאַרק געקושט אים און געקלאגט,
און שטילערהייט צו אים געזאָגט:
— דאַ מיין קינד, וועט זיין דיין אָרט,
הער זשע צו דיין מאַמעס וואָרט :
איך בּאַהאַלט דיר דאָ דערפאַר,
ווייל דיין לעבּן דראָט געפאַר.
מיט די קינדער שפּיל זיך פיין,
שטיל, געהאָרכזאַם זאָלסטו זיין, —
קיין יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד,
ווייל דו בּיסט, מיין קינד, נישט מער קיין ייד.

נאר סבּעט זיך שטאַרק דאָס קינד בּיי איר:
מאַמע, כוויל נאָר זיין מיט דיר,
לאָז נישט איבּער מיך אַליין —
און עס פאַרגייט זיך אין געוויין.
די מאַמע קושט אים אין אַ סך,
נאָר סהעלפט איר נישט קיין זאַך.
דאָס קינד נאָר טענהט: ניין און ניין,
כוויל נישט בּלייבּן דאָ אַליין.

אין די אָרעמס נעמט זי אים,
און מיט ווייכקייט אין איר שטים

זינגט זי: יינגעלע דו מיין,
און זי וויגט אים אַזוי איין.
נאכדעם ווײנט זי פריי זיך אויס
און זי טרעט פון שטוב אַרויס.
אנגעפילט מיט זאָרג און שרעק
גייט זי אין נאַכט אַוועק.

אַ פרעמדע שטוב מיט מענטשן פול.
סיינגעלע איז שטום און שטיל.
רעדט נישט, בעט נישט, וויל קיין זאַך,
זעלטן ווען ער טוט אַ לאַך.
נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט.
נישט ער שלאָפט און נישט ער וואַכט
וואסילקא — אַ נאָמען פרעמד
אויף זיין הערצל דריקט און קלעמט

מאַמע וואַגעלט ווי אַרום,
ווי איר יאָסעלע אויך שטום:
קיינער ווייסט נישט, קיינעם ארט,
און זי וואַרט און וואַרט און וואַרט.
צו יוכבד איז זי גלייך,
ווייל ווי משהס מאַמע אויפן טייך
עלנט איינזאַם ווי אויפן ווינט
פאַרלאָזט איז איר איינציק קינד.

אַז בעבא האָט געענדיקט די געטאָ=לידער און דערזען פאַר זיך דעם פאַרגאַפטן עולם, האָט ער געשפילט קלאַסישע מוזיק; גאָלדפאַדענס „בר כוכבא“. דער עולם האָט זיך פאַרגעסן, ווו מען געפינט זיך, מ׳האָט הויך און וואַרעם אַפּלאָדירט, געבעטן אים ווידער שפילן, און בעבא האָט געשפילט. דאָס פידל האָט זי געכוואַליעט אונטער זיינע ביינערדיקע פינגער; אַלע זיינע גלידער האָבן שירה געזונגען, ביז אין גרויען טאָג אַריין.

אַ לעבעדיקער גרוס

ווילנע, דו באַבעשי שטאָלצע,
מוטער און שטאָט אין ישראל!
אַ צווייטע ירושלים אין גלות,
אַן אינדזל פון מזרח אין צפון־לאַנד...

ז. שניאור.

*

די יידישע אַפּטייקער האָבן, ווי „אומענטבערליכע יודן“, געאַרבעט אין שטאָט, אין אַפּטייק־מאַגאַזין. האָבן זיי, פּונקט ווי אַלע יידן, געפירט דעם קליינעם, אָבער ניט אומווירקזאַמסטן קריג קעגן פאַרניכטער — סאַבאָטירט, געבראָכן, פאַרבימן מעדיקאַמענטן און, פאַרשטייט זיך, אויך גענומען פאַרן געטאָ וויפל זיי האָבן געקענט.

נאָר שוין אַ פּאָר טעג ווי די אַפּטייקער ברענגען אין געטאָ פולע קעשענעס פּאַפּיר. בלעטער, פון גמראס און תחינות; בלעטער, פון יידישע און העברעאישע פּאָעזיע און פּראָזע־ווערק; כתב־ידן, ידיעות, פאַרמעט, וואָס אין דעם זיינען געוויקלט געוואָרן די פּעקלעך רפואות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ווילנער מעדיקאַמענטן־באַזע.

אין געטאָ גלעט מען אויס די צעקנייטשטע בלעטער. מען לייענט —

למנצח — — — — — — — — —
האמנם אלם צדק תדברון, מישרים תשפטו בני אדם — — —

עס וועט זיך פרייען דער צדיק ווייל ער וועט זען נקמה, זיינע פוס־טריט וועלן זיך וואַשן אין בלוט פון רשע (תהלים נח).

ווען, אַך גאָט, ווען שוין — פרעגט איינער און עס פרעגן אַלע.

און אָט איז אַ בלאַט מיט אַ ליד. דער נאָמען פון מחבר איז דאָ איבערן ליד — חיים גראַדע. און ווו איז דער מחבר אַליין? ווו איז יונג־ווילנע, ווו איז גראַדע, סוצקעווער, קאַטשערגינסקי, וואָגלער, לעווין, וואָלף; ווו זיינען זיי אַלע, די יונג־אַלטע ווילנער?

און אָט איז איין איינציק בלעטל, מיט שמאָלע שורות באַדרוקט — אַ פּאָעמע.

וועמענס פּאָעמע?

אויפן בלעטל איז קיין נאָמען ניטאָ.

לייענט מען: —

גענוג מיך צו שרעקן.
מיך שרעקט ניט אַפּילו דער טויט.
איך וועל געבן אַ זעץ איבער ביידע עקן
און פונאַנדערדרייסן די קייט.

וועמען געהערט דער פערז?

— לייוויקן — גיט איינער אַ זאָג. — ה. לייוויקס איז עס, פון דער פּאָעמע „די קייטן פון משיח“

— אַך, משיח, פאַרוואָס קומט ניט משיח?

און דערווייל רעדט מען וועגן די יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק.

— וואָס טוען זיי דאָרט אַצינד? שרייבן זיי נאָך אַלץ? פאַר וועמען? וועגן וואָס שרייבן זיי, אַז זייער וואָרט איז אַזוי מאַכטלאָז? אפשר ווייסן זיי גאָרניט וואָס עס געשעט מיט אונדז? — ברעכט מען זיך דעם מוח, ווי צו געבן אַ ידיעה אין דער וועלט, וועגן דעם וואָס געשעט דאָ מיט אונדז?

— ווען די וועלט וואָלט ווייסן וואָס מען מאַכט דאָ מיט אונדז, ווי מען דערמאָרדעט אונדז, אַך ווען די וועלט וואָלט עס ווייסן..

און אָט איז אַ בלאַט, איין איינציקער גמרא־בלאַט. פרעסן זיך אויגן אין אותיות אַריין: „זאב אחד אינו אונס שני זאבים אונס”. איי, איי, — ברומט דער לערנער זיך אונטער, ווי ער וואָלט דערפילט אַ טיפערן רמז אין די ווערטער, אויף דעם בלעטל פון ירושלים דליטע, אַ ווונק אַ ספּעציעלן פאַר דער איצטיקער צייט. רוקן זיך אויך אַנדערע יידן צו צום פאַרגאַפטן לערנער. ווילן וויסן דעם סוד, וואָס זיין געזיכט דערציילט, אַז ער האָט דאָ אין די ווערטער געפונען.

נאָר דער לערנער שווייגט אַ פאַרטראַכטער.

דאָס בלאַט האָט אים אַ גרוס געבראַכט פון ווילנע, אַ גרוס — אַ סוד.

דערווייל דערזען יידן אויפן בלאַט אַ שטעמפּל. אַ שטעמפּל פון סטראַשון=ביבליאָטעק. דערציילט איינער וועגן דאָזיקן טעמפּל פאַרן יידישן גייסט, פאַרן געדרוקטן וואָרט. וועגן די לאַנגע ווי גאַסן רעגאַלן, אָנגעשטעלטע, פון דער ערד ביזן פּאַטעלאָק, מיט ספרים. דערמאָנט מען זיך אָן הייקל לונסקי, אָן דעם טייערן יידן, שרייבער, זעלטענעם ביבליאָטעקאַר. ווּ איז הייקל לונסקי? לעבט ער אָן זיין ביבליאָטעק?

און, אַז מען האַלט ביי דער סטראַשון=ביבליאָטעק כאַפּט מען זיך שוין אַריין — מיט דערציילן — אַ ביסל נידעריקער, אין דער גרויסער ווילנער שול. שפּאַצירט מען אַרום — מיט זכרונות — איבערן ווילנער שול=הויף, אין גאונס קלויז. אַ שפּרונג אין יידיש=וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און באַלד צוריק, אין טויבע גיטקעס זאַוווּליק. מען שפּאַצירט במחשבה דורך ווילנע, דורך ירושלים דליטע —.

גאָר די בלעטער ליגן אויפן טיש. און ווי זיי וואָלטן געשריען: נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

מיר נאָר איינציקע בלעטער פליען אַרום, פון סטראַשון=ביבליאָטעק, פון ראַמס דרוקעריי, פון ייוו"א, — מיר פליען אַרום איבער יידישע תפוצות. אותיות נאָר פורחות באור, און מיר גיבן איבער גרוסן, פון דער דערמאָרדעטער יידיש=ווילנע.

ווילנער יידן אין אַן עשאַלאָן.

א.

עס איז געווען אין די לעצטע סעפּטעמבער=טעג (26טן אָדער 27טן) 1943, 10 אַזייגער פרי. אויף דער דריטער ליניע פון שאַוולער הויפּט=וואָקזאַל איז אָנגעלאָפן אַ צוג. טויזנטער שרעק=איבערפולטע אויגן האָבן זיך אַ וואָרף=געטאָן צו די פאַרגראַטעטע פענצטערלעך אין די פראַכט=וואַגאָנען.

די שאַוולער יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים ווייטער ציען די ליניע אויף וועלכער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן שוין דער=

קענט וואָס פֿאַר אַן עשאַלאָן דאָס איז. שוין ניט צום ערשטן מאָל שטעלן זיך דאָ אָפּ אַזעלכע טראַנספּאָרטן. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז דאָ, אויפֿן זעלבן אָרט, געשטאַנען אַן עשאַלאָן מיט יידן פֿון בערלין און עסטרייך.

— זאָלן עס ווידער זיין דייטשע יידן — האָט זיך איינער געפֿרעגט ביים צווייטן — אַ מורא צוצוגיין צו זיי. יענעם מאָל זיינען זיי גרייט געווען צו מסרן זייערע באַגלייטער, ווען מען האָט זיי געפּרוּווט איבערצייגן זיי זאָלן אַנטלויפֿן, ווייל מען פֿירט זיי זיכער צו פֿאַרניכטונג. זיי האָבן עס ניט געגלויבט. נאָך אין כעס געווען, וואָס די אָסט=יודן שרעקן זיי...

— יענע זיינען דאָך געווען אַזעלכע פֿאַרפּוצטע און געפֿירט האָט מען זיי אין פּאַסאַזשיר=וואַגאָנען, כמעט פֿריי, אָן באַוואַכער...

— איר זעט דאָך — האָט איינער קלאָר געמאַכט די אַנדערשקייט פֿון דעם טראַנספּאָרט — דער צוג גייט דאָך פֿון קאָוונע, ניט ווי פֿאַריקעס מאָל.

נאָר באַלד האָבן קליינע שטיקלעך פּאַפּיר אָנגעפֿאַנגען פֿליען פֿון די פֿאַרגראַטעוועטע פֿענצטערלעך. הענט האָבן געווונקען, פֿינגער האָבן גרימאַסירט, געוויזן אויף די צעטעלעך, געבעטן מען זאָל זיי אויפֿהייבן.

פֿון די בריוולעך האָט מען זיך תיכף דערוווּסט: דאָס זיינען יידן פֿון ווילנער געטאָ. דאָס געטאָ איז דאָרט אויפֿגעלייזט, צו פּאָגראָמירט. אין די צעטעלעך האָבן זיי געבעטן ברויט, וואַסער. אַנדערע האָבן געזוכט פֿריינט, באַקאַנטע. אויף איין צעטעלע איז געווען נאָר צוויי ווערטער: „קייטל פֿאַרניכטונג“. שווער געווען צו פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן שיפֿער.

איינער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די מגן דוד=צייכנס און געלאָפֿן צום געטאָ, אָנזאָגן וועגן דעם עשאַלאָן. אפֿשר וועט דער עלטסטנראַט עפּעס קענען העלפֿן.

מיט די צעטעלעך פֿאַרקוועטשט אין האַנט איז דער שליח פֿאַרביי דעם געטאָ=דראָט, אַ ווינק געטאָן אַן אָרדנונגס=דינסטלער און אים איבערגעגעבן די צעטעלעך מיט דער בשורה: ווילנער יידן שטייען הונגעריקע אויפֿן וואָקזאַל.

די ידיעה האָט ווי אַ הוראַגאַן זיך אַ טראָג געטאָן דורך די געטאָ-היימען. אַ פּאָר פּרויען זיינען אַרויס מיט זעק, עפּעס צוזאַמענזאַמלען פאַר די ווילנער יידן.

די אַליין הונגעריקע געטאָ-איינוווינער האָבן געגעבן קאַרטאָפל, ברויט, אַ פּענעצל פּוטער, אַ ביסל טאַבאַק, אַ העמד און ווער וואָס ס'האָט געקענט. די יידישע פאָרשטייער זיינען דערמיט אַוועק צום באַן.

דאָס עסן האָט מען פון זיי צוגענומען, אָבער ריידן מיט די יידן האָבן די דייטשן ניט דערלויבט.

*

אין אָוונט, ווען די אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט פון דער באַן-ליניע, האָבן זיי צווישן זייערע רייען געשמוכלט אַ מיידל פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. דאָס קליידל אויף איר איז נאָס געווען, אירע אויגן האָבן געגליט, זי האָט זיך געטרייסלט פון קעלט און אַלץ שטייפער געוויקלט איר גוף אין ברייטן מאַנטל, וואָס אַ פּרוי פון דער ריי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אירע פּלייצעס.

ב.

שפּעטער איז דאָס מיידל געזעסן אין צימערל פון עלטסטנראַט און דערציילט, ווען די לעצטע טעג אין ירושלים דליטא, אין ווילנע.

זי הייסט פּאַריזייטע און אָט ווי זי האָט זיך געראַטעוועט פון גייענדיקן צוג: מיט די לעצטע כוחות האָט זי אַ בראַך געטאָן אַן אייזערנעם סטאַקעט פון וואַגאָן-פענצטערל, וואָס זי האָט דעם גאַנצן וועג, פון ווילנע ביז אַהער, געזעגט מיט אַ מעסער. דורך דער שמאָלער עפענונג האָט זי אַדורכגעשטופּט דעם קאָפּ, אַרויסגעצויגן די הענט און זיך אָנגעקלאַמערט אָן דאַך. אַזוי האָט זי דורכגעצויגן דעם גוף און אַראָפּגעשפּרונגען פון גייענדיקן צוג. זי איז געפאַלן אין אַ זומפּ. דורך די וועלדער, זיך ריכטנדיק לויט דער באַן-ליניע, איז זי געקומען ווו דער צוג איז בייטאָג געשטאַנען. זי האָט געשריבן דאָס צעטעלע: קייטל פאַרניכטונג; דערמיט האָט זי געוואָלט וואָרענען די שאַוולער יידן, אַז דער פאַרניכטער אין ווילנע איז קייטל געווען, און אַז זיין קומען אין אַ געטאָ באַדייט טויט.

*

עס זיינען פאַרביי 10 חדשים און עס איז אויך געקומען די ריי פאַר דער ליקווידאַציע פון שאַוולער געטאָ. פאַריזיימטע האָט ניט געוואָלט ווידער שפרינגען פון אַ גייענדיקן צוג. זי האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון געטאָ גופא.

נאַכט. שווערע פאַסטן־טריט האָבן אָפגעהילכט אַרום דראָט. פאַריזיימטע האָט גענוי קאָנטראָלירט דעם אָפהילך פון די טריט — זיי האָבן זיך אַוועקגעטראָגן רעכטס. איצט איז די צייט! זי האָט אַדורכגעשטופט דעם קאָפ דורכן דראָט, דורכגענומען די הענט, זיך איינגעקלאַמערט אָן טראָטואַר און אַרויסגעצויגן דעם גוף.

— שטיין בלייבן! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע און אַ שאָס האָט דורכגעשניטן די פינצטערניש. פאַריזיימטע האָט זיך אַ צי געטאָן צוריק. די קויל האָט איר פאַרכאַפט און זי איז געבליבן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

— — —

צוזאַמען

1.

משה רמבּ"ם — אַזוי האָט מען גערופן אין שטאָט משה טעקאַטשן.

מיט וועמענס נאָמען מען האָט אים בּאַערט האָט משה ניט געוווּסט. משה טעקאַטש האָט זיך שווער אויסגעקענט אין אַזעלכע נעמען. דערפאַר טאַקע האָט דער פאַבּריק=פּאַרוואַלטער ר׳ פּייווע פּאַטרוך איינמאָל אַ זאָג געטאָן: איז דאָס אַ ר׳ משה, — „ממשה ועד משה לא קם כמשה“...*) האָבּן לצנים עס אונטערגעכאַפּט, און זיין נאָמען איז שוין געבּליבּן — משה רמבּ"ם.

משהס אַלע גלידער זיינען גרויס געווען, גרויס און שטאַרק; דער קאָפּ, די הענט, די פּיס, דער גאַנצער גוף איז געווען צעוואַקסן ווי אַ סוקעוואַטער בּוים. זיין פּנים איז רוי און האַרט געווען, ווי די פעלן וואָס ער האָט פערציק יאָר כסדר געשטופּט אין די גרויסע קאָרע=קובּלען, אין דער גאַרבּעריי פון פרענקלס לעדער=פאַבּריק.

משה, וואָס איז געווען פון די עלטסטע אַרבּעטער בּיי פּרענקלען אין פאַבּריק, פלעגט האַלט האָבּן צו דערציילן ווי דער אַלטער פּרענקל איז רייך געוואָרן, ווי אַזוי פרענקל איז געקומען אין שאַוול אָן אַ גראָשן געלט, אַן אָרעם גאַרבּער=יינגל, און זאָל דאָ האָבּן געפונען אַן אוצר, אויפן פּלאַץ וווּ עס שטייט היינט זיין פּאַלאַץ.

משה פלעגט די געשיכטע דערציילן פאַרטרויט, מיט אַ שמייכעלע אין די גרויע אויגן, ווי עפּעס אַ טייערן סוד, זיינס אַן אייגענע געהיימניש, ווי ער וואָלט אַ חלק געהאַט אין געפינען דעם מיסטישן אוצר.

פון זיינע אייגענע זעכציק יאָר האָט משה ניט געהאַט פיל צו דערציילן. איז אפשר דערפאַר טאַקע האָט ער אָנגעבּונדן זיין לעבּן אָן פרענקלס, אָן זיין בּאַלעבּאָס. מיט אים אַליין האָט קיין בּאַזונ=

---

*) דאָס וואָס ס׳איז געזאָגט אויפן רמבּ"ם.

דערש ניט פּאַסירט. ער איז געקומען אַלס פֿערצן יעריק יינגל אין פֿרענקלס קליינע גאַרבעריי. פֿון יאָר צו יאָר איז די גאַרבעריי גרעסער געוואָרן. אויפֿן זעלבן הויף האָבן זיך אָנגעפֿאַנגען מורעמען ווענט, מויערן, קוימענס, וואָס האָבן געשפּאַרט דיקע קנויליקע רויך=וואָלקנס צום הימל. נאָר משה איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַרבעטן אין באַמנע, ביי די זעלבע קאָרע=קובלען, ביים פֿאַרווייקן די פֿעלן. וואָס אָן אמת, משה האָט זיך געפֿילט אויף דער פֿאַבריק ווי אַן אייגענער. געהאַט אפֿילו זיין שטיבל אויפֿן פֿאַבריק=הויף, ניט ווייט פֿון פֿרענקלס פּאַלאַץ. נאָך דער אַרבעט פֿלעגט משה שפּאַצירן איבער הויף, נאָכקוקן דעם רויך פֿון פֿאַבריק=קוימענס, ווי עפּעס זיין רויה, זיינע קוימענס, זיין פֿאַבריק. און משה פֿלעגט טאַקע זאָגן: „ביי אונדז אויפֿן פֿאַבריק“...

אַז דער אַלטער פֿרענקל איז געשטאָרבן און דער זון, וואָס איז איצט געווען דער באַלעבאָס, פֿלעגט זיך געפֿינען אויף רייזעס אין אויסלאַנד, האָט משה זיך אויך געפֿילט אַלס שטיקל בעל=הבית.

— אַז ווער איז שוין משטיינסגעזאָגט געבליבן? עפּעס אַ חברה פֿאַרוואַלטערס, וואָס קענען נאָך צעטאַכלעווען די פֿאַבריק — אַזוי פֿלעגט משה זיך אָפּקרעכצן און אַמאָל אויך אַ סטראַשע טאָן די פֿאַרוואַלטערס — וואַרט נאָר, זאָל נאָר יעקוב קומען...

יעקוב, אַזוי און ניט אַנדערש, האָט משה גערופֿן דעם יונגען פֿרענקל. מעשה אייגענער, משפּחהדיק. נאָר אַז יעקיב פֿרענקל פֿלעגט צוריקקומען פֿון אויסלאַנד, האָט משה ניט געוואַגט אים געבן אַ שלום עליכם און פֿלעגט נאָר פֿון ווייטן ציען פֿאַר אים מיט דאָס היטל.

.2

באַלד ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט האָבן זיי ווייטער געלאָזט אין גאַנג די פֿאַבריק. אויך די יידישע קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, מייסטערס און פֿאַרוואַלטערס אַרבעטן אין פֿאַבריק. אויך די דייטשן האָבן זיי נייטיק. משהן דאַרפֿן זיי אָבער ניט. ער איז שוין פֿאַר זיי צו אַלט. שטייט משה אין די אָוונטן ביי די געטאָ=דראָטן, קוקט נאָך דעם רויך פֿון די פֿאַבריק=קוימענס און קרעכצט:

— רוצחים, וואָס זיי האָבן געמאַכט פֿון אונדז.

„פֿון אונדז“ מיינט ער אויך פֿרענקלען און אפֿשר פֿרענקלען מער ווי זיך.

אַזוי זעט משה דעם גאַנצן הורבן פון אַ שטאָט, פון אַ וועלט יידן — נאָר דורכן רויך פון די פאַבריק=קוימענס...

באַגינען, אַז די קאָלאָנעס גייען אַרויס פון געטאָ, וואַרפט משה קנאה=בליקן צו דער פאַבריק=קאָלאָנע: זיי אַרבעטן דאָך אויף דער פאַבריק, זאָל זיין אונטער די דייטשן. אים איינעם האָט מען נאָר פאַרטריבן.

די אַרבעטער מערקן משהס קנאה=בליקן; פאַרדריסט עס זיי אויך. וואָס פאַרן עלטסטן אַרבעטער לאָזט זיך ניט פועלן ביי די דייטשן, זיי זאָלן אים לאָזן גיין אין פאַבריק.

מער פון אַלעמען פאַרדריסט די זאַך ר׳ פייווע פאַטרוכן. ער פילט זיך עפעס ווי שולדיק לגבי משהן: זיי זיינען דאָך ביידע אין איין עלטער, אַ לעבן געאַרבעט אויף דער זעלבער פאַבריק, -- איצט איז משה פאַריאָגט פון פאַבריק און ווערט געטריבן אַרבעטן ווי אַ טאָג ווי אַ נאַכט. נאָר ער, פאַטרוך, קען אַוודאי גאָרנישט אויפטאָן פאַר משהן ביי די דייטשן. ער פריידט זיך, אַז מען לאָזט נאָך אים אַליין אין דער אַרבעט. כאָטש זיינע טרייסלדיקע פיס דערפירן אים שוין קוים דאָס שטיקל וועג פון געטאָ צום פאַבריק און צוריק. און אויך אין פאַבריק קען ער שוין דינען ניט מער ווי מיט אַן עצה, ווי אַ פאַכמענישער באַראַטער פאַר די דייטשע פאַרוואַלטער; זיך באַוועגן אויפן פאַבריק האָט ער ניט מער קיין כוח.

פאַטרוך בעט איצט, אין געטאָ, אָפט משהן צו זיך אין שטוב. משה אַנטזאָגט זיך ניט. זיצן זיי און דערציילן זיך פון פאַרגאַנגענע יאָרן. דערציילט משה, צום טויזנטסטן מאָל, די געשיכטע פון פרענקלס רייך ווערן. און כאָטש פאַטרוך איז פרענקלס אַ גאָנטער פריינט און קען די געשיכטע, — דאָך הערט ער זיך איין צו משהס דערציילן, ווי ער וואָלט עס איצט געהערט צום ערשטן מאָל.

פערציק אָפגעלעבטע יאָרן שוועבן אָן פאַר זיי און צינדן אָן זייערע אויגן מיט יוגנט=פייערלעך. ציען זיי די יאָרן און געשעענישן ווי עס ציט אַ פרוי קאָרעלן פון איר געליבטן אויף אַ פאַדעם, און זיי שפיגלען זיך אין זייער אייגענעם אָפגעלעבטן לעבן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, משה — פאַנגט פלוצים פאַטרוך אָן ריידן בלשון דו — עס האָט זיך ניט געלוינט די גאַנצע מי. מיר האָבן מאַקע ניט געוווסט ווי צו לעבן אויך. שטענדיק פאַרלאָפן,

געווען פֿאַרהאַוועט, אַליין ווי אויף אַ יריד; וואָס האָבֿן מיר געהאַט אין אונדזער לעבֿן? וויפֿל מעשים טובים האָבֿן מיר געטאָן? וויפֿל עולם הבא זיך אָנגעגרייט, וויפֿל גוטסקייט צו מענטשן? אַליין נאָר געזאָרגט אַריינכאַפּן, אַריינכאַפּן — פֿרעג פֿאַר וועמען?

דאָס האָט פֿאַטרוך זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן, געמאַכט זיין אייגענעם חשבון אויפֿן קול, מצרף געווען אויך משהן צו דעם, גערעדט מיטן לשון „מיר“, כאָטש משה האָט צו דעם חשבון קיין שייכות ניט געהאַט.

נאָר משה, גערירט פֿון דעם וואָס פֿאַטרוך נעמט אים אַריין אין איין חשבון מיט זיך, שטימט צו, אַז מען האָט טאַקע ניט געוווסט ווי צו לעבֿן. —

— אַוודאי האָט אַליין אַנדערש געקענט זיין, מיר האָבֿן געדאַרפֿט אַנדערש לעבֿן; ווער האָט זיך עס געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דער דייטשישער רוצח וועט מאַכן אַ תל פֿון אונדז; אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבֿן — פֿרעג פֿאַר וואָס?

— וואָס וואָלט אונדז געפֿעלט, אַז אונדזערע אַלטע ביינער וואָלטן מיר אַוועקגעטראָגן אין ארץ־ישראל; פֿאַרנאַרט געווען אַליין אין די געשעפֿטן, אָפּגעשטופּט, — און אָט זיך אויסגעוואַרט...

אַזוי רעדט פֿאַטרוך, אַליין וועגן זיך און משהן, צוזאַמען, ווי ער וואָלט גאָר פֿאַרגעסן, אַז צווישן זיי איז אַ תהום געווען, דער תהום פֿון געלט, אַז משה האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן ענדיקן זיין לעבֿן אין הייליקן לאַנד, אַז משהס לעבֿן איז פֿאַרבונדן געווען נאָר מיט דער פֿאַבריק, פֿאַרבונדן אפשר מער ווי פֿאַטרוכס, ווייל וועגן אַן אַנדער לעבֿן האָט משה זיך ניט געקענט פֿאַרגינען צו חלומען אַפֿילו.

און אַז פֿאַטרוכס אויגן פֿאַרציִען זיך, בשעתן ריידן, מיט אַ טרער — גיט אויך משה אַ ריב די אויגן־לעפֿלעך מיטן גראָבֿן פֿינגער און לאָזט אַ קרעכץ.

.3

ווי אַלע ייִדן אין געטאָ טרייבט מען אויך משהן יעדן טאָג אויף שווערע אַרבעט. נאָר משה איז ניט געבראָכן; געזונט איז ער, גאָט צו דאַנקען, כוח האָט ער מער ווי אַ יונגער גאָך — גייט ער אַרבעטן.

עס איז נאָר אַ צרה מיטן הונגער. משה איז געוווינט אַ סך צו עסן. ער וויל ניט קיין לעקעכלעך, קיין טאָרטן, משה האָט האָלט קאַרטאָפל, הערינג, פלייש, ברויט — אָבער דאָס צו זאַט. און אין געטאָ דאַרף מען האָבן אויף דעם אוצרות געלט — טאָ ווו זאָל עס משה נעמען? ווערט ער פון צייט=צו=צייט אַ „מלאך“, דאָס הייסט ער פאַרדינגט זיך פאַר אַ צווייטן צו אַרבעטן. אין געטאָ זיינען נאָך דאָ איינציקע וואָס קענען באַצאָלן, אַז אַן אַנדערער זאָל אַרבעטן פאַר זיי. איז בשעת מען באַשטימט זיי אויף שווערע אַרבעט, ווי זומער אין טאָרף=לאַגערן, ווייט פון שטאָט — דינגען זיי זיך „מלאכים“.

אַזוי באַלד ווי זון פאַנגט נאָך אָן צעשמעלצן דעם שניי, הייבט מען אין געטאָ אָן צו מאַכן קאַלקולאַציעס, איבערטראַכטן: ווער, פון וועלכע אַרבעט=פלעצער, עס וועט דאָס יאָר אַריינפאַלן צו די טאָרף=אַרבעטן.

משה רמב״ם שרעקט זיך ניט פאַרן טאָרף=לאַגער. שוין חדשים פריער האָט ער צוגעזאָגט פאַטרוכס זון, אַז אויב מען וועט אים נעמען אויף טאָרף, וועט ער, משה, אים פאַרבייטן, ער וועט זיין דעם יונגען פאַטרוכס „מלאך“.

משה האָט נאָר מורא טאָמער „יאַוועט“*) מען אים אַליין אויף טאָרף=אַרבעט, דאַן וועט ער ניט קענען זיין קיין „מלאך“, ניט קענען פאַרדינגען די פאָר טייזנט מאַרק אַלס פאַרבייטער. נאָר זשילינסקי פון אַרבעטס=אַמט מאַרקירט, אַז משה זאָל קענען עמעצן פאַרבייטן. זשילינסקי „יאַוועט“ שוין איין די וואָס קענען זיך לייסטן צו דינגען פאַר זיך „מלאכים“, אַזוי אַז סיי די וואָס בלייבן אין געטאָ, אַ דאַנק זייער געלט, סיי די וואָס נעמען באַצאָלט און פאַרן עמעצן פאַרבייטן — ביידע זיינען צופרידן...

צוויי געטאָ=זומערן איז משה געפאָרן אויף טאָרף=אַרבעט. די אַרבעט אויפן פרייען פעלד געפעלט אים אויך. נאָך פערציק יאָר כסדר אין דער פאַרעיפושטער גאַרבעריי פילט ער זיך דאָ ווי אויף אַ דאַטשע. די פעלדער ליגן רחבותדיק צעגרינטע און די טאָרפיקע

---

*) יאַוועט, איינאַוועגען — אַ געטאָ=טערמין פאַר איינעם וואָס מען שיקט אויף שווערע אַרבעט (האָסט געקראָגן אַ יאַוזקע. מען האָט דיך איינגעיאַוועט).

שוואַרץ=ערד זויגט איין די לאָפּעטע אַזוי נאָכגיביק, ווי אַ ווייכער קישן נעמט אַריין אַ מידן קאָפּ

אין טאָרף=לאַגער איז משה. דער איינציקער אַלטער מאַן, זייער באַליבט, אַלע בריגאַדעס*) רייסן זיך אים צו האָבן ביי זיך, ווייל משה וואַרפט אַרויס זיין חלק גרוב פּריער פון אַלעמען און העלפט דאַן אַ חבר, אַ שוואַכערן. משה איז אויך ביי דער אַרבעט פריילעך, מונטער, באַלעבט אַלעמען מיט זיין פריילעכן אונטערזינגען זיך ביים וואַרפן די גרייסע פירקאַנטיקע טאָרף=שטיקער אין מאַשין אַריין. די אַרבעט פאַלט אים ניט שווער און ער איז אויך שטענדיק זאַט. פון דעם געלט וואָס ער נעמט אָפּ פאַרן זיין אַ „מלאך“ קויפט ער זיך צו זאַט קאַרטאָפל, ברויט. פלייש, וואָס איז דאָ, אין דאָרף, אויך ביליקער ווי אין געטאָ.

אַז מען קומט פון דער אַרבעט אין באַראַק, לאָזט מען משהן דעם ערשטן צום איינציקן אויוועלע, אויף וועלכן יעדער קאָכט אָפּ אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ „חלהפּוזע“, צי דערשטמוקעווען צום לאַגער=עסן. און אַזוי גיך ווי משה עסט זיך אָן, זעצט ער זיך ביים לאַנגן טיש אָדער אויף זיין נאַרע, זאָגן תהילים. שטעלט זיך דאַן אַרום אים דער יונגער לאַגער=עולם און הערט זיך איין זיין „זאָגן“. אָפּגעזאָגט דעם יום=תהילים בעטן אים די לאַגערניקעס ער זאָל אויפזינגען „זיין“ ניגון. עפּעס האָבן זיי אַמאָל אויפגעכאַפּט ווי משה זינגט אַן אַלט פאָלקס=ליד און עס באַלד געמאַכט פאַר אַ כמו לאַגער=הימן. משה לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער צעברומט זיך תפילהדיק און שאָקלט מיטן קאָפּ צום טאַקט:

„שוין צייט צו גיין דאַוונען —
כאַפּט די יוגנט אונטער:
„איינס, צוויי. דריי.
„וואָסזשע פּאַפּסטו? וואָסזשע שלאָפּסטו?
און די יוגנט כאַפּט ווידער אויף:
„איינס, צוויי. דריי.
„שוין צייט צו לערנען משנה — — —.

באַגינען, אַז מען הייבט אָן וועקן צום פרימאָרגנדיקן אַרבעט=שיכט פאַנגען חברה אָן וואָרטשען דאָס לאַגער=ווערטל, וואָס חיים דעמבעווסקי האָט אַמאָל געלאָזט פאַלן:

---

*) בריגאַדע — אַן אַרבעטער=אָפּטיילונג.

— יידן שטייט אויף, טאָרף האָט זיך מענטשן פֿאַרוועלט...

אָט דאָס דאָזיקע ווערטל האָט אין זיך דעם כוח צו מאַכן שמייכלענדיק די פֿאַרביטערטע, ניט=אויסגעשלאָפֿענע אויפֿשטייער. ברומען האַלב=פֿאַרשלאָפֿענע, מיט מידע פנימער:

— אַז טאָרף האָט זיך מענטשן פֿאַרוועלט...

גאָר איז דאָס ווערטל נאָך ניט גענוג, אויף צו דערוואַכן די מידע גופים און קעפ, וואָס טוליען זיך נאָך צו די האַרטע שטרוי=זעקלעך — דאַן זינגט איינער אויף

„וואַסזשע פּאַפּט איר? וואָסזשע שלאָפֿט איר?
שוין צייט צו גיין שטעפּן*)
און דער גאַנצער וואַכער עולם דונערט אָפּ:
— איינס, צוויי, דריי!

4

אַז משה איז דאָס יאָר געקומען פֿון טאָרף=אַרבעט האָט ער געטראָפֿן פֿאַטרוכן שוין גאָר אָפּגעשוואַכט. טעג לאַנג פֿלעגט ער שוין צוברענגען צום בעט און אַז ער פֿלעגט זיך אַרויסרייסן פֿון בעט, האָט זיין גאַנצער גוף זיך שוין געוואַקלט ביים גיין. זיין צע=פֿאַלדעוועטע פנים האָט מאַט געבלינצלט, ווי די גלאַנציק=איינגעפֿאַל=דעוועטע כאַליאַוועס פֿון די שטיוול אויף זיינע זיך טרייסלענדיקע פיס. דער גוף פֿון שטענדיק שטראַמען פֿאַבריקס=פֿאַרוואַלטער איז שוין געווען צוזאַמענגעבראָכן און אונטערטעניק. דאָך פֿלעגט ער, אין די טעג ווען ער פֿלעגט זיין געזונטער, קומען דער ערשטער פֿון דער גאַנצער קאָלאָנע צום געטאָ=טויער. אָנשרייען אַפילו אויף אַן אַרבעטער, אויב יענער האָט זיך אַ ביסל פֿאַרזוימט. פֿאַטרוך האָט זיך נאָך אַלץ געפֿילט, צו די יידישע אַרבעטער, מעשה בעל=הבית, ווי אַ געוועזענער פֿאַרוואַלטער, וואָס וועט אפשר נאָך באַלד ווידער זיין...

אויך משהס עלטער האָט איצט, קומענדיק צוריק אין געטאָ, אָנגעפֿאַנגען מאָנען דאָס זייניקע — רו. האָט משה זיך אַמאָל באַ=קלאָגט פֿאַר פֿאַטרוכן:

---

*) „שטעפּן" — געטאָ=טערמין פֿאַר אַרבעטן (מען דאַרף שטעפּן, שטעפּינקען).

— מיר דוכט, ר׳ פּייווע, אַז דער מלאך המוות שיקט מיר פּאַוויעסטקעס... ער גיט מיר לעצטנס צו פילן, איך זאָל זיך ניט פאַרגעסן, זיך ניט פאַרלעבן; די פיס ווילן זיך באַגינען ניט הייבן פון בעט.

די דאָזיקע ווערטער קרעבצט משה אויס, אַזוי האַלב מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: שפּאַרן זיך מיטן מלאך המוות איז ניט פאַר מיין כוח שוין...

נאָר פּאַטרוך נעמט עס ווי אַן אָנצוהערעניש פון משהן, אַז מען וואָלט געדאַרפט נאָך אַמאָל אַ פּרוביר=טאָג אויפן פאַבריק. בעטן בײַ די דייטשן, אונטערקויפן זיי, אַז ער זאָל דאָך קענען אַרײַן אין פאַבריק אַרבעטן; ער זאָל ניט דאַרפן גיין מיט די אַלטע פיס צענדליקער קילאָמעטערס יעדן טאָג, אויף די פאַרשיידענע אַרבעטפּלעצער. גיט פּאַטרוכן אַ שפּאַר אין האַרצן די תקיפות פון אַ לעבנלאַנגען בעל דעה און ער גיט אַ זאָג צו משהן.

— דו וועסט אַרבעטן אויפן פאַבריק! יאָ, די וועסט אַרבעטן. אַ לעבן האָבן מיר ביידע געלאָזן אויפן פאַבריק -- איך וועל עס מאָרגן זאָגן דעם דירעקטאָר — און פּאַטרוך ווערט אויפגעהיצט פון דעם באַלעבאָס=מוט וואָס האָט איצט זיך אַ צעגלי געטאָן אין אים — „וועסט מאָרגן מיטגיין מיט מיר, צוזאַמען וועלן מיר ריידן מיטן דירעקטאָר, ער מוז דיך אָננעמען!“

משה איז אויף מאָרגן אָנגעקומען אַרבעטן אין פאַבריק.

.5

צוזאַמען פלעגן איצט ביידע אַלטע לייט גיין צו און פון דער אַרבעט. גיין פאַרויס פון דער גאַנצער פאַבריק=קאָלאָנע, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט ווייזן זייער פאַבריק=יחוס, אַז זיי פירן די אַרבעטער. נאָר דעם פינפטן נאָוועמבער, אַ פּאָר מאָנאַט נאָך דעם ווי משה איז צוריקגעקומען אויפן פאַבריק, האָבן די ייִנגערע אַרבעטער, בײַם צוריקקערן אין געטאָ, פאַרנומען משהס און פּאַטרוכס אָרט אין דער פאַבריק=ריי. זיי ביידן האָבן די ייִנגערע פאַרשטופּט אין די מיטל=רייען, אַרומגעשטעלט זיי מיט ייִנגערע — ווייל בײַם טויער איז געשטאַנען פערסטער און סאָרטירט, אַרויסגענומען פון די קאָלאָנעס די קינדער און אַלטע*)

---

*) זע וועגן דער קינדער=אַקציע ווייטער.

אַז די אַרבעטער האָבן זיך אַ שטעל געטאָן בײַם טויער האָבן פֿערסטערס פּיסטרע אויגן אַלעמען דורכגענומען. די צוזאַמענגעדריקטן רייען זיינען לויז געוואָרן. צעשלאָגן געוואָרן אין פּחד. משה און ר’ פּייווע זיינען נאָך שטיין געבליבן זיך האַלטנדיק צוזאַמען, די קעפּ צו דער ערד געבויגן, ווי צוויי אַלטע איינגעזוגטע ביימער. פֿערסטער איז דורך די רייען און אָפּסאָרטירט לינקס די קינדער, די אַלטע — משהן און ר’ פּייווע. פּאַטרוכס זון האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: „טאַעט, טאַטע“ און איז פֿאַרשטילט געבליבן. אַרבעטער האָבן אַ פֿליסטער געטאָן: „משה!” די קאָלאָנע האָט ווייטער גערירט.

משה און ר’ פּייווע זיינען געבליבן צוזאַמען שטיין לינקס און זיינען צוזאַמען אַוועק קיין אוישוויין.

אַ משפט איבער דער יידישער פרוי

די לערערין איטע קאַסין פלעגט יעדעס יאָר אַרויספאָרן מיט אירע שול⸗קינדער אין דער זומער⸗קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געפונען אין באַטשונער וואַלד, אַרום די טאָרף⸗פעלדער. דאָס יאָר, זומער 1943, איז זי אַהער געקומען צוזאַמען מיט זעקס הונדערט יידן פון געטאָ אויף טאָרף⸗אַרבעט. האָבן אירע געוועזענע שילער, אין אַכטונג צו זייער לערערין, זי אויסגעוויילט אַלס לאַגער⸗עקאָנאָמקע, צו זיין די צעטיילערין פון דער מאָגערער שפייז.

פון פריען באַגינען ביז שפעט אין דער נאַכט טאָפטשעט אַרום די לערערין איטע מיט אירע שווערע האָלץ⸗שיך אין דער טאָרפיקע⸗בלאָטע פון לאַגער⸗הויף. אומעטום איז זי פול. זי קען יעדן לאַגערניק מיטן נאָמען. זי ווייס אויך יעדערנס מצב; ווער ס'קען זיך עפעס צוקויפן און ווער ס'מוז לעבן נאָר פון דער צוגעטיילטער פאָרציע. מיט איר אויטאָריטעט צווינגט זי, אַז די פראָדוקטן, וואָס ווערן אַריינגעשמוגלט פון די אַרומיקע דערפער, זאָלן אַריין אין אַלגעמיינעם לאַגער⸗מאַגאַזין, און זי פאַרקויפט עס צו ביליקערע פרייזן. זי קאָמבינירט דער מיטאָג זאָל זיין אַפעטיטלעכער, נאַרהאַפטער. אַ נצרך טיילט זי אויך צו אַ לעפל ברויט אומזיסט, אַ שטיקל פוטער דורך דער וואָך און אפילו אַ גלאָז מילך. בפרט העלפט זי די יוגנטלעכע און עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין געלט עפעס זיך צוצוקויפן און חוץ דעם פאַלט זיי נאָך די שווערע אַרבעט פיל שווערער, ווי די יעניקע, וועלכע זיינען צו פיזישער אַרבעט געוווינט.

נאָכן שווערן אַרבעטס⸗טאָג, אַז מען רייבט אָפ פון זיך די טאָרף⸗בלאָטע אין גרינלעכן וואַסער פון טאָרף⸗גרוב, אָדער אונטערן שלויך פון טאָרף⸗מאַשין, ציטערט דער מאָגערער גוף. וועמען די קאַלטע אָוונט⸗לופט שטעכט דורך ווי אַ מאַסאַזש, אַז די ריינערע בגדים פאַלן אָבער צו צום לייב און די הייסע זופ גיסט אָן דעם הונגעריקן מאָגן, באַפאַלט אַ לייכטע מידקייט אין די גלידער; דער ווייטיק אין

רוקן, פון זיך בויגן און שלעפּן די שטיקער נאַסע ערד נעמט אָפּלאָזן; די שלאַבעריקע מוסקולן ווערן איצט שטייפער. גיסן זיך אָן מיט אָנגענעמען ווייטיק. די אַרומיקע וועלדער, וואָס זיינען אַ סך העכער פון שטעכיקן צוים=דראָט, וויגן זיך אין גערוישלאָזן אָוונט=ווינט. דער זייד=בלויער הימל צעפינקלט זיך מיט אַ שלל שטערן. די דעמע=רונג פאַרשטעלט דעם שומר מיט זיין ביקס. די לבנה קאַלכט אָפּ די שוואַרצע באַראַקן, און די נאַכט וועבט איר לעגענדע: אַלע מענטשן זיינען גליקלעך אויף דער ערד -- העכער איז די וועלט, העכער און טיפער, פון געטאָס, לאַגערן, בלוט, קראַמף און טויט. אין דער נאַכטיקייט ווערט פאַרשפּונען די דראָט=מחיצה, וואָס טיילט אָפּ דעם לאַגער פון דער וועלט און אַ שטילע נאָגנדיקע בענקשאַפט צעשפּילט זיך אין האַרצן פונעם לאַגערניק, אַ בענקשאַפט צו היים, צו רו, צו אַ פרוי -- דאַן פאַרקלייבן זיך די מענער אין פרויען=באַראַק.

אויף די ווייס=באַצויגענע נאַרע=בעטלעך, פון אַ פרויען=האַנט פאַרבעט, זיצט יוגנט און פאַרציט אַ ניגון. גיסט זיך אַ שטילע ראַפּסאָדיע, ס'פלעכטן זיך שטימען, טענער שטילע, בענקענדיקע, טיף=מאָנענדיקע. די נאַכט כאַפּט אויף די ניגונים דורך די אָפענע פענצטער און טראָגט זיי אַוועק העט=ווייט. אין אַ גויאישער כאַטע, צו פאַרשלעפערן אַן אויסבאַהאַלטן יידיש קינד ערגעץ דאָרט.

אין אַ ווינקל פון באַראַק, אויף דער נאַרע פון איטע קאַסין, זיצט געדיכט צוזאַמענגעקוועטשט אַ גרופּע לאַגערניקעס. זייערע קעפּ געבויגן צוליב דער העכערער נאַרע, וואָס איבער זיי. דאָס טוקן פונעם חלב=ליכטל, וואָס איז אָנגעשמאָלצן אויף אַ קעסטל, וואַרפט אימהדיקע שאָטנס אויף דער מיט צייטונגען אויסגעקלעפּטער וואַנט פון וועלכער ס'שיינען אַראָפּ די בילדער פון מענדעלע, שלום=עליכם און פרץ. פרוי קאַסין זיצט צווישן אַלעמען, אָנגעשפּאַרט אויף דער נאַרע; די גרוי=ווערנדיקע האָר פאַלן איר אויף די שולטערן, איר פנים דריקט אויס מידקייט. נאָר פלוצים:

— קינדער, ווו האָבן מיר נעכטן געלאָזן?

קינדער!..

פאַרגעסן איז דער לאַגער, די מאָרך=אַרבעט, דער צווייפלפולער מאָרגן. קינדער זיצן אַרום דער לערערין... און איטע קאַסין דוכט

זיך אַוודאי, אַז זי געפינט זיך אויך היינטיקס יאָר מיט איר שול דאָ...

פאַרקניפּט מען ווייטער דעם נעכטיקן שמועס, וועגן —

וועגן וואָס רעדט מען ניט, דיסקוטירט מען ניט אין דאָזיקן ווינקעל?

— ווייסט איר וואָס, — זאָגט פרוי קאַסין, כ'וועל אייך פאָרלייענען אַ לידעלע, וואָס כ'האָב היינט אָנגעשריבּן.

לייענט זי. לייענט אַ צווייטער. פייגעלע דעקלאַמירט. חיים זינגט און ווידער אַ דיסקוסיע. איינער פאַרפּלאָנטערט זיך אין צווייטן, וויל איבּערצייגן אַ דריטן:

— ניין, האָסט אַ טעות, מאַרקס האָט געמיינט עפּעס אַנדערש.

— וואָס מיר מאַרקס. נעם בּעסער ירמיהו.

— ווערסט פון דער וועלט ניט אַנטלויפן.

— וועלט? — די וועלט איז אַנטלאָפן פון אונדז, די וועלט דיינע האַלט אונדז אין לאַגערן, אין געטאָס. די וועלט מאָרדעט קליינע קינדער

— אַ ליגן, ניט די וועלט. אַ בּייזער שגעון איז עס. אַן איבּערגאַנג. אַן אַנטי־טעזע־פּראָצעס, אַ ירידה פאַר אַן עליה...

— פאַרוואָס אָבּער דווקא איבּער אונדזערע קעפּ, אויף אונדזער בּלוט?

— ווייל מיר זיינען שוואַכער, און ניט נאָר מיר אַליין — — —

— אָפּגעלעבּטע טעאָריעס. פאָלקס־מאָרד־פּילפּוליסטיק.

— טאָ, הויבּט איינער אָן נאָך עפּעס זאָגן, נאָר פרוי קאַסין שלאָגט אים איבּער:

— פאַר היינט איז גענוג. מענער גייט אין אייער בּאַראַק, צייט צום שלאָפן.

זי לאָזט זיך אין אַלע ווינקעלעך, פון וואַנען אַ שטילע שושקעריי דערגייט צו אירע אויערן. פון אונטער אַלע פאָרהענגלעך טרייבּט זי די מענער צוריק אין זייער בּאַראַק.

פאַרליבּטע מורמלען בּייזלעך:

— די שרין המאָראַל, די מאָראַליסטין איז שוין דאָ...

נאָר עס העלפט זיי ניט, מ'פאָלגט איר, און פרוי קאַסין האַלט אויף די מאָראַלישע דיסציפּלין אין לאַגער.

אַ לעצטער קוש, אַ זיי געזונט, און גופים שלייכן זיך אַרויס, פאַרשווינדן אין מענער=באַראַק.

* * *

אַלע פרייטיק=אָוונט, ווי נאָר די אַרבעטס=בריגאַדעס מאַרשירן אַריין אין לאַגער, אַזוי גלייך יאָגט איטע קאַסין אונטער די פרויען, זיי זאָלן זיך גיכער צוואָגן, פאַרקעמען, איבערטאָן און גיין צום עונג=שבת. וואָס קומט פאָר אין מענער=באַראַק. פרוי קאַסין אַליין איז שוין איבערגעטאָן, אין איר טונקעלן קלייד, די האָר אין אַ קוקלע פאַרפלאָכטן, אין האַנט האַלט זי אַ העפטל, פון וועלכן זי וועט לייענען אָדער פאַרשרייבן, וואָס אַנדערע וועלן לייענען און זאָגן.

היינטיקן פרייטיק=צו=נאַכט איז פרוי קאַסין מער ווי אַלע מאָל אויפגעלייגט און אפילו נערוועזיש=גערעגט. איר פנים, אַ ביסל פאַרפלאַמט, שיינט מיט יוגנט=קראַפט. אירע פערציק יאָר זעען זיך היינט ניט אָן אויף איר; ניטאָ קיין סימן פון איר שטענדיקן טרויער וועגן איר מאַן, וועגן אירע קינדער. אַלע אירע גלידער צאַפלען, ווי ביי אַ פרימאַדאָנע צו איר ערשטן אויפטריט. האָבן דאָך שוין פלאַקאַטן אַ גאַנצע וואַך געמאָלדן, סיי אין געטאָ, סיי אין לאַגער, וועגן היינטיקן עונג=שבת, אויף וועלכן ס'וועט פאָרקומען אַ משפט איבער דער יידישער פרוי אין געטאָ.

אַלע אָוונטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביז היינט אין לאַגער — וועגן מענדעלע מוכר=ספרים, ביאַליק, פרץ, אחד=העם, הערצל, מסדה, תל=חי און די אייגענע ליטעראַרישע פאָרלעזונגען — האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דער לאַגער=עולם וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף די פרייטיק=צו=נאַכטן און אַפילו פון געטאָ קומט מען, ווי מעגלעך, צום עונג=שבת אין לאַגער. נאָר פרוי קאַסין וויל, אַז היינטיקס מאָל זאַל עס זיין מיט אַ נאָך גרעסערן דערפאָלג.

וואָכן האָט זי זיך געגרייט צו אָט דעם משפט. ס'איז שווער געווען צוזאַמענזאַמלען מאַטעריאַל, צוצוגרייטן די עדות. זי איז אָבער ניט מיד געוואַרן, ווייל „אַלץ, וואָס מיר טוען, איז ניט מער ווי פאַר דער געשיכטע“, טענהט שטענדיק פרוי קאַסין. „מיר ווייסן ניט, אויב מיר וועלן לעבן בלייבן, אָבער די געשיכטע וועט וועלן וויסן, ווי מיר האָבן געלעבט; דאָס פאָלק וועט ניט אונטערגיין און דער געשיכטע=שרייבער וועט וועלן וויסן, ווי ס'האָט זיך געפירט די

יידישע פרוי אין צייט פון פאָלקס=אומקום. אָט דערפאַר מוזן מיר שוין היינט פּראָטאָקאָלירן אונדזערע מיינונגען און לאָזן אונדזער אורטייל פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער.“

* * *

אויף אַלע נאַרעס און אַרום לאַנגן טיש זיצן מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ. פרוי קאַסין באַווייזט זיך אין באַראַק. זי עפנט דעם משפּט און בעט אָנרופן נעמען צום ריכטער=קאָלעגיום. די ריכטער פאַרנעמען די ערטער ביי אַ טישל. פרוי קאַסין וועט זיין די פאַרטיידיקערין, אַ מאַן — דער באַשולדיקער

יאַנקע=מענדעס פּישיקע אויגן קוקן אַראָפּ פון דער נאַרע איבערן ריכטער=טישל; זיין פּלאַציקע נאָז קאַרטשעט זיך צום לאַכן, אָט באַלד וועט ער אַ זעץ טאָן מיט זיין בערישער שטימע: א... אין אייער.. וועמען ווילט איר משפּטן, וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק... נאָר יאַנקע=מענדע זעט די ערנסטע פּנימער פון די זעקס הונדערט פאַרזאַמלטע, ווערט ער מיטגעריסן מיט אַלעמענס געשפּאַנטקייט.

פאַרן ריכטער=טיש שטייט די באַשולדיקטע. אירע בלאָנדע האָר זיינען קאָקעטיש צעלאָזן איבערן נאַקן, איר איבערטריבן=געפּודערט געזיכט שמייכלט חוצפּהדיק, די ליפּן און נעגל דיק געפאַרבן.

דער ריכטער לייענט דעם באַשולדיקונגס=אַקט:

— איר, יידישע געטאָ=פרוי, ווערט באַשולדיקט אין זיך הנדלען צו די מערדער, קאָקעטירן צום שונא, אין פאַרלאָזן די יידישע צניעות און אַז איר האָט אַפילו פאַרגעסן דעם אומקום פון אייער מאַן און קינדער. אַלס פאַקטן ווערן צוו״אַנד אָנגעגעבן: איר זייט געכאַפּט געוואָרן ביינאַכט זיך קושנדיק מיט אַ וועכטער דורכן געטאָ=צוים, איר האָט אויפן אַרבעטס=פּלאַץ זיך געלאָזט פּראָטעזשירן פון אַ מייסטער און אַוועק זיך וואַרעמען, ווען אַנדערע האָבן געדאַרפט טאָן די אַרבעט פאַר אייך; איר באַנוצט פּודער און שמינק, כדי צו געפעלן די מערדער.

— זייט איר זיך מודה אין דעם?

— ניין!

ס׳ווערן אַרויסגערופן די עדות פון באַשולדיקונג און פאַרטיידיקונג.

דער פּראָקוראָר שילדערט אַלע פרויען־געשטאַלטן אין דער יידישער געשיכטע, פון מרים הנביאה ביז שרה אַראָנסאָן — פרויען, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַרן יידישן כבוד. ער האַלט אונטער די באַשולדיקונג, אויפן סמך פון די עדות, און בעט אַ שטראָף פאַר דער געטאָ־פרוי.

די פאַרטיידיקערין, פרוי קאַסין, שטעלט פעסט, אַז מ'קען ניט ריידן וועגן דער געטאָ־פרוי, נאָר וועגן ווייניקע יידישע פרויען אין געטאָ.

די ריכטער גייען אַוועק אויף אַ באַראַטונג. אין באַראַק טראָגט זיך אַ העפטיקע דיסקוסיע ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. דעם קומענדיקן פרייטיק־צו־נאַכט איז געמאָלדן געוואָרן דער אורטייל:

„די געטאָ־פרוי איז פרייגעשפּראָכן. אַ טייל פרויען קריגן אָבער אַ תנאי־שטראָף; אויב זיי וועלן זיך ניט פאַרבעסערן, וועלן זיי איבערגעגעבן ווערן דעם געשיכטלעכן געריכט.“

* * *

ווי האַרב האָט דאָס „געשיכטלעכע געריכט“ באַשטראָפט די געטאָ־פרוי... אַזוי גרויזאַם־האַרב, ווי אויף אונדזער וועלט וואָלט געווען לית דין ולית דיין — — — —

איטע קאַסין איז, אין אַ לאַגער ביי שטוטהאָף, אומגעקומען פון הונגער.

אַתליה

1.

איבער די שטאָטישע גאַסן ליגט די שטילקייט. דער מאַיקער־זונטיק פֿאַרנאַכט האַלט פֿאַריום־טובֿט די שטאָט אין שווייגן. אין געטאָ איז אָבער נאָך אַלץ אומרואיק, פֿון דאָס היינט איבערלעבטע.

ווידער איז היינט געווען אַ גרויסע אונטערזוכונג ביים געטאָ־טויער. די ליטווינער פּאָליציי צוזאַמען מיט די דייטשן לויפֿן היינט אַ גאַנצן טאָג איבערן שטאָט. „דער שוואַרץ יאָר ווייסט זיי וואָס זיי זוכן.“

און אַ ידיעה איז אַריינגעפֿאַלן אין געטאָ: ס״ד האָט געכאַפּט אַ יידן, אים אַריינגעפּאַקט אין הינטערשטן קאַסטן פֿון אַ קליינעם אויטאָ. דעם קאַסטן־דעק האָבן זיי פֿאַרמאַכט און ערגעץ פֿאַרשווונדן.

ווער איז דער ייד?

בצלאל מאַזאָוועצקי.

— ער וועט ניט אויסהאַלטן. אַזאַ הויכער מענטש אין אַ קליין קעסטל, זיי האָבן זיכער אים צעבראָכן אויף העלפֿט, — אַזוי האָט מען אין געטאָ זיך איבערגעוואָרפֿן מיט ווערטער, און מורא פֿון שוואַרצע פֿאַרגעפֿילן.

יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין געביטס־קאָמיסאַריאַט האָבן אויף מאָרגן אַרויסגעקראָגן צוליב וועלכן חטא מען האָט מאַזאָוועצקין אַרעסטירט: מ'האָט געפֿונען ביי אים עטלעכע פּאַפּיראָסן. די שטימונג אין געטאָ איז לייכטער געוואָרן: „צוליב אַ פּאָר פּאַפּיראָסן וועט מען אים ניט מער ווי צעשלאָגן און זיכער אָפּלאָזן.“

אַ טאָג איז פֿאַרביי. איצט איז שוין מאַזאָוועצקי אין דער רויטער טורמע. די וועכטער, ביי וועמען ס'איז געלונגען זיך נאָכצופֿרעגן, וווּנדערן זיך, ווי ער האָט אויסגעהאַלטן די קלעפּ. זיין גאַנצער גוף אין איין שטיק בלוטנדע־ווונד.

דאָקטאָר גינטער, דער שעף פון דייטשן אַרבעטס־אַמט, וועלכער האָט, זינט זיין נאָענטערע באַקאַנטשאַפט מיט יידן, געקראָגן אַביסל פאַרשטענדעניש צו יידישע ליידן, האָט בסוד היינט פאַרטרויט דעם עלטסטנראַט, אַז נעכטן איז געווען אַ הוליאַנקע ביים געביטס־קאָמיסאַר און ווען אַלע זיינען געווען טויט־שיכור האָט בוב, דער פאָליטישער לייטער פון קאָמיסאַריאַט, איינגעלאַדן די געסט צו נעמען אָנטייל ביים אויפהענגען מאַזאָוועצקין. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט שיכורדיק געלאַכט און צוגעשטימט: „צייט שוין צו הענגען אַ ייד."

אַ שוואַרצער שאָטן האָט זיך אַ שפרייט געטאָן איבער אַלעמענס פנימער. מען גייט אַרום ווי אבלים. מען באַהאַלט צו ווייזן דאָס געזיכט איינער פאַרן צווייטן; אין געטאָ רעדט מען עפעס שטילער, מענטשן האָבן אויפגעהערט אַריינטראָגן דאָס נויטיקסטע פאַר זיך. מען וויל ניט ריזיקירן, ניט אַזוי דאָס אייגענע לעבן, ווי דאָס לעבן פון מאַזאָוועצקין. ווייל אָנגעזאָגט האָבן די געטאָ־פאָרשטייער, אַז נאָר דאַן ווען יידן וועלן ביז דער תליה ניט געכאַפט ווערן ביי קיינע „פאַרברעכנס" וועט אפשר געלינגען אָפשרייען דעם אורטייל.

מענדל לייבאָוויטש האָט שוין שטאַרק געוואַגט, ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם געביטס־קאָמיסאַר פאַרוואָס מאַזאָוועצקיס באַלעבאָס, דער ליטווינער, וועלכער איז געכאַפט געוואָרן ביי ספעקולאַציע מיט אַכציק צענטנער מעל, האָט נאָר געקראָגן 3 מאָנאַט טורמע, און דאָ, פאַר עטלעכע פאַפּיראָסן, אַזאַ האַרבע שטראָף? דער ענטפער איז געקומען נאָר מיט אַ פינגער־אָנווייז אויף לייבאָוויטשעס געלן מגן־דוד. עס מיינט: פאַרגעס ניט, אַז מאַזאָוועצקי איז אַ ייד.

אהרן כ״ן איז דערווייל געקומען צו די חברים פון „מסדה" בעטן, איבערצייגן זיי, אַז מען טאָר אויך איצט ניט אויפגעבן די האָפענונג אויף רעטונג פאַרן גאַנצן כלל. „מיר האָבן שוין אַ סך טייערע קרבנות געגעבן, פאַרפאַלן, מיר קענען אויך איצט זיך ניט שטעלן אַנטקעגן. אַנדערש וואָלט געמיינט באַגיין אַ כלל־מאָרד". די חברים פון „מסדה" זיינען זיך אויך ניט איינניק; געווען צוויי מיינונגען. און ווער האָט מיט זיכערקייט געוואָלט נעמען אויף זיך דאָס לעבן פון פיר טויזנט אַכט הונדערט יידן, אין דער צייט ווען ס'איז אַפילו

ניטאָ קיין מעגלעכקייט אויף אַ דערפאָלגפולן ווידערשטאַנד? וואָס קען מען אויפטאָן מיט עטלעכע רעוואָלווערן? איין טייל האָט פאָרגעשלאָגן אונטערצינדן דאָס געטאָ.

— איז דאָס כדאי צוליב אַ געשיכטלעכן זשעסט, צוליבן ראַטעווען דעם כבוד פון דעם דאָזיקן צעטראָטענעם הייפל? — האָט איין טייל געפרעגט.

די וואָס האָבן עס פאָרגעשלאָגן האָבן געגלויבט אַז יאָ.

דערווייל האָבן דער אַרבעטס־איינזאַץ־לייטער, טשערנאַווסקי, און זיינע אַרומיקע אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז מען וועט מאַזאָוועצקן נאָר אָנטאָן די שטריק אויפן האַלדז, כדי אָנשרעקן דאָס געטאָ־פאָלק. אין לעצטן אויגנבליק אָבער וועט דער געביטס־קאָמיסאַר אַליין אים באַגנעדיקן...

און יידן האָבן געגלויבט. געגלויבט אין דעם, וואָס עס האָט זיך געוואָלט.

2

אין געטאָ איז אַ גרויסער סאָד פאַראַן, ווו עס וואַקסן עפל, פלוימען און באַרן. אין די פאַרנאַכטן שפאַצירן דאָ פאַרליבטע געטאָ־יונגטלעכע. זיי באַזעצן די צעוואָרפענע שטיינער, וואָס הויפן זיך איבערן סאָד. ביינאַכט זעט מען ניט דעם שטעכיקן דראָט אַרום געטאָ און דעם הימל מיט זיינע שטערן האָט מען דאָך ניט געקענט פאַרצוימען... טרוימען דאָ פאַרשפאַרטע געטאָ־קינדער, פון גליק, וועגן פרייהייט, פון צוקונפט.

איצט שטייט דער סאָד אין יום־טובדיקער גרינס. קליינע פעכיקע קנאָספן האָבן זיך צעגאָלדיקט אויף די גאָרטנדיקע ראַנדבוימער; די עטלעכע מאַי־בוימלעך פינקלען מיט בלוי־ווייסער אומשולדיקייט. גאָרניט האָט זיך דאָ געענדערט. די זון פאַרגייט אין רויט־גלוטיקער שקיעה, אויף יענער זייט בית־עולם־וואַנט, ווי שטענדיק, און זעט ניט און מערקט גאָר ניט די צוויי אַריינגעשלאָגענע גרויסע שטאַנגען אין מיטן פונעם סאָד, וואָס איבער זיי פאַרקווערט אַ דריטער שטאַנג — די תליה!

זונטיק באַגינען האָבן יידן אָנגעפאַנגען אַנטלויפן צו דער אַרבעט, לויפן ווו די אויגן טראָגן. אַבי ניט זיין דערביי, אַבי אויסמיידן צו

זען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַזוי אַ ברודער ווערט געפירט צו דער תליה. ס'איז אָבער זונטיק — אויפן גרעסטן טייל אַרבעטס־פּלעצער אַרבעט מען ניט. ווערן די טויזנטער יידן געיאָגט פון די שטיבער, געטריבן זען, אפשר זייער אייגענעם מאָרגנדיקן גורל.

מאַזאָוועצקי איז אָנגעקומען מיט שווערע קייטן אויף די פיס, זיין פּנים איז געווען שוואַרץ פאַרקוילט, נאָר די שוואַרצע גרויסע אויגן, פון אויסגעביינערטן פּנים, האָבן שמייכלענדיק געבלישטשעט. טשערנאַווסקי, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער, האָט אים צוגעוואָרפן ביים פאַרבייגיין: „מען וועט ניט הענגען, מען וועט באַגנעדיקן” מאַזאָוועצקי האָט אַ ביטולדיקן קוק געטאָן. ער איז אַריין אין סאָד, צווישן די צענדליקער פּאָליציסטן אַרום אים און בוב צווישן זיי. מאַזאָוועצקיס בליקן האָבן אַלעמען דערלייכטערט. אַזאַ שמייכלענדיקע מילדקייט, אַזאַ נשמהדיקע רואיקייט!

ווי האָט דער ראָזיקער ייד עס אויסגעשמידט אין זיך אַזאַ טויט־גרייטקייט, אַזאַ קרבן־דערהויבונג!

טויזנטער יידישע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָפטן אָן אים, זיך אַריינגעגעסן אין אַלע זיינע באַוועגונגען און ער שמייכלט צו אַלעמען, געזעגנט זיך אַזאַ גליקלעכער.

און דאָס ליטווינער פאָלק, וואָס האָבן ווי שוואַרצע וואָראָנעס זיך פריידיק פאַרזאַמלט אויף די צוימען, ביימער און דעכער אַרום געטאָ, אין לעכצונג צו זען טויט, תליה, קראַמף און יידישן אומגליק — זיינען געבליבן פאַרשטילט און מיטן יובל: געהאָפט צו זען ווי דער „זשיד“ וועט זיך וואַרפן, שרייען, וויינען — און אָט גאָר, ווי שטאָלץ דער זיי גוט־באַקאַנטער יונגער בעקער איז אַליין אַרויפגעשפרונגען צו דער תליה, ווי נאָר זיינע פיס זיינען באַפרייט געוואָרן פון די קייטן.

די צוויי יידן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אָנצוטאָן די תליה, פאַרוואָרפן די שטריק איבערן שטאַנג. די שטריק פאַרפּלאָנטערט זיך און מאַזאָוועצקי רעדט דערווייל צו זיי. ער רעדט שטיל, רואיק און קאַלט: „מיין מאַנטל איז אַ געליענער. גיט אים אַוועק וועמען ער געהערט. גריסט מיין פרוי און קינד. זאָל מען אויפפּאַסן מיין מאַמען. די הענט פון די תלינים טרייסלען זיך און מאַזאָוועצקי רעדט אַרויס

זיינע לעצטע ווערטער ,,האָט ניט מורא, טוט רואיק אייער אַרבעט“.

אַט פאַלט די גאַנצע משפחה אויף די קני פאַר די מערדער, בעט זיך, אין דער לעצטער מינוט. נאָר מאַזאָוועצקי שטופט שוין אַליין זיין ביינערדיקן האַלדז דורך דער תליה־שטריק אַדורך. זיין שמאָלצער גוף גיט זיך אַ צי אַרויף, העכער, העכער און העכער, איבער אַלע מערדער. אַ ווילדער ראַווענדיקער געשריי פון טויזנטער מיילער רייסט דורך די לופט. די מערדער בלייבן פאַרשטאַרט קוקן אויף די אויגן, וואָס זיינען געבליבן שמייכלענדיק אין אויפגעלאָפענעם פנים, פון מאַזאָוועצקיס דערוואָרגענעם גוף.

איין בליק אויף אים און די צוזאַמענגעטריבענע מאַסע ווערט ווילד, משוגע, היסטעריש: אַלע לויפן, ס'טראָגן זיך אין געפלאָנטער איבערן געטאָ ווילד צערייצטע טירוף־פולע אויגן, אַ געשריי טראָגט זיך אין דער לופט און פילט אָן דאָס געטאָ מיט שגעון. נאָר מאַזאָוועצקי וויגט זיך מיט אַ פאַרקראַמפטן שמייכל אַן איינזאַמער אויף דער תליה.

* * *

בוב האָט אויף מאָרגן געזאָגט לייבאָוויטשן: ,,ווען איר וועט מיר הענגען ווינטש איך זיך אַזויפיל מוט צו קענען באַגעגענען דעם טויט, ווי מאַזאָוועצקי האָט עס געהאַט. דאָס איז ניט געווען קיין מאָרד, נאָר זעלבסטמאָרד“. אַזוי האָט דער מערדער געוואָלט פאַרקלענערן זיין פאַרברעכן.

* * *

אין שווערע מינוטן פלעגן געטאָ־יידן קומען צו זיין קבר, אָן אים אָנשפאַרן די הענט און דערזען זיינע לאַכנדיקע אויגן, אַנטקעגן טויט און רשעים, און מוט שעפן פאַר שווערע טעג.

— ווער וועט יעצט אויפהענגען זיין בילד אין דער גאַלעריע פון אונדזערע העלדן, שטאָלצע אַנטקעגן־טויט־גייער?

דריטער טייל

דאָס
„מסדה“-בוך


שטעט. שווים-
באסיין
צוים פון
שטאכלדראט
געלגודא גאס
קאוואקאזער גאס
עזשערא גאס
בית עולם
1
2
3
4
5
7
8
9
10
11
12

פלאן פון געטא קאוונא (סקיצע)

1 פארשטייערשאפט
2 די שול
3 ליטווישע געטא פאליציי
4 געטא אמבולאטאריע
5 ביידל פאר ייד. געטא פאליציי
6 ביידל פאר ליטוו. געטא פאליציי

7 טארטאק
8 געטא קראנקן הויז
9 קראנקן הויז פאר אנשטע
10 צוגעבויטע טהרה-שטי
11 אהל פון שאוולער רב
12 סטאלעריי

פלאן פון געטא שאוול (טראקו) סקיצע

1 וואך שטובע
2 ווארשטאטן
3 פארשטייערשאפט
4 אמבולאטאריע און אפטייק
5 שניידעריי
6 שומאכעריי
7 כעמישע ווארשטאטן (קעלער)
8 קראנקן הויז
9 וועשעריי
10 בוי אפטיילונג
V טויערן


שוך-פאבריק „באטאס“
פרייכקס פאבריק
זשולוויטשיאו. גאס
7
10
9
8
גינקונו גאס
עזשערא גאס
וזשערא גאס
1
2
3
4
5
פאדירסיאו. גאס
גינקונו גאס
6
פראקו. גאס
שאוולער טורמע

אַ עלטערן יום־טוב בײַם אַריבערגײן פֿון דער גימנאַזיע אין אַן
אײגענעם בנין — 1930.

דער זיבעטער גימנאַזיע־קלאַס, מיטן מאַטעמאַטיק־לערער
אפֿרים קאַפּלאַן (אומגעקומען).



דער זעקסטער גימנאַזיע⸗קלאַס, מיטן לערער ד״ר ירושלמי.
דער גרעסטער צאָל פון די שילער זיינען אומגעקומען.



שילער פון דער שטאַטישער תלמוד⸗תורה, מיטן לערער הרב
האָפּנבערג, וואָס איז נפטר געוואָרן אין ערשטן געטאָ⸗טאָג.

אַ גרופּע יוגנטלעכע פֿון ספּאָרט⸗קלוב „מ כ ב י“.

שאַוולער „מכבי“⸗יוגנט אויף אַ זומער⸗מחנה.

(בּיידע בּילדער זיינען מער ווי אַ יאָר בּאַהאַלטן געווען אין דר’ערד אין געטאָ. זיינען אויס⸗געגראָבן געוואָרן נאָך דער בּאַפרייאונג).

דאס „מסדה“־בוך

מסדה ! —
די נייע, ווי אַלטע,
געהאַמערט פון אייזן און שטאָל.
מיר ליבן האַרציק דאָס לעבן —
צום טויט דאָך גרייט ווי אַמאָל.
(דער ערשטער פערז פון אַ מסדה־ליד.
געשריבן אין געטאָ: ל. ש.)

סעפטעמבער, 1942. מיט צוויי חדשים צוריק זיינען זיי נאָך דריי טרוימער געווען. דריי, וואָס האָבן אין פינצטערע אָוונטן, אַרומגייענדיק איבערן שמאָלן בית־עולם־אַספאַלט, אויסגעטראָגן די אידיי: אָרגאַניזירן די געטאָ־יוגנט, פאַר קולטור־אַרבעט און זעלבסטשוץ.

מיט צוויי חדשים צוריק, אַז אברהם שווייגער האָט אַרויסגערופן ישראל ווין פון שטוב, האָבן זיי צוויי שעה שפאַצירט און כמעט שווייגנדיקע זיך פאַרשטאַנען. אויך דאָס צוציען יוסף לייבאָוויטש איז גיך און מיט ווייניקע ווערטער פאָרגעקומען.

אָט די דריי האָבן היינט אַ שווערע באַראַטונג: אין גאַנצן זיינען צוויי מאָנאַטן אַוועק, פון דאַן, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן, און שוין איז דער קרייז פון „מסדה“ אויסגעוואַקסן און אַריבערגעשטיגן אַלע זייערע דערוואַרטונגען. הונדערט חברים שטייען שוין היינט גרייט צו טאַט. גרייט צו אַרבעט. הונדערט מאַן, וואָס קענען נישט די דאָזיקע דריי. נאָר פינף מאַן קענען די חברים פון „שטאַב“. אָבער זיי, די דריי, קענען די הונדערט. ווייסן ווער עס זיצט אין יעדער פינפער־גרופע, ווייסן גענוי ווער עס קומט צו די פאַרזאַמלונגען. זיי, די דריי, דרוקן צייטונגען, פאַרזאָרגן מיט קאָנספיראַטיווע לאָקאַלן אויף צוזאַמען־

צוקומען; זיי שלייכן אַמאָל אַריין צו די גרופּן, ריידן פאַר זיי, ווי זיי וואָלטן כלומרשט געשיקט געווען פון אַ העכערער אָפּטייל, ווען אויך זיי קענען נישט. אַלץ אַנטוויקלט זיך זייער גוט און וואָלט געקענט פירן צום נויטיקן ציל — אַוועק אין וואַלד אָדער זיך באַוואָפנען אין געטאָ און שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין נויטיקן פאַל — נאָר די צוויי זאַכן פעלן: נישטאָ קיין געווער און קיין פאַרטיזאַנער אין די אַרומיקע וועלדער.

די דריי גיבן זיך איצט אָפּ אַ חשבון, פאַרשטייען אין וועלכער שווערער לאַגע זיי זיינען פאַרזעצט געוואָרן: די הונדערט פאָדערן געווער, רייסן זיך צו טאַט, דער דורך זיי אַליין אָנגעצונדענער קאַמפס־גייסט איז זיך איצט „נוקם" אָן זיי. די הונדערט פאָדערן פון זייערע ניט באַקאַנטע אָרגאַניזאַטאָרן מען זאָל זיי לערנען זיך באַגיין מיט געווער, ווי מען האָט עס זיי צוגעזאָגט, מען זאָל זיי אַרויסשיקן אין וואַלד. די געטאָ יוגנט פיבערט. זי וויל זיך נישט צופרידן שטעלן מיט לעקציעס, מיט קולטור רעפעראַטן. עס העלפן נישט די געדאַנקען וועגן נביאיסטיק און סודות׳דיקן מיסטיציזם אין וועלכע שווייגער וויל איינהילן די באַוועגונג. מיר לעבן אין אַ רעאַל ניכטערע תקופה. די מיטגלידער, געקומענע פון פאַרשיידענע באַוועגונגען, לעבן אין גייסט פון זייער ניכטערער דערציאונג. (אפשר שוין צו רעאַל אין אַזאַ ביטערע צייט).
עס איז אויך נישטאָ קיין קיצור שולחן ערוך, ווי אַריינצוקוקן און וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען, אין דעם אָדער אַנדער פאַל. עס איז נישטאָ קיין געשיכטלעכער פאַרגלייך צו דער דאָזיקער יידישער לאַגע, פון וועלכער מען זאָל קענען לערנען. „מסדה" פון אַמאָל איז נאָר אַ סימבאָל, פאַר הקרבה־גרייטקייט, אָבער נישט קיין פאַרגלייך. אוודאי איז דאָס געווען דער מיין פון שווייגערן, ביים אַ נאָמען־געבן דעם קרייז „מסדה", ער האָט געוואָלט, געגלויבט אויפצושטעלן אַ באַוועגונג פון טויט־גרייטע, פון קידוש־השם־גייער. אָבער נישט אַלע זיינען מסכים מיט אים, אפילו נישט זיינע צוויי נאָענטסטע חברים. זיי ווילן לעבן, קעמפן, און אויב נויטיק — זיינען זיי ערשט דאַן גרייט צו שטאַרבן. נישט קיין זשעסט־

פולן טויט פאַרן געשיכטלעכן לעבן פון פאָלק. נאָר קאַמף לשם לעבן !

די יידישיסטישע לערערקע, פרוי קאסין, איז מסכים מיט שווייגערן, איר פאַרשלאַג: אונטערצינדן דאָס געטאָ, ווער־ווו עס קען מעג זיך ראַטעווען. קיין פלאַנמעסיקע רעטונג איז נישט מעגלעך, לויט איר מיינונג. די רעאַליסטן רופן עס וואַנזין, פאַרצווייפלונג, זעלבסטמאָרד.

דערווייל מערקן זיך שוין דאָ און דאָרטן שפאַלטונגס־טענדענצן. די פון „החלוץ" האָבן אָנגעפאַנגען אַן אייגענע אַרבעט. אַ מיידל, אַ פאַנאַטיקערין פון איר פאַרטיי, וואָס איז די אָנפירערין פון קבוץ „החלוץ" אין געטאָ, האָט אַ טענה, אַז זי וויל נישט אויפלייזן זיך אין אַ נייע באַוועגונג, זי וויל נישט „פאַרראַטן" די „החלוץ"־באַוועגונג זאָגט זי, אַפילו אויפן ראַנד פון טויט. אין דער וועלט אַרבעט זיכער דער „החלוץ" ווי געווען... עס איז פאַראַן קלאַסן אונטערשיידן, לויט איר מיינונג, אפילו אין געטאָ, זי קען נישט זיין אין איין באַוועגונג מיט „בורזשועז", אפילו איצט, אפילו אין אָנבליק פון טויט און ביי אָפענע גריבער.

די רעוויזיאָניסטן בונטעווען זיך אויך. זייער קבוץ, שטאַרקע געזונטע, ענערגישע בחורים (פונקט פאַרקערט פון „החלוץ", וועמענס גאַנצער קיבוץ באַשטייט נאָר פון פרויען) רייסן זיך צו אַקטיוויזם. „מסדה" האָט איצט צופלאַקערט אין זיי זייער אייביקן חלום פון געווער און קאַמף. אויב „מסדה" וועט זיי נישט געבן קיין געווער, וועלן זיי האַנדלען אויף אייגענער האַנט, אַזוי סטראַשען זיי. לעצטנס האָבן זיי געקראָגן אַ בריוול פון יוסף גלאַזמאַן, פון ווילנער געטאָ, (מיט־גרינדער פון דער דאָרטיקער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע), ער רופט זיי אין וואַלד.

עס איז קלאָר פאַר די דריי, איצט אויפן בית־עולם זיך באַראַטנדיקע, אַז אויב זיי וועלן נישט קענען נאָכקומען די פאָדערונגען פון געווער, וועט די יוגנט אין געטאָ זיך איצט צעשפליטערן און זיך באַקעמפן, אפשר מער ווי אין נאָרמאַלע צייטן. די איבערשמעלצונג, פאַרטייען־צעשמעלצונג, וואָס „מסדה" האָט געהאָפט צו

דערצײלען, װעט נישט געלינגען נאָר מיט רעפעראַטן און קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען אַלײן. געװער קען אפשר אַלעמען פאַראײניקן.

* * *

הײנט, נאָך מער װי אַ יאָר געטאָ, װײַזן די ליטװינער שױן אַרױס אַ סך האַס צו די דײטשן. זײער אינטעליגענץ, װעלכע זײַנען געװען די הױפט־מערדער און אָנפירער פון די שחיטות איבער ייִדן, גלױבנדיק דאַן, אַז פאַר דעם װעלן זײ קריגן זײער אומאָפהענגיקײט, זעען זיך איצט אַנטױשט. אײניקע זוכן אפילו צו פאַרגעסן און װילן מאַכן־פאַרגעסן די ייִדן זײערע מערדערײען. אַ טײל פון די געװעזענע „פאַרטיזאַנער“ זײַנען שױן אַפילו אַװעק אין װאַלד, אױס מורא פאַר די דײטשן, מען זאָל זײ נישט פאַרשיקן אין אַרבעטס־לאַגערן. אָט די דאָזיקע ליטװינער האָבן אָנגעפאַנגען פירן, װי בשעת די רוסן־צײט, אַ קאָנספיראַטיװע טעטיקײט, פאַר אַן אומאָפהענגיקע ליטע. פאַר זײ אַלײן איז נאָך נישט גענוג קלאָר װאָס זײ װילן. פון אײן זײט פאַרשטײען זײ, אַז זײ זײַנען צו טיף פאַרזונקען אין ייִדיש בלוט, װאָס דאָס פאַרבינדט זײ מיט די דײטשן. פון דער אַנדערער זײט האַסן זײ אױך די רוסן. זײ האָפן, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע װעט סוף־סוף אָנפאַנגען אַ קריג קעגן רוסלאַנד, דאָס איז זײער פאָליטישע קאַלקולאַציע, און צו דעם, אַזױ גלױבן זײ, דאַרף מען לעבן גוט מיט ייִדן...

פאַרשטענדלעך, אַזױ טראַכטן נאָר זײערע װײניקע אינטעליגענטן, און אױך זײ זאָגן דאָס נישט הױך. די ברײטע מאַסע קוקט אױס נאָך מאָרד און רױב אױף ייִדישע לעבנס און גוטס, װי געװען.

עס איז פאַראַן אַ מײנונג, אַז מיט די דאָזיקע װײניקע „אינטעליגענטע“ ליטװינער, כאָטש נעכטיקע ייִדן־מערדער, װאָס זוכן אָבער הײנט די ייִדישע פרײנדשאַפט, װאָלט מען זיך געדאַרפט פאַרשטענדיקן.

אױף דער ערשטער געהײמער באַגעגעניש צװישן די מיטגלידער פון עלטסטנראַט און די חברים פון מסדה, (פון עלטסטנראַט: מענדל לײבאָװיטש און אהרון כ״ץ. פון מסדה: אהרון פראַנק,

יוסף לייבאָוויטש און אברהם שווייגער), האָט מענדל לייבאָוויטש דערציילט, אַז אויך פֿאַר זיי איז געשטאַנען די זעלבע פֿראַגע, אויב זיי זאָלן אָננעמען אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס די דאָזיקע ליטווינער האָבן געוואָלט צונויפֿקלייבן פֿאַרן געטאָ און — זיי האָבן עס אָפּגעוואָרפֿן. „מיר ווילן זיי נישט געבן די מעגלעכקייט צו גלויבן, אַז זיי האָבן ריינגעוואַשן זייער בלוטיקן געוויסן, מיר ווילן נישט נעמען קיין נדבות פון דעם פֿאַרמעגן, וואָס זיי האָבן בײַ אונדז גערויבט".

אוודאי איז מענדל לייבאָוויטש גערעכט. אָבער קיין סאָוועטישע פֿאַרטיזאַנער זיינען אין די וועלדער נישט פֿאַראַן, די דייטשן זיינען אין שטאַרקסטן אָנגריף אויף אַלע פֿראָנטן און קיין געווער איז נישטאָ ווו צו קריגן. „מסדה" וועט זיך צעפֿאַלן. און אין יענעם טאָג, ווען די מעגלעכקייט פֿאַר אַקטיווויטעט וועט קומען, ווען געווער וועט זיין — און אין אַזאַ טאָג ווער האָט דען נישט געגלויבט? — וועט נישט זיין די באַוועגונג אין געטאָ, וועלכע זאָל עס קענען באַנוצן.

* * *

די דריי חברים האָבן איצט באַשלאָסן: פֿאַר יעדער פּרייז, אונטער דער גרעסטער ריזיקע, קריגן אייניקע רעוואָלווערן, כאָטש אויף לערנען, פֿאַר די, וואָס קענען זיך נאָך נישט באַגיין מיט קיין געווער און, צווייטנס, אָנפֿאַנגען פּראָדוצירן באָמבעס אין געטאָ גופא.

ווי אַזוי די חברים יהושע ווערבאַלינסקי, אַ סטודענט פון קאָוונער אוניווערזיטעט און ז. שאַפּירא האָבן געקראָגן דעם ערשטן פֿאַראַסטן נאַגאַן? — דאָס איז ביז היינט געבליבן זייער סוד. דער ערשטער האָט עס מיטגענומען אין קבר, דער צווייטער האָט דעם סוד שוין אַוועקגעפֿירט אין ארץ־ישראל.

לעווין דער שלאָסער, וואָס איז געווען, אין פֿאַריקן קריג, אַן אָנפֿירער פון אַ גרופּע יידישע זעלבסטשוצלער, האָט דעם פֿאַראָסטן נאַגאַן צורעכטגעמאַכט אין געטאָ־שלאָסעריי. און אַ שטילע בשורה איז אַדורך אַלע פֿינפֿער־גרופּן, ווען זייער טאָג און שעה וועט זיין זיך צו באַקענען מיט רעוואָלווער־סיסטעם.

דער נאַגאַן איז געגאַנגען פון גרופע צו גרופע, פון האַנט צו האַנט, דערפרייט און דערוואַרעמט, דערמוטיקט און געשטאַרקט, צו גרייטקייט און צו קאַמף קעגן שונא פון פאָלק — איינציקער נאַגאַן...

ישעיה
ווערבאַלינסקי —

דער אַריינברענגער
פון ערשטן רעוואָלווער
אין געטאָ.

באַלד האָט זיך איינגעפונען אַ צווייטער רעוואָלווער, אַ קלייניקער, אַ דאַמען רעוואָלווער. פלעגן חברה זיך וויצלען: די פּאָר..., דער „ער" און די „זי". „זי" איז געווען צעבראָכן; נאָר לעווינס געניטע הענט האָבן אויך דעם רעוואָלווער פאַריכט.

יעדן טאָג האָבן חברים געשלעפּט קוילן פון יעדער קאַליבער און פירמע, גע'גנב'עט אויף די אַרבעטס־פּלעצער, ביי די רשעים אַליין. אַ סך מאָל אונטער טויט־סכנה. די מייסטן קוילן האָבן נישט געפּאַסט צו די רעוואָלווערן. נאָר מען האָט זיי געהאַלטן מאַגאַזינירט, אפשר וועלן קומען נאָך רעוואָלווערן. און אָט האָט יהודה טוריסקי אַראָפּגענומען אַ רעוואָלווער פון אַ דייטשן אָפיצער, אַ צאָל־באַאַמטן, דירעקט אונטערן אָפיצערס נאָז, ווען יענער האָט אים אויפגעהאָנגען אויפן וואַנט, אונטערן בילד פון „פירער".

שפעטער האָט מען געקראָגן צו קויפן אַ טייל רעוואָלווערן ביי די דייטשע באַן=אַרבעטער, צאָלנדיק צו 350 מאַרק פאַר איינעם.

גייסט=שוץ

יהודה טוריסקי —

אין קאַצעט בגד.
צוויי וואָכן נאָך
דער באַפרייאונג.
(זע אויך „שמוכלער“)

וואָס לענגער מען איז געזעסן אין געטאָ — אַלץ גרעסער איז געוואָרן די דעמאָראַליזאַציע. געלט, ווייב און וויין זיינען געוואָרן פאַר אַ קאנטיקן טייל געטאָ=איינוווינער די האַלט=פעדים, וואָס האָבן זיי נאָך געבונדן צום לעבן. אָבער, גלייכצייטיק, האָבן זיך געמערט די עקשנים פאַרן יידיש=גייסטיקן קיום. לערער, קולטור=טוער האָבן אָנגעפאַנגען זאָרגן פאַרן גייסטיקן=שוץ, פון די קינדער און יוגנטלעכע אין געטאָ. די גרעסטע אַרבעט אויף דעם געביט האָט דערפילט „מסדה”.

אַלע אָוונט זיינען זיך צונויפגעקומען מערערע פינפער=גרופן. אויף בוידימער און אין קעלערס, אין די ביוראָען פון עלטסטנראַט און אין די ווערקשטובן, אין די פאַנטאַסטישע לעכער און פאַרבאָרגענישן פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען און ממש לערנען. מען איז אַדורכגעגאַנגען יצחק למדנס פאָעמע: „מסדה“; טיילן יידישע געשיכטע; תנ״ך און פרייע לעקציעס.

איינעו׳, מערסטנטייל אהרן פראַנק, פלעגט לייענען אַ שיעור אין די אויבן דערמאָנטע קעגנשטאַנדן פאַר די גרופן-עלטסטע. און זיי פלעגן עס שפעטער אַדורכלערנען מיט זייערע גרופן. (דער זעלבער סדר איז אויך געווען ביים לערנען געווער-סיסטעם). נישט אַלע גרופן-עלטסטע זיינען געווען צוגעפאַסט פאַר ביידעם, פאַר די גייסטיקע און קערפערלעכע שוץ-פראַגן. געווען ספעציאַליסטן פאַר געווער-סיסטעם, וואָס האָבן גייסטיק נישט געקענט לייסטן אין זייערע גרופן. פלעגט מען אַריינזעצן אין דער גרופע אַ ספעציעלן מענטשן פאַר קולטור אַרבעט.

די צייטונג, וואָס „מסדה“ האָט אַרויסגעגעבן, (דערשינען 8 נומערן. 8000 בויגן), איז אויך געווען פאַר גייסטיקן און פיזישן זעלבסטשוץ.

שפעטער איז אויך דערשינען אַ ספעציעל צייטונגל, (אין פאָרם פון אַ ראָלע, ווי אַ שפראַגאַלקע), אויסשליסלעך פאַר דער פראַגע פון געווער, אונטערן נאָמען: „השכם!” און געטראָגן דעם מאָטאָ: „הבא להרגך השכם והרגו!“

מיטן אויפקום פון „מסדה” אין געטאָ איז נישט נאָר געשאַפן געוואָרן פאַר אירע מיטגלידער אַליין דער אינטערעס צום אויפהאַלטן אַ קולטור-טעטיקייט, אין איר אייגענער סביבה, נאָר ס׳האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען קריסטאַליזירן דער געזעלשאַפטלעכער פרצוף אין געטאָ. דער עלטסטנראַט האָט אַ געוויסע צייט זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פון אָט דעם אָרגאַניזירטן מענטשן-קרייז. עס זיינען אַפילו געווען מאָמענטן ווען „מסדה“ האָט דיקטירט דעם עלטסטנראַט, אין פראַגן פון פאָלקס-כבוד:

בשעתן באַפעל פון די דייטשן צום אויפהענגען בצלאל מאַזאָוועצקי, האָט „מסדה“ זיך קעגנגעשטעלט, פאָדערנדיק פון עלטסטנראַט נישט צו פאָלגן דעם באַפעל. דער פלאַן פון „מסדה” צו אונטערזעגן די תליה, איז טאַקע דורכגעפאַלן, די יידישע פאָליציי האָט די אונטערזעגער אַנטדעקט בשעת דער אַרבעט. דאָס איז אָבער געווען די לעצטע וואָרנונג צום עלטסטנראַט, אַז אַזעלכעס וועט די געטאָ-יוגנט מער נישט דערלאָזן.

,,מסדה" האָט געקעמפט און דורכגעזעצט די פאַרבייטונג פון די ,,אעראדראמשציקעס", אַז די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך אויפן פלי=פלאַץ, זאָלן האָבן איין טאָג אָפרו, ווערנדיק פאַרביטן דורך די, וועלכע האָבן אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט אין שטאָט, אויף לייכטע אַרבעטס=פלעצער.

,,מסדה" האָט געקעמפט קעגן שוחד, קעגן דער אויסנוצונג פון איין יידן דורכן צווייטן. מענטשן אין אַרבעטסאַמט, (יידישער אַרבעטס=איינזאַץ), וועלכע האָבן פריער זיך לייכט געלאָזן אויפן וועג פון קארופציע, האָבן מורא געקראָגן, און אַ סך מאָל אויסגעפילט די פאַרלאַנגען און באַפעלן פון ,,מסדה". — בשעתן אָפקלייב אויף טארף=אַרבעט קיין ראדוויליסקי (זומער 1942) האָט ,,מסדה" אויפגעצוווּנגען אַ דאָקטוירים=קאָמיסיע, וואָס אַ דאַנק דעם זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַ טייל קראַנקע און אַלטע, פון אַט דער שווערער אַרבעט.

,,מסדה" האָט געבויט, אונטערשטיצט און אויפגעהאַלטן די שולן. געזאָרגט פאַרן באַפרייען לערער פון אַרבעט, כדי זיי זאָלן זיך קענען אָפגעבן אין גאַנצן מיט דערציאונג פון יידישן געטאָ=קינד.

די חברים פון ,,מסדה", בראש מיט ישראל וויץ, האָבן אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, צוזאַמענזאַמלענדיק אין אַ שטאַל הונדערטער ווערטפולע ביכער, וואָס זיינען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפן אויף אַלע געטאָ=בוידעמער.

די האָזיקע אַרבעט — זעלבסטשוץ פון יידישן גייסט, אָדער גייסטיקער שוץ, איז ווייט נישט געווען די אומוויכטיקסטע אין געטאָ. און ,,מסדה" האָט אויף דעם געביט זייער פיל אויפגעטאָן.

,,שטיין=זייף" אָנשטאָט דינאַמיט...

נאָך אין יענע טעג פון ,,ער" — ,,זי" און דער דייטשער אָפיצערן רעוואָלווער, האָט מען באַשלאָסן אַליין צו פאַבריצירן באָמבעס, קיין דערפאַרענע ספעציאַליסטן פאַר דעם איז אין געטאָ נישט געווען. עס זיינען געווען צוויי אָפיצערן, איינער פון דער פוילישער און איינער פון דער ליטווישער אַרמיי, חברים פון ,,מסדה", וואָס

האָבן אָבער נישט געהאַט די גענוגנדע דערפאַרונג אַליין צו פּראָדוצירן באָמבעס. ש. שלאָסבערג, וועלכער איז געווען אַ צייט אין ארץ-ישראל, און אָנגעהערט דאָרט דער „הגנה״, האָט עפּעס יאָ זיך געקענט אויף דעם, אָבער אויך צו ווייניק, אַז מען זאָל לויט זיינע אָנווייזונגען קענען אַרבעטן.

צוזאַמענגנעמענדיק אַלעמענס ידיעות האָט י. ד. שיינזאָן דאָך אָנגעפאַנגען פּלאַנירן די ערשטע באָמבע. מען האָט געקראָגן נעטראַגליצירן. איצט האָט מען געדאַרפט דינאַמיט. דער איינציקער אָרט וווּ ס'איז מעגלעך געווען דאָס צו באַקומען איז געווען אין געווער-פאַבריק לינקייטש, אַכציק קילאָמעטער פון שאַוול, וווּ עס האָבן געאַרבעט הונדערט פופציק יידן. דער יידישער לאַגער-פירער פון לינקייטש, וווּ „מסדה“ האָט שוין געהאַט חברים, האָט צוגעזאָגט צו ברענגען דאָס נויטיקע דינאַמיט.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער געבראַכט אַ שטיק גרויע שטיין און פאַרזיכערט אַז דאָס איז עס, וואָס מען דאַרף. וואָכן זיינען אַוועק און ס'איז אַלין נישט געווען די מעגלעכקייט אויסצופּרובירן. דער חבר ביי וועמען די דינאַמיט איז געלעגן איז געווען אין שרעק, סוף-סוף האָט מען יעדן טאָג געקענט דערוואַרטן רעוויזיעס אין געטאָ, האָט מען עס דערווייל מאַגאַזינירט.

דער מאַגאַזינער איז געווען דער אַלטער פרידמאַן. אַ פּוילישער ייד פון איבער די זעכציקער. זיין גרוי-ווייסע באָרד איז געווען אַן איניקום אין געטאָ. די דייטשן האָבן אים געדאַרפט, דעם פרידמאַנען, ער איז געווען דער בוי-לייטער איבער אַלע ווערקשטובן אין געטאָ, אונטער דער האַנט פון אינזשיניער לייבאוויטש. פאַר אים האָבן די חברים פון „מסדה״ קיין געהיימנישן נישט געהאַט. נאָר ער פלעגט טראָגן אַלע סודות אין זיך. אַלץ האָט דער דאָזיקער ייד געוווּסט, אַלע גרופּן און גרופּן-עלטסטע געקענט, ער פלעגט זיי אַריינלאָזן אין די ווערקשטובן און פאַרשליסן; צו דער אָפּגעמאַכטער מינוט, מיט גענוג פאַרזיכטיקייט און מיט זיין שטענדיק זיך אונטערברומענדיקן ניגון פלעגט ער זיי אַרויסלאָזן; אָדער אָפּנעמען די שליסל פון איין גרופּן-עלטסטן און עס איבערגעבן אַ

צווייטן. פֿאַר פֿרידמאַנען זיינען קיין סודות נישט געווען, נישט געקענט זיין, און ער איז שטאָלץ געווען, וואָס אים איז אָנגעטרויט געוואָרן אַזאַ אַרבעט. ער האָט זיך געפֿילט אַלס מיט-קאָנספּיראַטאָר, פּונקט ווי זיין זון איז געווען אַ מיטשלאַכטלער אין דער רויטער-אַרמיי.

אָט דער דאָזיקער פֿרידמאַן האָט אויסגעגראָבן אַ טיפֿע-היילגרוב אין האָלץ-זעג-שטאַל, וואָס אויפֿן בית-עולם און אַהין אַריינגעלאָזן אַן אייזערנעם קאַסטן. אויבן איז געווען אַן ערד-דעק און דער קאַסטן איז געווען אינעווייניק מיט שטיין-שטאַנגען, אַזוי אַז מען איז געגאַנגען איבער אים האָט זיך נישט געוויגט און נישט באַוועגט דער דאָזיקער אָרט. אין אָט דעם קאַסטן זיינען פֿריער געלעגן די קינזאַל-מעסערס, וואָס „מסדה" האָט געלאָזן שמידן ווי אַ פּאַרטיידיקונגס-מיטל, שפּעטער זיינען אַהין אַריינגעלייגט געוואָרן, אויף איבערן טאָג, די רעוואָלווערן און אַלע מינים קוילן, איצט האָט מען אויך צוגעלייגט די דינאַמיט.

אַ פֿאָר חדשים שפּעטער איז מען שוין גרייט געווען אויסצופּאַרטיקן, לויט שיינזאָנס פּלאַן, די ערשטע באָמבע. נאָר דאָ איז איינגעטראָפֿן דער ביטערער סיורפּריז: אַז לעווין האָט אַ נעם-געטאָן די דינאַמיט איז אים דאָס עפּעס פֿאַרדעכטיקט געווען. ער האָט אָפּגעקרישלט אַ שטיקעלע און אונטערגעצונדן — עס האָט גישט געברענט. געווען איז עס אַ מאַסע צו פֿאַרזיגלען דינאַמיט-געפֿילטע זאַכן. איינער האָט אַ זאָג געטאָן: ס'איז שטיין-זייף, נישט קיין דינאַמיט... און אַלע האָבן זיך פֿינצטער צעשמייכלט.

דער דאָזיקער „שטיין-זייף" האָט צושטערט נאָך אַן אילוזיע. קריגן דינאַמיט פֿון לינקייטש איז שוין אוממעגלעך געווען.

די ערשטע „מלאכים"

אין די חדשים יוני, יולי 1943 זיינען דערשינען די ערשטע פֿאַראָרדנונגען פֿון דער מאַכט, ווי אַזוי צו דערקענען פּאַראַשוטיסטן און, פֿאַרשטענדלעך, אַז מען וועט באַשטראָפֿט ווערן מיט טויט, אויב מען וועט גלייך וועגן זיי נישט מעלדן אין נאָענטסטן פּאָליציי-

באַצירק. פּויערים האָבן דערציילט, אַז דאָ און דאָרטן האָבן זיך באַוויזן פּאַראַשוטיסטן, עס איז קלאָר געווען, אַז מען מוז געפינען אַ קאָנטאַקט מיט זיי, אָבער ווי אַזוי?

צו דער זעלבער צייט האָט מען געפונען פּראָקלאַמאַציעס אויף די פעלדער אַרום שטאָט. פון די פּראָקלאַמאַציעס האָט מען געהערט אַ סך גוטע בשורות וועגן די פראָנטן, כאָטש די פראָנטן זיינען נאָך ווייט געווען און די דייטשן גענוג שטאַרק.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון „מסדה“, צו וועלכע עס זיינען אויך גערופן געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן געקענט העלפן אין דער זאַך, ווי ד״ר פאַקטאָר און שמואל כ״ץ, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצודרוקן פּראָקלאַמאַציעס אין ליטוויש אונטערשרייבנדיק: „ליטווישע פרייהייטס־באַוועגונג“ און אַזוי אַרום דערצילן דערמיט צוויי זאַכן. ערשטנס: די דייטשן אַריינפירן אין אַ טעות און זיי זאָלן אָנפאַנגען אַרעסטירן ליטווינער, דורך דעם וועט במילא זיך נעמען די ליטווישע סימפּאַטיע פאַר יידן און, צווייטנס: אָנשטעקן שאַרפער די ליטווינער צום קאַמף קעגן די דייטשן. די פּראָקלאַמאַציעס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף אַ שרייב־מאַשין און צוקלעפּט געוואָרן איבערן שטאָט דורך אַ ייד, וואָס האָט געהאַט די אַרבעט צו קלעפּן אַפישן פון שטאָט־פאַרוואַלטונג. קלעפּנדיק די אָפיציעלע מעלדונגען האָט ער אויך אָנגעקלעפּט די פּראָקלאַמאַציעס.

אַ פּאָר מאָנאַט שפּעטער איז דערשינען אַ געדרוקט צייטונגל אַרויסגעגעבן טאַקע פון די ליטווינער אַליין, נאָר וועגן די יידן איז דאָרט געזאָגט געווען, אַז: מיר ווילן פּטור ווערן פון זיי פּונקט ווי פון די דייטשן, כאָטש די מעטאָדן פון קאַמף קעגן זיי זיינען צו שאַרפע...

זומער 1943, ווען אַ טייל יידן זיינען געווען אין לאַגער באַטשין אויף טאָרף־אַרבעט, האָט יאַנקל טאַן, אַ געזונטער ענערגיש דרייסטער בחור, אַ טראַקטאָריסט פון פאַך, וואָס האָט זיך געקליבן צו אַנטלויפן אין וואַלד, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ געוויסן יידישן אַדוואָקאַט — געין אַנטאַנאַס, (ווינומער אַפּטייקערס אַ זון). דער דאָזיקער געין האָט געלעבט 30 ק״מ פון באַטשון אין אַ וואַלד־הייל. אָט ער וויל העלפן דאָס געטאָ. ער גלייבט אָבער נישט, אַז יידן וועלן

זיין בכּוח צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין געטאָ גופא און שלאָגט דערפאַר פאָר, אַז יוגנטלעכע זאָלן קומען צו אים אין וואַלד. ער האָט גענוג געווער און איז פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט אויך געגעבן אַן אַדרעס, ווּו אים צו טרעפן אין שטאָט, אונטערן נאָמען אנטאנאס.

יאנקל טאַן איז אַוועק, אין שליחות פון „מסדה״, זיך באַגעגענען מיט אים אין שטאָט. אויף ענדע ווענצלאַווסקע גאַס האָט אים אויפגענומען אַ פרוי. אין הויז זיינען געווען נאָך צוויי ליטווינער, וואָס האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם ענין. געץ-אנטאנאס אַליין איז ניט געווען. נאָך אַ קורצע באַראַטונג האָבן זיי אויסגעדרוקט זייער מורא פאַר יידן, געהייסן אָפּוואַרטן, ווייל זיי האָבן ווייניק געווער, צו קענען באַזאָרגן אויך פאַרן געטאָ. געץ'ן האָט מען מער ניט געקענט טרעפן (אין לעצטן טאָג פון די דייטשן אין שטאָט האָבן זיי אים געכאַפּט מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע און דערשאָסן אויפן מיטן גאַס).

* * *

דבורה סראַלאָוויץ

העלדיש דורכגעפירט אונטער-ערד שליחותן, זיך איבערטאענד אַלס דייטשע קראַנקן-שוועסטער. פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און אומגעקומען אין שטוטהאף.

ווינטער 1943 איז געקומען אין געטאָ די פּוילישע טאָכטער און טייערע חלוצה אירענא אדאמאוויטש.*) אירע-

---

*) אירענא אדאמאוויטש — אַ פּוילין, 38 יאָר אַלט, די איינציקע וועמען עס איז געלונגען צו דערגרייכן קאָוונע און שאוול. אַן

גא אין געקומען פאַרקליידט אַלס נאנע. געקומען איז זי פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק. זי האָט דערציילט וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט יידן אין די דאָזיקע שטעט. די חברים פון „החלוץ" האָבן זיך דערפילט זייער תקיף אין „באַהאַלטן" דעם סוד, פון אירענעם קומען, פאַר די חברים פון „מסדה". פון יענעם טאָג איז די צושפּאַלטונג אין געטאָ צווישן דער יוגנט געקומען אין אַ בולטער פאָרם. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען און ווי אומפאַרשטענדלעך דאָס זאָל ניט זיין איז עס דאָך אַזוי געווען: אין געטאָ, אויפן שוועל פון טויט, האָט מען געפּראַוועט באַזונדערע אַקאַדעמיעס צו כ' תמוז אפילו. און צוויי באַזונדערע געדענק-אָוונטן אין י"א אדר א.א.וו. די געמיינזאַמע אַרבעט איז צעשלאָגן געוואָרן אויך אין פראַגע פון שויץ.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך אָנגעפאַנגען אָפּרייסן די קאָמוניסטישע חברים. זיי האָבן דערפילט, אַז זייער צייט קומט... זייערע חברים קומען זיי באַפרייען. במילא דאַרפן זיי שוין היינט באַקעמפן די, וואָס וועלן עווענטועל מאָרגן זיין זייערע קעגנער... אייניקע פון זיי זיינען אַוועק אין וואַלד. די ליטווישע פאַרטיזאַנער-דעזערטירן, וועלכע זיינען געווען אַנטלאָפן פון ליטווישן באַטאַליאָן, נישט וועלנדיק פאָרן אויפן פראָנט, האָבן צוגענומען צו זיך די עטלעכע יידישע בחורים, כדי, אין נויטיקן פאַל, זיך צו שיצן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן קומען. רויטע פאַרטיזאַנער האָבן זיך אַ

אויסערגעוויינלעכע פרוי. אַ טאָכטער פון אַ רייכער פרום-קאַטוילישער משפחה. פאַר דער מלחמה האָט זי זיך באַקענט מיט דער חלוצישער יוגנט. אַליין אַרויס אויף הכשרה. אין קיבוץ פון „השומר הצעיר" אין קוסטופול. אין די מלחמה-יאָרן האָט זי אונטער לעבנסגעפאַר געהאָלפן און געראַטעוועט, פאַרבונדן איין געטאָ מיט דער צווייטער און אומעטום געבראַכט דעם אָטעם פון קאַמף און רעוואָלט קעגן דייטש. זי איז אָן ספק געווען איינע פון די ממש געציילטע ליכטיקע און גרויסע נשמות אין אַ וועלט פון פינצטערניש און געפאַלנקייט.

קורצע צייט שפּעטער איינגעפונען אין שאַוולער געגנט, צו זיי זיינען אַוועק הברים פון „מסדה”. די רויטע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען פּאַראַשוטיסטן, וואָס זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער און געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן פראָנט.

פאַרבינדונג מיט אַנדערע געטאָס:

אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע געטאָס איז, אין דער ערשטער געטאָ־צייט, כמעט ווי גאָרניט געווען. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען אויפכאַפּן עפּעס אַ גרוס, פון ווילנע, קאָוונע אָדער ריגע. די גרוסן זיינען געווען אומקלאָרע. מען האָט נאָר געוווסט אַז אין די דאָזיקע שטעט געפינען זיך געטאָס. וויפל יידן און ווי זיי לעבן איז שווער געווען צו דערגיין.

אַ פּאַר מאָנאַט נאָכן אַריינגיין אין געטאָ האָט מען געהערט אַז אַ טייל מענער, פון די וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון טורמע, זאָלן זיך געפינען אַרום מעמל. דעם עלטסטנראַט איז געלונגען, פאַר אַ גרויסע סומע געלט, צו שיקן אַהין דעם לייטער פאַר יידישע אַרבעט אין דייטשן אַרבעטס־אַמט, שטרענגע. ער האָט טאַקע געפונען יידן אין היידעקרוג (מעמל געביט), אין אַ לאַגער. קיין שאַוולער זיינען דאַרטן ניט געווען. דאָס איז געווען דער ערשטער דירעקטער גרוס פון יידן.

שפּעטער האָבן אָנגעפאַנגען קומען קיין שאַוול, פון צייט צו־צייט, יידן פון קאָוונע און ריגע. דאָס זיינען געווען ספּעציאַליסטן וועמען די דייטשן האָבן מיטגענומען צום איינקויפן לעדער אין דער פרענקעל פאַבריק.

צוויימאָל האָט אַזאַ דייטש, וואָס איז געפאָרן מיט זיין אויטאָ הין און צוריק, אויך געטאָן אַ „געפעליקייט”: ער האָט מיטגעפירט אַ מאַן צו זיין פרוי אין שאַוול און צוריקגעפירט אַן אַנדער מאַן צו זיין פרוי אין קאָוונע. דאָס צווייטע מאָל דאָס זעלבע מיט פרויען.

די יידישע ספּעציאַליסטן פלעגן מוזן נעכטיקן אין געטאָ. אַזאַ נאַכט פלעגט זיין אַ ליל שימורים אין עלטסטנראַט. דורך אַזעלכע יידן פלעגט מען קריגן און שיקן גרוסן, אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט.

ענדע 1942 איז געלונגען דעם עלטסטנראַט, אויף אַ האַלב

אָפיציעלן וועג, צו שיקן ד"ר א. ירושלמי קיין קאָונע. ער איז געווען דער ערשטער גרוס⸗ברענגער וועגן דער אונטער⸗ערדישער אַרבעט דאָרטן. האָט „מסדה" זיך איצט שוין באַמיט אָנבינדן אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט דער קאָונער אָרגאַניזאַציע. עס איז טאַקע באַלד געלונגען צו שיקן אַהין יוסף לייבאָוויטש. (ער האָט אויך געזאָלט דערגרייכן ווילנע, וואָס איז אים אָבער ניט געלונגען). אין קאָוונע האָט יוסף לייבאָוויטש זיך באַראַטן מיט דער דאָרטיקער אָרגאַניזאַציע, געקראָגן אינפאָרמאַציע וועגן דער פּאַרטיזאַנער טעטיקייט, מיט וועלכע מיטלען זיי שאַפן זיך איין געווער און ווי זיי קריגן זיך אַרויס אין וואַלד. ער האָט אויך מיטגעבראַכט אַ דערמוטיקונג בריוו פון דער ציוניסטיש פּאַרטיזאַנישער אונטער⸗ערדאָרגאַניזאַציע אין געטאָ „א.ב.צ." (ארגון ברית ציון). דער בריוו איז געווען אונטערשריבן פון שלומה פרענקעל און אברהם מלמד.

אַדאַנק דער דאָזיקער פאַרבינדונג איז קלאָר געוואָרן, אַז דער „א.ב.צ." אין קאָונער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן אויף די זעלבע יסודות און האָט די זעלבע אידיאָלאָגישע פּלאַטפאָרם ווי „מסדה". ווי „מסדה" פּרעטענדירט אויך „א.ב.צ." ניט נאָר צו זיין די צום מאָמענטיקע זעלבסטשוץ באַוועגונג, נאָר אויך צו שאַפן דעם קערן פון אַ פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס זאָל זיין די טיפע דערקענטניש, וואָס דאַרף אויך אַרויסגעטראָגן ווערן צו דער באַפרייטער יידישער וועלט, ווי אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון געטאָדיקן יסורים און טויט. *)

---

*) חברים פון „א.ב.צ." און „מסדה" האָבן שפּעטער זיך צוזאַמענגעטראָפן אין גורל⸗וועג דורך די קאַצעט⸗לאַגערן אַרום דאַכאַו. האָבן זיי טאַקע דאָ געפירט אַ געמיינזאַמע אַרבעט. אין טויטן⸗לאַגער 2, קויפערינג, איז אַפילו אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פּאַראייניהייטלעכונגס אָפּמאַך אויף אַ געמיינזאַמער אַרבעט נאָך דער באַפרייאונג, פון די חברים פון „א.ב.צ." און „מסדה". דאָ האָט מען, אין מינוטן פון אייגענער נסיסה, אַרויסגעגעבן אַ מיטן האַנט געשריבענע צייטונג „ניצוץ". (וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען אומלעגאַל אין ווילנע, אין יאָר 1940 און איז שפּעטער דערשינען אין קאָוונער געטאָ, ווי אַ צייטשריפט פון „א.ב.צ.").

איינע פון די קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, וואָס יוסף לייבאָוויטש האָט געבראַכט פון קאָוונער געטאָ, איז אויך געווען צו בויען אין געטאָ מאַלינעס (היילן, באַהעלטעניש) און ווי זיי צום בויען. דאָ האָט דאָס אָבער ניט געקענט געפינען קיין אנווענדונג. דאָס געטאָ איז באַשטאַנען פון קליינע האָלץ=הייזלעך און דער גאַנצער געטאָ=באָדן איז אויך נאַס געווען. עס זיינען געמאַכט געוואָרן אייניגע פרוון און מען האָט זיך גלייך אָנגעטראָפן אויף וואַסער. אין די לעצטע חדשים פון געטאָ האָט מען פרובירט בויען אַ מאַלינע האַרט ביים דראָט, אין אַ קוזנע אויף עזערו גאַס, וואָס איז געלעגן אויף אַ באַרג. האָבן אָבער די דייטשן באַלד, צופעליק, אַרויסגעצוימט די קוזנע פון געטאָ=שטח. אַזוי אַז קיין מאַלינעס זיינען אין געטאָ ניט געווען.

דער קאָנטאַקט מיט קאָוונער געטאָ האָט געגעבן אַ שטאַרקן אָנטרייב, סיי פאַרן זעלבסטשוץ, סיי די ציוניסטישע און קולטורעלע אַרבעט אין געטאָ.*)

דורך קאָוונע האָט מען אויך שוין געהאַט ידיעות וועגן דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע. און דאָס האָט געלאָזט די חברים פון „מסדה“ זיך דערפילן ווי אַ טייל פון אַ גרויסע, כאָטש צווישן זיך ניט פאַרבונדענע, געאייניקטע יידישע אונטערגרונט=באַוועגונג.

יידישע אחריות

דאָס געטאָ איז איצט באַוואַכט געווען דורך ס״ס. פון רומענישע פאָלקס=דייטשן. אָט די מערדער האָבן באַגלייט אַ גרופּע יידן אין וואַלד, צו שניידן האָלץ פאַרן געטאָ.

די יידן זיינען געשטאַנען ביי זייער אַרבעט און דריי באַוואַכער אַרום זיי. פּלוצלונג האָט מען אָנגעהויבן אַ שיסעריי. צוויי פון די מערדער זיינען גלייך געפאַלן. דער דריטער איז אַנטלאָפן. דער

---

*) נאָך דער באַפרייאונג זיינען עס די חברים פון „א.ב.צ.“ און „מסדה“ געווען די וואָס האָבן ממשיך געווען די אידיי — אַ פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — דורך דער שאַפונג פון „אחידה“ אין דייטשלאַנד.

ייד לוריע איז אויך געפאַלן טויט. די פּאַרטיזאַנער זיינען צוגעקומען צו די שטיין-געבליבענע יידן, אויסגעטאָן די אוניפאָרמעס פון די דערשאָסענע מערדער, אַרויסגענומען זייערע פּאַפּירן און גערופן די יידן מיט זיך. נאָר די יידן האָבן זיך איבערגעלייגט, געפילט די געפאַו׳, וואָס קען דראָען פאַרן געטאָ, אויב זיי וועלן אַנטלויפן; די דייטשן וועלן קענען לייכט באַשולדיקן, אַז די יידן האָבן דערמאָרדעט זייערע פּאָסטנס אָדער, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך און דאָס געטאָ שטייט אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. די יידן זיינען דערפאַר אַליין צוריקגעקומען אין געטאָ. דער געסטאַפּאָ-קאָמענדאַנט האָט זיי געלויבט פאַר זייער טאַט. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען אַ טייל פון אָט דער וואַלד-קאָלאָנע אַוועק צוריק צו די זעלבע פּאַרטיזאַנער.



אַ גרופּע „מסד·ה“-חברים.
1 — אהרון פּראַנק; 2 — ישראל ווין; 3 — י. גאַלפּערין;
4 — אַבאַ שמילג; 5 — שולמית גאַרדאָן; 6 — הירשל בלאָך.

בשעת דער קאַזערנירונג זיינען אַוועק חברים פון „מסדה” אין ציגל־פּאַבריק דויגעל, וווּ עס איז געווען איינער פון די קאַזערניר־פּונקטן. אין דער גרופּע זיינען, צווישן אַנדערע, געווען: הירשל ראָז, בעקע שילאַנסקי, לייבל ברעט, הירשל בלאך און אסתר דירעקטעראָוויץ. די דאָזיקע גרופּע איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער.

ווען עס איז געקומען דער באַפעל צו עוואַקואַציע, האָבן געזאָלט, לויט אַ פריערן אָפּמאַך, קומען אַלע פּאַרטיזאַנער פון נאָענטן וואַלד, כדי צו דערשיסן די פּאָסטנס און באַפרייען אַלע יידן פון לאַגער. אַליין איז געווען צוגעגרייט. נאָר אַ קללה האָט געהערשט אין יעדער אונטערגענומענער אַרבעט. די ליטווישע פּאַרטיזאַנער זיינען געקומען צוויי שעה צו שפּעט (איז דאָס געווען מיט אַ כיוון, אָדער האָבן זיי נישט געקענט קומען צו דער צייט?) די חברים האָבן זיך דערוויילע דענערווירט און געוואָרן אויפפאַלנד פאַר די אַנדערע יידן, ווייל אַלע האָבן זיך געפונען נאָר אין איין איינציקן בלאָק, איז יעדער ריר און קער געווען מערקבאַר. מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט מען געהאַט דערשאָסן אַ ייד פון צווישן זיי, ווען אַ פּאָסטן האָט אים געזען זיך דערנענטערנדיק צום דראָט, אין פאַרדאַכט אַז ער וויל אַנטלויפן. האָבן די יידן דערפאַר איצט זיך אָנגעפאַנגען בונטעווען, קעגן די, וועלכע זיי האָבן געפילט אַז זיי ווילן איצט „אַנטלויפן”, אין מורא, אַז מען וועט אַלעמען דערפאַר אויסשיסן. וואָלטן די פּאַרטיזאַנער געקומען אין די אָפּגעוואַרטע פרימאָרגן שעה'ן, ווען אויפן פּאַבריק זיינען נאָך נישט געווען די קריסטלעכע אַרבעטער, און אַרום דראָט איז נאָר געשטאַנען אַ קליינע באַוואַכונג, וואָלט דאָס אומברענגען פון די פּאָסטנס און אַנטלויפן, פון גרעסטן טייל לאַגער־איינוווינער, זיך אפשר גוט איינגעגעבן. איצט איז געווען אַליין פאַרלאָרן און די שטימונג פון רוב לאַגער־יידן קעגן אַנטלויפן. אייניקע חברים האָבן זיך דאָך אַרויסגעקראָגן און אַוועק באַוואָפנטע אין וואַלד.

ראז, בלאך, ברעט א. א. זיינען די ערשטע אַריי
אין שאַוול, ווען די סאָוועטן האָבן געהאַלטן אי
פאַרנעמען די שטאָט.

הירשל ראז איז אַוועק ווייטער מיט דער סאָוועטישער אַרמי
און העלדיש געפאַלן ביים אנשטורעם אויף בערלין.

ענלער איז געווען דער גורל פון די חברים, וועלכע האָבן זיך בשעתו געלאָזט קאַזערנירן אין ה. ב. א. כדי דאָרטן צו פירן די אַרבעט:

אין טאָג ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן די אויפלייזונג פון לאַגער, און אַז מען וועט דאַרפן גיין אין געטאָ, כדי פון דאָרטן פאָרן אין דייטשלאַנד, האָבן די חברים באַשלאָסן הורכצורייסן דעם דראָט מיט כוח; מיט די ווייניקע גראַנאַטן אָפּיאָגן די פּאָסטנס און ראַטעווען אַזוי פיל ייִדן וויפל ס'וועלן זיך קענען דערשלאָגן, אין בהלה, צו די נאָענטע וועלדער. דער ייִדישער לאַגער פירער עריך גידאנסקי האָט אָבער אָרגאַניזירט די ייִדישע פּאָליציי און, כדי פאַרלויפן דעם וועג, גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון יונגע ייִדן, געמאַכט פאַר זיי דעם אנשטעל, אַז ער אַליין זוכט אַ וועג פון רעטונג. עריך גידאנסקי, אַ דייטשער ייִד וועמען דער פאַררעטער פּאַריזער האָט געשיקט אַלס זיין פאַרטרויאונגס־מאַן אין לאַגער, האָט אַוועקגעשטעלט

עריך גידאנסקי —
פאַריזישערס פאַרטרויאונגס־מאַן
אין קאַזערנירונגס־לאַגער
א. ב. א.

שומרים ביי די וועמען ער האָט חושד געווען אין אָנגעהעריקייט צו „מסדה“. ביי אברהם שווייגער, יצחק לעשצינסקי און היה בערס

יר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ שומר, וועלכער האָט קאָנטראָ־
ירט זייער יעדע באַוועגונג. עריך גידאנסקי האָט אויך אָרגאַניזירט
יי גרעסטע צאָל יוגנט אַלס געהילפס־פּאָליציי. און כאָטש יע־
יער פון די דאָזיקע געהילפס־פּאָליציי האָט אַליין
עזוכט צו אַנטלויפן האָבן זיי דאָך איינגעהיט די,
ועלכע האָבן נאָך אַליין געוואָלט אָרגאַניזירן די
מאַסן־אַנטלויפונג.

פאַרנאַכט האָט אַ ליטווינער זיך דערשאַרט צום דראט און איבערגעגעבן פאַר אברהם שווייגערן, אַז אנטאנאס (נעין) וואַרט אויף אים און יידן זאָלן זען אַנטלויפן אין באַטשונער וואַלד. (די עציילטע, ממש פיר, פינף קאָמוניסטישע ליטווינער־אַרבעטער האָבן, ווייזט אויס, איצט, אין גערויס פון דער סאָוועטישער אַרמיי־דערנענטערונג און זעענדיק שוין אָפן די סכנה, פון דערמאָרדן דעם לעצטן רעשטל־יידן — האָבן זיי שוין געוואַלט העלפן. אַליין שוין ריזיקירן און ראַטעווען).

די חברים פון „מסדה” האָבן דאַן באַשלאָסן: באַגינען בשעתן אַפעל, דערמאָרדן דעם דייטשן לאַגער־פירער און אָנפאַנגען לויפן אין אַלע זייטן פון שטאָט. לעשצינסקי איז געווען גרייט דורכצופירן דעם אַטענטאַט. אָבער אויך דאָ האָט געהערשט די גורל־פאַרשווערונג אויף יעדער טריט: אָנשטאָט צו מאַכן דעם אַפעל באַגינען, ווי שטענדיק, איז ער היינט, צוליב דער אַלגעמיינער אומרו, וואָס האָט שוין געהערשט אויפן פאַבריק צווישן די דייטשן, געמאַכט געוואָרן אַ סך שפּעטער. האָט שוין קיין זין נישט געהאַט זיך צו לאָזן לויפן איבער די גאַסן אין מיטן טאָג ווען יעדער ליטווינער וועט ווערן דיין כאַפער. עס איז דערפאַר גלייך געפונען געוואָרן אַן אַנדער אויסוועג: פיר חברים האָבן זיך געלאָזט אַרויסקריגן פון פאַבריק מיט אַן אויטאָ פון אַ באַקאַנטן דייטשן שאָפער, און אַזוי ווי מען האָט זיך דערוווסט באַגינען, אַז דער טראַנספּאָרט וועט גיין צופוס, האָבן די פיר, לעשצינסקי, רייז, שווייגער און בער זיך געזאָלט פאַרבינדן מיט די וואַלד־גרופן, אונטערוועגנס אָפשלאָגן די פּאָסטנס און באַפרייען דעם טראַנספּאָרט. די פיר זיינען איינגעשטיגן אין גרויסן לאַסט־אויטאָ און זיך אַראָפּגעלאָזן צום באָרן, כדי

אומבּאַמערקט אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַגער־הויף. צוזאַמען מיט די פֿיר איז אויך געווען אין אויטאָ דער היסטאָריקער אליעזר ירושלמי. נאָר פֿון די איבערשטע פֿאַבריק־פֿענצטער האָבן פֿרויען עס באַמערקט און געמסרט די פּאָליציי. (אפֿשר נישט פֿון בייזן־ווילן נאָר פֿון שרעק פֿאַר זיך). ווען דער אויטאָ האָט שוין זיך גערירט פֿון אָרט, איז די יידישע פּאָליציי אונטערגעשפּרונגען צום אויטאָ. וואָלטן זיי זיך געשטעלט אַנטקעגן, וואָלטן זיי תיכף אַרעסטירט

נחמן כ״ץ

1 — גייענדיק פֿון דער אַרבעט; 2 — בשעת דער אַרבעט, אין ראַדיאָ־לאַבאָראַטאָריע ביים געביטס־קאָמיסאַר; 3 — ביים אַנטלויפֿן פֿון געטאָ

געוואָרן דורך די דייטשן. די חברים, וואָס האָבן אויך געהאַט געווער מיט זיך, זיינען שנעל אַראָפּ פון אויטאָ און פאַרשוווּנדן אין פאַבריק. לעשצינסקי איז אָבער געבליבן ליגן אין אויטאָ. און שפּעטער אַזוי אַרויסגעפאָרן פון לאַגער.

פאַר אַ מאַסן-אַנטלויפונג האָט שוין איצט נישט געקענט זיין קיין מעגלעכקייט. אין דעם מאָמענט האָבן מאָטל ברויד און יחזקאל קארפול זיך דורכגעריסן דעם דראָט און אָנגעפאַנגען לויפן. די ליטווינער האָבן זיי געכאַפּט און אָפּגעגעבן די זיך גאכיאגנדע פאָסטנס. אין דער זעלבער צייט איז, פון אַ צווייטער זייט, אַנטלאָפן איינער ראטשטיין, (וועמען ס'איז געלונגען זיך דורכצורייסן און אַוועק אין וואַלד). אַלע יידן זיינען תיכף אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט. אַרום לאַגער זיינען אַרומגעשטעלט געוואָרן קוילן-וואַרפער, מיט אַ וואַך אויף אַלע צען מעטער. הייקע בער און מאַטעק ראזענקנאפּ, וועלכע זיינען שוין געווען פריער אין וואַלד, האָבן באַשלאָסן זיך אַדורכרייסן. ביים באַראַק-טיר איז געשטאַנען אַ יידישער פּאָליציסט. זיינען זיי אַדורך די צוגערייטע אונטער-באַראַק-עפענונג. נישט ווייט פון דראָט זיינען זיי אַרויס און זיך געוואָרפן אונטער די דראָטן. בליץ-שנעל האָבן זיי דורכגעצויגן זייערע דינע גופים און אָנגעפאַנגען לויפן. אַ קוילן-האָגל פון מאַשינען-געווער האָט זיי נאָכגעיאָגט. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געהויבן און געלאָפן ווייטער. דער גאַנצער לאַגער איז געשטאַנען, צוגעקוקט, ווי איבער די צוויי גופים האָט גערעגנט מיט קוילן, און פּראָטעסטירט בקולי קולות קעגן די, וואָס שטעלן דאָס לעבן פון אַלעמען אין סכנה...

ביידע זיינען אַ האַלבע שעה שפּעטער געבראַכט געוואָרן אין לאַגער.

אַלע וועגן צו רעטונג זיינען פאַרשטעלט געווען, ווי דער גורל וואָלט פאַרשוואָרן די מענטשן צום טויט. פון אינעווייניק פּחדנים און פאַראָט (טאַקע גיט מער ווי פון איינצלנע, אָבער פון די מאַכט-האָבער) און פון אויסווייניק אָן די קלענסטע הילף, אַפילו פון די ווייניקע, וואָס מען האָט הילף פון זיי דערוואַרט.

*

אויף דער לעצטער באַראַטונג פון חברים=אַקטיוו איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די וועלכע האָבן נישט געקענט אָדער ניט געוואָלט זיך ראַטעווען אַליין, אָן אַ קאַנטיקן צאָל געטאָ=איינוווינער, זאָלן איצט מיטגיין מיט די גולים. די געטאָ=יוגנט זאָל ניט איבערלאָזן די אַלטע און שוואַכע אַליין. ניט אויסנוצן די נאָד=פאַראַנענע מעגלעכקייט פון איינצלנער רעטונג. די חברים פון „מסדה“ זאָלן מיטגיין אויפן שווער=יסורימדיקן דערנער=וועג און העלפן דאָס געטאָ=פאָלק ביזן לעצטן טויט=אַטעם.

* * *

קליין איז געוועזן דער צאָל יידן אין געטאָ=שאַוול — פיר טויזנט אַכט הונדערט אינגאַנצן — און אָט דער קליינער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין כסדרדיקן צעקרישלען. נאָר אויך דאָ, ווי אומעטום, זיינען טיף געוועזן די האַס=וואָרצלען צום פיינט. און עס איז גענערט געוואָרן דער ווילן, פון אַ קליינעם שבט, צו נקמה און רעכענשאַפט. קליין איז געוועזן דער צאָל פון די בונטאַרן, אָבער פאַרעקשנט זייער ווילן צום פרייהייטס=קאַמף.

* * *

די געפאַלענע אין אָפענעם שלאַכט און די מאַרטירער, אומגעקומענע אין אַלע דייטשע קאָנצענטראַציע=לאַגערן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן, אין גורלדיקן וואַנדער=וועג, צו קנעכטשאַפט און טויט, די אַלטע און שוואַכע אַליין — זיי אַלעמען געהערט דער שטאָלץ פון מסדיער, דער כבוד פון פאַרצווייפלטע בונטאַרן.

זאָל זייער הייליקער אָנדענק שטענדיק בלייבן אין די הערצער פון זייערע לעבן=געבליבענע חברים און פאַרן גאַנצן פאָלק, ווען ער דערמאָנט זיינע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן, אין די יאָרן פון דער גרויליקסטער יידן=פאַרניכטונג.

גאָלד־גרעבער

א.

איצט איז שוין פאַר אברהמען קלאָר געווען: מען מוז אַוועק פון געטאָ. ווייטער בלייבן דאָ הייסט זעלבסטמאָרד.

דער גאַנצער פּלאַן האָט זיך נאָך שווער געפורעמט אין זיין קאָפּ. אָבער, איינס איז שוין קלאָר: ער מוז האָבן געלט, גאָלד, ערשט דאַן קען מען מאַכן די ערשטע טריט, כדי צו רעאַליזירן דעם אויסגעטויכטן פּלאַן.

ער האָט דורכגעוואָרפן אין מחשבה אַלע זאַכן, וואָס קומען נאָך אין באַטראַכט פאַרקויפט צו ווערן. די איינציקע בעסערע קליידערשטיקער, וואָס הענגען אין אַלמער, די באַגראָבענע אין שטאַל, לעבן שטוב, און די פאַררוקטע אין פאַרשיידענע ווינקעלעך — אַלץ, אַלץ איינקאַלקולירט איז דער חשבון זייער אַ טרויעריקער. דער גרעסטער טייל ווערטפולע זאַכן איז שוין לאַנג פאַרקויפט. די איבערגעלאָזענע זאַכן ביי די קריסטן אין שטאָט קען ניט קומען אין באַטראַכט איצט אָפּצונעמען. פאַרקערט, די דאָזיקע קריסטן, וועלכע האָבן זיינע זאַכן, מוז מען נאָך געבן געלט, כדי מען זאָל קענען דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן: באַהאַלטן ביי זיי זיינע משפחה־מיטגלידער, כדי געבן זיך אַליין פרייע הענט אַוועקצוגיין אין וואַלד, זיך פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער.

שטאַרק פאַרקלערט איז אברהם שווייגער איצט אַרומגעגאַנגען גאַנצע אָוונטן איבערן הויף פון טאָרף־לאַגער. אַ מידער, אַ צעביאַכענער און דערשעפּטער איז ער געווען פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט ביים „כאַפּן“ די טאָרף־ברעטלעך פון טראַנספּאָרט. נאָר איין געדאַנק האָט אים איצט געמאַטערט: ווו נעמט מען געלט, אַ סך געלט.

דעם פּלאַן מוז מען גוט דורכטראַכטן אין אַלע זיינע דעטאַלן. אַ קליינע אומפאָרזיכטיקייט קען אַלץ צעשלאָגן אין אָנהויב, אָבער דער פּלאַן מוז דורכגעפירט ווערן, קיין אַנדער עצה איז ניטאָ. אויב דאָס זאָל ניט געלינגען בלייבט נאָר זיך אונטערגעבן דעם גורל, גיין

בלינד אַנטקעגן די קומענדיקע טעג. עס האָט אויך מער ניט קיין זין דאָס אויפֿהאַלטן מיט צוזאָגענישן אויף געווער די חברים פֿון „מסדה“, אָן דעם דאָזיקן געוואָגטן פּלאַן וועט מען קיין געווער ניט קריגן.

איבערן לאַגער=הויף איז שטיל געווען. די וועכטער אַרום דראָט זיינען שוין לאַנג אַוועק שלאָפֿן. זיי זיינען זיכער מיט זייערע יידן. ווו וועלן זיי דען לויפֿן, אַז יעדער אַרומיקער קריסט איז זייער שפּיאָן און וועכטער?!

פֿון צייט צו צייט האָט זיך איבערן הויף דורכגעשלייכט אַ געשטאַלט. דאָס האָבן מענער, אָדער פֿאַרליבטע, אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר גנבה׳דיקע צערטל=שעה׳ן אין פֿרויען=באַראַק, און גייען איצט צוריק אין מענער=באַראַק.

די טיר פֿון מענער=באַראַק האָט אַלע ווײלע אַ סקריפּ געטאָן אויף די הייזעריקע זאַוויאַסעס. אַ נאַקעטער פֿאַרשוין האָט געטאָפּטשעט מיט די באָרוועסע פֿיס גלייך אין בלאָטע אַריין. צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט די תחתונים, האָבן די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן געזוכט דעם וועג צום בית=הכסא, פֿאַר דעם קוים זיך באַהערשנדיקן הונגטעריע=מאָגן. די ביטערע קאַווע און דאָס ניט פֿאַרטיקע ברויט האָבן לעצטנס אָפּגעשלאָפֿט אַלעמענס געדערים.

אַברהם האָט זיך אַריינגעשלייכט אין באַראַק און אָנגעהויבן ציילן די סטולפּיקעס צווישן די נאַרעס. אויף דער לינקער זייט, ביים פֿינפֿטן סלופּ, איז געווען זיין נאַרע, אויפֿן צווייטן שטאָק. אַנטקעגן איז אים אָנגעקומען ישראל, דער שמאָלער דורכגאַנג האָט זיי ביידן צוזאַמענגעפֿירט און אין דער פֿינצטער האָבן זיי זיך דערקענט.

— עס איז גלייך אַ מאַנעוורע, האָט ישראל אַריינגעשעפּטשעט אַברהמ׳ען אין אויער. זיי האָבן זיך שטיל דורכגעשושקעט. ישראל איז דאָס איצט געגאַנגען פֿון אויפֿוועקן די דריי גרופּן=עלטסטע.

פֿון אַלע באַראַק=ווינקלען האָבן זיך אָנגעהויבן שלייכן סילועטן, און שטיל פֿאַרלאָזן דעם רוים. פֿון דער יידישער פּאָליציי=בודקע, וואָס אַהינטערן באַראַק=וואַנט, האָט דורך די שפּאַרונעס דורכגעשלאָגן ליכט. דאָס האָט היים כאַרטשאַק, דער פּאָליציסט, אָבער אויך גרופּן=עלטסטער פֿון „מסדה“, זיך אָנגעטאָן. ווען אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן, האָט זיך ישראל אַוועקגעשלייכט דורכן באַראַק.

די מאַנעוורע איז געמאַכט געוואָרן אַלס פּרוּוו, צו זען וויפּל ס'דאַרף געדויערן אַלע זאָלן זיך באַווייזן אָנצוטון און זיך געפּינגען אויף זייערע פּאָזיציעס, אין פאַל פון אַווירקלעכן אָנגריף אויפן לאַגער.

אברהם האָט ליגנדיק אויף דער האַרטער נאַרע, טראָץ זיין מידקייט, נאָך ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. די נאַכט האָט זיך געצויגן פויל און די מחשבות האָבן ניט אָפּגעלאָזן. אַ ווילד נאַריש שפּיל זיינען עס אָט די גאַנצע מאַנעוורעס — האָט דער געדאַנק אים געפּייניקט — „וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ, אַז מיר האָבן ניט קיין געווער“...

היים כאַרטשאַקס לעמפּל האָט געשניטן די פינצטערניש אין באַראַק. זיין קול האָט שטיל געוועקט יעדן איינעם, וואָס איז געווען אויף זיין צעטל: „שטיי אויף, דיין בריגאַדע גייט גלייך אַרויס צו דער אַרבעט.“

ווען היים איז דערגאַנגען צו אַברהמ'ס נאַרע, האָט ער געטאַפּט די דעקע און ניט געקענט געפינען די פיס. אין אַ זייט פון דעקע האָט ער אָנגעטאַפּט אַ האַרטן שטיוול. אברהם איז געלעגן אויף, געוואַרט ביז דער עולם וועט זיך אָנטאָן, כדי אַרויסצוגיין מיט די חברים צו דער אַרבעט. איצט האָט ער גענומען כאַרטשאַקן ביי דער האַנט און צו אים אַ זאָג געטאָן: „קענט איר מיר היינט נאָך דער אַרבעט באַפרייען, צו גיין אין געטאָ?“

כאַרטשאַק האָט אַ ווילע געטראַכט, פאַרשטאַנען, אַז ער איז אוודאי אויך אַ מיטגליד פון „מסדה“, אוודאי היינט געווען אויף דער מאַנעוורע, אַז ער ליגט אָנגעטאָן.

— גוט, איך אַליין וועל אייך באַגלייטן אין שטאָט.

די זון האָט זיך שוין טיף געזעצט, ווען היים האָט אַריינבאַגלייט אַברהמ'ען דורכן געטאָ-טויער.

בּ.

אַברהמ'ס פּלוצלונגער אַהיימקומען האָט צווישן דער משפחה אַרויסגערופן פרייד. די מוטער האָט אים צוגעטראָגן אַ שיסל וואַרעמע וואַסער. אַז אברהם האָט זיך געוואַשן און איבערגעטון, איז ער אַרויס אויפן גאַניק, ווו אַלע זיינען געזעסן און גערוט נאָכן ווערן

אַרבעטס־טאָג, פון די פאַרשיידענע שקלאַפן־אַרבעטן ביי די דייטשן.

אברהם האָט באַטראַכט יאָסעלען, עפּעס איז ער אויסגעוואַקסן פאַר די פאָר וואָכן, געוואָרן געזונטער, פולבלוטיק, מיט ברייטע פּלייצעס און געזונטע הענט. די בלאָנדע האָר זיינען אים געפאַלן איבערן שטערן, ביז די בלויע אויגן צו און אים געמאַכט אויסזען עלטער. אברהם האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט עס ניט באַמערקט די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס יאָסעלע איז ביי זיי אין שטוב. אים שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ קינד. איצט האָט אים אויפגעטויכט אַ געדאַנק, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועמען ער דאַרף. אַברהם האָט אים מיט אַ ווונק אַוועקגענומען אָן אַ זייט. זיי האָבן זיך געלאָזט באַרג־אַרונטער, צום מיטן פון געטאָ. אברהם האָט אים געלאָזט גיין פון זייט, אים נאָך אַלץ באַטראַכט, און זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק: טאָמער כאַפּט מען אונדז, הייסט עס, אַז איך האָב אומגעבראַכט אַן אומשולדיק לעבן. אָפּזאָגן זיך פון מיטגיין, וועט ער ניט, ווייל עסט דאָך ביי אונדז, און איך האָב אים אַריינגענומען אין שטוב, ווי ער פילט זיך ווי אַ ברודער. אָבער, פון דער צווייטער זייט, האָט אַברהם געקלערט: — אויך זיין לעבן שטייט דאָך אין סכנה, און אויב מיר וועלן האָבן דאָס גאָלד, וועט אויך ער זיך דאָך קענען ראַטעווען. איך קען אים אַפילו מיטנעמען גלייך אין וואַלד. — — —

— הער זיך איין יאָסל — צום ערשטן מאָל האָט זיך אַברהם איצט געווענדעט צו אים מיטן נאָמען יאָסל, און ניט, ווי שטענדיק, יאָסעלע: — איך וויל דיר עפּעס פאַרטרויען, און איך דאַרף האָבן דיין הילף. מעגסט מיר אָבער אויך אָפּזאָגן. איך וועל אויף דיר ניט זיין בייז. מיר בלייבן די זעלבע גוטע פריינט. און אַברהם האָט אים דערקלערט דעם פּלאַן.

ביים געטאָ־טויער, לעבן רבקה'ס הויז, ווו אַברהם האָט זיך געקליבן אַריינצוגיין, זיינען זיי שטיין געבליבן. עמעצער האָט רבקה'ן, ווייזט אויס, אָנגעזאָגט, אַז אברהם איז דאָ, און זי איז אַרויס אים אַנטקעגן. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט ליבע, נאָר פאַר דער גאַס זיינען זיי געבליבן רואיק, זיך ניט געקושט, נאָר וואַרעם זיך געדריקט די הענט, און אַברהם האָט אַ גלעט געטון אירע ווייכע האָר, ווי מען טוט עס געוויינטלעך אַ קינד.

מיט זיינע 18 יאָר איז יאָסל איצט געשטאַנען, ווי אַ מענטש, וואָס האָט מיט איינמאָל דערשפירט זיין ווערט. ער האָט אויסגעשטרעקט אברהמ׳ען די האַנט מיט איין וואָרט: יאָ!

— איבערלייג זיך גוט, האָסט אַ גאַנצע נאַכט זיך צו באַטראַכטן. אפשר האָסטו וואָס צוצוגעבן, אָדער אויסצובעסערן אין פּלאַן.

— גוט. איך וועל אייך מאָרגן אויפוועקן האַלב זעקס.

יאָסל איז אַוועק. אברהם האָט אים נאָכגעקוקט. זיין טראָט איז געווען מענגעריש־פעסט און קאַלט־זיכער.

רבקה האָט אַברהמ׳ען אָנגענומען פאַרן האַנט און זיי זיינען אַריין אין קליינעם גערטנדל, וואָס נעבן הויז, זיך געזעצט אויפן באַנק, ווו זיי האָבן אַזויפיל גליקלעכע אָוונטן פאַרבראַכט. זי האָט געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אים אין די אויגן אַריין.

די נאַכט האָט זיי איינגעהילט און זיי איינגעפלאָכטן אין אירע אָרעמס.

ג

זעקס אַזייגער איז די ערשטע בריגאַדע אַרויס דורכן טויער. אַברהם האָט געדריקט אין קעשענע אַ שווערן האַמער און מעשה אַרבעטער האָט יאָסלען געטראָגן איבערן שולטער אַ לאָפּעטע, אויף וועלכער די אויפגייענדיקע זון האָט געשפילט מיט גאָלד־פאַרב אויפן בלאַנקן שטאָל.

אַברהם האָט זיך אַ ביסל אַ שאָר געטון פאַרויס און אַ יונק געטון דעם ליטווישן באַגלייטער. דער באַגלייטער, אַ הויכער, ביטרער קריסט, האָט שוין געוווסט די „זשידישע־קונצן“. ער האָט אויך גוט געוווסט, אַז די צוויי פאַרשוינען געהערן נים צו זיין קאָמפּאַניע, זיי זיינען איבעריקע, האָט ער פון געוווינהייט גלייך אויסגעשטרעקט די האַנט מקבל צו זיין. אַברהם האָט אים אַריינגעקוועטשט אין האַנט אַריין אַ מטבע און אויפן ווינקל ווילנער גאַס, ווו די קאָלאָנע האָט זיך אַריינגעדרייט, זיינען אַברהם און יאָסל אַוועק גלייך מיט דער גאַס.

אין ערשטן הויף, וואָס זיי האָבן באַגעגנט, זיינען זיי אַריין. אַראָפּגענומען די געלע מגן־דוד׳ס, פון ברוסט און רוקן, האָבן זיי זיך געלאָזט מיט הינטער־געסלעך איבער די שמאָלע טראָטואַרן, צו ווילנער גאַס נומער 159. די לאָפּעטע, וואָס יאָסל האָט געטראָגן אויפן פּלייצע, האָט זיי געשיצט פון ווערן אויפפאַלנד

אויפן הויף איז שטיל געווען. די לאָדנס פון גאַנצן הויז זיינען פאַרמאַכט געווען. די קריסטן אין הויז זיינען נאָך רואיק געשלאָפן.

אַברהם האָט גוט געדענקט דאָס אָרט פּאַזע פּלאַנקען, ווו דאָס גאָלד איז געלעגן באַגראָבן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די לאָפּעטע פון יאָסעלעס האַנט, מיט קראַפט אַריינגעגראָבן אין עטלעכע ערטער און גיך אַרויסגעוואָרפן פיר־קאַנטיקע שווערע ערד־שטיקער.

פון ערגעץ־ווו האָבן זיך געהערט טריט. יאָסל האָט אויפגעציטערט: מען גייט! אַברהם האָט אָבער זיך ניט געמאַכט הערנדיק און מיט קראַפט געגראָבן ווייטער, טיפער. ער האָט אַ בליק געטון אויפן זייגער: 10 מינוט נאָך האַלב זיבן. זיין פוס האָט אַ טראַמפּל געטאָן אויף דער לאָפּעטע מיט נאָך מער עקשנות. די לאָפּעטע האָט אָבער, אָנטרעפנדיק אויף עפּעס האַרטעס, זיך אַ דריי געטון אָן אַ זייט צוזאַמען מיט זיין פוס; אַ נצחון־פייערל האָט זיך צעגליט אין זיינע אויגן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און אָנגעהויבן רייסן מיט די נעגל. יאָסל האָט אַ כאַפּ געטון די לאָפּעטע, אַריינגעגראָבן פון זייט און מיט קראַפט אַראָפּגעבויגן צו ד'ערד. אַ גרויסער שטיין האָט זיך אַרויסגעהויבן, טרייסלנדיק פון זיך שוואַרץ־ערד...

אַברהם האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגערייניקט די הענט פון בלאָטע: אַלץ איז אומזיסט. מען האָט עס שוין אויסגעגראָבן — האָט ער גערעדט ווי צו זיך —.

יאָסל האָט אויף גיך פאַרדעקט דאָס גרוב און עס פאַרטראַמפּלט. אַ ווײלע האָבן זי זיך אָנגעקוקט, ניט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן.

אַברהם האָט אַריינגעשטופּט די הענט אין טונקל, וואָס אונטערן דאַך־רינע און אָפּגעוואַשן די הענט. פון געוווינהייט האָט ער באַקוקט דאָס שטאַל, אַ הויב געטאָן די אויגן צום דעכל, און פּלוצים זיך באַגעגנט מיט די אויגן פון יאַנקאָוסקאַס, וועלכער איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון צווייטן הויז, פון יענער זייט פּלאַנקען. אַ ווײלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און יאַנקאָוסקאַס האָט אים באַגריסט. זיין דיק פּנים האָט גנבהדיק געשמייכלט. אַברהם'ען איז אַלץ קלאָר געוואָרן: דער גזלן האָט עס אַרויסגענומען, אַוודאי האָט ער אין יענעם באַגינען, ווען מען האָט עס באַגראָבן, אויך אַזוי נאָכגעשפּירט.

אַברהם האָט אָנגעקוקט יאָסלען. פיר אויגן האָבן געצײזעט מיט פייער, פיר הענט האָבן זיך געבײלט אין פויסטן און געשטילט די אייגענע פאַרלאָרנקייט.

* * *

אַז אַברהם און יאָסל האָבן פאַרלאָזן דעם הויף, אַרויס דורכן טויער, האָט דער טאָג שוין אָנגענומען זיין נאָרמאַלן אויסזען. איבער ווילנער גאַס, אַרויף צו פרעניקלס לעדער⸗פאַבריק, זיינען געגאַנגען די העכערע פאַבריקס⸗באַאַמטע. די אַרבעטער זיינען שוין געווען אין פאַבריק. איין רגע זיינען אַברהם און יאָסל שטיין געבליבן, געטראַכט פון אַן אָרט, ווו צו פאַרשווינדן פון דער גאַס, כדי ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פאָליציי. יעדער ס״ד אָדער ס״ס⸗מאַן, פאָליציסט, ווי בכלל יעדער קריסט האָט זיי געקענט איצט פאַרהאַלטן, אַרעסטירן, און דאָס מיינט: טורמע, טויט.

אַ קליינע יידישע אַרבעטער⸗גרופע, אין באַגלייטונג פון אַ ציווילן ליטווינער, האָט זיך באַוויזן אויפן ווינקל⸗גאַס און שנעל פאַרקירעוועט רעכטס, צו דער לאַנדקרעמער⸗קלויז. אַברהם און יאָסל האָבן זיי אָנגעיאָגט, זיך צוגעגנבעט פון הינטער די גייענדיקע און זיך אַריינגעשלייכט אין קלויז.

די לאַנדקרעמער⸗קלויז, פונקט ווי אַלע בתי⸗מדרשים פון שטאָט, זיינען געווען, פאַרן שאַפן דאָס געטאָ, די לעצטע סטאַנציעס אויפן וועג צום טויט. אין די בתי⸗מדרשים האָבן עס די מערדער צונויפגעקליבן די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געקראָגן די גרינגע שיינען וואָס האָבן באַרעכטיקט אַריינצוגיין אין געטאָ. און אין אַ פאָר טעג שפעטער זיי געפירט אין קוזשער וואַלד צום דערמאָרדן.

איצט זיינען די אַלע בתי⸗מדרשים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקלאַדן פון דער ליטווישער קאָאָפעראַטיוו⸗געזעלשאַפט „ליעטוקים“. די לאַנדקרעמערישע קלויז איז פול געווען מיט קאָרן. אין קלויז, אין ווייבער⸗שול, אומעטום איז געווען אָנגעשאָטן קאָרן. וואָס האָט זיך

געהויפּט אין הויכע בערג, פּאַרשאָטן די בימה, און פול געמאַכט דעם ארון⸗קודש מיט די זיך גאָלדנדיקע געלע קערנער.

די יידן האָבן דאָ געדאַרפט אומשופּלען, דורכלופּטערן דאָס קאָרן, עס זאָל ניט נעמען ברענגען.

אַזוי גיך ווי מען איז איצט אַריין אין קלויז האָט דער אויפזעער אָנגעזאָגט די יידן זיי זאָלן אַרבעטן, און איז אַוועק. ער האָט קיין חשק ניט צו שטיין דאָ, און קאָנטראָלירן טוט אים קיינער ניט. ער איז אויך זיכער, אַז „זיינע יידן” וועלן ניט אַנטלויפן.

ווי נאָר אָבער דער אויפפּאַסער איז אַרויס, האָבן די יידן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די גרויסע הילצערנע שופלען און אָנגעהויבן פּלאַנעווען, ווי זיך אַריינצוקריגן צום נאָענטסטן ספּעקולאַנט, קויפן עפּעס צום עסן.

דער יונגסטער פון די יידן האָט אויסגעטאַן דאָס רעקל, כדי מען זאָל ניט זען די מגן⸗דודס אויף אים; אויסגעטאָן דאָס היטל, האָט ער פאַרשאַרט די משופּרינע האָר און גרייט געווען זיך לאָזן אין די דערבייאיקע הייזער עפּעס קויפן. מינץ, דער חזן פון גרויסן בית⸗המדרש, האָט אים אָפּגעשטעלט שוין אין טיר:

— געדענק: היינט איז תשעה באב, קויפסט עפּעס — זאַלסטו ניט עסן. עסן וועלן מיר פאַרן גיין אַהיים.

שלום בירזשער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מלא רציחה צום חזן:

— וואָס דערציילט איר מעשיות וועגן תשעה⸗באב. איר ווילט הונגערן? — הונגערט. אַ סך האָבן אונדז געהאָלפן די תשעה⸗באבן און אייער קינות זאָגן. איר זעט דאָך — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דעם קאָרן — אָט איז אייער בית⸗המדרש, און אייער גאָט לאָזט עס צו און שווייגט — — —

אַברהם איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, געקוקט אויף די ווענט, אויף די קופּעס קאָרן, אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די יללות, וואָס ער האָט געהערט דאָ, ווען מען האָט דאָ איינגעשפּאַרט די יידן — די אָפּגעקליבענע צום טויט

דער שטרייט ביי דער טיר, צווישן חזן מינץ און שלום בירזשער, האָט אים איבערגעשלאָגן די מחשבות: ווער איז אייגנטלעך פון זיי

בּיידן גערעכט? — האָט אַברהם געטראַכט — דער חזן איז גליקלעכער, ער גלויבּט אַפילו איצט. ער וועט גיין צום טויט אַ גלויבּיקער. נאָר שלום איז אַ ייד אַ פּראָסטער און איז גרייט צו קעמפּן אַפילו מיט גאָט. נאָר אַ געדאַנק האָט צוריק געעקבּערט אַברהמען — אפשר קעמפּט שלום נאָר מיט גאָט, ווייל עס איז אים לייכט; און אפשר איז עס גאָר נאָר דער ווילן צום עסן?

— פאַראַן אַן אַגדה — האָט זיך איינער געווענדעט צום חזן און שלום בּירזשער — נאָכן חורבּן בּית המקדש זיינען געגאַנגען ר׳ גמליאל, ר׳ אלעזר בּן עזריה, ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא אויפן הר-הבּית און געזען ווי אַ פוקס גייט אַרויס פון קדשי־קדשים, האָבּן זיי געווינט. נאָר ר׳ עקיבא האָט געלאַכט, ווייל, האָט ער געזאָגט, אויבּ דאָס שלעכטע פון נביא איז מקוים געוואָרן בּין איך זיכער, אַז אויך דאָס גוטע וועט קומען. לאָמיר דערפאַר, ווי ר׳ עקיבא, גלויבּן, אַז אויך אונדזער בּית-המדרש וועט נאָך געריינ־יקט ווערן פון די הינט.

דער חזן האָט געשמייכלט. ס׳איז אים געפעלן געווען דער צושטעל. נאָר שלום האָט זיך ניט אונטערגעגעבּן, געווען פאַרעקשנט:

— ניטאָ, ניטאָ, גאָרניט, — האָט ער געשריען, אַז ער לאָזט אויסמאָרדן זיין פאָלק. אָט, אַלע ווייסן, אַז איך בּין געווען אַ פרומער ייד, געדאַוונט, געהיט שבּת, אַלץ ווי מען דאַרף. פאַרוואָס איז מיר געקומען אַזאַ שטראָף? — געבּליבּן אויף דער עלטער ווי אַ שטיין. דאָס ווייבּ ניטאָ, די קינדער ניטאָ. אַלעמען אויסגעשאָסן — — —. פאַרוואָס? אָט זאָל ער ענטפערן. מיר זיינען דאָך אין קלויז — האָט ער געווענדעט זיין פּנים צו מזרח, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַ תשובה פון דעם מיט קאָרן האַלבּ-פּולן ארון-קודש.

אַלע זיינען איצט שטיל געווען ניט געפונען קיין ענטפער פאַר שלומען, און זיך געפילט ווי שולדיק, וואָס זיי קענען ניט פאַרענטפערן זייער גאָט.

דער חזן, מיניץ, האָט פעסטער אַ נעם געטאָן זיין הילצערנעם שויפל אין די הענט:

— ווייסט איר וואָס, יידן — האָט ער מיט בּאַגייסטערונג אויסגערופּן — לאָמיר טאַקע גאָר זאָגן קינות. און דווקא דאָ, דווקא פון בּעלעמער אַראָפּ, אָט ווי אַמאָל, ווי אַלע יאַרן.

ער האָט אַ גראָב געטאָן מיטן שויפֿל אין דער קופּע, אַ שאָט געטאָן רעכטס און לינקס. די אַנדערע ייִדן האָבן אים נאָכגעטאָן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן שניידן דורך די קופּע קאָרן אַ וועג: — לאָמיר רייניקן דעם ארון=קודש, ווי די חשמונאים האָבן אַ מאָל גערייניקט אונדזער בית=המקדש!

מינצס קול האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן די ווענט, פֿול געמאַכט דעם בית=המדרש און אָנגעצונדן אַלעמען מיט שווּנג. פֿערצן הענט האָבן געוואָרפֿן פֿולע שויפֿלען קאָרן אין די זייטן. די געלע קערנער האָבן זיך געקייקלט איבער די קופּעס, אַרויף און אַראָפּ. די הענט האָבן פֿלינק געאַרבעט, זיך געשלאָגן אַ וועג צום ארון=קודש, ווי זיי וואָלטן זיך דורכגעהאַקט אַ וועג צו דער פֿרייהייט. נאָר איין שלום איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שויפֿל, זיך ניט גערירט.

ווען זיי האָבן דערגרייכט די בימה, איז דאָס יינגל געקומען צו לויפֿן מיט ברויט, ציבעלע און אַ שטיק חזיר. ער איז שטיין געבליבן אין טיר, זיך געוווּנדערט, וואָס זיינע חברים האָבן זיך אַזוי צעאַרבעט. שלום האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— אָ, פֿאַרשטייסט, זיי זיינען משוגע, זיי גייען דינען גאָט, וועלכער מאָרדעט זיי.

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס עסן פֿון יינגלס הענט, אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט. אַ פֿענעץ חזיר און פֿאַרעקשנט אָנגעהויבן לייגן אין מויל אַריין.

. . . קאָרן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פֿון ארון=קודש.

חזן מינץ איז אַרויף אויבן, אַ שטעל געטאָן דעם שויפֿל אָן אַ זייט, אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן און אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין דער עפֿענונג, ווי דער כהן=גדול אין קדשי=קדשים. אין קלויז איז שטיל געווען. אַלע זיינען געזעסן אויף דעם קאָרן און געוואַרט. אַ העל צעקלונגענע שטים האָט דורכגעשניטן די שטילקייט:

„אלי ציון ועריה“ — ניט מיט דעם אָנגענומענעם ניגון, מיט וועלכן מינץ האָט אַיעדעס יאָר געזאָגט קינות, נאָר גאָר אַן אַנדער ניגון איז עס געווען; אַ ניגון, וואָס האָט אויפֿגעציטערט, געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. זיין שטימע איז שטאַרקער געווען, קרעפֿטיקער ווי אַלע מאָל. מינץ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַראָפּ, ווי ער וואָלט דירידזשירט, ווי ער וואָלט געוויזן

גאָט, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין שול. און אַז ער האָט געענדיקט „אלי ציון“ האָט ער גלייך גענומען ווייטער זאָגן, מיט מער געבעט און השתפּכות=הנפש: „זכור ה׳ מה היה לנו, אוי“. און ווען ער איז געקומען צום פּסוק: „יתומים היינו ואין אָב“, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן מיט בײדע הענט אויף אינעווייניק און אַ געשריי געטאָן „אוי“, אַז די ווענט האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. מינץ האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און אַלע יידן מיט אים. די גאַנצע שול איז פול געווען מיט טרערן, מיט געיאָמער, מיט האַרץ=רייסנדע קולות...

*

ווען דער אויפזעער איז געקומען פירן די יידן צו מיטאָג, האָט ער געטראָפן מינצן ליגנדיק אין ארון=קודש אַ צוזאַמענגעדרייטן, און אַלע יידן פאַרוויינטע. ער איז געשטאַנען אויף אַ קופּע קאָרן און געקוקט. מיט זיין פאַרהאַרטעוועטן מוח האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס די יידן האָבן דאָ אָפּגעטאָן.

אין אַ ווינקל פון פּאָליש איז געשטאַנען שלום בירזשער. געהאַלטן אין האַנט אַ מוציא=ברויט און שטיל, שטיל געוויינט.

נקמה

אין גרויסן הויף פון „ליעטוקיס“, אויף וואַרפּאַ גאַס, זיינען איצט די יידן צוזאַמענגעטריבן געוואָרן פון אַלע אַרבעטס=פּלעצער אין דער דאָזיקער פירמע, כדי צו קריגן אַ ביסל שיטערע זופּ, וואָס ס׳בלייבט שטענדיק פון די קריסטלעכע אַרבעטער.

אויפן הויף, הינטערן הערינג=סקלאַד, זיינען געשטאַנען לאַנגע טישן, בײ וועלכע ס׳זיינען געזעסן די קריסטלעכע אַרבעטער און רואיק געגעסן. די יידן זיינען געשטאַנען אין ווינקל=הויף, אויסגעשטעלט אין רייען, ווער מיט אַ טעלער, ווער מיט אַ טעפּל אין די הענט, האָבן זיי געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם געשמאַקן יויך, וואָס זיין ריח האָט זיך פאַרקליבן אין די הונגעריקע מיילער און געקיצלט דעם גומען.

— אַנטוק נעמט אַ צווייטן טעלער זופּ, קאַניוק אויך, עס וועט היינט גאָרניט איבערבלייבן — אַזוי האָבן די יידן זיך איבערגעוואָרפן צווישן זיך, אָנרופנדיק די קריסטן ביי זייערע נעמען.

דער קליינער בלאַנק האָט זיך געדרוקט אין פאָדערגרונט. זיינע קליינע זשוואַווע אויגן האָבן מיט אונטערטעניקייט אַרויסגעשמייכלט פון זיין געלן פנים; געוואָרפן זיך דאָ צו אַ פורמאַן פון ליעטוקיס, דאָ צום פאַרוואַלטער פון הערינג־סקלאַד, דאָ צום בוכהאַלטער, אַן אָנגעשטעלטן. געוואָלט מיט זיין שמייכל זיי מאַכן איפמערקזאַם אויף זיין אָנוועזנהייט. געבויגן דעם קאָפּ: „לאַבאַס, לאַבאַס פאַנאַס“*), נאָר די קריסטן האָבן ניט געענטפערט, פאַרביי געגאַנגען אַזוי ווי זיי וואָלטן אים ניט געקענט. בלאַנק איז געווען נידערגעשלאָגן. וויפל ער האָט זיך צעבעטן ביי זשילינסקען, דער לייטער פון יידישן אַרבעטס־איינזאַץ, ער זאָל אים שיקן דווקא אין ליעטוקיס אַרבעטן? געהאָפט, אַז דאָ וועט אים זיין גוט. יאָרן־לאַנג ווי ער קען זיך מיט אַלע קריסטן. יעדן טאָג אַהער געקומען, געקויפט דאָ סחורה, געהאַנדלט אויף מיליאָנען אין אָט דער פירמע. שטענדיק גוט באַהאַנדלט די פורמאַנעס, וואָס האָבן געבראַכט די סחורה אין זיין סקלאַד אַריין, געגעבן זיי פאַפּיראָסן, מתנות אויף יום־טוב. זיי אַלע זיינען דאָך שטענדיק פאַר אים „די כפרה געווען“ און איצט! — ווי זיי וואָלטן אים גאָר ניט געקענט. ווי שטאָלץ און אומבאַמערקט אַנטוקאַס איז אים דאָ פאַרביי געגאַנגען. ער, אַנטוקאַס, דער ליבעראַלער קריסט, דער וועלכער רעדט יידיש ווי אַ ייד, וועלכער האָט זיך מיט יידן צוזאַמען געהאָרעוועט, צוזאַמען אַ לעבן געהאַנדלט אין פריינדשאַפט, געקומען אין יידישע הייזער, און איצט גאָרניט, אַלץ פאַרגעסן! אַזויפיל צעקאָכטע גאַזלאָוויסטווע אין זיין פנים, אַזאַ טעמפּע שנאה. ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, ווער וואָלט עס געקענט גלויבן, אַז אויך ער איז אַזאַ שונא־ישראל?

בלאַנקס שוואַרצע אַנטוישונג האָט איצט געטאַטשעט זיין מוח. נאָך אַלע גזירות און רציחות, וואָס די ליטווינער זיינען באַגאַנגען, האָט ער נאָך געגלויבט, אַז אים וועלן זיינע פויערים ניט פאַרגעסן.

---

*) אַ גוטן, אַ גוטן אייך הער.

ער האָט זיך געריסן אַהער, אין „ליעטוקיס“ אויף אַרבעט; געגלויבט, אַז דאָ וועט ער זיין זאַט, דאָ וועלן די קריסטן אים געבן פון כּל־טוב, אים געבן לייכטערע אַרבעט.

קאַנאַוק, דער פּורמאַן, האָט זיך צוגעקייקלט אויף זיינע קלעצערדיקע פיס צו בלאַנקן — „אַ, לאַבאַס, לאַבאַס, פּאַנאַס“ האָט ער אַ הריקגעטאָן אויף „פּאַנאַס“, (הער), מיט אַ הוזק־שמייכעלע הינטער די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנצעס — „וויפל הערינג דיר היינט אַריינפירן? דאַרפסט נאָר באַשטעלן, איך וועל ברענגען.“

בלאַנק האָט פאַרביטערט און שווייגנדיק געשמייכלט.

ווען דער לעצטער פון די אַרבעטער האָט זיך אַ זאַטער אויפגעהויבן פון טיש, האָט די קעכין געגעבן אַ רוף: „היי זשידיאַליאַ!“ (יידלעך). ווי דרעסירטע הינט האָבן די יידן אונטערטעניק זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ווייס־באַשירצטער קעכין, זיך געשטופּט, אונטערגעטראָגן יעדערער פאָרויס זיין קעסעלע.

— עך וויאַלניי, (טייוואָלים), האָט די קעכין געברומט — האַלט אייך דאָך מענטשיש...

בלאַנקן האָט געפלאַמט דאָס פּנים, געשעמט זיך צו שטופּן, איז ער געבליבן דער לעצטער. נאָר פאַר די לעצטע איז שוין קיין זופּ ניט געווען.

די אויפזעער האָבן גענומען יעדער זיינע אַרבעטער. געפירט זיי צוריק צו די אַרבעטס־פּלעצער. די יידן זיינען געגאַנגען און געזופּט פון די קעסעלעך דאָס לוי־וואַרעמע געקעכטס, וואַרפנדיק הונגעריקע בליקן אין יענעמס טעפל, צי איז ביים חבר ניט אַריינגעפאַלן מיט אַ קאַרטאָפל מער.

ווען די אַכט יידן זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער לאַנדקרעמערקלויז און דער אויפפּאַסער איז ווידער אַוועק, האָבן די יידן זיך געזעצט אויף די קופּעס קאָרן. קיינער האָט אַפילו ניט געטראַכט צו אַרבעטן. פאַר וועמען? צו וואָס? יאָסל האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— אַך, מיר זיינען גאָרניט ווערט. פאַרוואָס לאָזן מיר זיך אַזוי מאָרדן? פאַרוואָס שטעלן מיר ניט קיין ווידערשטאַנד? אָט דערציילט מען, אַז אין די זשאַגאַרער וועלדער זיינען שוין דאָ רוסישע

פּאַרטיזאַנער — פֿאַרוואָס אַנטלויפֿן מיר ניט צו זיי? אַלע זוכן גאָר צו ראַטעווען די אייגענע הויט, און אין געיעג נאָך איין טאָג זאַט־זיין וועלן מיר אָפּגעבן מיט שאַנד אונדזערע לעבנס.

שלום בירזשער האָט אויסגעשטעלט זיין בערישן קאָפּ:

— שוין לאַנג, אַז מען האָט געדאַרפֿט נעמען העק אין די הענט. אָט ווי איר קוקט מיך אָן, ווי טריפֿה בהמות זיי געדאַרפֿט הרגענען. יידן זיינען ווייכע לונג־ און לעבערס. די פֿעל וואָלט איך זיי אַראָפּגעשונדן.

אַ פּאָר ליטווישע יונגען פֿון דער אונטער־וועלט זיינען אַריין אין קלויז. דערזעען, אַז די יידן זיצן, האָבן זיי זיך גענומען טשעפּענען צו זיי:

— היי, איר פֿאַרשאָלטענע, פֿויל צו אַרבעטן! איר זיצט אַזוי ווי איר וואָלט דאָ געהאַנדלט מיטן קאָרן. איר פֿאַרקויפֿט עס צו אייער גאָט, האַ? אַרבעטן. שנעלער!

— ווער זייט איר עס אַזעלכע, וואָס איר האָט אונדז צו געבן באַפֿעלן? — האָט שלום זיי אַ פֿרעג געטאָן.

— ווילסט זיך שלאָגן?

— אויב מען מוז וועלן מיר זיך שלאָגן אויך.

די שקצים האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעלאַכט:

— טויזנטער האָבן מיר שוין דערמאָרדעט. מיט איין קלאַפּ דערהרגענען מיר אייך דאָך!

— אדרבא, פּרובירט נאָר — האָט שלום זיך דערנעענטערט.

די יידן האָבן זיך אַ הויב געטאָן און מיט שרעק גענומען אָפּגיין אויף צוריק. נאָר שלום בירזשער האָט אַ קוק געטאָן אויף די יידן; זיין בליק האָט געגליט מיט האַס און די יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די אויגן צו די ליטווינער: „נו, לאָמיר זיך שלאָגן!“

— איר זייט אַכט קעגן צוויי — האָבן די שקצים דערפֿילט, אַז זיי זיינען עפּעס פֿאַרקראָכן.

גוט, האָט שלום אַ ברום געטאָן — נאָר צוויי קעגן צוויי, און זיינע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן צו יאָסלען.

יאָסל האָט מיט אַ בליק אָפּגעמאָסטן דעם ליטווינער, וואָס איז מיט אַ קאָפּ העכער געווען פון אים און מיטן גאַנצן כוח אַ הויב געטאָן דעם שויפל. אַכט הענט האָבן זיך פאַרקלאַמערט איינע אין די אַנדערע, זיך אַריינגעפּרעסן אין די העלדזער, זיך געוואָרפן איבער די בערג קאָרן, געפאַלן און זיך געהויבן.

שלומס ציין־קריצעניש און יעדער קלאַפּ האָט געריסן די שטילקייט, געבראָכן ציינער, אונטערגעהאַקט זייטן.

אַרויסוואַרפן פון בית־המדרש! רייניקן פון הזרים דעם מקום־קדוש! האָט יאָסל זיך צוגעגעבן הייז.

דומפּע קלעפּ פון צוויי פלייש־בינטלעך אויפן צעמענטענעם קלויז־בריקל האָבן געענדיקט דעם קאַמף.

דורכן קלויז־פענצטער האָט אַראָפּגעשיינט די זון איר שקיעה, שפּיגלענדיק אויף די געלע גאָלד־קערנער דאָס רויטע גויאישע בלוט. שלום האָט געסאַפּעט:

— זעט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום אָרט פון געראַנגל — אויך מיר קענען זיך שלאָגן.

ער האָט געטראגי רפואות

(פּאָרטרעט)

אין שמאָלן צימערל פון דער געמאָ־שטאַלעריי האָט דאָס אייוועלע זיך געשטיקט. פינף חברים פון „מסדה“ זיינען דאָ איצט געזעסן. הירשל בלאָך האָט אַלע וויילע אונטערגעלייגט צו ביסלעך שפענער אין אייוועלע און זיך געריבן די אויגן פון רויך.

אַהרון פראַנק האָט זיך אַרומגעקוקט, פאַרשטעקט זיין טרייסלענדיקע האַנט טיף אין פאָלע פון מאַנטל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פלאַש. בלאָך האָט צוגענומען די פלאַש און אַרונטערגעלאָזן זי אין דער ברייטער שטיוול=כאַלאַווע. דאָס איז געווען די געטראָגליצערין, וואָס פראַנק האָט געבראַכט פון אַפטייק, צום מאַכן באָמבעס.

איצט האָבן די גרופּע חברים זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד. אויפן איינציקן בענקל וואָס איז אין צימער געווען האָט זיך געזעצט פראַנק. די פאָלעס פון זיין מאַנטל האָבן ברייט אַריבערגעהאָנגען דעם נידעריקן בענקל און געלעגן אויף דער ערד. מיט דער האַנט האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, וואָס האָבן געטרערט פון רויך און אָנגעהויבן זיין היינטיקע לעקציע. פראַנק האָט גערעדט פון צוויי עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע, וואָס זיינען דורך צוויי העלדן געצייכנט געוואָרן: צוויי — וואָס האָבן געהאַט באַזונדערע לעבנסאויפפאַסונגען — ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ עקיבא. דורך זייערע האַנדלונגען האָבן זיי געגעבן דעם קען=צייכן פאַר צוויי באַזונדערע וועגן פון פאָלקס=קיום. — מיר ווייסן ניט — האָט פראַנק ווייטער געזאָגט — ווער עס איז געווען מער גערעכט, ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געפאָדערט יבנה וחכמיה אָדער ר׳ עקיבא, וועלכער האָט געגעבן זיין ברכה בר=כוכבאס שווערד.

פראַנק האָט געפירט אַן אַנאַלאָגיע פון דער רוימישער געשיכטע, אין וועלכער ער האָט זיך שטענדיק וויל געפונען. ער האָט

אַנטוויקלט דעם פילאָזאָפישן געדאַנקן-גאַנג פון ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געזען די קראַפט פון יידישן פאָלק אין יידישן גייסט. דאָס פאָלק איז דאַן צעטיילט געוואָרן אין פאַרשיידענע פּאַרטייען, צעשפּליטערט ביז ברודער-קריג; האָבן די יידן ניט געקענט מנצח זיין דעם פיינט, און כדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק האָט ר׳ יוחנן געמוזט נעמען כאָטש יבנה. ר׳ עקיבא אָבער, וואָס איז געקומען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גלויבן אין די וויטאַלע קרעפטן פון פאָלק און דערפאַר גערופן צו ווידערשטאַנד, געבענטשט דעם קאַמף. און איז ווי אַ בונטאַר, אַ קעמפער, אַ מורד געשטאָרבן מיטן גרויזאַמסטן טויט פון די עשרה הרוגי מלכות.

פראַנקס אויגן האָבן זיך צעצונדן, זיין אויסגעקניטשט פּנים איז יונגער געוואָרן, זיינע הענט האָבן ווי פליגל געפאַכעט אין חלל. מיט אַ פאַרשפּיקטער שטים, קוים צו באַהערשן זיך, ניט צום אויפשרייען, האָט פראַנק ווייטער גערעדט, פאַרגלייכנדיק יענע צייטן צו היינט.

און אַז ער האָט געענדיקט איז אין צימער אַנטשטאַנען אַ שטילקייט אַזש מיט די הענט צו דערטאַפּן. די 4 חברים, זיינע צוהערער, זיינען געווען פאַרטראַכט אין זיך, געטראַכט פון פראַנקס אויספירן און געטראַכט צו געדענקען, כדי די דאָזיקע רייד צו קענען איבערגעבן אויך ווייטער, יעדער פאַר זיין גרופּע, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט.

אהרון פראַנק האָט זיך אַ ביסל פאַררוט, האָט אָנגעטאָן די ברילן, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ לענגלעך שטיקל פּאַפּיר, זיך געשטעלט האַרט אונטער דער ליכט און אָנגעפאַנגען פאַרלייענען. דאָס איז געווען זיינס אַ שיר אין העברעאיש. „בר-כוכבא אין געטאָ.“ פראַנק האָט געלייענט און דערביי זשעסטיקולירט מיט די הענט צום ריטעם, אַקצענטירענדיק די ווערטער וואָס זיינען אים צום שטאַרקסטן געפעלן געוואָרן. זיינע צוהערער, געוועזענע תּלמידים זיינע, האָבן אים אַפּלאָדירט דורך באַגייסטערטע גרימאַסן אויף זייערע פּנימער.

פראַנק האָט זיך צוריק געזעצט, און האָט פון זיין לעדערנער טאַש גענומען אונטערטראָגן צו זיינע באַברילטע אויגן פלעשעלעך און פּושקעלעך. ער האָט געלייענט די עטיקעטן און דערביי גערעדט, מער צו זיך ווי צו די אַרומיקע: די וויכטיקסטע מעדיקאַמענטן, פאַר די ערנסטע קראַנקע האָב איך שוין אָפּגעגעבן, די

רפֿואות זיינען שוין אַלץ קלייניקייטן, זאַלבן, שמירעכצן.

— נאַ, — האָט ער איבערגעגעבן עטלעכע רעצעפּטן איינעם פֿון די פֿיר און באַלד נאָך עטלעכע אַ צווייטן — איר וועט עס אָפּגעבן, זיי וועיגען דאָך מיט אייך צוזאַמען.

אַזוי האָט פּראַנק דעם אָוונט צעטיילט זיינע רפֿואות, וואָס ער פֿלעגט יעדן טאָג ברענגען פֿון די שטאָטישע אַפּטייקן, לויט רעצעפּטן פֿון די געטאָ־דאָקטוירים.

*

אהרון פּראַנק, דער העבּרעאישער לערער און שריפֿטשטעלער, האָט 3 יאָר געטראָגן פֿאַר דעם געטאָ רפֿואות, אַ סך רפֿואות און פֿאַרשיידענע מיטלען פֿאַר יידן — צום שטאַרקן זייער גוף און זייער גייסט.

אַ גרוס פון ארץ־ישראל

יוסף האָט אָנגעקלאַפּט די דריי צייכן-קלעפּ אין אברהמס בּוידעם-שטיבּל. אברהם האָט אים אויפגעמאַכט די בּרעטערנע טירל און זיך צוריק געזעצט אויף זיין אָרט בּיים טישל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אונטערן דאַך-בּוים. דאָ האָט איצט אברהם געשריבּן אַ בּראָשור א.נ. „וואָס איז און וואָס וויל מסדה”? — אַן אויפקלערונג- און אויפרודער-שריפט צו דער געטאָ-יוגנט.

— זע — האָט יוסף אַרויפגעלייגט אַ צייטונג אויפן טישל — אָט האָבּן מיר אַ גרוס פון ארץ-ישראל.

אברהם האָט געקוקט אויף די עפּעס משונהדיקע יידישע ווערטער אין געמיש צווישן דייטשע און זיך ניט געקענט כאַפּן וואָס דאָס איז, בּיז ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צייטונגס-קעפּל.

— אָהאָ, אַ „שמירמער“.

אויף דער צווייטער זייט, פּון דאָזיקן מנוּוולדיקן, ווילדן פּאָגראָם-בּלעטל, זיינען געווען בּילדער פון אוניפאַרמירטע יידן, פון יידישע חיילים. פאַרשטענדלעך מיט ווילדע יידן-פרעסערישע צושריפטן אונטער זיי.

בּיידע חברים האָבּן זיך איצט איבּערגעקוקט, איבּערגעשמייכלט. א טיף אינערלעכער שטאָלץ האָט זיך צעלייגט אויף זייערע פּנימער.

— הייסט עס, מיר האָבּן שוין אַן אַרמיי!

— אַז מיר וועלן לעבּן בּלייבּן וועלן מיר נאָך זיכער זען די אויפריכטונג פון דער יידישער מדינה.

— די יידן וואָס וועלן איבּערלעבּן שטייט פאָר אַן אמתע גאולה.

— אין דעם צווייפל איך אַפּילו ניט — האָט געענטפערט יוסף — נאָר ווי לעבּט מען איבּער?

— איך האָבּ מורא, אַז אונדזער פאָלק וועט נאָכן קריג זיין צו ווייניק, כדי קענען בּאַזעצן גאַנץ ארץ-ישראל.

— מען דאַרף גיין אַנטקעגן אונדזער אַרמיי. שלאָגן די דייטשן פּון אַלע זייטן. אָך, ווען מען קען אַלע יידן פּון די געטאָס אַרויספירן באַוואָפּנטע קעגן שונא!

— קוק אָן דאָס בּילד! איך וואָלט שווערן, אַז דאָס איז מיינער אַ בּאַקאַנטער, וואָס איז מיט אַ יאָר פינף צוריק אַוועק קיין ארץ-ישראל.

— זיי קעמפּן אוודאי אונטער אַן אייגענער פאָן.

— זעסט דאָך דעם מגן דוד אויפן אַרבל פון דער מיידל. זי מוז זיין אַ קראַנקן-שוועסטער.

ווען מען וואָלט געקענט אַלע געטאָ-יידן ווייזן אָט די בּילדער וואָלטן זיי געקראָגן אַ פונק שטאָלץ אויף זיך אַליין; עס וואָלט געוועזן דער שטאַרקסטער פּראָפּאַגאַנדע-מיטל פאַרן זעלבסטשוץ.

— מען דאַרף די בּילדער געבּן ווי אַ ביילאַגע אין דעם נאָענטסטן „מסדה“-ציימונגס-נומער.

אַזוי האָבּן די חברים זיך אַדורכגערעדט.

י״ח תמוז ניינצן דריי און פערציק:

אין די רוימען פון געמאָ-שוסטעריי איז נאָך ליכטיק, כאָטש דער זייגער ווייזט שוין ווייט נאָך האַלבּער נאַכט. די לערער פראַנק און גרינבּערג זיינען אַליין געקומען אָפּדיקטירן זייערע אַרטיקלען צום כ׳ תמוז-נומער. מאַניע וויים דרוקט די ציימונגס-קעפּל: אַ מויער-פעסטונג אַרומגענומען מיט שטעך-דראָט און אין די דראָטן איינגעקלעמט די אותיות מ.ס.ד.ה. — מסדה. דבורה סראַלאַוויטש, זלמן לעווינסאָן, ז. שאַפּיראָ, חנה כוועררדיאל און דוב שילאַנסקי שרייבּן די פינף קאָפּיעס, און וויפל די ציימונג וועט דאָס מאָל דערשיינען. די ציימונג דאַרף זיין אין 24 זייטן, אַ ספּעציעל גרויסער נומער דער היינטיקער, דער גרעסטער פון אַלע בּיז איצטער דערשינענע.

יוסף איז פאַרטאָן אין צווייטן צימער מיט דער מענטראַנפּאַזש-אַרבעט, ער שמעלט צוזאַמען די בּילדער מאָנטאַזש-מעסיק,

אַרום די בילדער ווערט אַריינגעשריבן דער אַרטיקל פון אהרון פראַנק. זיין אַרטיקל, וועלכער איז פלאַמיק און אינהאַלטלעך טיף, באַהאַנדלט יעדעס בילד באַזונדער.

— — —

עס הערט זיך טריט. עטלעכע אָפּגערעדטע קלעפּ אין שויב באַרואיקן צוריק די געמיטער. דאָס קלאַפּט חיים כארטשיק, ער מעלדעט, אַז די נאַכט אַנטלויפט, מען מוז זיך אָפּטראָגן פון דאַנעט.

אַלע פּאַפּירעלעך ווערן צוזאַמענגענומען, מען ראַמט אויף, כדי צו לאָזן אַלץ ווי געווען; קיינער טאָר ניט מערקן אַז דאָ איז די נאַכט געווען אַ רעדאַקציע און דרוקעריי...

איינציקווייז פּאַרלאָזט מען דעם רוים. סילועטן שלייכן זיך באַרג-אַראָפּ, פּאַרשווינדן אין די געטאָ-געסלעך.

אויפן בויך, אַרומגעשנאַלט פעסט מיט אַ רימען, טראָגט ישראל וויץ די הונדערט צוואַנציק זייטן פּאַפּיר, די באַשריבענע, באַבילדערטע, געצייכנטע. באַלד וועט געמאַכט ווערן די „עקספּעדיציע“ צו אַלע לאַגערן אַרום שאַוול. די דאָזיקע צייטונגען וועלן גיין פון האַנט צו האַנט; יידן וועלן קוקן אויף די בילדער און האָבן אַ טרייסט-גרוס פון ארץ-ישראל. זיי וועלן לייענען דאָס געשריבענע און וועלן זיך דערמוטיקן צום קאַמף.

דער קעלער

דער „קעלער“ אין טראָקאווער געטאָ־ראַיאָן, — געווען איז דאָ אין אַ ווינקל די לאַבאָראַטאָריע, וווּ ייִדן תלמידי חכמים האָבן זיך, אָפיציעל, באַשעפטיקט אַלס פאַרמאַצעווטן.

אין אַ צווייטן ווינקל האָבן אַ פאָר צענדליק שניידערינס געאַרבעט פאַרן געטאָ.

ביינאַכט איז אָבער דער קעלער געווען דער פאַרזאַמלונגס=אָרט פאַר די געטאָ=יוגנט. דאָ האָט מען זיך געלערנט באַגיין מיט געווער, געפרוּווט די שוואַכע כוחות. דאָ האָט מען איינגעאָרדנט יאָרצייטן און אַקאַדעמיעס; געלערנט, פריי געאָטעמט און הויך געטרוימט.

און אַז דער עלטסטנראַט פלעגט האָבן אַ שווער=פאַרטרויליך פראָבלעם — פלעגט ער זיך פאַרגנבענען אויף אַ זיצונג אין קעלער.

ניט איינמאָל פלעגט, אין מיטן פון דער אַרבעט, זיך דערטראָגן אין קעלער=חלל אַ ברענענדיקע דיסקוסיע, צווישן ריכטער געץ און זאַגאַרניקן, צווישן דעם עניוותדיקן תלמיד=חכם מענדל רובינשטיין און דעם דיכטער=בקי אהרון פראַנק — אַ דיסקוסיע וועגן גאָט, וועלט און מענטש.

דאָ איז געלויטערט געוואָרן דער פיין, קריסטאַליזירט געוואָרן דער ווייטיק.

די קעלער=ווענט האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די ליכטיקסטע סודות פון אַ פינצטערער צייט און זיינען שטרענג קאָנספּיראַטיוו געבליבן — קאַלט, פעסט און שטום.

ביי אַ פאָלק אויף זיין ערד, וועלכער קען פאַרקריצן אין שטיין זיין געשיכטע, לאָזן געדענק=מאָנומענטן, מוזעאומס פאַר שפּעטערע דורות, אויף די ערטער ווו גרויסע פאָלקס=געשעענישן זיינען פאַרגעקומען — ביי אַזאַ פאָלק וואָלט דער קעלער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, ווו הונדערטער דורות וואָלטן געבויגן די קעפּ אַדורך דער שמאָלער טיר=עפענונג און מיט הייליק=גרויליקן ציטער וואָלט מען געלערנט, פון די שטיינערנע ווענט, די געשיכטע פון דער בלויטיקסטער צייט אין זייער פאָלקס=לעבן.

פאַר אונדז איז אָבער אונדזער בית=עולם=לאַנד פאַרשאָלטן פון אונדז אויף אייביק — און עס וועלן קיינמאָל נישט קומען קיין מענטשן זיך שטעלן אויף אַ פּאָר מינוט מיט שווייגנדיקע ליפּן און געזונקענע קעפּ ביי אַלע אונדזערע צעשפּרייטע פיין=פּעסטונגען.

— ווער וועט דען קומען צום „קעלער“, פאַרבויגן דעם קאָפּ, און לייענען די ניט געשריבענע בלוט=געשיכטע אויף זיינע ווענט ?

ווער וועט ווען אָנשטרענגען זיין געהער, אין אַ טיף=שטילער נאַכט=שעה, צו פאַרנעמען די גסיסה=סודות, וואָס טראָגן זיך נאָך זיכער אַרום אין חלל צווישן די שטיינערנע קעלער=ווענט ?

וועלכער גרויסער דיכטער וועט ווען קענען זיך פאַרגראָבן מיט שיגעון=פאַנטאַזיע אין טיף=שטיינערנעם קעלער. כאָטש בלאָס צו דערבליקן די טויט=קאָנוווּלסיעס פון אַ פאָלק, אין קלעם פון ברוינעם שפּאַרבער ?

פערטער טייל

די קהילה
שטארבּט

„אַקטענבעמערקונג :

איצט ערשט איז דערשינענ ביי מיר דער ס"ס-אָבערשטורמפירער האַמאַן, פון דער איינזאַץ-קאָמאַנדע 3 אין קאָוונע, און האָט מיר מיטגעטיילט אין אויפטראַג פון ס"ס-שטאַנדאַרטענפירער יעגער, אַז ער האָט דערהאַלטן פון שטאַנדאַרטענפירער יעגער דעם באַפעל צו ליקווידירן אַלע ייִדן אין שאַוולער געטאָ און גלייך אָנהייבן מיט די צוגרייטונגס-אַרבעטן. די ליקווידאַציע זאָל דורכגעפירט ווערן מאָנטיק.

איך האָב זיך גאַנץ ענערגיש אָפּגעזאָגט דורכצופירן די ליקווידירונג און מיטגעטיילט, אַז מיר האָבן אַן אָנווייזונג פון רייכס-קאָמיסאַר זיך אָפּצוהאַלטן פון ווייטערע ליקווידירונגען פון ייִדן. אויסער דעם האָב איך אויפגעוויזן, אַז ביי אַ ליקווידירונג פון ייִדישע מענער אין שאַוול וועלן זיך מוזן אָפּשטעלן אַלע אונטערנעמונגען, ווייל כמעט אַלע פאַכלייט זיינען ייִדן.

איך האָב פאַרבאָטן דעם ס"ס-אָבערשטורמפירער האַמאַן דורכצופירן זיין אויפטראַג און אים געבעטן דאָס מעלדן דעם שטאַנדאַרטענפירער.

געצייכנט : געוועקע.

שאַוול, דעם 3טן סעפּטעמבער 1941.“

(צה"ק מינכען נומ' 105)

* * *

נאָר 14 טעג נאָכן שאַפן דאָס געטאָ האָבן אַלע ייִדן שוין געזאָלט ליקווידירט ווערן, ווי עס איז קלאָר פון א"ג בריוו-ראָקומענט. פאַרוואָס דער געביטס-קאָמיסאַר, געוועקע, האָט דעם דאָזיקן חסד-בריוו געשריבן איז נישט באַקאַנט. מעגלעך אָבער אַז דער עלטסטנראַט האָט וועגן דעם יאָ געאַנט, און אפשר איז דער כופר-נפש, געווען די גרויסע קאָנטריבוציע, (אַ האַלבן מיליאָן מאַרק, גאָלד, פעלצן, עלעקטרישע חפצים), וואָס געוועקע האָט גענומען פון געטאָ אין דער זעלבער צייט. על כל פנים איז דער בריוו ניט דיקטירט געווען פון הומאַניטעט. אין אַן ענלעכן בריוו האָט געוועקע פאַרזיכערט — „אויף מיין נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער האַרטקייט קענט איר זיך פאַרלאָזן און מיין ווילן צום אויסראָטן די ייִדן איז אייך באַקאַנט”. איז דערפאַר זיכער, אַז דער אין בריוו אָנגעגעבענער טעם האָט טאַקע מכריע געווען, צו דער עקזיסטענץ פון געטאָ.

דער דאָזיקער בריוו געפינט זיך אין די אַקטן פון נירנבערגער טריבונאַל. קיין מער דירעקטע מאַטעריאַל וועגן שאַוולער געטאָ איז דאָרט נישטאָ. אויך דער בריוו איז אין זייט אַנגעבערענט, ווייזט אויס אַז די דייטשן האָבן אין שאַוול באַוויזן צו פאַרברענען דעם אַרכיוו.


פ״נ
הבתולה
אסתר
בת ר׳דוד
צוקרמן
נפטרה ב
תמוז
תשד
תנצבה.

אויפן שאַוולער בית־עולם

(די מצבה איז געשטעלט געוואָרן נאָך דער באַפרייאונג).

קאַזערנירונג

אין געטאָ האָט מען אַליין דערפילט פאָרויס, יעדע גזרה האָט מען פריער געאַנט; נאָר קיין מיטלען, ווי זיך צו העלפן פון די גזרות זיינען דאָך ניט געווען, איז מען געגאַנגען מיט שרעק אין די הערצער דעם גורל אַנטקעגן.

אויף אַלעמענס ליפן איז געלעגן דאָס וואָרט: קאַזערנירונג. מען האָט שוין געוווסט דעם פירוש דערפון. עס מיינט צעטיילונג, צערייסונג פון משפחות, צעגלידערונג פון געטאָ פאַרטריבן ווערן הינטער ענגערע דראָטן.

מיט איין מאָל האָבן זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן „בקרנות המזבח״, אָן די געטאָ־דראָטן. איצט, אין אָנבליק פון דער נייער סכנה, האָט מען פלוצים „דערזען“ ווי „גוט“ ס׳איז אין געטאָ, ווי געאָרדנט דאָס לעבן איז דאָ, ווי „באַקוועם“ און היימיש...

*

שוין אַ וואָך ווי מען ווייס, אַז איינער פון די לאַגער־קאָמענדאַנטן פון דאַכאַו, פערסטער, געפינט זיך אין שטאָט. אין געטאָ קומט ער ניט. ער האָט זיך גאָר פריינדלעך דורכגערעדט מיט די יידן, וואָס אַרבעטן אין ס״ד, דאָרט ווו ער קוואַטירט; ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי און זיך געחידושט אויף דער קליינער פאַרפלעגונגס־ראַציאָן, וואָס די יידן קריגן. פערסטער האָט דערציילט די יידן, אַז ער איז באַשטימט אַלס לאַגער־קאָמענדאַנט אין שאַוול און צוגעזאָגט פאַרבעסערן דאָס עסן. אַזוי האָט ער געשיקט זיין פריינדלעכע וויזיט־קאַרטע, נאָר ער אַליין ווייזט זיך ניט אין געטאָ. מען ווייס אַפילו, אַז ער האָט זיך גענומען אַ גרויס הויז, ניט ווייט פון געטאָ און איר געלאָזט הערלעך אויסמעבלירן. און אָט האָט ער גערופן אַ יידישן דאָקטאָר פון געטאָ, ער זאָל אים היילן פון אַ שווערער מאגן־קראַנקייט. מיטן דאָקטאָר, פייסאַכאָוויטש, איז ער

זייער פריינדלעך און מיט דער יידישער קראַנקן-שוועסטער, לוניע, וועלכע קאָנסולטירט מיטן דאָקטאָר, רעדט ער געמיטלעך.

— — —

און פּלוצלונג איז ער פאַרפאָרן אין געטאָ, שנעל דורכגעשפּרייזט איבער די געסלעך, געכאַפּט אַ קוק אין פאַבריק, ווו די יידן אַרבעטן, און ווידער פאַרשוווּנדן אויף לאַנגע טעג. שפּעטער האָט ער אָנגעפאַנגען קומען עפטער, אָבער אַלץ אויף מינוטיקע באַזוכן. בײַ איינעם פון זיינע וויזיטן האָט ער אַ פרעג געטאָן, אַזוי זיך, כלאחר יד, וויפל געווער ס'איז באַהאַלטן, וויפל בונקערס עס זיינען פאַראַן אין געטאָ. געקראָגן די תשובה, אַז ס'איז נישטאָ, האָט ער אָנגענומען דעם ענטפער אָן דיסקוסיעס. ווען ער באַווייזט זיך אין געטאָ גייט זיין אַדיוטאַנט הינטער אים מיט אַ גרויסן פּאָרטפעל אין האַנט. יידן האָבן שוין פעסטגעשטעלט, אַז אין פּאָרטפעל געפינט זיך אַ פּאַראַבעל*). פערסטער אַליין טראָגט נאָר אַ קליינעם רעוואָלווער אויפן זייט, ווי לפאָרמע וועגן.

נאָך דער גאַנצער פריינדלעכקייט פילט דאָס געטאָ אַ מורא, וואָס אַזעלכע איז נאָך בײַ קיינעם ניט געווען אַפילו אין די שווערסטע טעג. ווי פערסטער באַווייזט זיך נאָר, אַזוי באַהאַלט מען די קינדער, אַלע צעלויפן זיך אין די ווינקעלעך. פערסטער אַליין האָט עס באַמערקט און געפרעגט: „פאַרוואָס האָט איר אַזוי מורא פאַר מיר, ווי איך באַווייז זיך ווערט פּוסט אין געטאָ, איך האָב דאָך אייך קיין שלעכטס ניט געטאָן!...

אַזוי איז געווען זיין לאַנגזאַם און ביטערע באַקאַנטשאַפט מיטן געטאָ; אַן אויסגערעכנט-באַנדיטישער מאַנעוור. נאָר קיינער האָט זיך ניט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז דער קוילער, דער אַנפאַנגער צו דער אַנטגילטיקער פאַרניכטונג. זיין אויסזען האָט פאַרראַטן דעם מערדער אין אים. — מיטל וווּקס, ברייט-פּלייציק מיט אַ סקעלעטיש-שאַרף אויסגעביינערט צעקנייטשט און שטענדיק פאַרכמורעט געזיכט, אויף וועלכן ס'איז געלעגן ניט קיין האַס און ניט קיין בייזקייט, נאָר עפּעס אַ טויט-פאַרגליווערטע

---

*) אַ נרויסער רעוואָלווער.

מאַסקע, אַ בעסטיאַליש אויסזען, פון אַן אויסגערעכנטע טויט=דורשטנדיקע חיה. זיינע אויגן זיינען שטענדיק געווען אָנגעגאָסן מיט שיכרותדיקן וואַנזין. לעבלעכע גרינע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געגרינגט און געגרוילט קבר, אָפגרונט, תליה, כאַלטערמאָרד. זיינע אויגן האָבן זיך ניט באַוועגט, נאָר שטענדיק מעלאַנכאָליש געקוקט פאָרויס, ווי ניט=דאָ=וועלטיקע, ווי אַלע טויטקראַמפן, פון זיינע קרבנות, וואָלטן געבליבן שטעקן אין זיינע אויגן. אַ גרויל פלעגט באַפאַלן איעדן וואָס האָט לענגער געדאַרפט אים אָנקוקן. זיינע ליפן זיינען געווען דינע און שטענדיק צוזאַמענגעפרעסט, ווי מיט ווייטיקדיקער עקשנות. ער פלעגט זיי עפענען שווער, ווי נאָך אַן אינערלעכן געראַנגל.

געוווסט האָט מען, אַז ער קומט פון די באַלקאַן=לענדער, ווּ ער האָט „גערעגלט“ די יידן=פראַגע... און, ווי ער אַליין דערציילט דעם דאָקטאָר, געטרונקען דאָרט זייער פיל וויין און שנאַפס.

אין דאַכאַו און אוישוויץ האָט פערסטער, אַלס אויבערחיה, געהאַט גענוג סאַדיסטישע פראַקטיק, אין צעברעכן פריער זיינע קרבנות, איידער ער טויט זיי. מיטן סיסטעם פון ברויזע=באָד=שילד אויף די גאַז=קאַמערן, האָט זיך געלאָזט אָן ווידערשטאַנד אַריינקריגן דעם קרבן. די דייטשן האָבן פיינט געהאַט טומל; דער קרבן זאָל שרייען און זיך צאַפלען — פון דעם האָבן זיי נאָר הנאה געהאַט ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן דעם קרבן זיכער אין פאַסטקע.

נאָר דאָס מאָל איז פערסטערן ניט געלונגען. קיינער האָט זיך ניט געמאַכט קיין אילוזיעס — דער קרבן האָט זיך געצאַפלט — קיין אַנטרינונג איז אָבער ניט געווען.

נאָך וואָכן נערוון=שפאַנונג איז געקומען דער באַפעל: 1.000 יידן ווערן קאַזערנירט אויפן פלי=פלאַץ; 500 אין ציגל=פאַבריק דאוגעל; פונקט אַזוי פיל אין מאָרף=לאַגער באַטסון; 260 אין צוקערפאַבריק פאַווענטש און 200 ביי די קאַלך=גרובן פון אַקמעיאַן (מאַזייקער קרייז).

אויף די געטאָ=גאַסן האָט זיך געוואַלגערט פיין און פאַרצווייפלונג: ווּ זאָל מען פאָרן? — מען קען זיך פאַרשרייבן, אַליין זיך

אויסקלייבן, ווּ מען וויל. איז דאָס טאַקע נאָך ערגער. ווער קען באַשליסן איבערן אייגענעם גורל, ווער וויל עס טאָן מיט די אייגענע הענט? — מען וויל נאָר ניט אָפּגעריסן ווערן פון משפּחה. ווער עס רעכנט אויס, אַז אין קאַלך-ברענעריי וועט זיין בעסער, ווייל ס'איז ווייט פון געטאָ; אין יענעם קאַנט האָט מען שוין צוויי יאָר קיין יידן ניט געזען, האָבן די פויערים דאָרטן „וויניקער“ זאַכן, במילא וועט לייכטער זיין צו קויפן עסן, מען וועט קענען אויסבייטן די נאָך פאַראַנענע קליידער. די מערסטע ווילן אָבער בלייבן אין געטאָ, כאָטש דער גורל פון געטאָ שטייט אונטערן גרעסטן פראַגע-צייכן. נאָר דאָ איז מען שוין געוווינט — „ווּ וועט מען זיך שלעפּן, זאָל שוין פאַסירן וואָס עס וויל“; זוכט מען זיך אַריינצוקריגן אין פאַבריק אָדער אויף אַנדערע אַרבעטס-פּלעצער, וואָס וועלן בלייבן ביים פאַבריק, אין געטאָ. די וועלכע קלייבן זיך צו פאָרן אין ווייטערע לאַגערן טראַכטן אויך: אפשר וועט מען אָן זיי פאַרגעסן. דאָרטן, ווייט פון צענטער, ווייט פון אַ באַן, וועט מען זיי לאָזן צו רו. די פראָנטן דערנענטערן זיך דאָך, באַלד וועט זיך ענדיקן די מלחמה, איז גוט צו ליגן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעל. אַ טייל יוגנטלעכע רייסן זיך אויך וואָס ווייטער פון געטאָ: אפשר דאָרטן, אין דאָרף, נעענטער צו וועלדער, אונטער אַ קלענערער שמירה, וועט מען קענען אָנקניפּן פאַרבינדונגען „מיטן וואַלד“, מיט פּאַרטיזאַנער.

ייִדן קאַלקולירן, מאַכן חשבונות און —
פערסטער ציט אונטער דעם לעצטן שטריך.

דעם 25טן סעפּטעמבער 1943*), פּונקט 7 אַז' פרי, איז באַשטימט געוואָרן פון פערסטערן דער ערשטער טראַנספּאָרט צום אַעראָדראָם. פערסטער איז געקומען באַגינען צום געטאָ און געהייסן די אַלטע און קינדער זאָלן פאָרן מיט אויטאָס. האָבן יידישע הערצער פרייער אָפּגעאָטעמט, אין אַ סך אויגן האָט זיך צעפינקלט דאַנקבאַרקייט: דאָך אַ גוטער ס"ס-מאַן... נאָר פערסטער האָט

---

*) צוויי טעג נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. זע „ווילנער יידן אין אַן עשאַלאָן“.

פאַרצייכנט וויפל אַלטע און קינדער ס'זיינען אָפגעפאָרן אין די אויטאָס.

נאָכדעם ווי פערסטער האָט רואיק דורכגעפירט די גאַנצע קאַזערנירונג האָט ער אויפגעלייזט דעם „קאווקאַזער“ געטאָ-ראַיאָן. די איבער צוויי טויזנט יידן, וואָס זיינען געבליבן אַרבעטן אין פרענקל-לעדער-פאַבריק און אין אַנדערע שטאָט-אונטערנעמונגען, ווי ה.פ.מ. (הערעס פאַרפלעגונגס-מאַגאַזין) און ה.ק.פ. (הערעס קראַפטפאַרצאוג) זיינען צוזאַמענגעפערסט געוואָרן אין טראַקאַיער געטאָ-ראַיאָן, לעבן פאַבריק. דאָס געטאָ האָט שוין געהייסן ס. ל. (קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער) און איז געווען אַן אָפטייל פון קאָוונער לאַגער. (קאָוונער געטאָ איז שוין דאַן געווען אַן אָפטייל פון דאַכאו). דער אָפיציעלער שטעמפל אויף די געטאָ-בלאַנקן ביי ס"ס איז געווען: „קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער קאָוען, אָפטיילונג שאולען“ רומענישע פאָלקס-דייטשן, ס"ס-לייט, האָבן אַצינד באַוואַכט דעם לאַגער, אָנשטאָט די פריערדיקע ליטווינער-פאָליציי.

זיין פלאַץ, אַלס לאַגער-קאָמענדאַנט, און זיין ווינונג האָט פערסטער איבערגעלאָזן איינעם פון זיינע דאַכאַוער געהילפס-קאָמענדאַנטן, דעם אונטערשאַרפירער שלעף.

איצט איז פערסטער שפורלאָז פאַרשווונדן. נאָר זיין סאַדיסטישער פנים און די שרעק פאַר זיין נאָך ניט דערפירטן פאַרניכטונגס-פלאַן, איז געבליבן שטעקן אין אַלעמענס הערצער.

דער פאַררעטער

פערסטער האָט קומענדיק אין שאַוול זיך געלאָזט פאַראינטערעסירן מיט דער געשיכטע פון געאָרג פּאַריזשערן. שעהן לאַנג פלעגט פּאַריזשער שטיין פאַר פערסטערן אין אַ סטראַמער סאָלדאַטן=פּאָזע און מיט טרערן זיך בעטן אַרויס פון געטאָ, אונטעררוקנדיק אים זיין קריגס=מעדאַל. פערסטער האָט פון געטאָ פּאַריזשערן ניט באַפרייט, אָבער אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון דער דייטשער פאַרוואַלטערין פון „האָטעל בערלין“, ווו פּאַריזשער האָט געאַרבעט, האָט דער אונטערשאַרפירער שלעף, דער געטאָ=קאָמענדאַנט נאָך פערסטערס אַוועקפאָרן, באַשטימט געאָרג פּאַריזשער אַלס לאַגער=עלטסטן, אויפן אָרט פון מענדל לייבאָוויטש.

ווער איז געווען געאָרג פּאַריזשער?

ווי אַ סך דייטשע יידן איז ער אין דער ערשטער וועלט=מלחמה געווען אַ פאַטערלענדישער אָפיצער. אין ניינצן זיבן און צוואַנציק האָט ער געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט פון דייטשע צייטונגען, וועלכע ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרלאַג „זיבערט“ אין קעניגסבערג, (וועמענס מיטגרינדער ס'איז געווען דער מעמלער ראַבינער ד״ר לאַצאַרוס). פּאַריזשער האָט התונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין קריסטלעכן בעל=הבית, זיבערט. און, ווי ער אַליין האָט דערציילט, האָט ער זיך געטויפט, אָננעמענדיק דעם קאַטוילישן גלויבן.

מיטן קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט האָט פּאַריזשער אָנגעפאַנגען שפּילן דעם איבערגעגעבענעם נאַצי און אַפילו אַריינגעטראָטן אין ס״ד; די נאַציס האָבן אָבער דערטאַפּט זיין אָפּשטאַמונג און פּאַריזשער איז אַנטלאָפן אין מעמל=געביט, און פון דאָרטן אין שאַוול. דאָ האָט ער אָנגעפאַנגען לעבן אַלס ייד, געזוכט אַרבעט ביי יידן, אָפּגעגעבן זיין זון אין דער העברעאישער גימנאַזיע און גענומען הילף אין דער יידישער קהילה. אַז די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט האָט פּאַריזשער געפּועלט ניט צו גיין אין געטאָ. אייניקע

חדשים שפּעטער האָט ער דאָך געמוזט טיילן דעם גורל פון אַלע יידן, צוזאַמען מיט זיין פרוי, וועלכע האָט ניט געוואָלט אָננעמען די ברירה פון זיך שיידן מיט איר מאַן.

געלעבט אין געטאָ, געוואַכטעט פון יידן, אויס דרך-ארץ צו זיין גויישקייט, האָט פּאַריזשער דאָך מיט אַלע מיטלען און אַ דאַנק זיינע שוואָגערס, וועלכע האָבן פאַרנומען גרויסע אָפיצערן-פּאָסטנס אין דייטשלאַנד, געזוכט אַרויסצוגיין פון געטאָ, ניט טיילן דעם גורל פון דעם פאָלק, פון וועלכן ער איז מיט ניינצן יאָר פריער אַנטלאָפן.

פון שטענדיק רואיקן שטיל פאַרטראַכטן פּאַריזשערן, וועלכער האָט אַפילו בסוד פאַרטרויט, אַז ער שרייבט אַ בוך וועגן נאַציִשע רציחות, איז איצט, נאָכדעם ווי מען האָט אים באַשטימט אַלס לאַגער-עלטסטן, מיט איין מאָל אַרויסגעשפּרונגען דער משומד און יונקער צו גלייך. פּאַריזשער האָט איבערגענומען די מאַכט (ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט — לויט זיין אייגענער בּיטע) און, כאָטש אַליין געלעבט אין געטאָ, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ דייטש. זעלטן פלעגט אויפטויכן אין אים דאָס פינטעלע ייד. געווען מינוטן ווען פּאַריזשער פלעגט אין אַכט נעמען אַז ער איז דער יידישער פאַרטרעטער. אָבער, ווי געזאָגט, נאָר געציילטע מאָל זיינען עס געווען. פּאַריזשער איז געווען האַרט און געזעציק. ער האָט „פאַרגעסן“, אַז אויך ער פלעגט שמוכלען פּראָדוקטן דורכן דראָט אין די פאַרגאַנגענע חדשים. פּאַריזשער האָט אָנגעפאַנגען לעבן ווי אַ קליינער קעניג. אויך אים האָבן די יידן געדאַרפט געבן כאַבאַר, ווי צו די דייטשן; נייען, קליידן, אויסהאַלטן מיט אַלעם גוטן. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אין זיין מאַכט, אַלץ מער פאַרשיכורטער איז ער געוואָרן. זיינע הענט האָבן אָנגעפאַנגען פאַרגיסן יידיש-בלוט!

אַז די דייטשן האָבן געפאָדערט פופציק יידן (צו פאַרברענגען דערמאָרדעטע פון די מאַסן-גריבער. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען זיי האָבן אָנגעפאַנגען פאַרווישן זייערע פאַרברעכנס), האָט פּאַריזשער זיך אַריינגעזעצט מיט די ס״ס-לייט אין אויטאָ, פּונקט ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיי, און געפאָרן אין דערבייאיקן

לאַגער*), פֿון וואַנעט ער אַליין האָט אָפּגעקליבן פֿופֿציק געזונטע יידן און זיי אָפּגעגעבן צו די ס״ס־לייט, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז נאָך דעם ווי די יידן וועלן אָפּטאָן די אַרבעט וועט מען אויך זיי פֿאַרברענען.

צו אָט דער צייט האָבן די רומענישע ס״ס־וואַך־מענער געלעבט אין געטאָ. זייער וואַך־שטוב איז געווען ביים געטאָ־טויער און זייער עלטסטער איז געווען אַ דייטשער געפרייטער. דאָס געטאָ האָט דעם דאָזיקן געפרייטן גערופן „משה פלעק“. פֿאַרוואָס משה? — איז ניט באַקאַנט; פלעק האָט מען אים גערופן צוליב דער רויט־פלאַמיקער לינקער באַק.

„משה פלעק“, וועלכער האָט געפירט אַ ליבע מיט פֿאַריזשערס פרוי, און געאָרג פֿאַריזשער זיינען געווען די פֿאַקטישע בעלי־בתים פון לאַגער. נאָר „משה פלעק“ און אַפילו שלעף, וועלכער פלעגט סומען יעדן טאָג נאָר אויף באַזוכן אין לאַגער, האָבן זיך אין אַלץ פֿאַרלאָזן אויף פֿאַריזשערן. ביי פֿאַריזשערן פלעגן זיי קומען אויף בעלער, מיט זיין פרוי און טעכטערל גיין שפּאַצירן און אויף אים זיך פֿאַרטרויט אַלע סודות. פֿאַריזשער האָט געוווּסט וועגן אַלע זיך גרייטנדיקע אַקציעס, געוווּסט אַלע געהיימענישן און — זיי געטראָגן אין זיך, ווי איינער פון די מערדער.

פֿאַריזשערס אַכצן־יאָריקער זון, האַנס, אַ געוועזענער מיטגליד פון היטלער־יוגנט, האָט פיינט געהאַט יידן. דווקא פרוי פֿאַריזשער, די פול־בלוטיקע אַריערין איז געווען די, וואָס האָט זיך געחברט מיט יידן און געטראָגן ביידע מגן דודס, כאָטש איר איז געווען דערלויבט צו טראָגן נאָר איינעם, אויף דער ברוסט אַליין. (שפּעטער האָט מען די גאַנצע פֿאַמיליע באַפרייט פון טראָגן צייכנס).

פֿאַריזשער האָט געגישטערט איבערן געטאָ, געזוכט צו אַנטדעקן געווער, קאָנספּיראַטיווע קעמערלעך, זיך געזוכט אַגענטן. ער אַליין האָט מיטגעהאָלפֿן פֿאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ שווערן אַרבעטס־לאַגער, מיט אַ טורמע־רעזשים. ער האָט פֿאַרבאָטן, אונ־

---

*) אין דעם לאַגער זיינען געווען יידן נאָר פון ווילנער קאַנט.

מער טויט־שטראָף, זיך צו באַווייזן ביינאַכט אין דרויסן. נאָר גאָר שווער־קראַנקע פלעגן איצט קריגן באַפרייאונג פון דער אַרבעט. דער גאַנצער לאַגער האָט געציטערט פאַר פאַריזשערן און געלעבט אונטער זיין קאָנטראָל.

זיין לעצטע פאַררעטערישע ראָל האָט ער אָבער אָפּגעשפּילט ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

שווארצער פרייטיק

אין דער לופט האָט זיך געפילט טויט. די געטאָ־איינוווינער האָבן געהאַט זייערע סימנים פאַר שרעקלעכע טעג. איינער פון די סימנים, פאַר די גרויל־טעג, וואָס קומען איצט, איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען געבן בּעסער עסן. ס״ס האָט אין די טעג אויסגעטיילט פאַרפלעגונג פאַר קינדער, מער בּרויט און אַפילו קאָנפעקטן — — —

— „מען גיט שוין ווידער מער צום עסן, ווייזט אויס ס׳וועט זיין אַן אַקציע“. אַזוי האָבן מיילער געשעפּטשעט, שטיל — שטיל; ניט געוואָלט אַרויסריידן אָפן די שוואַרצע אַנונגען. נאָר אַלע האָבן געפילט, אַז די קינדערלעך קומען איצט אין דער ריי.

*

שוין אַ פּאָר וואָכן פאַר די „סימנים“ זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערפילט די אין חלל הענגענדיקע סכנה. האָבן, לויטן פאַרשלאַג פון „מסדה“, בּאַרים קאַרטון פון עלטסטנראַט און איזאַ שאַפּיראָ פון „מסדה“, פּרובּירט צו־געפינען ערטער אין שטאָט, ווו צום בּאַהאַלטן די קינדער. שאַפּירא און קאַרטון האָבן בּאַזוכט גלחים, קריסטלעכע קינדער־היימען, זיך געבעטן זיי זאָלן צונעמען קינדער פון געטאָ, נאָר אומעטום האָבן זיי געקראָגן דעם זעלבן ענטפער: „מיר האָבן מורא“. דער דירעקטאָר פון ליטווישן קינדערהיים האָט מסכים געווען צוצונעמען... צוויי קינדער. דער יידנפריינדלעכער גלח לאַפּאַס האָט געבעטן מען זאָל אים לאָזן אַ פּאָר מאָנאַט בּיז ער וועט צוגרייטן אייניקע ערטער, פאַר עטלעכע קינדער, און דאָס — בּלאָנדע קינדער, מיידעלעך, אָדער ניט געמלטע יינגעלעך, וואָס ריידן נאָך ניט, אָדער ריידן ליטוויש.

ווען ראַטעווען די 800 קינדער פון געטאָ, אָדער אַ גרעסערן צאָל פון זיי — האָט שוין ניט געקענט קומען אין פראַגע.

*

אַ געדיכטער נעפּל האָט איינגעהילט דעם פּרימאָרגן. אַ ווינטער⸗פּרעסטל האָט געווייסט די געטאָ⸗דעכער. עפּעס אַן אינערלעכע אומרו האָט אויפגעהויבן אַלעמענס מידע גופים פון די געלעגערס. האָבן מענטשן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די דראָטן, זען וואָס ס'קומט פאָר אין שטאָט. נאָר ביקסן האָבן זיך געצילעוועט פון יענער זייט דראָט, געטריבן צוריק אין די הייזער אַריין. אַנשטאָט די פּאָסטנס זאָלן שטיין פון אינעווייניק, אין געטאָ, ווי שטענדיק, זיינען זיי איצט געשטאַנען פון דער דרויסנדיקער זייט.

פאַרוואָס לאָזט מען היינט ניט אַרויס צו דער אַרבעט?

קיינער האָט ניט געקענט ענטפערן אויף דעם. האָט, ווי אַ בליץ אין שטורם, די ידיעה זיך אַ טראָג געטאָן איבערן געטאָ. אינסטינקטיוו האָבן מאַמעס אָנגעפאַנגען רייסן קינדער פון שלאָף, שלעפּן זיי אין קעלערן, אויף בוידעמער, באַהאַלטן אין לעכער, אין קלאָזעטן, פאַרגראָבן אין מיסט⸗קאַסטנס, אין צוגעגרייטע באַהעלטענישן און וווּ איינעם איז נאָר איינגעפאַלן אין דער דאָזיקער שיגעון⸗מינוט. דאָס גאַנצע געטאָ איז פול געוואָרן מיט היסטעריע⸗געשרייען פון הלשנדיקע מאַמעס, פאַרצווייפלטע טאַטעס. אַלעמען איז ענג געוואָרן די אייגענע הויט.

פלוצלונג האָט אַן אויטאָ זיך באַוויזן ביים געטאָ⸗טויער. פערסטער איז ווידער געשטאַנען ביים געטאָ און — זיך „ערנסט“ געבייזערט אויף די שומרים, פאַרוואָס זיי האָבן ניט אַרויסגעלאָזן צו דער אַרבעט...

דאָס געטאָ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט...

— הייסט עס, — אַ טעות, מען לאָזט גאָר צו דער אַרבעט, פערסטער וויל נאָר אַליין קאָנטראָלירן, וויפל אַרבעטער עס גייען אַרויס — איז זיך צעפלויגן אַ זאָגעריי איבערן געטאָ.

די יידישע אָרדנונגס⸗דינסטלער זיינען געלאָפן פון הויז צו הויז, געטריבן: גיכער, גיכער אַרויס צו דער אַרבעט! זיי האָבן געשלעפּט פון באַהעלטענישן. — אַלע מוזן היינט גיין: „זאָלן זיי זען, אַז מיר אַרבעטן“. נאָר ביים פאַבריק⸗טויער, וווּ עס האָבן זיך געריסן די מערסטע צאָל מענטשן, איז געשטאַנען דער אַרבעטס⸗אַמט⸗לייטער, טשערניאַווסקי, און געפאָדערט די קאַרטעלעך, די אַרבעטס⸗

נומערן: „האַ, היינט זייט איר אַלע געוואָרן אַרבעטער, אַזוי קען מען אייך ניט אַרויסטרייבן פון די בעטן“. ביים טויער האָט זיך באַוויזן אַ ציטערדיקער אַהרון כ״ץ. ער האָט אַ שלעפּ=געטאָן טשערניאַווסקין: — אַוועק פון דאַנעט! לאָז דורך אַלעמען ווער עס קען זיך ראַטעווען!

ביידע געטאָ=טויערן זיינען באַלאַגערט געווען. יידן האָבן זיך געשטופּט, געריסן, וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

פון ווייטן, פאַרהוילן פאַרן געטאָ, זיינען געשטאַנען די מערדער מיט אויסגעאיילטע מאַשין=געווער אויף די פּלייצעס.

— — —

*

ניין, ניין, עס איז נישטאָ דער פּסיכאָלאָג, וואָס זאָל אונדז דערקלערן, וועלכער נערוון=קאָמפּלעקט עס האָט דאַן געאַרבעט, אָדער ניט געאַרבעט, ביי די מענטשן. פאַרוואָס האָט מען זיך געריסן צום טויער, לאָזנדיק קינדער און אַלטע אַליין? — זיינען די מאַמעס און טאַטעס ניט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען, איז עס געווען די בלינדע שטוים=קראַפט צום לעבן? פאַרוואָס האָט זיך קיינער ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון, איז עס אַזוי שטאַרק געווען דער טריק פון די הענקער?

עס איז געווען אַ קאָשמאַר, די געדאַנקען זיינען ביי אַלעמען פאַרנעפּלט געווען, ווי פאַרנעפּלט ס'איז געווען דער באַגינען.

*

אַז די אַרבעטער זיינען אַרויס דורך די טויערן האָט אַ ראָטע פון פינף הונדערט באַוואָפנטע לעטישע און אוקראַאינישע ס״ס=לייט זיך אַ לאָז=געטאָן פון זייערע באַהעלטענישן אין געטאָ=אַריין. פערסטער האָט אויפגעפאָדערט די יידישע „אָרדנונגס=מענער“, זיי זאָלן צושטעלן ביים טויער אַלע קינדער ביז צוועלף יאָר.

— ווער קען פאַרביי גיין, ניט פאַרשרייבנדיק לזכרון, טעמפּע פּהדנות און נאַרישקייט: — דער פּאָליציי=שעף, אפרים גענס

האָט מיט זיינע אייגענע הענט, אַלס בּיישפּיל, צוגעטראָגן זיין אייגענעם קינד! פּערסטער האָט אַ שמייכל געטאָן ווען ער האָט צוגענומען דעם קרבּן פון מאַטנס הענט. געגנס האָט סאַלוטירט...

(און אַט דער טאַטע לעבּט. ניט אויף מאָרגן און ניט היינט האָט ער זיך אויפגעהאָנגען אויס עקל צו זיך אַליין).

ניט אַלע מאַמעס אָבּער האָבּן נאָכגעטאָן דעם בּיישפּיל...

אַז די יידישע פּאָליציי האָט ניט געקענט דורכפירן די אַרבּעט האָבּן זיך אַ לאָז־געטאָן די אוקראַאינער און לעטן אַליין. צענדליקער מאָלן איז מיט שפּיר־הינט אַדורכגעזוכט געוואָרן יעדעם הויז. יעדער מעגלעכער פּאַרשטעק־אָרט, און — מאַמעס האָבּן געקעמפּט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען — מיט יידישע: געלט, אונטערקויפנדיק די מערדער, און, מיט גוייִשע: מען האָט זיך געשלאָגן מיט פויסטן אַנטקעגן בּיקסן.

מאַמעס האָבּן, וועלנדיק אויסבּאַהאַלטן זייערע קינדער אין פּולע בּעטן בּעטציִיג, אַליין זיי דערשטיקט — געראַטעוועט פון די הענקער און געפונען אַ טויט קינד. אַ מאַמע האָט, פון פּאַרצווייפלטער אומפּאַרזיכטיקייט, דערטרונקען איר קינד אין אַ קלאָזעט. אויף מאָרגן האָט מען דאָס קינד אַרויסגעשעפּט פון דער צואה.

אַז די הענקער האָבּן געפונען טויט־דערשטיקטע קינדער האָבּן זיי געשלאָגן די מאַמעס און זיי מיטגענומען צוזאַמען מיטן טויטן קינד.

אין צייט פון די רעוויזיעס האָט ס״ם צוזאַמענגעטריבּן אויפן פּלאַץ, בּיים געטאָ־טויער, אַלע די וואָס האָבּן זיך געפונען אין געטאָ, קראַנקע, אַלטע, אין געטאָ אַרבּעטנדיקע און אין בּאַהעלטענישן געפונענע. איבּער זעקס הונדערט מענטשן. און ס״ם האָט זיי בּאַוואַכט אויפן פּלאַץ 8 שעה צייט, בּיז די רעוויזיעס האָבּן זיך געענדיקט.

פון אַלע געטאָ־הייזער האָט זיך געטראָגן אַ הימל־שפּאַלטנדיקער געוואַלד, פון געכאַפּטע קינדער און מאַמעס, וועלכע האָבּן געפירט דעם פּאַרבּיטערסטן געראַנגל.

אַלע שעה זיינען אָפּגעפאָרן צוגעדעקטע אויטאָס מיטן לעבּעדיקן רויבּ פּון געטאָ. געפאָרן צום בּאַן, ווו די קינדער זיינען פאַרלאָדן געוואָרן אין וואַגאָנעס. כצאן לטבח יובל.

נאַקעטע קינדערלעך, ערשט געבּוירענע, און קינדער שוין עלטערע, האָבּן ווי לעמעלעך זיך געלאָזט שלעפּן פאַר די הענט און פיסעלעך, געשליידערט געוואָרן אין די אויטאָס. די קינדער האָבּן ניט געוויינט, זיך ניט געבּעטן בּיי די מערדער. נאָר שטומע, האַס־פּולע, קללה־פּולע אויגעלעך האָבּן שטארק געקראמפּט פּון יסורים.

מערדער! בּיזן לעצטן דור אייערן זאָל נאָכגיין די בּליקן פּון די קינדער. פאַרסמען אייער לעבּן, פאַרווירן אייער מחשבה, אייך טרייבּן אין שיגעון, איר זאָלט פּון זיי קיין רעטונג ניט געפינען און קיין מנוחה ניט האָבּן בּיזן לעצטן אַטעם פּון אייער לעצטן דור.

אַז די נאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען דערגענטערן האָבּן די מערדער, מיד פּון בּלוט־רויבּ און בּראָנפן, אויפגעהערט זייער געיעג. ערשט דאַן האָבּן די כאפּטע מערדער־פירער, פּון אַלע ראַנגען און אָפּטיילונגען, ס״ס און ס״ה, אונטער־שאַרפירער און אבּער־שאַרפירער, אונטער דער קאָמאַנדע פּון פּערסטערן, אָנגעפאַנגען דורכלאָזן די צוזאַמענגעטריבּענע אויפן געטאָ־פּלאַץ.

דורך אַ שמאָלער עפענונג „כבקרת רועה עדרו” זיינען די יידן איינציקווייז אַדורך. די מערדער האָבּן סעלעקציאנירט — אַ טייל געשיקט אין די אויטאָס, צום טויט, די אַנדערע זיינען אַוועק אין זייערע פינצטערע היימען.

בּאריס סארטון און אהרון כ״ץ זיינען מיטגענומען געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט „כדי אַליין זיך צו איבּערצייגן” — לויט די ווערטער פּון פּערסטערן — אַז מען פירט די קינדער אין אַ קינדערהיים אין דייטשלאַנד.

*

די אַרבּעטס־פּלעצער האָבּן געהאַט פּון פּערסטערן אַ שטרענגן בּאַפעל, ניט אָפּצולאָזן קיינעם פּון דער אַרבּעט פאַר די נאַכט־שעהן.

טייל ווערמאַכט=סאָלדאַטן און ציווילע דייטשן אויף די אַרבעטספּלעצער זיינען דעם טאָג געווען אויפפאַלנד גוט צו די אַרבעטנדיקע יידן. זיינען יידן אומרואיק געוואָרן פון דער „גוטסקייט“, פאַרשטאַנען, אַז עפּעס קומט פאָר אין געטאָ. ביי געוויסע גוטע סאָלדאַטן האָט מען געפּועלט זיי זאָלן צופאָרן צום געטאָ, זען וואָס דאָרטן קומט פאָר. האָבן זיי געבראַכט גרוסן, אַז מען לאָזט קיינעם צום געטאָ נישט צו. די נערוועזיטעט פון פינצטערע אנונג האָט אַלעמען געטריבן צו פאַרצווייפלענדער אַפּאַטיע, האָט מען ניט געאַרבעט. נאָר די דייטשן האָבן ניט „איינגעגריפן“. אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן ווי פאַרשעמט. איינער פון די דייטשן, דעפּע, זאָל אויף מאָרגן האָבן געזאָגט: איצט האָבן מיר דעם קריג פאַרשפּילט, גאָט וועט ניט לאָזן אומבאַשטראָפט דעם מאָרד אויף קליינע קינדער. איך שעם זיך צו זיין אַ דייטש.

געווען אָבער אויך אַזעלכע ווערמאַכטלער, וואָס האָבן ערשט איצט שטאָלצירט מיט זייער דייטשנטום און זיך אויף מאָרגן איזדזיעקעוועט איבער די אומגליקלעכע מאַמעס.

*

אַז די קאָלאָנעס זיינען ביינאַכט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָט ביים טויער זיי אָפּגעוואַרט די שוואַרצע בשורה. פינצטער איז געווען אין געטאָ און ווילד=פאַרצווייפלטע קולות האָבן געשניטן די פינצטערניש ווי מיט מעסערס. ניט געווען אַ שטוב אַן אַ טויטן, קיין אויג אָן בלוטיקע טרערן, קיין האַלדז אָן געשרייען, קיין האַנט וואָס האָט ניט געפליקט די אייגענע האָר פון קאָפּ. דער גאַנצער לאַגער האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער בית=עולם און דול=הויז צוזאַמען.

רואיק האָבן די געטאָ=פּאָסטנס באַוואַכט דאָס געטאָ. ניט געשטערט צו שרייען די פאַרצווייפלט צעבראָכענע מאַמעס, וואָס האָבן געפליקט די קליידער אויף זיך און קריעה געריסן זייערע הערצער, און ניט איינע אַראָפּגעפירט פון זינען.

*

אויף מאָרגן, שבת פרי, זיינען ווידער געגאַנגען אַרבעטסקאָלאָנעס. מענער האָבן געפירט זייערע הלשנדיקע פרויען אונטער

די ארעמס, די גאַסן זיינען פול געווען מיט געוויין. שטיל, שטיל, האָבֿן מאַמעס געוויינט, זיך געשעמט „פֿאַר דער גאַס". און די גאַס? — האָט רואיק פֿולסירט אין איר פרי־לעבֿן.

בֿורגין איז געשטאַנען בֿיים געטאָ־טויער, זיך געקליבֿן איבֿער־נעמען כץ'ס אָרט אין עלטסטנראַט. ער האָט גערופֿן צו אָרדנונג און דיסציפֿלין...

אך, זיינען יידן געווען דיסציפֿלינירט!...

און וואָס זאָל מען בֿאַוויינען מערער — דעם „שוואַרצן" פרייטיק, אָדער דעם זוניקן שבֿת פרי, ווען די הונדערטער פאריתומטע מאַמעס און טאַטעס האָבֿן זיך געריסן אַרויס פון געטאָ, אין מורא, טאָמער קומט ס"ם היינט ווידער?

שטאַרקער פֿון טויט איז דער ווילן צום לעבֿן!

*

שבֿת בֿיינאַכט זיינען געגאַנגען די גאַסן־עלטסטע אין די הייזער, פֿאַרשרייבֿן ווער עס פעלט, וועמען מען דאַרף מער ניט געבֿן קיין עסן. אין דער זעלבֿער שעה זיינען די איבֿער אַכט הונדערט קרבֿנות אָנגעקומען אין אוישוויץ.

דער טאָג פֿון דער קינדער־אַקציע, 5טער נאָוועמבֿער 1943, איז אַריין אין דער געטאָ־געשיכטע אונטערן נאָמען „שוואַר־צער פֿרייטיק". נאָר — וואָס זאָגט „שוואַרץ" פֿאַר אַזאַ בֿלוטיק רויטן טאָג!

* * *

די קינדער-אַקציע אין די קאַזערניר-לאַגערן איז פאָרגעקומען אַ טאָג פריער, דעם 4-טן נאָוועמבער. געסטאַפּאָווצעס, צוזאַמען מיט פערסטערן, זיינען אַרומגעפאָרן אין די לאַגערן. פלעגן צוזאַמענרופן די יידן אויף אַ צייל-אַפּעל אין עס-באַראַק, אַרויסנעמען די קינדער פון די רייען, געוואָרפן אין אַן אויטאָ און ביינאַכט זיי געבראַכט צום עשאַלאָן אויפן שאַוולער וואָקזאַל.

אין פּאַווענטש האָט פערסטער אַרויסגענומען די עלטערע קינדער פון די וואַגאָנעס, אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט ביים אָפּפאָרטירן בוריקעס. פערסטער האָט דערביי אויסגעדריקט זיין רחמנות אויף די קינדער, וואָס דאַרפן נעבעך אַרבעטן אין קעלט. פערסטער האָט געזאָגט די עלטערן (אַזוי אויך אין געטאָ), אַז ער פירט די קינדער אין אַ קינדער-היים אין אָסט-פּרייסן...

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין דער נאַכט צום 5-טן נאָוועמבער איז געווען אַ שליח צום געטאָ-דראָט, געשיקט פון די „מסדה“-חברים אין פּאַווענטש. דער שליח, אַ באַצאָלטער גוי, האָט געבעטן אַ יידן, דורכן דראָט, אַרויסרופן ישראל ווייז. דער ייד האָט דאָס ניט געטאָן און דער גוי, מורא האָבנדיק צו שטיין ביינאַכט לענגער ביים דראָט, איז אַוועק. פון זעלבן לאַגער, פּאַווענטש, האָט מען אויך געקראָגן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן טעלעפאָניש אין פרענקעלס פאַבריק, בעטנדיק, אַ באַקאַנטן ליטווינער, ער זאָל איבערגעבן וועגן דער קינדער-אַקציע אין לאַגער. עס איז שוין געווען שפּעט, יידן זיינען שוין אין פאַבריק ניט געווען, האָט דער ליטווינער אָפּגעלייגט עס איבערצוגעבן מאָרגן...

אין לאַגער פון קאַלך-ברענעריי, ביי אַקמעיאַן, איז, ווייזט אויס, די מערדער געווען צו ווייט צו פאָרן, האָבן זיי דאָרט די קינדער-אַקציע ניט דורכגעפירט. זייער בלוט-דורשט האָט אָבער ניט גערוט. אַ חודש נאָך דער אַקציע אין געטאָ האָט דער דאָרטיקער קאָמענדאַנט געקראָגן אַ באַפעל אַדורכצופירן די אַקציע אַליין און אויפן אָרט. אין אַ באַגינען האָט ער אָפּגעקליבן 10 קינדער און אַלטע, זיי אַליין דערשאָסן לעבן טיר פון באַראַק. אויפן זעלבן אָרט האָט מען זיי מקבר געווען.

*

אַ קורצער צייט נאָך דער קינדער־אַקציע האָט מען איינקאַזערנירט אין „האָ.בע.אַ." גופא, אויפן פאַבריקס־הויף, די שוין פון לענגער דאָרט אַרבעטנדיקע יידן.

דער צאַלמייסטער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַנטי־נאַצי. האָט מען אים געבעטן לאָזן זיך איינקאַזערנירן, אין זיין לאַגער, די משפחות וואָס האָבן געראַטעוועט זייערע קינדער. ער האָט באַוויליקט.

דעם 11טן מאַי 1944, איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין שאַוול, פון קאָוונע, דער באַקאַנטער יידן־מערדער געקע. איז דער צאַלמייסטער געקומען באַגינען אין לאַגער אָנזאָגן, אַז געקע איז דאָ, מען זאָל באַהאַלטן די קינדער. האָט מען פאַרבאַריקאַדירט די קינדער אינעם ווייטסטן און טיפסטן קעלער, וואָס איז געווען אין בלאָק־הייז, וווּ עס האָבן זיך געפונען די ווערקשטובן און לאַגערן. אייניקע קינדער האָט מען אויך פאַרשטעקט אין די שיך־ און קליידער־מאַגאַזינען.

אַזוי האָט מען דעם טאָג געראַטעוועט די פאָר צענדליק קינדער פון געקעס אויגן.

די דאָזיקע לעצט־געראַטעוועטע קינדער האָבן די מערדער שפעטער פאַרברענט אין שטוטהאָף.

הייב זיך טישעלע

... לעשט אויס דאָס ליכט. פֿינצטער דאַרף זיין. איז דאָס טישעלע אינגאַנצן געקלעפּט, אָן טשוועקעס?

טאָ לייגט איצט אַרויף די הענט אויפֿן טישעלע, וואַרעמט אים אָן.

שטארע בליקן, פֿאַרקראַמפּטע נערוון, ציטער=פֿולע הערצער. הענט טרייסלען זיך אויפֿן טישעלע, אין הייליקן ציטער, און פֿיבערדיקער מורא.

דאָס טישעלע דאַרף אַנטשיידן דעם גורל פֿון די פֿאַרשלעפּטע קינדער, וואָס מיט זיי איז געוואָרן, צי לעבן זיי אָדער זיינען זיי שוין טויט, צי האָבן זיי עסן אָדער הונגערן זיי. אַלץ וועט דאָס טישעלע זאָגן, ער וועט עס אויסקלאַפּן.

וואָס איז ספּעריטיזם און וואָס איז מאַסן=פּסיכאָז ?

צוויי מאָל טויזנט מענטשן זיינען פֿון זינען גערירט געוואָרן !

ווער האָט די דאָזיקע שוואַרצע מאגיק אויסגעטראַכט ?

ווער האָט דעם כישוף אַריינגעבראַכט אין געטאָ ?

ווער האָט אויסגעפֿונען די טרייסט פֿאַר מאַמעשע הערצער?

ווי אַזוי האָט דאָס טישעלע זיך געהויבן ?

פֿאַרוואָס האָט דאָס טישעלע געזאָגט נאָר טרייסטונגען און גוטס ?

אַז דאָס טישעלע איז „וואַרעם געוואָרן“ האָט איינער אים געבעטן, געבעטן מיט תחנונים, מיט געמיט=צעבראַכנקייט, מיט טרערן:

„הייב זיך טישעלע״. און אַלע האָבן אונטערגעהאָלפֿן:

„טישעלע הייב זיך, העכער, העכער, נאָך העכער״.

אַז דאָס טישעלע האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז שטיין געבליבן ווי אַ קאַץ אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, האָט איינער אים גע=

פרעגט: ווּ זיינען אונדזערע קינדער? — אויב אין אוישוויץ, גיב טישעלע איין קלאַפּ.

האָט זיך דאָס טישעלע לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן און אויסגעקלאַפּט איין קלאַפּ.

„טישעלע הייב זיך!”

און אַז דאָס טישעלע האָט זיך ווידער אויפגעהויבן האָט מען אים געפרעגט: — איך וועל בלייבן לעבן? אויב יאָ, גיב איין קלאַפּ.

— בום! —

דאן האָט מען אויספּרובירט אויב דאָס טישעלע זאָגט טאַקע אמת.

— וויפל קנעפּלעך האָב איך אין מיין רעקל?

דאָס טישעלע האָט געענטפערט, פּינקטלעך, ריכטיק.

— וויפל קינדער האָט מען אַוועקגעפירט אין אוישוויץ?

— בום, בום, בום, בום — — —

און פארשמאכטע הערצער האָבן מיט הייליקן ציטער געציילט די קלעפּ פון אורים־ותּמים־טישעלע, געציילט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

*

טישעלעך האָבן מיטגעוואַנדערט אויף די אַרבעטס־פּלעצער, קליינינקע טישעלעך אַזעלכע, ספּעציעל אויסגעמאַכטע, און הענט האָבן, יעדע פרייע מינוט, געוואַרעמט די טישעלעך און זיך דערוואַרעמט פון די גוטע ענטפערס.

*

ווער האָט אין יענע טעג ניט צוגעלייגט זיין האַנט צום טישעלע? — אינטעליגענט און אַרבעטער, פרום און פריי, אַלץ האָט געגלויבט, געוואָלט גלויבן, אַז דאָס טישעלע זאָגט אמת. ווער האָט זיך ניט, כאָטש איינמאָל, אָפּגעשלאָסן אין צימער מיטן „טישעלע” אַליין און אויסגעקוועטשט דעם לעצטן ביסל נערוון־סאַק פון די צעשויבערטע געהירן אין ווילדער עבודה־זרה?

און ס׳פלעגן שוין אויך צוויי דריי מאַמעס זיך אָפּשליסן אין אַ באַזונדערן פינצטערן חדר און שיקן גרוסן, קושן, צערטל־רייד צו זייערע קינדערלעך. געגלויבט, אַז דאָס טישעלע קען, פּונקט ווי

ענטפּערן אויף זייערע פּראַגן, אויך טראַנסמיסירן זייערע געדאַנקען צו די קינדער.

שטיל און פּינצטער איז געווען אין די שיגעוונדיקע „טראַנסמיסיר הדרים“, ווו נאָר מאַמע־ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט אין תּפלה־צערטל־קרעכצן און פון זייערע אויגן זיינען געלאָפן טרערן — וועלכע זיינען אין קיין בעכער ניט געזאַמלט געוואָרן, פּונקט ווי זייערע גרוסן האָבן זיך שוין ניט אָנגעשלאָגן אין די קינדערשע הערצלעך, וואָס זיינען פּאַרבּרענט געוואָרן אין אוישוויץ.

גאָר געווען זיינען מאַמעס, וואָס האָבן געהאַט אַ בעסערע סגולה: — אָנצינדן שוואַרצע ליכט ביינאַכט ביים שפּיגל און אַרויסרופן די נשמהלעך פון זייערע קינדער —

— נאָר די מאַמעס זיינען שוין געלאָפן איבער די געטאָ־גאַסן מיט בינטלעך שמאַטעס צוגעפּרעסט צום האַרצן, ווי קינדער, און געזונגען וויג־לידער — — —

ווו איז משהלע?

זיין טאַטע⸗מאַמע און די גאַנצע משפחה זיינען דערהרגעט געוואָרן דורך די ליטווינער, גלייך אין די ערשטע טעג. משהלע האָט זיך גראָד אין יענע שעה געשפילט אויפן פערדן⸗מאַרק. וואָס לעבן זייער שטוב, ביים ענדע שטאָט, לעבן שפעטערדיקן געטאָ.

משהלע האָט זיך געשפילט מיט זיינע ליטווישע חברים און „פאַרשפילט" דעם טויט. אַז ער איז געקומען אין שטוב, געפונען אַלעמען דערמאָרדעט, איז ער אַוועק צו די שכנים, צו די גויים. און אַז די יידן זיינען אַריין אין פאַרשטאַט, ארומגעצאמט געווען מיט דראָט, איז משהלע אַריין צו די יידן — אין געטאָ. אַזוי איז משהלע געוואָרן אַ געטאָ⸗קינד. ער האָט געהערט אין געטאָ אַלעמען און דערפאַר — קיינעם ניט. אַלע האָבן געמוסרט משהלען, געשריען ער זאָל זיך וואַשן, ניט זיין שמוציק, זיך אָפווישן דעם נאָז. נאָר קיינער האָט זיך ניט באַמיט אים דאָס צו טאָן. און אַז משהלע איז געווען הונגעריק האָט ער אַדורכגעשמעקט זיין בלאָנדע קעפל דורכן דראָט, דורכגעצויגן זיין שמאל מאגערן גופל און געלאָפן צו די גויים אַרום געטאָ, דאָרטן ווו ער האָט זיך אויפעהאָדעוועט, ווו די קינדער און אַלטע האָבן אים גוט געקענט און גערופן ביים נאָמען. אַזוי האָט משהלע געלעבט, זיך אָנגעגעסן ביי די גויישע שכנים און צוריקגעקומען אין געטאָ, מיט שטיקער ברויט און אַנדערע עסנוואַרג.

משהלע איז, פאַר די צוויי יאָר געטאָ, עלטער געוואָרן און אויסגעזען ניט ווי אַכט, נאָר ווי גאַנצע צוועלף יאָר. זיין פנימל האָט געקראָגן אַ מגושמדיקייט, ער האָט אַרויפגעשלעפט אויף זיינע יונגע פלייצעס די זאָרג און דאגות ווי די גרויסע, און אפשר נאָך מער. שלאָפן פלעגט משהלע אין די אָרעמסטע געטאָ⸗היימען. ניט זעלטן איז זיין אָרט געווען ביי טאַמאַרען. די „געטאָ⸗מאַמע" האָט אויך געפונען פלאַץ פאַר דעם יתום.

מיט זיינע אַכט יאָר איז משהלע געוואָרן אויסגערעכנט, כמעט ביטרע, געוווּסט מיט וואָס ער קען אויסנעמען אין געטאָ־קאאָפּעראַטיוו, כדי קריגן אַ שטיקל ברויט, געוווּסט אַז אין קראַנקנהויז „בלייבט" אַמאָל אַ טעלער זופּ, און פאַרשטאַנען אַפילו צו געפעלן, מיט אַ געטאָ־לידל אויף זיין דינעם פאַלצעט, פאַר אַ ביים טויער שטייענדיקן פּאָליציסט.

אין „שוואַרצן פרייטיק", אַז מאַמעס האָבן אָנגעפאַנגען אויסבאַהאַלטן זייערע קינדער, האָט משהלע זיך אַ כאַפּ־געטאָן פון געלעגער, אָפּגעשאַצט ריכטיק די לאַגע און ניט געוואַרט אויף הילף פון קיינעם. ער האָט געוווּסט, אַז קיינער וועט איצט אַוודאי ניט זאָרגן וועגן אים. ער האָט אַליין געפונען אַ פאַרשטעק. אויסגערעכנט, פלינק האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ בוידעם, פון דעם אויף אַ צווייטן און איבערגעקערט אויף זיך אַן אַלטן טשעמאָדאַן. אַזוי איז ער געלעגן, פאַרהאַלטנדיק מיט די הענטלעך דעם אָטעם.

אויך דאָ, אויפן בוידעם, האָבן די בעסטיעס געזוכט, נאָר משהלעס ווינקל האָבן זיי ניט אַנטדעקט.

דריי טעג זיינען פאַרביי פון יענעם שוואַרצן טאָג, מענטשן האָבן אָנגעפאַנגען מאַכן חשבונות וועמענס קינדער עס זיינען על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן. קיינער האָט אָבער ניט געטראַכט, אַז אויך משהלע איז צווישן די איינציקע געראַטעוועטע. „אַוודאי איז ער אַוועק מיט דער אַקציע".

אין אַן אָוונט־שעה איז משהלע אַראָפּ פון בוידעם. אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַריינגעשלייכט אין שטוב און אַלעמען איבערראַשט מיט זיין לעבן.

— — —

האָט משהלע פאַרשטאַנען, האָט די השגחה אים געהאָלפן, צו דערהאַלטן זיין לעבן ביז היינט ?

האָט דער גורל אים פאַרהיט צוויי מאָל פון אָפענעם טויט, כדי שפּעטער פאַרברענט צו ווערן אין שטוטהאָף?

וווּ איז משהלע ?

דער גורל פון א יידיש קינד

יצחק לעשצינסקי, וואָס איז אין אָנפאַנג מלחמה אַנטלאָפן פון פוילן קיין ליטע, האָט זיך ניט געקענט דערראטעווען, פון די הענט פון וועלכע ער איז מיט צוויי יאָר צוריק אַנטלאָפן — די דייטשן האָבן אים דאָ דערכאַפט. איצט אָבער, שוין אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע ווי דאַן. איצט האָט יצחק שוין געהאַט אַ פרוי און אַ קינד.

לעשצינסקיס פנים איז געווען ווייט ניט קיין יידישער. אַ סך שקצים וואָלטן זיך געקענט ווינטשן אַזאַ אַרישן פרצוף. און די האָר — בלאָנדע, פלאַקסענע, האָבן אים דערמעגלעכט יאָרן לאַנג צו גיין אַן צייכנס איבער די טראָטואַרן פון שטאָט. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער צוואַנציק־יאָריקער „שגץ" מיטן איינגעמאַכטן שלאָסער־אַנצוג און שטענדיק מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט, לעבט גאָר אין געטאָ.

יצחק האָט אויסגענוצט די מתנה, וואָס גאָט אים געשאָנקען — זיין אַרישן פנים; ער האָט ניט זעלטן אַריבערגעשפרייזט דעם גרענעץ פון שטאָט, געגאַנגען אין וואַלד, געזוכט פאַרטיזאַנער, מיט וועמען צו פאַרבינדן די געטאָ־יוגנט. ער איז אָבער אַלעמאָל געקומען אַן אַנטוישטער, אַ צעבראָכענער, מיטן שטיק אייזן אין האַנט. אַלע השערות און „געוויסן", אַז דאָ און דאָרטן זיינען פאַראַן רוסישע פאַראַשוטיסטן, האָבן, ליידער, זיך ניט באַשטעטיקט.

לעשצינסקי, איז געווען ניט נאָר אין פנים גוייש. נאָר אויך אין זיין געוואַגטקייט און זיין פויערישע גראדליניקייט. ניט געווען פאַר אים קיין שרעק און קיין צווייפלען, מורא איז ניט געווען פאַר זיין בלוט.

אין „שוואַרצן פרייטיק" איז ער געווען פון די איינציקע, וואָס האָט באַשיצט זיין קינד מיט אַ האַק אין האַנט; באַשיצט און געראַטעוועט.

אויף מאָרגן, מיטן ערשטן טאָג־שפּראַין, איז ער אַרויס פון געטאָ, אַוועק אין וואַלד, מיטן קינד אויף די הענט, מיט דער ווייב ביים זייט און די שטיק אייזן אין רוקזאַק. אָנגעגאַנגען דרייסיק ק״מ דורכן טאָג האָט ער „געפּונען" אַ פּאַסנדן אָרט. געמאַכט אַ זיעמליאַנקע (הייל) און אַוועק אין ווייטע דערפער, באַזאָרגן עסן אויפן ווינטער. איצט האָט ער אויסגעפּאַרעמט זיין הייל, געבראַכט עטלעכע חברים צו זיך און אָנגעפאַנגען אַ ניי לעבן. דאָס קוים יאָריקע קינד האָט געהאַט זיין בעטעלע. מען האָט אויסגעגראָבן אַ ברונעם אין הייל, געפּונען וואַסער; איינגעאָרדנט אַן אויוון און גרייט געווען צום איבערווינטערן. נאָר דער גירל האָט אַנדערש געוועלט. — דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן. רופן אַ דאָקטאָר אין וואַלד איז ניט מעגלעך געווען. האָט לעשצינסקי זיך געמוזט אומקערן צוריק אין געטאָ, מיטן פאַרשלאָפטן קינד אויף די הענט.

אויך איצט האָט אָבער לעשצינסקי ניט גערוט. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ געווער־פאַבריק און געגנבעט פון דאָרטן געווער פאַרן געטאָ.

אַז דאָס קינד איז געזונט געוואָרן האָט יצחק זיך אַרומגעגאַרטלט מיט גראַנאַטן, גענומען אַ רעוואָלווער אין קעשענע און אַוועקגעטראָגן דאָס קינד 50 ק״מ פון שטאָט, צו אַ באַקאַנטער קריסטן. פאַרשטעקט דאָס קינד איז לעשצינסקי צוריק געקומען אין געטאָ און געהאָלפן אַרויספירן יוגנטלעכע אין וואַלד. נאָר פאַריזשער אין געטאָ און דער לאַגער־עלטסטער ברוך ברוידע, פונם לאַגער וווּ לעשצינסקי האָט זיך איצט געפונען, האָבן אוממעגלעך געמאַכט יעדע גרעסערע אַרבעט פון דעם מין, פאַר אים און זיינע חברים.

*

אין טאָג פון ליקווידירן דעם לאַגער, ווען אַלע טויערן און פאַרצוימונגען זיינען שטרענג באַוואַכט געוואָרן, האָט יצחק לעשצינסקי דאָך געפונען אַ מעגלעכקייט צו אַנטרינען.

פיר טעג שפּעטער זיינען אין שטאָט אַריין די רוסן. לעשצינסקי האָט ניט פאַרפעלט טיילווייז צו נעמען נקמה פאַר זיינע אַלע

דורכגעפאַלענע לעבנס־טרוימען און נקמה־גלוסטענישן אין צייט פון געטאָ.

מיטן קינד אויף די הענט האָט זיך דאַן יצחק לעשצינסקי ווידער געלאָזן, ווי שוין אָפט, איבער שוואַרצע גרענעצן פון גאַנץ אייראָפּע. יצחקס ציל איז געווען ארץ־ישראל און ער האָט זיין ציל דערגרייכט. ער האָט זיין קינד דערבראַכט דורך אַלע געפאַרן אַהין.

*

דער גורל פון אַ אין געטאָ געבוירענעם קינד! און דאָס — נאָר פון איינעם.

נאָכן שטורעם

נאָך די גרויליקע קלעפּ, וואָס דאָס געטאָ האָט געקראָגן אין די מאָנאַטן סעפּטעמבער־נאָוועמבער (קאַזערנירונגען — קינדער־אַקציע) וואָס זיינען דאָך געווען די ערגסטע געשעענישן אין געטאָ, איז איצט איינגעטראָטן אַ טיפע שטילע רואיקייט. צום ערשטן מאָל אַ רו, וואָס האָט ניט בּאַאומרואיקט, אַ שטילקייט, וואָס האָט ניט געשראָקן. עס איז, אמת, ניט געווען לאָגיש צו גלויבן, אַז איצט, מיט דער קינדער־אַקציע, האָט זיך שוין געענדיקט די דייטשע רציחה קעגן געטאָ און אַז די דייטשן וועלן לאָזן לעבן די, וואָס לעבן נאָך. נאָר די לאָגיק האָט מען ניט געלאָזט קומען צום וואָרט, ווען דער בּלינדער־לעבנס־ווילן איז געווען דער דיקטאַטאָר פון געדאַנק.

די טאַקטיק פון די דייטשן איז געווען זיך צו לאָזן אָפּרוען נאָך יעדער אַקציע. וואָס ווייטיקדיקער עס איז געווען דער שניט, אַלץ לענגער האָבן זיי געלאָזן „פאַרהיילן“ די ווונדע.

דאָס געטאָ (איצט שוין קאָנצענטראַציע־לאַגער) האָט געקראָגן עסן גענוג. דער קאָמענדאַנט, שלעף, פלעגט ניט אָפט זיין אין געטאָ און זיינע בּאַזוכן זיינען געווען כמעט פריינדלעכע. בּיים טויער זיינען ניט געווען קיין גאָר שווערע קאָנטראָלן. דאָס גנבענען (לאַבערן) אויף די אַרבעטס־פּלעצער איז איצט אָנגעגאַנגען מער פאַרשטאַרקט. אין געטאָ האָט מען אַלץ געקענט קריגן; אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין די דייטשע מאַגאַזינען, ווו יידן האָבן געאַרבעט. אמת, איצט איז דער רעזשים געווען אַ סך שטרענגער אין הינזיכט פון אַרבעט. פּאַריזשערס ממשלה האָט זיך געלאָזט שפּירן. בּייטאָג פלעגט דאָס געטאָ זיין פּוסט. אַלע האָבן געמוזט זיין בּאַשעפטיקט. די עבודות איז געווען גרעסער איצט. דערפאַר, ווי געזאָגט, דאָס עסן אַ סך מער, און אויך דער רו״מצב אַ לפנים מער סטאַבּילערער.

געווים האָט מען וועגן די קינדער ניט געקענט פאַרגעסן. נאָר אויך וועגן דעם האָבן שוין, אַזוי ווייזט אויס, „געוויסע מענטשן” געזאָרגט, אַז עס זאָלן אַלע ווײַלע אַדורכלויפן גוטע גרוסן אין געטאָ...

איינער פלעגט דערציילן, אַז אַ צווייטער האָט געהערט, וואָס אַ דריטער האָט געלייענט — אַ בריוול פון די קינדער. קיינער האָט ניט געקענט דערגיין ווו=וואָס=ווער. און דאָך האָבן די קלאַנגען — ווייל מען האָט אַזוי געוועלט — מינוטנווייז אַרייַנגעוואָרפן אַ פונק פון גלויבן אין די הערצער, אַז די קינדער לעבן. אַזוי האָט מען דערציילט, אַז „איינער”, אַ ליטווינער, האָט זיי געזען אין אַ דאָרף אין פּרייסן. אַ צווייטער האָט דערציילט, אַז מען האָט געהאַט אַ גרוס דורך אַ דייטשן א.א.וו. קיין לאָגיק האָט דאָ ניט געהאָלפן, און קיינער האָט אויך ניט געוועלט דווקא איבערצייגן אַ מאַמען, אַז איר קינד איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. עס איז געווען אַ גרויזאַמע אָפּנאַרעריי, און אָפענער שטרוים=פויגלדיקער אַרייַנשטאָפן דעם פאַרשטאַנד אין אַ קופּע ליגן. אָבער אין געטאָ האָט מען זיך כסדר געשפּילט אין באַהעלטעניש מיטן אייגענעם שׂכל.

דערווייל האָט אויך די נאַטור געטאָן דאָס אירע — עס איז געקומען דער פרילינג. די זון האָט ניט אָנערקענט קיין געטאָ=דראָט=פאַרצווימונג, האָט זי פריי און פראַנק אַ שיין געטאָן אין געטאָ. און אין געטאָ האָט מען די פרילינגס=דערשפּירט שאַרפער, פולער, מער ווי אין שטאָט. מיטן קומען פון פרילינג פלעגט עפּעס לייכטער ווערן; אַ נייער לעבנס=אימפּעט פלעגט זיך אַרייַנגיסן אין געטאָ=מענטשן.

ווי די פריערדיקע צוויי פּסחס האָט מען אויך דאָס יאָר געבאַקן מצה. זיך געזעצט גרופּעסווייז צום סדר=טיש.

באַזונדערס האָט דער הייַנטיקער פּסח און פרילינג געבראַכט אַ ליכט=שטראַל און פאַריומטובט די געמיטער, — פון אַלע פראָנטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַזוי פיל גוטע ידיעות. די גוטע פראָנטנייסן האָבן זיך אַדורכגעריסן צום געטאָ. די היטלעריסטיש=דייטשע מפּלות האָבן זיך באַלד געלאָזט פילן פון דער שטימונג פון די דייטשן און ליטווינער. זייער פאַרזאָרגטקייט און דערשלאָגנקייט האָט אַרייַנגעגעבן גלייבן אין געטאָ, אַז זייער פאַרדינטע מפּלה וועט

שוין לאַנג ניט לאָזן וואַרטן אויף זיך.

די דאָזיקע שטימונגען האָבן אַריינגעוואָרפן אַ קליינעם טייל געטאָ-מענטשן — אויפגעקומענע געטאָ-גבירים, געטאָ-טשינאַווניקעס — אין אַ ווילדער שיכרות. מען האָט געטרונקען, געהוליעט. די מאָראַל איז געפאַלן. אונטער פּאַריזשערס הערשאַפט איז אָפּגעטאָן געוואָרן יעדער נאָך מאָראַלישער צוים, וואָס דער עלטסטנראַט האָט זיך פריער באַמיט צו דערהאַלטן. דער נאָך ווייניק געאָרדנטער לעבן, דאָס אויפהאַלטן, דורך די צוויי יאָר, דאָס געטאָ ווי אַ כמו יידישע קהילה, מיט אַן אייגענעם, ספּעציפיש-געטאָאַדיק יידיש לעבן — איז אינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן. גייסטיקע דעמאָראַליזאַציע און הפקרות האָט אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך.

*

אַנדערש איז געווען דאָס לעבן אין די קאַזערניר-לאַגערן. די מענטשן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן גוטוויליק זיך געלאָזט קאַזערנירן, האָבן איצט שטאַרק חרטה געהאַט, זיך געריסן צוריק אין געטאָ און מקנא געווען די, וואָס זיינען אין געטאָ געבליבן.

אין די לאַגערן האָט מען געלעבט אין באַראַקן. נאָך דער אַרבעט פלעגט מען אַריינפאַלן אין הו-הא פון די גרויסע צוזאַמענוווינונגען. געשלאָפן איז מען אויף נאַרעס און געגעסן פון אַן אַלגעמיינעם קעסל. ניט געווען ווו אויסצוקאָכן אַ ביסל עסן פאַר זיך אַליין. אין געטאָ האָט מען דאָך נאָך געהאַט די אייגענע שטיקל היים, דעם אייגענעם ווינקעל, געקענט דערהאַלטן די משפחהדיקייט.

דער גלויבן, בשעתן זיך לאָזן קאַזערנירן, אַז די אַרומיקע דאָרף-גויים וועלן העלפן מיט עסן און עס וועט לייכטער זיין ביי זיי עפּעס אויסצובייטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אילוזיע. פאַרקערט גאָר, די דאָרפס-גויים זיינען ברוטאַלער, יידן-פיינטלעכער געווען ווי די שטאָטישע. דער ליטוויש-דאָרפישער פויער האָט דעם יידן (אַ חוץ „זיין“ יידן) ווייניקער געקענט און אין זיין טעמפּער אָבער-גלויבישער נאַרישקייט מער געהאַסט, ווי דער שטאָטישער גוי, וואָס איז דאָך קלוגער געווען, ביטערע און אויך מער צוזאַמענגעלעבט מיט יידן.

אויפן אעראדראם („זאקנע") האָבן די יידן, אויסער דער שווערער אַרבעט, געהאַט אַ דערטרעגלעכן רעזשים, אַ דאַנק דעם דייטשן לאַגער-פירער שמידט, וואָס איז געווען אַ הומאנער מענטש און אפשר אויך אַ באַהאַלטענער קעגנער פון היטלעריזם.

די „אעראדראמשטשיקעס" האָבן אויך געהאַט אַן אָפּטערן קאנטאקט מיטן געטאָ, וואָס איז געווען ניט ווייט. און דאָס געטאָ איז דאָך נאָך אַלץ געווען דער צענטראַלער נערוו פון אַלע לאַגערן.

שווערער האָבן געהאַט די יידן אין די לאַגערן באַטשון, פּאַווענטש און דאוגעל.

פון דאוגעל האָט איין ייד, קוסעלעווסקי, פּרובירט אַנטלויפן און איז דערשאָסן געוואָרן ביים אַדורכקריכן דעם דראָט.

דער קליינער שטח אויף וועלכן די לאַגערן האָבן זיך געפונען (נאָר די פּאָר באַראַקן זיינען דאָך געווען אַרומגעצוימט) האָט געדריקט די מענטשן, אַ סך מער ווי אין געטאָ, וואָס איר שטח, אַ דאַנק די איינצל-הייזער, איז געווען אַ סך אַ גרעסערער. דאָס שטענדיק זען פּאַר זיך דעם דראָט-צוים האָט פּסיכאָלאָגיש צעבראָכן. אויך די איבערוואַכונג און קאָנטראָלן זיינען אין די לאַגערן געווען שטרענגער ווי אין געטאָ. שווער געווען מיט עפּעס זיך אויסצובאַהאַלטן פון די פּאָסטנס, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַלטן אַלעמען אויפן אויג און ניט זעלטן געמאַכט רעוויזיעס אין די באַראַקן.

דער זעלבער מצב איז געווען אין דעם קאַזערניר-פּונקט א. ב. א. (אַרמיי באַקליידונגס-אָפּטייל.) און כאָטש דער- אַ קאַזערנירונגס-לאַגער (געשאַפן געוואָרן אין פעברואַר 1943) האָט זיך געפונען אין שטאָט גופא און אַ קאָלאָנע פרויען פלעגן יעדן טאָג קומען פון געטאָ אַהער צו דער אַרבעט — האָט מען אויך דאָ געלעבט גאָר אַן פאַרגלייך ערגער ווי אין געטאָ, צוליב דעם קאָמענדאַנט-רוצח, פעלדפעבל באַוויין. (גערופן „קאַראַמבאַ"). באַוויין איז געווען אַן עסטרייכער. זיין קאַלטער סאַדיזם, ראַפינירטער איזדעקעווען זיך האָט פאַרביטערט דאָס לעבן. כאָטש די אַרבעט איז ניט געווען זייער שווער.

גאָר שטאַרק געפּייניקט געוואָרן זיינען די יידן אין דער קאַלך־בּרענעריי, בּיי אקמעיאן. דער קליינער ס״ס־שטאַב דארטן פּלעגט די יידן טאָג־טעגלעך מאַטערן אויף שווערע אַפּעלן (ציילונגען) און איינאָרדנען אינקוויזיציעס. אָפּט פּלעגן די יידן דאַרפן נאָכלויפן נאָך גאַלאָפּירנדיקע פערד, אויף וועלכע די ס״ס־באַנדיטן פּלעגן רייטן.

די דאָרט קאזערנירטע יידן זיינען שטענדיק געווען צעבּלוטיקטע און פאַרהונגערטע. זיי פּלעגן וויינען, זיך בּעטן מען זאָל זיי העלפן. נאָר פּאריזשער האָט אוודאי ניט געטראַכט דערפון.

אַזוי האָבּן זיך געראַנגלט די צעוואָרפענע הייפלעך יידן אַרום שאוול אין די נעגל פון דער היטלער־חיה, ווען אויף די שלאַכט־פעלדער האָבּן זיי שוין געקראָגן די אַנטשיידנדיקסטע מפּלה־קלעפּ.

קיבוץ גלויות

יוני 1944:

די רוסישע חיילות האָבן נענטער געראלט. די ידיעות האָבן פאַרלאָרן זייער לאַנגזאַמע פראָנט=מעסיקייט, איין מעלדונג האָט איבערגעשלאָגן אין איר גוטסקייט די צווייטע. ביז דער פראָנט האָט זיך ממש פונאַנדערגעוויקלט פאַר אַלעמענס אויגן. ביינאַכט פלעגן געטאָ=יידן זיך פאַרגנבענען אויף די בוידעמער און נאָכקוקן די זיך טראַגנדיקע באַנען פון פראַנט, איבערכאַפּן יעדן מינדעסטן גערויש, און אַלע וואַגאָן=רעדער האָבן אויסגעזונגען: טויט די דייטשן, ענדע פון קריג, אַ סוף צו די צרות.

די סאָלדאַטן אויף די אַרבעטס=פּלעצער האָבן מער ניט געקענט אויסבאַהאַלטן זייער מפּלה, האָבן זיי פאַרמאַסקירט זייער ווייטיק, פאַרוואַנדלט דעם אומגליק אין אַ מוגנד: „הייל און זיג, נידער מיטן קריג” אָדער: „דער שיים קריג איז צו ענדע”. יידן האָבן מער ניט געהאַט קיין כוח צו באַהאַלטן די פרייד, האָט מען אָפן גערעדט פאַר די פּאָסטנס וועגן נאָענטן באַפרייאונגס=טאָג; געוועלט איבערצייגן די דייטשע סאָלדאַטן=וועכטער, אַז ס'האָט מער קיין זין דאָס זיך שלאָגן...: „די רוסן קומען מיט פייער און שטורעם. איצט איז די צייט צו מאַכן שלום”= אַזוי האָבן יידן זיך באַמיט איבערצייגן די דייטשע זעלנער, וועמענס פריערדיקע אָנגעבלאָזנקייט און שטאָלץ ס'האָט שוין געהאַט נאָכגעלאָזן.

נאָר וואָס מער דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט אַלץ אומרואיקער איז געוואָרן דאָס געטאָ: „מען מאַכט ניט קיין שלום, וועט מען דאָך אונדז פאַרניכטן, ווען די דייטשן וועלן דאַרפן אַוועק”. האָט מען שוין ניט געוווּסט אויף וואָס צו בעטן — צי אויף אַ רו=

כישן פולשטענדיקן זיג און די דייטשן זאָלן זיך מאַקע איינשפּאַרן, כדי זיי זאָלן צעמאַלן ווערן ביזן שורש, געשלאָגן ווערן אויף זייער אייגענעם באָדן, אַז אויך זייערע היימען זאָלן פאַרניכטעט ווערן ווי אונדזערע, אָדער— בעטן גאָט אויף אַ שלום, כדי זייער חורבן זאָל ניט מיטברענגען דעם לעצטן יידן-רעשט פאַרניכטונג.

ענדלעך האָבן די דייטשן אָנגעפאַנגען עוואַקואירן די שטאָט. יידן האָבן זיך געהאַלטן אין די זיילן פון פאַבריק. — „אַזוי לאַנג ווי מען עוואַקואירט ניט די לעדער-פאַבריק איז ניטאָ קיין סכנה...”

די דייטשע צייטונגען האָבן אָנגעפאַנגען אָנרופן פראָנט-פונקטן ליטווישע שטעט, באַקאַנטע טייכן, אייגענע מקומות. פאַר די דייטשע-פשוטע סאָלדאַטן איז עס געווען תרגום לשון, אָבער יידן האָבן דאָך די ערטער געקענט אויף אויסנווייניק, ניט געדאַרפט האָבן מער קיין לאַנדקאַרטע. און ווען דער ראַדיאָ גיט איבער, אַז די רוסישע חילות שטייען אין מאַלאַטער וועלדער, איז עס פאַרן דייטשן סאָלדאַט ערגעץ אַ פונקט אין רוסלאַנד, אָבער פאַרן ליטווישן יידן הייסט עס קאָוונע, מיינט עס מאַקע אַז די סאָוועטן זיינען אַ טאָג גאַנג פון שאַוול. ווי זאָל פון אַזאַ ידיעה ניט צעפּראַלט ווערן דאָס האַרץ פון פרייד און ווי קען מען פאַרלאַנגען, אַז די דאָזיקע פרייד זאָל ניט אַרויסשפּרינגען אויף אַיעדער יידנס פנים?

נאָר צוזאַמען מיט דער פרייד נאָעט אַ זאָרגפולע, אַ פרייד-צעשטערנדע פראַגע: וועלן מיר דערלעבן די פרייהייט?

זאָגט איינער: מיר זיינען די עדי שמיעה, מיר הערן די טריט פון באַפרייער, ווער ווייס אויב מיר וועלן אויך זיין עדי ראיה? נאָר דאָס געטאָ-פאָלק גלויבט, האָפט, וויל זיך ניט לאָזן פאַרביטערן: „די דייטשן וועלן ניט טראַכטן וועגן אונדז, ווען עס ברענט די טריט אונטער זיי”. און — „ווּ קענען זיי אונדז שוין פירן? . . .“

אינדערפרי קוקט מען אויב די פאָסטנס שטייען נאָך ביים טויער... נאָר — זיי שטייען. זיי שטייען רואיק, כאָטש אַלע אין שטאָט זיינען שוין ווייט ניט רואיק. ליטווישע פאַגראָמשטשיקעס לויפן אין די וועלדער, באַהאַלטן זיך אויס, לויפן קיין דייטשלאַנד.

דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך געענדערט. יידן זיינען נערוויאיז=געשפּאַנט; מען עסט ניט, מען שלאָפט ניט, מען מאַכט חשבונות, ווי אויפצונעמען די באַפרייאונג; מען ציילט די טעג, די שעהן צו דער גאולה.

7טער יולי. שבת בייטאָג:

דער אָרדנונגס=דינסטלער טעדיק פּיק האָט, שטייענדיק בײם געטאָ=טויער, אונטערגעהערט אַ טעלעפאָן=געשפּרעך פון דער דייטשער וואַך=שטוב, פון וועלכן עס איז קלאָר, אַז דאָס געטאָ וועט עוואַקואירט ווערן.

פּאַריזשער האָט, זיך דערוויסנדיק די ידיעה, אָנגעזאָגט קיינעם ניט צו פאַרטרויען דעם סוד. נאָר שוין געציילטע שעהן שפּעטער איז עס דערגאַנגען צו די יידן אין לעדער=פאַבריק. און מיטאָג=צייט, ווי אַלע וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, האָבן הונדערטער אַרבייטער זיך אַ וואָרף=געטאָן צו די פאַבריקס=טויערן, געשטורמט די וואַך און זיך צעלאָפן איבער די שטאָט=גאַסן. אַנדערע זיינען אַריבער די דעכער פון פאַבריק, געקראָכן פון איין דאַך צום צווייטן, כדי זיך אַרויסצוקריגן אין שטאָט. נאָר הונדערטער ס״ס=לייט, סתם דייטשן און ליטווינער האָבן זיך אַרויסגעלאָזן מיט אַלע מינים געווער אין געיעג נאָך די יידן. הייפן זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן, טירן פאַרקלאַפּט, אַז אַ קליינעם טייל איז נאָר געלונגען צו אַנטרונען ווערן. הונדערטער יידן זיינען געפירט געוואָרן אונטער אַנטבלייזטן געווער צוריק אין געטאָ. די שוועסטער לעווין, בין און דער יינגל יאנקל מאלק זיינען לייפנדיק דערשאָסן געוואָרן, דורכן פאַבריק=דירעקטאָר זיגל.

*

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעפאַנגען צוזאַמענטרייבן אין געטאָ יידן פון צענדליקער אַרומיקע און ווייט=געלעגענע לאַגערן. פון אַ טייל לאַגערן האָט מען ביז איצט גאָרניט געוווּסט, אַז אַזעלכע געפינען זיך אַרום שאַוול. עס זיינען אָנגעקומען יידן טשעכישע, דייטשע, אונגאַרישע, עסטאָנישע א אז״וו, יידן=רעשטלעך פון אַ האַלבער וועלט. עס זיינען געקומען ביי 3000 יידן פון אַעראַדראָם=

לאַגער אין פאַנעוועזש. (דער דאָזיקער לאַגער איז געשאַפן געוואָרן פרילינג 1944. אַ קליינע גרופע שאַוולער יידן, פון אַעראָדראָם, זיינען אויך געשיקט געוואָרן אַהין. דאָרט זיינען געבראַכט געוואָרן יידן פון קייזערוואַלד א״א קאַצעטן. דאָס שאַוולער געטאָ האָט געהאָלפן דעם לאַגער מיט ברויט און מעדיקאַמענטן, אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען).

אין געטאָ איז איצט אַ געדראַנג, אַן ענגשאַפט, די געסלעך און הייפן זיינען איבערפולט פון מענטשן. די אָנגעקומענע זיינען מקנא די שאַוולער. אַ סך פון זיי, דער גרעסטער טייל, וואַלגערן זיך שוין יאָרן אין לאַגערן, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם אויסזען פון אַ משפחה־לעבן, און דאָ לעבן נאָך מענטשן מיט טיילן פון זייערע פאַמיליעס.

די געקומענע דערציילן איבערלעבונגען. צום ערשטן מאָל הערט מען פון עדי ראיה וועגן גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. ווער עס דערוויסט זיך וועגן עלטערן און קינדער, אויף וועלכע מען האָט נאָך אַלץ געהאָפט, וואָס זיינען שוין אָבער לאַנג אומגעקומען אין אַלע גרויל־טויט־לאַגערן. און ווער־ניט־ווער עס טרעפט אַ פריינד, אַן אייגענעם, אַ באַקאַנטן כאָטש.

טרערן איבערפולן אַלעמענס אויגן, ווען די געקומענע דערציילן ווי אַזוי זייערע אייגענע הענט האָבן געברענט לעבעדיקע מענטשן, אייגענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער, אייגענע קינדער. נאָר מען טרייסט זיי, מען טרייסט זיך: די גאולה און די נקמה איז דאָך אַזוי נאָענט.

דאָס הכנסת־אורחים איז גרויס, אַ ברודערלעכע באַהאַנדלונג צו די געקומענע, מען טיילט זיך מיטן ביסן. די וואָס טראָגן שוין זייט יאָרן געשטרייפטע קאַצעט־בגדים טוט מען אָן זויבערע קליידער. די שאַוולער נעמען אויף די טויזנטער צוזאַמענגעטריבענע, ווי פרייע ברידער פאַרטריבן געוועזענע. אַ סך טרעטן אָפ אייגענע געלעגערס פאַר די געקומענע און די לעצטע רוען אויס די גלידער אויף אַ קישן מיט אַ ווייסן ליילעך, נאָך לאַנגע יאָרן האַרטע קאַצעט־נאַרעס.

די זון אין דרויסן וואַרעמט. גלייכן זיך גופים צעקלאַפטע פון נאַגאַי. אין אויגן, נאָך נעכטן אָנגעפילט מיט אויסזיכטלאָזן טרויער,

בליצט אויף אַ פריידיקער פרייהייטס-פלעמל. די בודאַפעשטער מיידלעך, וועמענס עלטערן עס זיינען געבליבן אין אוישוויצער קרעמאַטאָריום און זייערע האָר אין „ברויזע-באָד" דאָרטן, האָבן פאַרלייגט „טשאַלמעס" איבער זייערע קעפ, צו באַהאַלטן די פליכע שאַרבנס און דעם טרויער אין זייער האַרץ. זייערע שוואַרצחנעוודיקע יידיש-שיינע ליינגלעכע פנימער, זייערע סאַסנעשלאַנקע גופים און מיט דער מעלאַדישער ווייכקייט פון זייער ריידן האָבן זיי צוגעצויגן אַלעמענס האַרציקע אויפמערקזאַמקייט. שנעל ווערן דאָ באַקענט איצט יונגטלעכע פון פאַרשיידענע לענדער, קינדער פון איין פאַרפייניקטן פאָלק. שפאַצירט די לבנה אויפן קילנאַכטיקן הימל, די ס"ס-וועכטער אַרום דראָט און יוגנט איבער די ענגע געטאָ-געסלעך. אַ שטילע פרייד-כוואַליע טראָגט זיך פון די ערשט היינט באַקאַנט-געוואָרענע — אונגאַרישע ראָמאַנסן, פוילישע טאַנגאָס, רוסישע מעלאָדיעס, אַ חסידישער ניגון, אַן ארץ-ישראל הורא — אַלץ מישט זיך אויס אינאיינעם און נעמט אַלעמען אַרום. — קיבוץ גלויות-פרייד, פאַר דער גאולה וואָס וועט באַלד קומען.

שוין דער פערטער טאָג ווי עס ציען אַזוי טראַנספאָרטן אין געטאָ. צום ערשטן מאָל זעען די שאוולער אויף איינצלנע יידישע ארעמס שוואַרצע לענטעס, ווייס באַמאָלענע: „קאַפאָ", „בלאָק עלטסטער", „לאַגער עלטסטער" — וואָס באַדייטן די דאָזיקע ווערטער? יידן דערציילן ניט, פאַרטרויען ניט זייער פיין-שיפער. נאָר פלוצים אַ טומל, מענטשן לויפן, אַ געשלעג. ווער שלאָגט, וועמען שלאָגט מען?

— מען שלאָגט אַ קאַפאָ!

די דורך יאָרן ליידנדיקע האָבן זיך שוין דערפילט זיכער, כמעט באַפרייטע, דאַרף מען זיך רעכענען, אָפמעקן דעם נעכטן און פארחתמענען מיטן בלוט פון אונטערדריקער — דערווייל פון דעם קאַפאָ; באַלד, מאָרגן וועט זיין די רעכן-צייט מיטן פרעמדן פאריאכער, פאַרן מערדער, פאַרן פאַרגאַזער און פאַרברענער. באַהאַלטן זיך די טמאים, וואַרפן די לענטעס פון די הענט, היטן זיך, ניט צעריסן צו ווערן פון „באַפרייטן פאָלק". ווייל נקמה

פון מערדער און זיין צוהעלפער איז איצט דער איינציקער פּאַרלאַנג. און דערווייל יובלט אַלץ אין געטאָ, לאַכט און זינגט, אַ יום־טוב־שטימונג, די פרייד רייסט זיך פון אַלעמענס הערצער, ווייל קיבוץ גלויות איז אין שאוול, דער לעצטער רעשט פון אַ צעמאָרדעוועט פאָלק האָט זיך צונויפגעקליבן, כדי מקבל צו זיין, אויב נישט דעם גואל, איז כאָטש — די גאולה.

*

נאָר פּאַריזשער לויפט אַרום איבערן געטאָ, ער הערשט נאָך ווי געוועזן. אָט האָט ער פּלוצים אַ כאַפּ־געטאָן דעם „לעטישן בחור”, אים אַ צי־געטאָן אַן אַ זייט און אַרויסגעריסן פון זיין קעשענע אַ בלאַנקן רעוואָלווער.

דער „לעטישער בחור” האָט זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ מיט אַ יאָר צוריק, אַנטלויפנדיק פון דווינסקער טויט־לאַגער, נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ לאַנגע צייט מיט פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. פּאַריזשער האָט די גאַנצע צייט געהאַט אויף אים אַ פאַרדאַכט, אַז ער געהערט צו דער גרופּע פון „מסדה“. איצט פאַכעט פּאַריזשער מיטן רעוואָלווער איבערן געטאָ און יעדערער זעט די פּראָוואָקאַציע. די פרייהייט וועט מען ניט דערלעבן, אויב די דייטשן, וועלכע לויפן איצט איבערן שטאָט ווי משוגענע הינט, זאָלן זיך דערוויסן וועגן געווער אין געטאָ. דערווייל קומט פּאַריזשער נאָר אָפּ מיט אַ רעדע צום עולם: „ברענגט ניט קיין צרות אויף זיך...” שרייט דער פאַרעטער און פאַכעט מיטן נאַגאַן.

די ס”ס־קאָמענדאַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לאַגערן, זאַמלען אַרום זיך „זייערע” יידן, ריידן צו זיי גוטע רייד: „די גאַנצע שטאָט ווערט באַלד אונטערגעצונדן, מיר האָבן באַשלאָסן אייך צו ראַטעווען, מיר פאָרן אין אָסט־פּרייסן, אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן...” און יידן, געוווינטע פון יאָרן הכנעה, זאַמלען זיך אויף, גייען זייער גורל־וועג ווייטער. קאַפּאָס ציען צוריק זייערע בענדער אַרויף, פאַרמירן די רייען. נאָר אייניקע פון די געקומענע באַהאַלטן זיך אויס: אפשר וועט מען דאָס געטאָ ניט פירן. וויפל צייט דאַרף מען דען געווינען? — מעגלעך נאָר אַ פּאָר שעה און די רוסן וועלן זיין אין שטאָט.

די קאָמענדאַנטן נעמען וויפֿל מענטשן עס לאָזט זיך. פֿאַריזשער לויפֿט, שוויצט, בעט זיך און סטראַשעט: אַלע זאָלן גיין צום טראַנספּאָרט; די שאַוולער וועלן אויך גיין, מאָרגן, שפּעטער...

פֿאַרשוווּנדן איז די נאָך אקאָרשטע פֿרייד, אויס קיבוץ גלויות, ווידער גלות, יידישער נע־ונד. אַ פֿאַלשע משיח-שעה איז עס געווען.

דאָס געטאָ אָטעמט מיט האַס, מיט מרידה, אָבער די דייטשן זיינען נאָך בכּוח אפֿילו אין איין האַלבע שעה אַלעמען צו פֿאַרניכטן, רייסט מען זיך דורך אַלע שפּאַרונקעלעך, מען קויפֿט איבער וואָר-פֿאַסטנס, מען שניידט אין געהיים דראָטן, איינציקווייז לויפֿט מען פֿון געטאָ. אין אַ ווינקל פֿון געטאָ האָט מען געעפֿנט אַ פּלויט, וועלכער פֿירט אין אַ ניט אַרומגעצוימטן פֿאַבריקס-הויף. שוין איבער אַ שעה ווי אַ מענטשן-שטראָם לאָזט זיך דורך דער עפֿענונג: אָרדנונגס-דינסטלער רעגולירן דאָס אַנטלויפֿן, זיי היטן זיך פֿאַר פֿאַריזשערן און העלפֿן. זיי לויפֿן אַליין פֿון זייערע וואָר-פֿאַסטנס.

דער אָרדנונגס-דינסטלער מעדיק פּיק איז אַדורך דעם געטאָ-טויער מיט אַ פֿאַרמאַכטן טעפּל אין האַנט, זאָגנדיק אַז ער טראָגט מיטאָג פֿון פֿאַריזשערן פֿאַרן קאָמענדאַנט אין שטאָט. די דייטשן האָבן אים געגלייבט. און אַזוי איז ער אַנטלאָפֿן. פֿאַריזשער באַשטימט אין געאייל נייע אָרדנונגס-דינסטלער. די נייע נעמען איבער זייערע פֿאַסטנס נאָר כּדי קענען לייכטער אַרויס פֿון געטאָ.

מענטשן און משפּחות אין בכלל אַזעלכע וואָס פֿאַריזשער האָט אויף זיי אַ פֿאַרדאַכט מוזן זיך אַלע צוויי שעה מעלדן בײַ אים. ער האָט איינגעפֿירט אויסנאַם-צושטאַנד. פֿאַר יעדער אַנטלאָפֿענעם איז פֿאַראַנטוואָרטלעך זיין משפּחה, אָדער די שכנים.

נאָר ווער עס האָט מעגלעכקייט און מוט אַנטלויפֿט.

דעם 17טן יולי האָט מען אַרויסגעפֿירט דעם ערשטן טראַנספּאָרט פֿון געטאָ, די צוזאַמענגעטריבענע יידן פֿון די לאַגערן.

אויף מאָרגן האָט מען אַרויסגעפֿירט די יידן פֿון די קאזערניר-לאַגערן.

פֿאַריזשער איז גוט-ברודעריש דורכגעקומען מיט די דייטשן מען זאָל לאָזן פֿאַמיליעס פֿאָרן צוזאַמען, ניט סעלעקטירן מענער

אין פרויען באַזונדער. און זייער ראַפענירטקייט האָט גוט אויסגערעכנט: דאָס פירן די משפחות צוזאַמען איז געווען די בעסטע וואך, — ווייל מאַמעס האָבן ניט אָפּגעלאָזן זייערע קינדער, קינדער האָבן ניט געהאַט קיין האַרץ איבערצולאָזן עלטערן אַליין און — אַלע צוזאַמען זיינען דערפאַרן אין שחיטה־הויז.

די וואָס האָבן פאַרפּאַקט מיט זיך צווענגלער, זעגלער, כדי אויפברעכן די וואַגאָנעס, די וועלכע האָבן נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן דעם געדאַנק זיך צו ראַטעווען, זיינען טאַקע אויך דערפאָרן ביז שטוטהאף, ווייל, אַז אסתרקע פיין איז געשפּרונגען פון וואַגאָן האָט די שוועסטער איר אנגעהאַלטן ביים ברעג קלייד — „שפּרינג ניט!" נאָר זי איז געשפּרונגען. זי און איינציקע. אַלע האָבן זיך געהאַלטן אָנגעקלאַמערט איינע אָן די אַנדערע. געצערטלטע אין זייערע אָרעמס די געליבטע. פאַרליבטע, פרויען און מענער, האָבן זיך דאָ, אין וואַגאָן, געפּליסטערט שטילע ליבע־רייד, זיך פאַרשייכורט מיט הייסע קושן. און אַ טייל שפּעטער פאַרברענטע מאַמעס האָט מיטגעברענט דער ערשטער זוימען פון אַ ניי־לעבן, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אין מוטער־טראַכטן אויף די האַרטע וואַגאָן־ברעטער, אין די פינצטערע פאַר־נעכט, אונטערן שטילן גערויש פון די ראַלנדיקע באַן־רעדער און אונטער דער אויפזיכט פון ס״ס־וואַך־פּאָסטנס. — ווייל די פרייהייט איז דאָך נאָענט געווען, אַזוי נאָענט „כמעט אַ פּאָר מאָנאַט וועט עס אפשר נאָך געדויערן..."

— און די קרעמאַטאָריעס?

קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן זיינען געווען „אַמאָל", פאַר די יידן פון וואַרשע און לובלין, אָבער ניט פאַר שאַוולער, וואָס זיינען אַזעלכע טיכטיקע אַרבעטער, וואָס זייער נאָמען איז אַפילו צו גוטן דערמאָנט געוואָרן אין אַ דייטשן בלעטל, און וואָס דייטשלאַנד דאַרף זיי איצט אַזוי נויטיק האָבן — אַזוי האָבן די דייטשן איינגערעדט, אַזוי האָט דערציילט פאַריזשער און אַזוי האָבן יידן געגלויבט...

רואיק זיינען אין יעדער וואַגאָן, צווישן 50 יידן, געזעסן די צוויי ס״ס־פּאָסטנס אויף זייערע פלעצער, ביים טיר, האַלטנדיק פאַרשטייפט לייכטע קוילן־וואַרפער אין די הענט — נאָר די

קוילן=וואַרפער זיינען דאָך ניט געווען פאַר די יידן, אַזוי האָט פּאַריזשער געזאָגט, דאָס באַשיצן זיי דעם עשאַלאָן פון אַ פּלוצימדיקן רוסישן אָנפאַל. אַ באַווייז, אַז סאיז ניט צו היטן די יידן, איז די כמעט „צאַרטקייט” מיט וועלכע די ס״ס באַנעמט זיך. זיי טרייבן ניט, יאָגן ניט, פאַרקערט, זיי האָבן געהאָלפן אין רו און מיט אָרדנונג, אַז אַלין זאָל פאַרפּאַקט ווערן אין די וואַגאָנעס: עסן, מעדיקאַמענטן, דער אָפּיציעלער געטאָ=אַרכיוו און אין יעדן וואַגאָן צוגעטיילט איין יידישן דאָקטאָר אָדער קראַנקן=שוועסטער.

אַלע פּסיכאָלאָגישע איינגריפן אויף די אָפּגעשוואַכטע מוחות און תמימותדיקע יידישע הערצער איז פּרעציז מיט סאַדיסטיש ראַפּענירטער אויסגערעכנטקייט אַדורכגעפירט געוואָרן.

און יידן האָבן געפּשטלט: איצט מוזן זיי אונז האָבן פאַר דער וועלט; די וועלט וועט דאָך פאָדערן ווּ זיינען „אייערע” יידן? איז ווי קענען זיי טאַקע איצט, אַז זיי פאַרשפּילן די מלחמה, אונדז לאָזן דאָ, טאָמער מאַרדן חס=ושלום אונדז די ליטווינער אויס ? . . .

אויך דאָס האָבן געזאָגט די דייטשן. אויך דאָס האָט געזאָגט פּאַריזשער. אויך אין דעם האָבן יידן געגלויבט.

די קהילה שטאַרבט

דער פּרימאָרגן האָט זיך צעלויכטיקט און גלאַנציקע „שלאַנגען" האָבן זיך געדרייט אויפן הימל, די שטאָלענע מאַטאָרן האָבן אָנגערווישט דעם ערשטן פריידיקן אָנזאָג צום ווידער-לעבן. האָבן אויגן געגלאַנצט צום הימל ווי צו קידוש-לבנה. אַן אעראָפּלאַן האָט אַ בלענד געטאָן איבערן געטאָ און אַ באָמבע געצילט, ווייזט אויס, אויפן פאַבריק אָדער טורמע, האָט אַ זעץ געגעבן אין געטאָ, וואָס איז געלעגן צווישן ביידע בנינים. ייִדן האָבן געלאַכט, זיך געפרייט, געוויינט פון שמחה און זיך געקושט: זאָל פּאַסירן וואָס עס וויל, נאָר דאָ, אַ סוף צום געטאָ — אָבער ניט פון די דייטשע הענט, די פאַרוואונדעטע שרייען, מאַכן פיל דאָס געטאָ מיט געיאָמער. צווישן די שווער פאַרוואונדעטע איז אויך דער געוועזענער ראש הקהל פון געטאָ — מענדל לייבאָוויטש.

די שטימונג אין געטאָ וואַקלט זיך, ווי אַ שווער קראַנקער אין קריזיס-שעה. און פּלוצלונג צעטראָגט זיך אַ שוואַרצע בשורה איבערן געטאָ: מאָרגן, ווערט עוואַקואירט דער לעצטער רעשט. אַלע מוזן תיכף זיין גרייט צום מאַרש. קיין וואַגאָנעס זיינען מער ניטאָ, די ליניעס זיינען אויפגעריסן, וועט מען גיין צופוס.

פאַריזשער קלייבט אין געאייל אָפּ 80 מאַן, וואָס דאַרפן העלפן די עוואַקואַציע פון טע.ווע.על. (מיליטער שפּיז לאַגערן) קיין ריגע. פאַריזשער איז זיך דאָ נוקם אַן „פאַרזינדיקטע", אַן אַזעלכע וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן ביים אַנטלויפן פון געטאָ. זיי אַלע ווערן איצט אַוועקגעריסן פון זייערע משפחות. (אין ריגע האָט מען די 80 מאַן געבראַכט אין לאַגער קייזערוואַלד. געציילטע זיינען שפּעטער אָנגעקומען מיט דעם לאַגער קיין שטוטהאָף).

אין דערווייל רייסט מען קראַנקע פון זייערע בעטן. זיי רייסן זיך אַליין. דער קאָמענדאַנט, שלעפּ, האָט פּאַרטרויט, אַז דער

שפּיטאָל מיט די קראַנקע וועט אונטערגעצונדן ווערן. בעט זיך אַ טאָכטער ביים שעף=דאָקטאָר: פּאַרסמט מיין מאַמען. און די בלינדע מאַמע איז מסכים פארסמט צו ווערן — —

גיט מען אַ גוואַלד=שלאָף (סקאפאלאמין) די קראַנקע ווייל, וועלכע האָט אַדורכגעמאַכט צענדליקער דייטשע לאַגערן, פון שטוטגאַרט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, דורך אוישוויץ און פּאַניעוויעזש, ביז שאוול, ווו זי איז רואיק איינגעשלאָפן — —

פּאַרפּאַקט מען אין אַ פור די דורכגעשאָסענע פּאַריזייטע, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון ווילנער עוואַקואַציע. טרייבן איר אָבער די דייטשן צוריק פון פור — זי מוז אומקומען מיטן שפּיטאָל, פאַרן וועלן זיך ראַטעווען דורכן דראָט. קוקן אירע גרויסע שוואַרצע אייגן אַן די אַרומיקע. און די אַרומיקע שווייגן, שווייגן — —

מען פאַרשליסט אין שפּיטאָל די 70 אָפּסעלעקטירטע קראַנקע, אַלטע און שוואַכע, וואָס וועלן, לויט די דייטשן, פאַרשווערן דעם מאַרש — רייסן זיי זיך צו די שפּיטאָל=פענצטער, קוקן מיט טויטגרויליקע אויגן אין געטאָ אַרויס, ווינקען מיט די הענט, בעטן זיך מען זאָל זיי אַרויסנעמען פון טויט — און אַלע שווייגן, שווייגן — —

מען טראָגט אונטער באַוואַכונג די מתים, פון דער לעצטער באָמבאַרדירונג, צום בית=עולם. בעטן זיך יידן ביי די קברנים: זוכט אויף דעם קבר פון מיין טאַטן, פון מיין מאַמען, געזעגנט זיך מיט זיי אין מיין נאָמען — די צום טויט=גייענדיקע שיקן גרוסן צו די טויטע — —

* * *

פרייטיק, 20טן יולי, בייטאָג: מער ווי טויזנט יידן שטייען שוין גרייט אין פינפער=רייען. פּאַריזשער פּאַרפּאַקט זיינע צענדליקער טשעמאָדאַנעס אין אַן אויטאָ. 5 מענטשן, פון דער משפּחה לייבאָוויטש, האָט שלעף איבערגעלאָזן אין געטאָ, זיי זאָלן זיך מטפּל זיין מיטן גוססדיקן מענדלען. ער, שלעף אַליין, וועט זיי מאָרגן צושטעלן צום טראַנספּאָרט.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן און דער טראַנספּאָרט האָט גערירט. אַן אומהיימלעכער שווייגן צווישן די רייען. דעם לעצטן מאָל באַ=

טרעטן די פיס די אייגן=שטאָטישע גאַסן. יעדער שטיין דריקט די אויף אים אַרויפטרעטנדיקע פוס, ווי מען דריקט די האַנט פון אַ ליבן מענטשן צו געזעגנונג. אָט שטייט אַ הויז, אַן אייגן הויז. די אויגן דרינגען די גארדינען אַדורך. די מחשבה פירט דורך די אייגענע קארידארן און שלאָף=צימער, אין אייגן שלאָף=צימער, מען באַטאַפּט מיט די אויגן די בעטן, די ווייסע איבער=דעקעס, די ווייסע קישנס. ווער שלאָפט איצט אין די בעטן?

פאַרוואָס?

דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל צו דער אייגענער שטוב, ווו מען האָט געליבט, געהאַסט, קינדער געבוירן און מתים אַרויסבאַגלייט; געליטן, זיך געפרייט — געלעבט. נאָר שטאָלענע ביקסן רייסן די גולים פון פאַנטאַזיעס אַרויס: אַלין איז געווען, געווען, ווי שוין לאַנג, לאַנג צוריק.

— — — אָט איז דער בית=המדרש, די פּאָסט, דער מאַרק, דער פּאַרק — אויס.

די סוף=שטאָט גיט אַ טוליע אַריין די גייענדיקע. פון ערגעץ גיט ווייט הערט זיך אַ טעמפּע קאַנאַנאַדע. די פּאָסטנס טרייבן צו: גיכער!

פרייטיק=צו=נאַכט. — די מלכה=שבת וועט ניט האָבן מער ביי וועמען צו קומען אַהער.

מיטן נאַכט. מיטן וואַלד. אַ קליינע איבערשיסונג מיט פּאַרטיזאַנער. די פּאַרטיזאַנער אַנטלויפן און דער עלנט=מאַרש ציט ווייטער. מען וואַרפט פון זיך די לעצטע זאַכן, די לעצטע פאר וועש אין רוקן=זאַק איז אַ צו שווערע לאַסט.

באַגינען. טירן ־עפנען זיך. פויערים פירן אַרויס די בהמות פון די שטאַלן, פאַרנעמען זיך צו דער אַרבעט אויף זייער ערד. זיי קוקן אָן די געטריבענע מאַסע, ציילמען זיך איבער.

שבת באַגינען, (21 יולי 1944), פּוסט איז דאָס געטאָ. נאָר די צוזאַמענגעשפּאַרטע און באַוואַכטע אין שפּיטאָל קלאָגן אַרויס פאַרצווייפלטע און זאָגן ווידוי. נאָך גאַנצע 24 שעה איז זיי געבליבן זיך צו ראַנגלען אין די נעגל פון אומפאַרמיידלעכן גורל, ביז די

לעטישע ס״ס=לייט וועלן זיי אַוועקפירן טויטן, 6 ק״מ פון שטאָט, אויפן וועג צו מעסקוויץ.

שבת באַגינען איז מענדל לייבאוויטש נפטר געוואָרן. זיין משפחה האָט אים געבראַכט צו קבורה — דעם לעצטן מת אויפן גרויסן בית=עולם, ווו עס רוען צענדליקער דורות, אונטער טויזנטער מצבות און אַרום וועלכן אַ הויכע מויער=וואַנט שליסט אַ פעסטן טויטן רינג אַרום.

— אַט דאָס געטאָ וועט נאָר בלייבן, דער ריינער יידן=אָרט אין דער בלוטיק גויישער שטאָט.

די משפחה פאַרלאָזט דעם בית=עלמין. פאַרמאַכן דעם אייזערנעם טויער. דער „צדק לפניך יהלך״ גיט זיך איבער אים אַ טרייסל —

מער וועט מען דעם טויער ניט עפנען. אין שאוול וועלן מער קיין יידן ניט שטאַרבן — —

*

די לייבאָוויטש משפחה שיקט מען דעריאָגן דעם טראַנספּאָרט. אין שטאָט איז שטיל און ווי מערדער אין זייער באַהעלטעניש ליגן אירע איינוווינער פאַרטייעט אין זיך.

פון ווייטן הערט זיך אַ שווערער טאַנקן געדרויש, די רוסישע חיילות דערנעענטערן זיך צום שטאָט — אין געציילטע טעג וועלן זיי דאָ זיין — פאַר יידן פאַרשפּעטיקטע.

*

אין קורשאן קריגן נאָך שלעף מיט פאַריזשערן די לעצטע וואַגאָנעס. מען פאַרפאַקט אויף גיך די יידן און דער עשאלאן רירט. דער לעצטער עשאלאן פון ליטע. טויזנטער דייטשע זעלנער בלייבן איבער פאַר דער געפאַנגשאַפט, אויף מיליאָנען די ווערט וועלן בלייבן סחורות, נאָר די יידן זיינען „טייערער״ פון אַלץ, זיי טאָר מען ניט איבערלאָזן...

בייסט זיך דער לאַקאָמאָטיוו מיט די לעצטע סאפּענדיקע כוחות אין די רעלסן, פירט דעם לעצטן רעשט פון ליטווישן יידנטום צו פאַרפייניקונג, צו פאַרניכטונג. קלאַפּן די רעדער אויס דעם לעצטן

ווייאיקן אַקאָרד: געווען אַ שטאָט, אַ לאַנד מיט ייִדן, געווען אַ היים, איז עס דורך בלוט און רציחה אָפּגעמעקט געוואָרן און — גישטאָ מער.

איין מעת־לעת שטוטהאף
און איין יאָר דאכאַו*)

---

*) אונטערן דאָזיקן נאָמען האָט דאָ געזאָלט אַריינגיין דער לעצטער בוך־טייל, וועגן לעבן און אומקום אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן לאָזן מיר איבער דעם טייל, אַרויסצוגעבן שפּעטער, אין אַ ספּעציעלע אויסגאַבע. דאָ ברענגען מיר נאָר, בקיצור זייער, דעם טויט־פינאַל פון דער קהילת שאַוול.

אין נעפּל:

דריי ליכטיק וואַרעמע יולי טעג האָט געדויערט די רייזע, פון שאַוול קיין שטוטהאָף. אין די וואַגאָנעס איז געווען ענג, אָבער דערטרעגלעך. דורך די האַלב־אָפענע טירן פון די בהמה־וואַגאָנעס האָט מען געזען די ליטווישע רחבותדיקע לאַנדשאַפטן, די גאָלד־געלע סנאָפּעס קאָרן אויף די פעלדער. די פעלד־ און וואַלד־ריחות האָבן ווי פאַרשיכורט. אויפן יידישן מענטשן, וואָס איז דאָך שטענדיק געווען באַוועגלעך און איינגעוווינט צו רייזן, און וואָס איז דאָך די דריי יאָר געווען אָפּגעשפּאַרט פון פעלד, וואַלד און וועלט — האָט דער ערשטער רייזע־טאָג געווירקט אַפילו אָנגענעם, אַזוי גיך ווי די ערשטע שעהן פון דענערווירונג זיינען פאַרביי. אויפן גאַנצן וועג, ביז דער דייטשער גרענעץ, האָט מען זיך געריסן צו די וואַגאָן־טירן, געוועלט נאָך אָנקוקן דאָס לאַנד, וואַרפן אַ לעצטן בליק, כאָטש מען האָט דאָך שטאַרק געהאָפט, אַז באַלד וועט מען זיך אומקערן אויף דעם וועג צוריק...

דער באַן יאָגט פאַרביי וואָקזאַלן, אַדורך אייגענע שטעטלעך, וווּ מען איז געבוירן און געוואַקסן. קוקט מען אַרויס מיט פאַרבענקטע אייגן אַהין, צו דער ווייטקייט, אַהינטער די וואָקזאַלן, אין דער ליטווישער פּראָווינץ, וווּ מען האָט פריינט און אייגענע געהאַט און וואָס די שטעטלעך זיינען שוין לאַנג יידן־ריין געוואָרן. דער צוג לויפט אַדורך ליטע, ווי ער וואָלט געוועלט, פאַרן לעצטן אַרויספאָר פון לאַנד, אַדורכפירן די מענטשן צום לעצטן מאָל אויף אַ געזעגענונג, זיי לאָזן צוזאַמען נעמען אין איין בונט אַלע זייערע אָפּגעלעבטע יאָרן אין אָט דעם לאַנד און דאַן זיי אַרויסשליידערן אין כף הקלע אַריין.

די פּאָסטנס האָבן זיך געהאַלטן פריינדלעך, געלאָזט אַפילו זיך זעצן לעבן זיי, ביי די אָפענע טירן. דער דאָזיקער פאַרהאַלטן זיך פון די פּאָסטנס האָט נאָר געדויערט ביז דער דייטשער גרענעץ. ווייזט אויס, אַז ס'איז געווען אַזאַ באַפעל, ווייל געוווסט האָבן די דייטשן, אַז אויף ליטווישן באָדן קען נאָך איינפאַלן די אַרעסטאַנטן צו אַנטלויפן, דאָ קענען זיי אפשר געפינען נאָך אַן אָרט זיך אויס־

צובאַהאַלטן. אַנדערש שוין אָבער אין דייטשלאַנד, דאָ איז זיך ניטאָ מער וואָס צו שפּילן מיט די „העפטלינגע“; איז ווי נאָר אַריבער דעם דייטשן גרענעץ האָט די באַציאונג זיך תיכף געענדערט.

דערווייל האָט אָבער פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט ווידער אַן אטעם־געטאָן אין די געמיטער מיט צוזאָג:

אויפן קעניגסבערגער וואָקזאַל, ווו דער צוג איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן, זיינען צוגעקומען צו די ייִדן דייטשע פראָנט=סאָלדאַטן, ערשט געקומענע פון רוסלאַנד. זיי האָבן באַטראַכט די פאָרנדיקע און זיך נאָכגעפרעגט ווו מען פירט אונדז. זייער פאַרביטערונג און אפילו מיטלייד האָט מען געלייענט פון זייערע פּנימער. און פּלוצלונג האָט אַן אונטעראָפיצער אַ זאָג געטאָן: „איר וועט אייך שוין לאַנג ניט קוועלן, מיר האָבן דעם קריג סיי ווי פאַרשפּילט”. באַלד אויף דעם זיינען אָנגעלאָפן ס״ס, פאַרקלאַפּט די וואַגאָן־טירן און אָפּגעיאָגט די סאָלדאַטן מיט זידלערייען.

די פּאַסירונג האָט אויפגעמונטערט. אַזעלכע ווערטער! און אַזוי אָפן! ביז היינט האָט מען עס פון אַ דייטשן ניט געהערט.

אויפן צווייטן טאָג איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע טיגנהאָף. וועג=שילדער האָבן דאָ אָנגעוויזן 30 קילאָמעטער ביז דאַנציג. הייסט עס — האָבן ייִדן געפשטלט — מען האָט ניט אָפּגענאַרט. די דייטשן האָבן טאַקע געזאָגט אַז מען פירט צו פאַבריק־אַרבעט ביי דאַנציג...

דער פרימאָרגן איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער, די פּאָסטנס האָבן געלאָזט כמעט פריי אַרויס פון די וואַגאָנעס. האָט מען אַרומשפּאַצירט פון איין וואַגאָן צום צווייטן. מען האָט פונאַנדערגעלייגט פייערן, יעדער האָט זיך געקאָכט עסן, געוואַשן, אויסגעטשוכעט פון דער לאַנגער רייזע.

אַ גאַנצן טאָג און די נאַכט איז מען געשטאַנען אויפן וואָקזאַל אין טיגנהאָף, ערשט באַגינען האָט מען איבערגעזעצט אויף קליינבאַן פּלאַטפאָרמעס. צו 150 מענטשן און מער האָט מען אַרופּגעקוועטשט אויף יעדער פּלאַטפאָרמע. די פּאָסטנס האָבן געטרייסט: — עס איז שוין ניט ווייט די פאַבריקן, דאָרט וועט איר אייך אויסרוען...

שטייענדיקערהייט איז מען געפאָרן. קראַנקע האָבן געחלשט. מען האָט זיך געהאַלטן אַרומגענומען, כדי ניט אַרויספאַלן איבערן באַריער. דער קליינבאַן האָט געשלעפּט, געסאַפּעט מיט די לעצטע כוחות. די פּאָסטנס זיינען געזעסן שווייגנדיקע אויפן דעכל פון לאָקאָמאָטיוו, אויף די בופערן, געצילט אַנטקעגן אונדז שוין מיט די מאַשין־געווער און געווען ערנסט, ווי זיי וואָלטן אונדז ניט געוועלט קוקן אין די אויגן און וואָס גיכער שוין פּטור ווערן פון אונדז.

מיר זיינען אַדורכגעפאָרן אַ שטעטל. אַרבעטער זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט און געשמייכלט, אַנדערע זיינען ערנסט געווען, אַוועקגעדרייט די קעפּ. דער באַנכל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע. 13—14־יאָריקע שקצים האָבן דאָ געטאָן די אַרבעט פון קאָנדוקטאָרן, באַן־אויפזעער, נאַטשאַלניקעס. זיי זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ס״ס און באַן־אוניפאָרמען. אַנדערע זיינען צוגעקומען צו אונדז, געענטפערט אויף אונדזערע פּראַגן, אַז מען פירט אונדז דערביי דאָ אויף אַרבעט, אַז דאָרטן געפינען זיך שוין אויך אַנדערע אַרבעטער. זיי האָבן געשמייכלט.

מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ קליינעם וועלדל. דער לאָקאָמאָטיוו האָט פאַרהאַלטן זיין אימפּעט און פּלוצלונג: אוי. איין איינציקער אוי האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער הערצער. איי — און מער גאָרניט. דאָס בלוט איז ביי אַלעמען ווי פאַרשטייפט געוואָרן. אַ גרויזאַמער בילד האָט זיך געריסן פון דער ערד אַרויס: אַרויסשטאַרצנדיקע קעפּ, אין דער ערד פאַרבאָרגענע גופים, פון אַהינטער אַ פיר־פאַכיקן דראָט.

דער באַנכל איז שטיין געבליבן. פון דער ווייטן האָבן זיך געזען ציענדיק קילאָמעטער לאַנגע מענטשן־פאַסן, אָנגעטאָן אין עפּעס געשטרייפטע קליידער. זיי האָבן זיך געצויגן אין גראַדע רייען און דאָס עכאָ־געקלאַפּ פון זייערע האָלץ־שיך האָט אונדז געבראַכט אַ גרוס, אַז דאָס גייען אַרעסטאַנטן.

צווישן אונדז האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. איינער צום צווייטן איז זיך עפּעס פרעמד געוואָרן. יעדער איז געווען פאַרשטילט אַריינגעטאָן אין זיך.

אַז די קאָלאָנעס זיינען ענדלעך פאַרשוווּנדן ווייט פאַר אויגן, האָט דער באַנכל געריכט פאָרויס.

ווי לאַנג זיינען מיר נאָך געפאָרן? — אפשר צען מינוט און אפשר אַ סך מער.

דער פינצטערער וועלדל האָט זיך געענדיקט. ווידער האָבן מיר דערזען אַ ליכטיקע, זוניקע וועלט און ביים ענדע פון וואַלד, ביים ענדע פון דראָט — אַ הויז. אַ ליכטיק ווייסע הויז, מיט אַ באַזונטע גרויסע טעראַסע, וואָס איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן אונדז. אויף דער טעראַסע האָבן צוויי קינדער זיך געשפּילט. פאַרן וועג איז געשטאַנען אַ שילדל: וואַלדלאַגער שטוטהאָף.

אויסשטייגן! — איז געפאַלן אַ קאָמאַנדע.

ווי פון אונטער דער ערד זיינען אויסגעוואַקסן אַ 50 שוואַרץ־באַמונדירטע געשפּענסטער און עטלעכע העכערע ס״ס־פירער. פאַר אונדז איז געלעגן אַ ברייטער וועג, וואָס איז געווען אין מיטן אַדורכגעצוימט מיט אַ בעטאָן־באַריער. פון ביידע זייטן וועג זיינען געווען בלומען...

— מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער! — האָט עמעצער פון די ס״ס־לייט אַ קאָמאַנדיר געטאָן.

פאַרשטילטע האָט מען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן וועג, וואָס האָט געפירט אין לאַגער אַריין.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שטיל און שנעל. דער באַנכל איז אָפּגעפאָרן צוריק מיט אונדזערע פאַסטנס. ערשט איצט האָבן די ס״ס־לייט אַרויסגעלאָזט אַ הירזשנדיק ווילד געלעכטער, וואָס האָט אויך איבערגעוועקט די שטייענדיקע יידן. מען האָט זיך אַרומגעקוקט — פּוסטע ווייטע ליידיקייט איז געווען פון אַלע זייטן.

— מאַרש!

די קאָלאָנע האָט געריכט. די אייניקע קינדער וואָס זיינען דאָ געווען נאָך, האָבן אָנגעפאַנגען אַריבערלויפן פון די מאַמעס צו די מאַמעס און צוריק. ס׳׳ם איז אַרויפגעפאַלן פון אַלע זייטן, געממתט מיט ווילדער רציחה, — בלוט האָט זיך געגאָסן און די קאָלאָנע איז אין אַ געלויף אָנגעקומען צו אַ טויער. אַזוי גיך ווי דער טויער האָט אונדז אַריינגעשלונגען איז שוין געווען אַ צווייטער און באַלד

אַ דריטער. ביז מיר זיינען שטיין געבליבן אין אַ מיטן וואַלד. ס״ס איז ווי ניט געוואָרן. אַרום אונדז איז געווען וואַלד. אונטער אונדז אַ ווייסער ים־זאַמד. איבער אונדז אַ בלויער הימל און פֿון ווייטן אַ רוישן פֿון ים...

אין זייט פֿון דעם פֿעלד, אויף וועלכן מיר האָבן זיך איצט אויסגעלייגט, זיינען געשטאַנען 4־5 גרויסע, רויטע מויערן. אַנטקעגן אונדז אַ דיקער דאָפּלט־דראָט און צווישן דראָט און דראָט — דראָט־קנוילן. הינטער די דראָטן הונדערטער באַראַקן, שיינע, גרויסע, גרינע באַראַקן.

די פֿרויען האָט מען אַריינגעיאָגט אין אַ געמויערטן באַראַק, אויפֿן זעלבן פֿעלד ווּ מיר זיינען געלעגן.

פֿון אַלע זייטן, פֿון יעדער איינציקן פֿון די אַכציק טויזנט העפֿטלינגע האָט געאָטעמט טויט. די פּאָלאַקן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפֿן הויף, האָבן זיך געאיילט אונדז אָנצוזאָגן, אַז דאָ וועט מען אונדז פֿאַרברענען, דערפֿאַר זאָל מען זיי אָפּגעבן אַלע ווערט־זאַכן, גאָלד, בריליאַנטן: „אייך וועט מען סיי־ווי פֿאַרברענען“. און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ פּשוטקייט...

דורכן פֿענצטער, וואָס איז אַרויס פֿון דעם באַראַק ווּ מען האָט אַריינגעטריבן די פֿרויען, צום אינעווייניקסטן לאַגער־הויף, האָט איין ייד איבערגעגעבן גאָלד צו אַ פּאָלאַק, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט. דאָס האָבן ביידע געזאָלט זיך שפּעטער טיילן אויף העלפֿט, אויב דער ייד וועט דאָך בלייבן לעבן. נאָר אַ ס״ס־מאַן האָט עס באַמערקט און דערהרגעט דעם פּאָלאַק אויפֿן אָרט. דער לעצטער האָט אָבער, שוין ליגנדיק טויט, געהאַלטן פֿאַרקוועטשט די האַנט מיט דאָס אים געגעבענע. גאָלד איז געווען טייערער פֿון לעבן. מיט אַ סך גאָלד האָט מען דאָ געקענט דערהאַלטן דאָס לעבן.

ניט אַלע יידן האָבן אָפּגעגעבן זייערע ווערט־זאַכן. אָט לעבן זיי דאָך דאָ, — האָט מען געזאָגט, איז אפשר וועלן מיר אויך בלייבן לעבן. האָט מען באַגראָבן גאָלד און בריליאַנטן אין זאַמד, געשלונגען אין זיך, פֿאַרדרוקט אין די נקבים און חלולים פֿון אייגענעם גוף. אַ טייל איז געלעגן אָפּגעשוואַכט, רעזיגנירט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון גורל. אַנדערע האָבן זיך געוואָרפֿן אויפֿן עסן,

וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך, ווי מען וואָלט געגלויבט זיך צו קענען זאַט מאַכן אויף אַ לענגערע צייט.

עלטערן, וואָס האָבן נאָך געהאַט זייערע קליינע קינדער, זיינען געווען פאַרצווייפלט. מיט קינדער וועט מען זיכער פאַרברענען. דאָס האָט מען שוין געוווסט. איז ווער זאָל נעמען דאָס קינד, די מאַמע אָדער דער טאַטע? ביידע זיינען גרייט געווען אומצוקומען מיטן קינד. געווען אויך איינציקע פאַלן פונקט פאַרקערטע: טאַטע־מאַמע האָבן זיך געוואָרפן מיטן קינד פון איינעם צום צווייטן. ביידע האָבן געוואָלט בלייבן לעבן, זיך ראַטעווען, ניט אומקומען צוליבן קינד. איך האָב געזען אַ טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געהאַט צוויי קליינע קינדער, אַ יינגעלע און אַ מיידל. האָט דער טאַטע גענומען דאָס יינגעלע און די מאַמע — דאָס מיידעלע. אַלע פיר זיינען טאַקע אומגעבראַכט געוואָרן אין שטוטהאָף.

*

פאַרנאַכט זיינען אָנגעלאָפן אויף אונדז אַ קאָמאַנדא ס"ס־לייט מיט זייערע געהילפן — פוילישע קאַפאָס. אַלע מיט גראָבע שטעקנס און שפיץ־רוטן אין די הענט. אַ האַלבע שעה האָבן זיי געשלאָגן, געבלוטיקט אונדז. דאָס האָט געהייסן „ווייך מאַכן די מאַסע“ און זיי האָבן זייער ווייך געמאַכט... ערשט דאַן האָבן זיי אונדז אויפגעשטעלט אין איין קאָלאָנע, צו פינף אין אַ ריי. אַן אויבערשטורמ־פירער, אַ יונגער, שלאַנקער, בלאָנדער דייטש איז אָנגעקומען אויף אַ מאָטאָציקל. ער איז געגאַנגען אַדורך די רייען, געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט עפעס געוועלט דערזען אַ געהיימעניש. פלוצלונג האָט ער אַ ווונק געטאָן צו דאַווידאַוויצן, אים אַרויסגערופן פאָרויס און באַפוילן: די ביסט קאַפאָ איבער זיי אַלע, דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי אַלע. — דאָס איז געווען דער דאַווידאַוויץ, וואָס האָט אויפגעהאָנגען בצלאל מאַזאָוועצקען אין געטאָ — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרומגערינגלט פון ס"ס און קאַפאָס זיינען מיר געטריבן געוואָרן אין אַנטלויזונג. די ס"ס־לייט זיינען איצט דאָ געווען ליטווינער, פונעם שוואַרצן באַטאַליאָן, וואָס זיי האָבן עס אויך געדינט מיט זייערע מערדערייען אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מיר זיינען

פאַרביי די רויטע מויערן; ס"ס האָט אַראָפּגעקוקט דורך אַלע פענצטער און אונדז באַגלייט מיט געלעכטער. מען האָט אונדז אַריינגעפירט רעכטס פון די מויערן, אויף אַן אַרומגעצוימטן קליינעם פלאַץ. טויזנטער קליידער־שטיקער און שיך האָבן זיך דאָ געהויפט אין קופּעס. צו זיי האָט מען צוגעפּאַקט אויך אונדזערע. פאַרטיעס־ווייז האָט מען געפירט אין אַנטלויזונג. שעהן לאַנג איז מען געלעגן אויפן פלעצל, ביים טיר צו דער אַנטלויזונג און ניט געוווסט וואָס דאָרט אינעווייניק קומט פאָר. אַז אונדזער פּאַרטיע איז אַריין אין אַנטלויזונג און זיך אויסגעטאָן, זיינען אַנטקעגן אונדז געשטאַנען העכערע ס"ס־לייט. זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט, זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער צווישן זיך און אַוועק. ווייזט אויס די סחורה איז זיי געפעלן געוואָרן. ווייל מיט קליינע אויסנאַמען זיינען דאָך אַלע געווען אַרבעטס־פעאיקע. די סעלעקציעס האָט מען דאָך שוין געהאַט געמאַכט אין געטאָ. כדי ניט פאַרשעמען דעם מין מענטש — באַנוצנדיק די ווערטער פון נתן נאטע האַנאָווער — וועלן מיר ניט דערציילן וועגן דער חרפּה, וואָס איז דאָ, אין אַנטלויזונג, באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם צלם אלקים. אין די פופצן מינוט, וואָס די „באָד“ האָט געדויערט, האָט עס צוגענומען ביי מענטשן דעם כבוד־געפיל צו זיך און צום מענטשן בכלל.

אַרויס פון אַנטלויזונג, דורך אַ צווייטער טיר, האָט מען אונדז איינגעטיילט „קליידער“. יעדערן אַ העמד, הויזן און אַ רעקל. אויפן גאַס האָט מען צוגעוואָרפן יעדערן צוויי שיך, קליין אָדער גרויס, צוויי רעכטע אָדער לינקע — אָבער צוויי. אין די שיך האָבן אַ סך געהאַט איינגעפּאַקט גאָלד, בריליאַנטן, — האָט מען זיך אָנגעפאַנגען רייסן, דערזעענדיק ביי וועמען אַן אייגענע פּאָר שיך, וואָס יענער האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן, אויב די שיך האָט אים געפּאַסט.

פון אַריינגאַנג אין אַנטלויזונג ביז איצט — אין קנאַפּע שעהן — האָט מען די מענטשן שוין ניט געקענט דערקענען. יעדערער האָט איצט אויסגעזען ווי פאַרשטעלט. ווי אין אַ טראַגיש גרויזאַמען מאַסקאַראַד: הויכע מענער מיט קורצע ביז די קני הויזן און פאַרקערט, קליינע מענער מיט לאַנגע אויף דער ערד זיך נאָכשלעפּנדיקע הויזן. נאַקעטע הענט האָבן אַרויסגעשריען פון קורצינקע אַרבל. אַנ־

דערע זיינען געווען האַלב נאַקעט, ניט קענענדיק אַריינקריכן אין די קליידער. מען האָט זיך אָנגעקוקט און ביטער געשמייכלט. אַלץ אין היינטיקן טאָג איז געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט און אַלץ איז געווען אַזוי ווילד־משונהדיק, אַז די געדאַנקען זיינען צעטומלט געווען, מען איז שוין ניט געווען ביים קלאָרן זינען.

איצט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און קאַפּאָס האָבן מיט גרויסע פּענדזלען אויסגעמאָלן אויף אונדזערע קליידער גרויסע רויטע מגן דוד צייכנס. נאָך לאַנגע ציילונגען האָט מען אונדז צוגעטיילט קאַפּאָס און אַריינגעפירט אין אינערן לאַגער. ביי אונדזער באַראַק־פּענצטער זיינען געשטאַנען בלומען. אין ערשטן צימער איז ליכטיק געווען, עלעקטרע האָט געברענט יום־טובדיק. אויפן דיל איז געלעגן אַ גרויסער טעפּיך. אין אַ זייט פון אַט דעם ערשטן זאַל איז געשטאַנען אַ בעט פאַרן בלאָק־קאַפּאָ און איבערן בעט — אַ פּאָרטרעט פון „פירער”, ווי ער האַלט צוגעטוליעט צו זיך אַ קליין קינד...

אין צווייטן צימער זיינען געשטאַנען געדיכט 5 שטאָקיקע נאָרעס, מיט אַ ביסל צעריבן שטרוי. דאָ איז געווען שמוציק און פּינצטער.

אונדז האָט מען געלייגט שלאָפן אין ערשטן זאַל, אויף דער ערד. מען האָט אונדז איינגעלייגט אַלעמען אויף איין זייט, געדיכט איינעם ביים צווייטן. די קאַפּאָס זיינען געגאַנגען איבערקוקן אויב מיר שלאָפן כדין. זיי זיינען געגאַנגען איבער די גופים. פּרובירט אַריינשטופּן אַ פוס צווישן גוף און גוף. עס איז ניט מעגלעך געווען. דאַן האָבן זיי גענומען איינלייגן די פיס. אַלעמענס פיס האָבן געמוזט זיין גלייך... די לענגערע האָט מען געהאַקט מיט שטעקנס, זיי זאָל איינציען. עס איז דאָך אָבער ניט געווען ווו איינצוציען, האָט מען אַרויפגעשלעפּט די קעפּ אויפן וואַנט. זיינען אָדער ווידער געגאַנגען די קאַפּאָס איבער די קעפּ און זיי אַראָפּגעקלאַפּט...

אַנטקעגן אונדז, אין צווייטן ווינקל. האָט מען אַוועקגעלייגט די אָפּסעלעקטירטע קינדער, פון קאָוונע, שאַוול א״א. די קינדער זיינען געלעגן פאַרשטילטע, ווי מיר אַלע.

עס האָט שוין געמוזט זײַן נאָך האַלבער נאַכט, ווען דאָס שלאָגן און פּײַניקן האָט אויפֿגעהערט. מען האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט — נאַכט. ווי מיד איך בין געווען האָב איך אָבער אײַנשלאָפֿן ניט געקענט. כ'האָב געפֿילט אַז אַנדערע קענען עס אויך ניט. איך האָב געוואָרפֿן געהיים בליקן צום בעט פֿון קאַפּאָ, ווו ס'האָט געברענט אַ נאַכט־לעמפּל. אַ פֿיר שאָטנס האָבן זיך דאָרט באַוועגט. באַלד האָבן זיי זיך אויך אויפֿגעהויבן, געקומען צו אונדז. זיי האָבן באַטראַכט אונדז, באַטראַכט די שיך, וואָס זײַנען לויט זייער באַפֿעל געווען אויסגעשטעלט בײַ אונדזערע פֿיס. ביז אַ צען פּאָר שיך האָבן זיי אָפּגעקליבן און ערגעץ אַוועקגעטראָגן. באַלד זײַנען זיי צוריקגעקומען און אָנגעפֿאַנגען אויפֿוועקן די פֿון וועמען זיי האָבן אַוועקגענומען די שיך. די מענטשן האָבן זיך פֿאַרשטילטע אויפֿגעהויבן און אַוועק מיט זיי. מער זײַנען זיי ניט צוריקגעקומען. אויף מאָרגן פֿרי האָבן מיר זיי געפֿונען טויטע אין וואַש־באַראַק.

אַזייגער פֿיר באַגינען האָט עס געדאַרפֿט זײַן ווען ס'איז געוואָרן אַ טומל. איך האָב זיך אַ טשוכע געטאָן פֿון אָרט און דערזען — מער דערפֿילט ווי דערזען — ווי די קאַפּאָס שלאָגן מיט רימענס און שטעקענער איבער אַלעמען. די 400 מענטשן וואָס זײַנען געווען דאָ, האָבן זיך געדרייט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, געשפּרונגען איינער אַרום צווייטן, געטראַמפּלט איינער איבערן אַנדערן און די קאַפּאָס האָבן ניט אויפֿגעהערט בלוטיקן און געוואַלדעווען: „אַרויס! גיכער אַרויס צום אַפּעל!“ בײַם טיר זײַנען אָבער געשטאַנען צוויי קאַפּאָס און מיט שטעקענער געשלאָגן אויף צוריק. ניט געלאָזט זיך דערנענטערן צום טיר. בײַ זייערע פֿיס האָבן זיך שוין געוואַלגערט צעבלוטיקטע, טויטע. דער שדים־טאַנץ האָט ניט אויפֿגעהערט ביז — אַ ייִד האָט אַן עפֿן געטאָן אַ פֿענצטער. ערשט איצט האָט מען „פֿאַרשטאַנען“, וואָס די קאַפּאָס מיינען... מען איז געשפּרונגען דורך די פֿענצטער.

אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פּאָלאַק און האָט אַ שושקע געטאָן: „היטלער איז דערשאָסן געוואָרן“. (געמיינט דעם אַטענטאַט פֿון 20טן יולי). מיר האָבן די ידיעה אויפֿגענומען גלײַכגילטיק. די מוחות זײַנען געווען ווי אָפּגעטעמפּט. אין די

רייען פון די אַנדערע העפטלינגען האָט זיך געמערקט אַ אויפרודער.

עס איז שוין געווען העלער טאָג. מיר זיינען נאָך געשטאַנען אין די רייען, אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מען האָט אונדז געציילט, איבערגעציילט, סאָרטירט און ווידער דאָס זעלבע. ראַפּאָרטפירער, ס״ס־ניקעס זיינען אָנגעלאָפן, אויסגעציילט, געפּריקעט, געשלאָגן און אַוועקגעפאָרן. באַלד זיינען געקומען אַנדערע און אַזוי כסדר. אַרום מיטאָג־צייט האָט מען אונדז ענדלעך, אונטער אַ האָגל פון שטעקנס געבראַכט צום טויער.

איך בין געשטאַנען אין איין ריי מיט מיין פאָטער און ברודערל. אַליין האָב איך זיך געשטעלט אין פראנט פון דער ריי, כדי זיי צו פאַרשטעלן. קאַפּאָס און ס״ס־לייט האָבן אַדורכגעקוקט די רייען, אַרויסגענומען אַלטע און קינדער. אַ קאַפּאָ איז צוגעקומען צו אונדזער ריי און אַרויסגענומען מיין פאָטער. איך האָב זיך אַ קלאַמער געטאָן אין אים:

— לאָז אונדז צוזאַמען.

— אַ פאָטער?

— יאָ.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז, ווי ער וואָלט זיך איבערלייגט און איז גיך אַוועק. עס איז אָנגעלאָפן אַן ס״ס־מאַן. געקוקט אין די רייען. פון אונדזער ריי האָט ער אַ שטופּ אַרויס געטאָן מיין ברודערל.

— אָפּמאַרש! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

ווי זאָל איך איצט טאָן, זיך אַרויסרייסן פון ריי, בלייבן מיטן ברודערל, אָדער גיין מיטן פאָטער?

אַ סך הונדערטער מענטשן האָבן מאַרשירט הינטער מיר. מען האָט געשטופּט איינער דעם צווייטן און שטעקנס האָבן געשטופּט אַלעמען. עס איז ניט געווען קיין צייט אויף טראַכטן.

אָט גייען מיר פאַרביי דעם באַראַק פון די פרויען. איך פאַרייס דעם קאָפּ, וויל וואַרפן כאָטש אַ בליק צו דער מאַמען, צו דער שוועסטער, נאָר אָנשטאָט זיי דערזע איך די קרעמאַטאָריע־קוימענס. אַ דין בלויער רויך האָט זיך פון זיי געשלענגלט צום הימל.

דורך דריי יאָר געטאָ, אין די שווערלעכסטע באַדינגונגען, — מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען, זיך געקלאַמערט איינער אין

צווייטן. נאָר צוזאַמען. און אַט, אין איין אויג־פינטל, איז מען צעריסן געוואָרן אויף דריי שטיקער, און ווער ווייס אויב ניט אויף אייביק.

אויפן האַרצן איז אַזוי שטייניק, אַ פאַרגליווערטקייט אין אַלע פיל־ און דענק־קעמערלעך. ביסט ווי אָנגעגאָסן מיט בליי.

פאָרן לאַגער, אויף דער ראַמפע, וואַרטן שוין וואַגאָנעס. די זעלבע וואָס האָבן אונדז נעכטן אַהער געבראַכט. ווי מאָדנע, וואָס אַלץ עס קען פאָרקומען מיט אַ מענטשן אין איין איינציקן מעת־לעת! נאָר קיינער גיט זיך גאָר ניט אָפ קיין חשבון, קען גאָר נאָך ניט באַגרייפן, וואָס ס'איז באמת מיט אונדז דאָ פאָרגעקומען. מען וווּנדערט זיך נאָר, מען גלייבט זיך קוים, איז מען טאַקע פון הינטער די דראָטן אַרויס? האָט מען טאַקע דאָרט געלאָזן טיילן פון דער אייגענער משפחה? גייט מען נאָך פון הינטער אַזעלכע דראָטן אַרויס? און וועלן די וואָס זיינען אינעווייניק נאָך געבליבן אַרויס פון דאָרט?

— מאַמע, שוועסטער, ברודער, מורמלען מיינע ליפן מיט פאַרפרעסטן ווייטיק.

מיין פאָטער נעמט אָן מיין האַנט, דריקט איר צוזאַמען, ווי שטענדיק ווען ער וויל מיר באַרואיקן: — זיי רואיק, קינד, דו וועסט זיי נאָך זען.

— פאַרוואָס ניט מ י ר, טאַטע?

ער האָט געשוויגן. מיר האָבן ניט געוויינט.

ווידער פאָרן מיר, ווי נעכטן, לענג אויס דעם דראָט, וואָס ציט זיך מיטן טונקעלן וואַלד. מיר זעען ווידער די באַהעלמטע קעפ, וואָס שטאַרצן פון דער ערד אַרויס. זיי וואַרפן אָן אַזאַ שרעקשיידער, היינט ווי נעכטן; איצט נאָך מער ווי נעכטן, ווען דו ווייסט שוין וואָס הינטערן דראָט קומט פאָר.

אין די וואַגאָנעס אַ טויטע שטילקייט. קיינער ברענגט אַ וואָרט ניט איבער די ליפן.

אַ מעת־לעת אין שטוטהאָף נעמט אָפ דאָס לשון.

וועגן אַ מעת־לעת אין שטוטהאָף האָט נאָך קיין איינער ניט דערציילט.

וועגן איין מעת־לעת אַפילו אין שטוטהאָף — איז קיין פּעדער ניט ביכולת צו דערציילן.

*

שוין 24 שעה ווי מיר ליגן אַוועקגעשליידערטע צו 70 מענטשן אין אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנעס, אָן ברויט, אָן וואַסער, ניט וויסנדיק וווּהין עס טראָגט אונדז דער ווי אין בהלה לויפנדיקער צוג.

אויפן צווייטן טאָג איז דער צוג שטיין געבליבן. מען האָט געעפנט די טירן און אַנטקעגן אונדז איז געשטאַנען אַ צעחרובנטער וואָקזאַל — נירנבערג. מיר פאַלן צו צו די אָפענע טירן, שעפּן איין לופט. אַנטקעגן אונדז יאָגן אָן און גייען אָפּ צוגן. עס שטייגן אויס און איין דייטשן. אויפן וואָקזאַל איז אַ באַוועגונג. די דייטשן קוקן אונדז אָן, די צעקנאָדערטע ווי שמאַטעס אַרעסטאַנטן און זיי שמייכלען, לאַכן אונדז אין פּנים אַריין.

די פּאָסטנס נעמען אַרויס פון יעדער וואַגאָן צו צוויי מענטשן און פירן זיי צו יענער זייט פון וואָקזאַל, ברענגען זופּ פאַר אונדז. איך בין געשיקט געוואָרן פון אונדזער וואַגאָן. אין קיך האָב איך שטיל אַ פרעג געטאָן די דייטשקע פון רויטן קרייז, וואָס האָט אונדז די זופּ געגעבן: „ווייסט אפשר ווו מען פירט אונדז?“

— צום טויט — איז געווען איר גאַליקער ענטפער.

מיר האָבן דערווייל אַ בליק געטאָן אויף דער שטאָט, וואָס איז געלעגן אַ צעוואַלגערטע אין חורבות. צוזאַמען מיטן זופּ האָבן מיר געבראַכט דעם גרוס פון זייער חורבן צום וואַגאָן. אָבער קיינער האָט זיך ניט געפרייט, ניט מיטן גרוס, ניט מיט דער זופּ.

ווידער האָט מען פאַרקלאַפּט די טירן. דער צוג האָט ווייטער געיאָגט, ווי ער וואָלט אונדז געפירט אין תהו־ובהו אַריין.

צוויי טעג שפּעטער איז דער צוג שטיין געבליבן אויף דער סטאַנציע קויפערינג. אַ דייטשער ייִד, וואָס איז געווען מיט אונדז, האָט דערקענט זיין היים־שטעטל: מיר זיינען געווען אין בייערן, 30 קילאָמעטער פון מינכען.

אויפֿן וואָקזאַל האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט אַ קאָמפּאַניע ס״ס און הונדערטער ציווילע דייטשן — צוקוקער. אָפּגעשוואַכטע און ווי ניט־דאָ־וועלטיקע האָט מען אונדז מיט די פּריקלאַדן און געשרייען אויסגעשטעלט אין ריי, געפֿירט אונדז צו אַ לאַגער — ערגעץ ווו. מיר זיינען געגאַנגען דורך פֿעלדער, דורך וואַלד־וועגן און פּלוצלונג — פֿערסטער! דער מערדער פֿון די שאַוולער קינדער איז דאָ געשטאַנען פֿאַר אונדז. אַ שווידער איז געלאָפֿן דורך די רייען. מענטשן האָט אָפּגענומען דער אָטעם. אין אַלעמענס געדאַנק איז געווען די פֿראַגע: ווו זיינען מיר, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, האָט מען אזש אַהער אונדז פֿאַרשלעפּט צו פֿאַרניכטן? פֿערסטערס שטיין אין מיטן פֿעלד אַ שמייכלענדיקער אַנטקעגן אונדז איז שוין געווען דער קולמינאַציע־פּונקט אין דעם ווילדן שדים־טאַנץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט פֿון שטוטהאָף ביז אַהער. מען איז געגאַנגען פֿאַרביי פֿערסטערן ווי געטריבן אין שיגעון. פֿערסטער האָט דורכגעלאָזן די קאָלאָנע. צום סוף זיינען געגאַנגען מיט אונדז 200 פֿרויען, האָט ער זיי אָפּגעשטעלט. פֿון ווייטן האָבן מיר געזען ער פֿירט זיי אַראָפּ אין אַ לאַגער.

אַ שעה שפּעטער האָט מען אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ מיטן וואַלד: אַ פּאָר הונדערט רונדע קאַרטאָן־בודקעס זיינען דאָ געווען אַרומגענומען מיט אַ טאָפּל דראָט. אַרום דעם דראָט וועכטער. מיר זיינען געווען אין לאַגער 2, ביי קויפֿערינג, אַ פֿיליאַלע פֿון דאַכאַו.

יעדערער פֿון אונדז האָט געקראָגן אַ דעקע, אַ ליימענע שיסל און אַ לעפֿל. די קאַלטע קרעמאַטאָריע האָט אָנגעפֿאַנגען צו פֿונקציאָנירן.

* * *

אַ וואָך שפּעטער פֿון אונדז זיינען די אַנדערע שאַוולער ייִדן, די וואָס זיינען אַרויס פֿון שטאָט מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, געבראַכט געוואָרן אין דערבייאיקע לאַגערן, ביי מילדאָרף און אין לאַגער 10, ביי אוטינג, נאָכדעם ווי אויך זיי זיינען אַדורך שטוטהאָף. אין אונדזער לאַגער האָט ס״ס שוין דערווייל באַוויזן אומצוברענגען אַ פּאָר הונדערט מענטשן.

אין שטוטהאָף גופֿא זיינען אומגעבראַכט, פֿאַרברענט געוואָרן ביי 500 מענטש׳. די שאַוולער פֿרויען (אויסער די וואָס זיינען געווען מיט אונדזער טראַנספּאָרט, די וואָס פֿערסטער האָט אַראָפּגעפֿירט אין לאַגער 1), זיינען געווען אין לאַגערן אַרום שטוטהאָף און צווישן טאָרן און בראָמבערג, ווי טרוניץ, ליובעטש, קאָרבן, דערבעק, מאַלקין, עלבינג א.א.

די פֿרויען האָבן אין די אַלע לאַגערן געאַרבעט ביי פֿאַרטפֿיקאַציעס, גראָבנדיק אָקאָפּעס. און כאָטש זיי האָבן געהאַט, אין פֿאַרגלייך צו די מענער, פֿיל לייכטער, ווייל דער רעזשים צו פֿרויען איז געווען בכלל אַ „מילדערער“, איז דער גרעסטער טייל דאָך אומגעקומען, פֿון לייז, הונגער און קעלט. די אָפּגעשוואַכטע פֿלעגט מען אָפּט שיקן קיין שטוטהאָף צוריק און דאָרט פֿלעגן זיי שוין אומקומען אָדער פֿאַרברענט ווערן.

שוין גאָר ערב דער באַפֿרייאונג איז אויסגעבראָכן אַ טיפֿעפּידעמיע אין אַלע לאַגערן. (אַזוי אויך אין די מענער־לאַגערן. ווייזט אויס אַז ס״ם האָט אַליין אַריינגעבראַכט די עפּידעמיע). דער טיפֿ האָט צוגענומען יעדן טאָג צענדליקער פֿרויען. דער פֿינאַלטויט איז געווען בשעתן מאַרש. אַזוי באַלד ווי די רוסן האָבן זיך אָנגעפֿאַנגען דערנענטערן צו שטוטהאָף, בראָמבערג און צו די לאַגערן אין די מקומות, האָט מען די פֿרויען געשלעפּט אין לאַנגע מאַרשן, וואָס ווייטער פֿון די פֿראָנטן. אין די דאָזיקע מאַרשן זיינען אומגעקומען הונדערטער פֿרויען, געבליבן ליגן פֿאַרפֿראָרענע אויף אַלע וועגן און קיינער ווייס אַפֿילו ניט ווו זייער קבר איז.

אין לאַגער 10, ביי אוטינג, זיינען געווען ביי 500 שאַוולער יידן. אויך זיי האָט פֿערסטער דערוואַרט ביים אָנקום אויפֿן וואָקזאַל אין קויפֿערינג. דער מערדער האָט זיי געפֿרעגט: „איז אויך כץ מיט אייך“ „איך האָב אים דאָך צוריקגעשיקט קיין שאַוול, איבערגעגעבן אייך אַ גרוס פֿון אייערע קינדער — — — — — —

אין לאַגער 10 האָבן די יידן געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען, אין פֿאַרגלייך צו די אַנדערע לאַגערן. דאָ איז געווען דער אַרבעטס־פּלאַץ ביים לאַגער. אויך איז די אינערן־פֿאַרוואַלטונג געווען

אין די הענט פון אייגענע שאוולער. אמת, דא האבן זיך שוין צוגעכאפט צו דער מאכט די יעניקע וואָס זיינען אין געטא נאך געצוימט געוואָרן דורכן עלטסטנראַט — בורגין, טשערנאווסקי, גענס — האבן דא באַלד געלאזט דערפילן זייער ממשלה. דאך האָבן זיי, אַלס לאַגער־עלטסטע און קאפאס, זיך ניט געקענט אַזוי פריי צעהויליען, ווי קאפאס אין אַנדערע לאַגערן. סוף־סוף זיינען דא אַלע געווען מענטשן פון איין שטאָט און צייטנווייז האָט מען זיי באַווירקט.

אפענער טויט האט געהערשט אין די אַנדערע לאַגערן, ווו עס זיינען געווען שאַוולער יידן, צווישן יידן פון קאָוונע, אונגאַרן, טשעכאסלאוואקיי לאַדזער און אַנדערע.

ניט ווייניק האבן צוגעהאלפן צום טויט די קאפאס. אַזוי האט אין לאַגער 2 געבושעוועט דער בערלינער קאפאָ פריץ בערנשטיין, וואָס האָט געטריי אויסגעפירט אַלע אכזריותדיקע באַפעלן און אפילו צוגעגעבן אייגענע.

שפעטער זיינען אין לאַגער 2, ווי אין אַלע אַנדערע לאַגערן פון אַרום דאכאו, אַרנגעשיקט געוואָרן אַרישע קאַפאָס, פאַרברעכער און אויך כלומרשט קאָמוניסטן, וואָס זיינען אָבער ניט בעסער געווען פון די ערשטע. די יידישע גרויסע קאַפאָס, ווי פריץ בערנשטיין, איזאק גריצמאַכער (אַ באַקאַנטער אונטערוועלטניק פון ליטע), וואלפערט, שמואל זשביק, איסרליס, לעווענשטיין א.א. האָבן זיך געפליסט נאָכצוהאַלטן זייערע אַרישע חברים־קאַפאָס און אויך אויף זייערע קעפ ליגט דאָס בלוט פון גאָר אַ סך יידן.

און אַלע די אויבן־דערמאָנטע לאַגערן און אַנדערע זיינען די שאוולער, ווי די מילאַנען יידן, אומגעקומען מיט אַלע מיתות משונות.

ביי 600 שאַוולער האָבן איבערלעבט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. 600 אמפוטירטע גלידער, פון אַ לעבעדיקן יידישן גוף — פון דער 10.000 קעפיקער יידישער קהילה אין ליטע־לאַנד. אַזוי האָט דער דייטשער הענקער געטויט מיט אַלע גרויליק־אכזריותדיקע מיתות ניין טויזנט פיר הונדערט יידן פון שאַוול, צווישן די זעקס מיליאָ פון פאלק ישראל.

...און ווען מען טראַכט היינט וועגן שטוטהאָף, וועגן דאַכאו, — באַגרייפן מיר עס פונקט אַזוי ווייניק, ווי ווייניק מען האָט עס תופס געווען דאַן.

ווי אומבאַגרייפלעך איז נאָך היינט, פאַר אונדז אַליין, דער מאַסן־טויט און — אונדזער אייגענער לעבן בלייבן...

עס וועט קיינמאָל קיינער ניט באַגרייפן עס אין דער גאַנצער טיף.

איז נאָר —

זכור אשר עשה לך עמלק־דייטש,

איז נאָר —

זכור אשר עשה לך ליטווינער־כאַם,

איז נאָר —
זכור, אַז די וועלט האָט געשוויגן אין די יאָרן פון יידישן טויט,

איז —

זכור כאָטש —

שטענדיק, אייביק, געדענק, פאַרגעס ניט —
זעקס מיליאָן!

צוויי שאַוולער קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן אין מאַרש קיין טיראָל. זיינען נאָך דער באַפרייאונג אויפגעפונען און געבראַכט־געוואָרן צו קבורה אויפן בית־עולם אין לאַגער פעלדאַפינג.



שניאור מאַזאָוועצקי — אַ ברודער פון בצלאל. (זע „תליה“)



פ״נ
אחד מקדושנו
זוסמאן אודווין
משבלי/ליטא/שנהרג
ע״י רוצחי עמנו ביום
כח איר תשה״
ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳
שרידי קהילת שבלי

זוסמאַן אודווין


מיר בויגן אונזערע קעפ צום אנדענק פון אונזערע אומשולדיקע קרבנות
שאוול, 5טן נאוועמבער 1943
די טרויער
אקאדעמי
פון שאוולער
ײדן — אין
בית-הרצל
←
יזכור
אבותנו ובנינו
שמסרו את
נפשום
1943

אויף אַ יזכור־צוזאַמענטרעף פֿון שרידי שאַוול, צום
פֿערטן יאָרצייט פֿון דער קינדער־אַקציע אין געטאָ.

טיילווייזער נאָמען־אינדעקס
(פונעם היסטאָרישן טייל)

א.

אַבּראַמאָוויטש בּער מנשה (אַדוואָקאַט) — 33
אַבּראַמאָוויטש בּערע — 61
איוואַנאָווסקא — 27, 38
איידלמאַן — 144, 174.
אַדאַמאיטיש — 103.
אַדאַמאָוויטש — 145.
אַדאַמאָוויטש אירענאַ — 223.

בּ.

בּאַקשט ר׳ אהרן (שאַוולער רב) — 32.
בּושמאַן (פעלדפעבּל) — 61.
בּירגער — 66.
בּורשטיין (ד״ר) — 72.
בּלאָך יצחק — 159.
בּלאָך אברהם יצחק (טעלזשער רב) — 158, 159.
בּלאָך חסיה — 168.
בּלאָך אסתר — 160.
בּלאָך הירשל — 228.
בּעבּאַ (דער פידלער) — 172.
בּוב (פּאָליט. לייטער פון געבּיט־קאָמיסאַר) — 201.
בּרעט לייבּל — 229.
בּער — 231.
בּרוידע מאָטל — 233.

ג.

גאטשאלג (ס״ד־קאָמענדאַנט) — 32.
גראַדע חיים — 179.
גיילונאס — 38.
גאָרדאָן שולמית — 228.
גאנדין (ד״ר) — 80.

גארמיזע צבי — 176.
גלאזמאן יוסף — 213.
גרין — 21.
גרינבערג (לערער) — 176.
גאנאָנסקי (ד"ר) — 80.
גיגטער (ד"ר — דייטש. אַרבעטס־אַמט) — 92, 136, 201.
גאץ זאווע — 94.
גאלדבערג — 80.
גענס אפרים — 94.
געץ אפרים — 95, 123.
געץ דוד — 167—169.
געץ (אנטאנאס) — 222, 231.
גריבלונאס (ליט. פּאָליציי־שעף) — 97, 98.
געוועקע (געביטס־קאָמיסאַר) — 133.
גידאָנסקי עריך — 230.
גליטשענשטיין — 142.
גוטמאַן אליהו — 171.

ד.

דוד (דער סטאָליער) — 40.
דאָבקין משה — 60.
דרויאן (ד"ר) — 80.
דירעקטאראוויטש (ד"ר) — 80, 136.
דירעקטאראוויטש אסתר 229.
דעפּע מאַרטין (אונטעראָפיציר) — 153.
דעמבעווסקי חיים — 190.

ה.

העלער אהרן — 33, 86, 136.
הירשאָוויטש־לעווין הדסה — 88, 89.
האַרטמאַן פּאול — 156, 157.
האָפּנבערג הרב (לערער) — 209.

וו.

וואָלפע זיגפריד (אַפּטייקער) — 31.
ווארעיעם — 62.

וואראיעם חיים — 168, 170.
וואָלפּערט — 80.
וויץ ישראל (מיטגרינדער פון „מסדה״) — 176, 211, 219, 228, 236.
ווישניצאַס יאָזאַס — 25.
וויץ (פרוי און מאַן פון נ.ק.וו.ד.) — 21.
ווארום — 117.
ווערבאָלינסקי (צאָן־דאָקטאָר) — 80.
ווערבאָלינסקי ישעיה — 215, 216.
ווייס אסתר — 88, 89.
ווילנער יצחק — 130—132.
ווענצלויסקע — 158.
וואגלער אלחנן — 179.
וואָלף — 179.

ז.

זאַגאַרניק אהרן — 19, 99, 104, 135, 171.
זיוו גינע — 34
זשעלינסקי חיים — 95, 123, 189.

ט.

טאַמאַרע — 150
טאָן יאָנקל — 222, 223.
טייץ הירשל — 90.
טייץ פּנחס — 35.
טשערניאַווסקי חיים — 95, 202, 203.
טראַכטענבערג גדליה — 96.
טוריסקי יהודה — 143, 216, 217.
טעקאטש משה — 193.

י.

יעגעראָוו (גענעראַל) — 18.
ירושלמי אליעזר — 88, 209, 226, 232.
יאנקע־מענדע — 141, 198.
יאכעס — 141.

יודעלעוויטש חרה — 171.
יאנקאוסקאס — 240.

כ.

כאַרטשאַק חיים — 236.
כייטין חנה — 60, 67, 80, 174.
כ״ץ יעקב — 20.
כ״ץ שמואל — 222.
כ״ץ נחמן 232.
כ״ץ אהרן (מיטגליד פון עלטסטנראַט) — 20, 33, 93, 136, 163, 201, 214.

ל.

לייקונאס — 33.
לייבאָוויטש מענדל (פאָרזיצנדער פון עלטסטנראַט) — 33, 136, 163, 201, 204, 214, 215.
לונץ (ד״ר) — 80, 86, 118.
לייבאָוויטש יוסף — 211, 215, 220, 226.
לעוויטאן (אַפטייקער) — 80.
לעווי שלמה — 90.
לואָזאָ — 133, 156.
לעווין — 215, 221.
לייוויק ה. — 180.
לונסקי חייקל — 181.
למדן יצחק — 217.
לוריע — 228.
לעשצינסקי יצחק — 230, 233.

מ.

מימענאס — 38.
מאזאָוועצקי בצלאל — 55, 200—204.
מאלינקער — 64.
מושניצקי בערל — 77.

מורשציק (ד״ר) — 80.
מיל (אַדוואָקאַט) — 140, 167, 171.
מיקולסקאס (ד״ר) — 160.
מלמד אברהם — 226.

נ.

נאכומאָווסקי הרב (שאַוולער דיין) — 33.
נאָטעס — 141.

ס.

סראלאָוויטש דוד — 20.
סראלאָוויטש דבורה — 223.
סארפאנאָוויטש — 74.
סקורדענסקי — 88.
סמילג יעקב — 75.
סעגאלאוו — 164.
סוצקעווער אברהם — 179.
סטאנקוס (ליטווישער קאָמענדאַנט איבערן געטאָ) — 27, 99.

ע.

עליאס — 163.

פּ.

פּראָדוואַלניק זעליק — 41, 42.
פּרוכנאָ — 39.
פּיק (ד״ר) — 80.
פּייסאַכאָוויטש וואָלף (ד״ר) — 81, 118, 131.
פּאַריזייטע — 183.
פּאַטרוך פּייווע — 185—193.
פּאַריזשער געאָרג (יודן־עלטסטער) — 230 א״א.

פ.

פרענקעל — 31, 80, 109, 185—187.
פרענקעל שלמה — 226.
פרוי פיינבערג — 80.
פאַקטאָר (ד״ר) — 80, 222.
פראַנק אהרן — 81, 171, 174, 214, 218, 228.

פּורמאַן הירשל — 88.
פּיין דוד — 93.
פּרידמאַן — 147.
פּערסטער — 192.

ק.

קאַרטון באָרים (מיטגליד פון עלטסטנראַט) — 33.
קאמבּער (ד"ר) — 80.
קעליער (ס"ד־פעלדפעבּל) — 90, 143.
קאָזלאָווסקי — 100.
קלארמאן חנה — 115.
קרופּניק ארציק — 128, 139, 140.
קאטשובּא הלל — 143.
קאַטשערגינסקי ש. — 179.
קייטל (ס"ס־אויבּערשטורמפירער) — 183.
קאסין איטע (לערערין) — 194—213.
קאַפּלאַן אפרים (לערער) — 208.
קארפּול יחזקאל — 233.

ר.

ראַבּינאָוויטש הרב — 33.
רדוניק מרדכי — 20, 31—32.
רודניק יוסף — 19.
ראָטשטיין — 233.
קאַפּעליוש — 77.
ראָזענבּערג — 40.
ראָזענקנאָפּ מרדכי — 233.
רובּינשטיין פּייוול — 33.
ראז הירשל — 229.
ראָזענטאַל (ד"ר) — 80.
טעלזשער רב (הרב ר' אברהם יצחק בּלאָך) — 158, 159.
רובּינשטיין מענדל — 167, 171.
רייז — 231.

ש.

שטאַנקום קאַפּיטאַן — 33—34.
שווייגער אברהם — 18—21, 176—240.
שוביץ — 55.
שאַפּיראָ ז. — 215.
שוואַרץ שמואל — 21—26.
שלאַמאָוויטש — 66.
שוואַנט (ס״א״מאַן) — 90, 100—160.
שניידער (ס״ד) — 90, 91.
שטריינגע — 92, 149, 151, 225.
שיינזאָן בּערל — 94, 176, 220.
שלעזין אַבּראַשע — 95.
שולמאַן סאַנע — 109—113.
שלום, בּירזשער — 123—127.
שימשער משה — 128—132.
שעסקין חיים — 154.
שער יצחק — 163.
שלאסבּערג ש. — 220.
שמילג אבא — 228.
שילאנסקי בעקע — 229.

פון לוי שאליט

דערשינען:

משיח=טרוימען אין לייוויקס דראמאטישע פאעמעס

גרייט צום דרוק:

אונטער שווארצע הימלען

שירות שטילע